STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04334

# SANIN

M. Artsybashev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# סאנין

ראמאן

## פון ארציבאשעוו

איבערזעצט פון

## לעאן קאברין

### פרייז 30 סענט.

„ווארהייט“ פאבלישינג קאמפאני,

153 איסט בראדוויי, ניו יארק.

46 ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL

## ערשטער קאפיטעל.

יענע צייט, ווען אונטער׳ן דרוק פון דיא ערשטע צוזאמענשטויסונגען מיט דער נאטור און דעם לעבען, ארבייט זיך אויס און פארמירט זיך דער כאראקטער ביי דעם יונגען מענשען, — יענע וויכטיגסטע צייט אין׳ם לעבען, האט וולאדימיר סאנין ניט פערבראכט אין דער־היים צווישען זיינע אייגענע, נור אין דער־פרעמד. קיינער האט אויף איהם ניט אכטונג געגעבען, קיינער האט איהם ניט ערצויגען, און, וויא א בוים אין פעלד, איז ער אויסגעוואקסען, מיט א נשמה א פרייער, אן אייגענארטיגער . . .

א סך יאהרען איז ער אין דער־היים ניט געווען, און אז ער האט זיך איצט צוריקגעקעהרט, האבען איהם זיין מאמע און זיין שוועסטער לידא קוים דערקאנט. עפעס איז ער זיי פארגעקומען דער אייגענער, וואס א מאל, און פארט ניט דער אייגענער. זיין פנים, קול, מאנירען, זיינען, דאכט זיך, געווען דיא אייגענע, וויא פריהער. און דאך האבען זיי אין איהם עפעס באמערקט, וואס איז פאר זיי געווען גאנץ ניי, וואס זיי האבען אין איהם א מאל ניט געזעהען, און דיעזעס „עפעס“, וואס איז אין זיין כאראקטער און נשמה געלעגען, האט זיך אויף זיין פנים אבגעטונקט און אן אייגענארטיגען נייעם אויסדרוק איהם צוגעגעבען.

אין איין שעהנעם פארנאכט האט ער זיך אהיים צוריקגעקעהרט פון דער פרעמד און איז צו זיין מאמען אין שטוב אריינגעקומען אזוי רוהיג און געלאסען, פונקט וויא ער וואלט זיא ערשט מיט פינף מינוט פריהער פערלאזען . . .

א הויכער, א בלאנדער, מיט ברייטע פלייצעס, איז ער אין שטוב אריין, און זיין פנים איז געווען רוהיג, קיין סימן פון מיעדקייט האט מען אויף איהם ניט געקענט בעמערקען, קיין שפור פון אויפרעגונג. נור אין דיא ווינקלען פון זיינע ליפען האט זיך קוים־קוים בעוועגט אן איראניש־אבלאכענדיג שמייכעלע . . .

דיא מאמע און זיין שוועסטער לידא האבען איהם אויפגענומען מיט התפעלות, מיט געפילדער. ער אבער האט זיך געהאלטען מיט זיי אזוי, אז זייער התפעלות מיט איהם איז זיך עפעס וויא פון זיך אליין אויסגעגאנגען, אויסגעלאשען . . .

שפעטער, ווען ער האט זיך געזעצט עסען, איז זיין שוועסטער נעגען איהם געזעסען און האט אירע אויגען פון איהם ניט געקענט אברייסען. זיא איז

פערליעבט געווען אין איהר ברודער, פערליעבט אזוי, וויא עס קען נור אזא יונגע פלאם-פייערדיגע מיידעל, וויא זיא איז געווען, אין א ברודער, וואס האט אזוי פיעל יאהרען אין דער פרעמד אבגעלעבט, העט ווייט-ווייט פון איהר.

אין איהר פאנטאזיע האט לידא אלע מאל איהם זיך פארגעשטעלט פאר א גאנץ בעזונדערען מענשען, וואס איז גאר ניט פאכאזשע אויף אנדערע. לע־זענדיג ביכער, האט זיא זיך אן אי־דעאל בעשאפען און דעם דאזיגען אי־דעאל האט זיא איצט געוואלט זעהען אין איהם, איהר ברודער. אין זיין לע־בען האט זי געוואלט זעהען א טראגי־שען שטריך. דיא ליידען און דעם עלענד פון א גרויסען גייסט, וועלכער ווערט פון קיינעם ניט פערשטאנען, האט זיא אין איהם געזוכט . . .

— וואס קוקסטו אזוי אויף מיר ?

— האט ער זיך פלוצים געווענדעט צו איהר מיט א שמייכעל.

דיעזער אויפמערקזאמער שמייכעל, בעגלייט פון א געלאסענעם, איינגע־האלטענעם בליק פון זיינע רוהיגע אויגען, האט שטענדיג געשפיעלט אויף זיין פנים.

און, מערקווירדיג, דיעזער שמיי־כעל, וואס איז געווען, דאכט זיך, אי שעהן, אי סימפאטיש, איז גלייך ניט געפעלען געווארען לידא'ן. ניט פון ליידען האט ער, אט דיעזער שמיי־כעל, צו איהר גערעדט, ניט פון איי־בערגעלעבטע ליידען און ניט פון איבער־געלעבטען שטרייט, נור פון צופריעדענ־קייט. האט ער דערצעהלט , פון צופריע־דענקייט מיט זיך אליין . . .

לידא האט איהם ניט געענטפערט, האט זיך אבגעקעהרט פון איהם און גענומען פערטראכט בלעטערען א בוך.

— צום עסען געהט דיא מאמע צו צו איהם. נעהמט איהם ארום, לאסצעט און גלעט איהם דעם קאפ און מאכט צו איהם :

— נו, זוהנוניו, דערצעהל, וויא אזוי דאסטו געלעבט, וואס האסטו גע־טהאן ? . . .

— וואס איך האב געטהאן ? — פרעגט ער איבער מיט זיין שמייכעל — אט וויא א מאל . . . געגעסען, געטרונ־קען, א מאל געארבייט און א מאל גאר נישט געטהאן . . .

אפריהער דאכט זיך, אז ער וויל וועגען זיך ניט ריידען. אבער אז זיין מאמע הויבט אן אויסצופרעגען איהם, ענטפערט ער אויף אלעם גאנץ גערען. און עס דאכט זיך דעמאלט, אז איהם איז אלץ איינס, וויא זיי וועלען זיך ניט פערהאלטען צו זיינע מעשיות, וואס ער דערצעהלט וועגען זיך. ער פער־האלט זיך צו זיי מיט אויפמערקזאמקייט, רעדט פריינדליך ; דאך דיא נאהענט־קייט פון אן אייגענעם, פון א זוהן, א ברודער, פיהלט זיך אין איהם ניט. און עס דאכט זיך, אז זיין אויפמערקזאמ־קייט און זיין פריינדליכקייט געהט פון זיין הארצען אזוי גלייכגילטיג און רוהיג, וויא דער שיין פון א ליכט. וואס פאלט אויף אלעם מיט דער אייגענער גלייכ־גילטיגקייט.

זיי געהען ארוים אויף דער טערראסע איז'ם גארטען און זעצען זיך אויף דיא טרעפלאך. לידא זעצט זיך אן א זייט, שווייגט און הערט זיך צו צו דעם, וואס איהר ברודער דערצעהלט. א הויך פון קעלט שוועבט איבער איהר הארצען. מיט דעם שארפען אינסטינקט פון א יונגער פרוי דערפיהלט זיא, אז איהר ברודער איז ניט דאס, וואס זיא האט זיך פארגעשטעלט. ער ווערט איהר פרעמד, זיא פיהלט זיך ניט אנגענעהם מיט איהם, שווער נעבען איהם און זי האלט זיך פון וויטען. עס קומט אן דאס פארנאכט. א לייכטער שאטען צושפרייט זיך ארום. סאנין פערוויכערט א סי־גארעט און דער לייכטער גערוך פון טא־

באַק צומישט זיך מיט דיא געשמאַקע ריחות פון דעם בליהענדען גאַרטען.

און ער דערצעהלט וויטער, דערצעהלט וויא דאָס לעבען האָט איהם ארומגעשליידערט אויף אלע זייטען, וויפיעל ער האָט געהונגערט און ארומגעוואַנדערט, אז ער האָט א געוואַגטען אנטהייל גענומען אין דעם פאָליטישען קאַמפף. ביז דאָס האָט איהם דערעסען און ער האָט עס אויפגעגעבען...

לידא הערט זיך צו צו איהם און זיפצט, וויא א פערגליווערטע. אין דיזער מינוט קוקט זיא אויס זעהר שעהן און מערקווירדיג, אַט וויא אלע שעהנע מיידלאַך אין דיא פער'כישופ'טע פריהלינגס־פאַרנאַכטען.

וואָס וויטער ער דערצעהלט וועגען זיך און זיין לעבען, אלץ קלאָהרער ווערט פאַר איהר, אז איהר ברודער'ס לעבען, וואָס זיא האָט זיך פריהער פאַרגעשטעלט אין אזוינע פייערדיגע שטריכען, איז אין דער אמת'ן א גאַנץ געוואוינליך און לאַנגווייליג לעבען. געוואוינט האָט ער, וואו עס האָט זיך געמאַכט. געטאָהן, וואָס עס האָט זיך געמאַכט און וויא עס האָט זיך געמאַכט. היינט געאַרבייט, מאָרגען ניט. ארומגעוואַנדערט אָהן א צוועק, וויא עס ווייזט אויס. גע'שיכור'ט, מיט א סך פרויען צוטהון געהאַט, — אַט דאָס איז דאָס לעבען פון איהר ברודער, וועגען וועלכען זיא האָט זיך ערשט דערוואוסט... וואו איז יענער בייזער, טרויעריגער שיקזאַל אין זיין לעבען, וואָס זיא האָט זיך פאַרגעשטעלט? וואו איז ער, יענער טראַגישער הֶעלד, דער גרויסער גייסט, וועלכער ווערט פון קיינעם ניט פערשטאַנען און וועלכען דיא טרוימענדע זעעל פון דער יונגער לידא'ן האָט זיך אויסגעוועבט? וויא א געשטאַלט פון רויך אויסגעוועבט, איז יענער העלד פערשוואונדען! איהר ברודער איז גאָר אנאַנדערער, אָהן א הויפּט־אידעע אין זיין לעבען, קיינעם האָט ער ניט געליעבט און פאַר קיינעם האָט ער ניט געליטען!...

זיא האָט געפיהלט וויא איינער, וואָס כאַפּט זיך אויף א פריה־מאָרגען מיט דעם טרוים וועגען זונען־שיין, דערזעהט פאַר זיך פּלוצים א קאַלטען הימעל מיט סאַרע וואָלקענס באַדעקט...

זיין מאַמען איז אויך שווער אויף'ן האַרצען. עס טהוט איהר וועה, וואָס איהר זוהן האָט ביז איצט ניט פערנומען דיא שטעלע אין געזעלשאַפט, וואָס איהרער א זוהן האָט געדאַרפט פערנעהמען. זי הויבט איהם אָן צו זאָגען, אז וויטער אזוי לעבען טאָר ער ניט; אז איהם איז שוין צייט א טראַכט צו טהאָן וועגען א תכלית. זיא האָט מורא איהם צו בעליידיגען, רעדט זיא אפריהער פאָרזיכטיג, מיט גוטען, באַלד אָבער באַמערקט זיא, אז ער הערט זיא מיט „איין אויער," ווערט זיא אויפגערעגט און נעהמט ריידען בייז, מיט דעם כעס פון'ם צורייצטען עלטער, אקוראַט, וויא זיא זאָל מיינען, אז סאַנין רייצט זיך מיט איהר אומיסטנע.

און סאַנין קוקט אויף איהר מיט זיינע גלייכגילטיגע אויגען — זיין באָבעם עסק, וואָס זיא איז דאָרט אין כעס! און ער שווייגט. נור אויף איהר פראַגע:

— וויא־זשע פאָרט רעכנסטו צו לעבען?

ענטפערט ער:

— אַט אזוי־אָ, וויא עס־איז!

און ער זאָגט עס אַרויס מיט אזא פעסטען, זיכערען טאָן, אז זיין מאַמע דערפיהלט, אז דיזע עטליכע ווערטער, וואָס זאָגען, דאַכט זיך, גאָר נישט, האָבען אָבער פאַר איהם אליין א בעשטימטען אינהאַלט, א טיעפען זינן.

זיין מאַמע טהוט א זיפץ, שווייגט א ווײלע, דאַן מאַכט זיא:

— מילא, עס איז דיין זאַך... דוא ביזט ניט קיין קליין אינגעלע... פאַרוואָס געהט איהר זיך ניט דורך אביסעל שפּאַ־

ציערען אין סאד ? דארט איז איצט אזוי גוט...

— קום טאקי, לידא! — מאכט סאַנין צו זיין שוועסטער — קום, איך האב שוין כמעט פארגעסען, וויא אונזער סאַד זעהט אוים!

לידא טהוט זיך א כאפ, זיפצעט זיך אויף אב און הייבט זיך אויף.

זיי געהען אוועק איינער נעבען אנדערן איבער דער אלעע אין דער פייכטער דונקעל־גרינער טיעפקייט פון'ם סאַד.

זייער הויז שטעהט אויף א הויפּטגאס פון דעם שטעדטעל. דאס שטעדטעל איז ניט קיין גרויסע און דער סאד ציהט זיך ביז'ן טייך. דארט, הינטער'ן טייך, ציהען זיך פעלדער. זייער הויז איז אן אלטע, א פריצישע, מיט פערטראכטע חרוב'דיגע זיילען און מיט א ברייטער טערראסע. דער סאד זייערער איז א גרויסער, א פערוואקסענער, א דונקעלער ווי א דונקעל־גרינער וואלקען, וואס וואלט צו דער ערד צוגעוואקסען... ביינאכט איז אין סאד מורא'דיג, עפעס שומנע און רעמאַלט דאכט זיך, אז דארט, ווייט צווישען דיא געדיכטע דונקעלע בוימער, און אויף דעם פער'שטויבטען דאך־שטיבעל פון דעם אלטען הויז, בלאנדזשעט ארום אן אלטער, טרויעריגער גייסט...

דער אויבערשטער עטאזש פון'ם הויז איז ניט פערוואוינט, שטעהט לעדיג. דער סאד איז אבגעלאזען, נור איין שמאלע אלעע איז אויסגעטראטען און דיזע איז אויך פערווארפען מיט אלטע, פערוועלקטע בלעטער פון בוימער און מיט טויטע, צוטראמענע זשאבעס... די בעלי הבתים פון דעם אלטען הויז קימערען זיך ניט וועגען זייער סאד. זייער גאנץ לעבען טוליעט זיך צו איין ווינקעלע אין'ם הויז און נאהענט ארום הויז. דארט, ביי'ם הויז, בלישצעט דאס אויסגעשאטען, געל זאמדעל, בלומען פון פערשיעדענע פארבען שימערען פאר דיא אויגען. א גרינער הילצערנער טיש שטעהט דארט דערביי, אויף וועלכען זומער, ווען דאס וועטער איז גוט, סערווירט מען טהעע. און ווייטער פון דעם ווינקעלע, אט יענע כמורע שענקייט, הייסט עס פון דעם פערלאזענעם סאד,— דאס האט זיי ניט געקימערט. דער סאד איז איבערגעלאזען געווארען צו זיין אייגענעם שיקזאל, צו א זיכערען טויט...

סאנין מיט זיין שוועסטער געהן אלץ ווייטער און ווייטער אין דיא דונקעלע טיעפקייט פון דעם געדיכטען גארטען און ארום זיי שטעהען דיא אלטע ביימער כמורע, פערטראכטע, וויא אלטע גייסטער.

פלוצים טהוט א כאפ סאנין זיין שוועסטער ביי'ם טאליע און מאכט מיט א מאדנעם קול, אין וועלכען עס קלינגט אי צערטליכקייט, אי בייזקייט:

— און דוא ביזט אויסגעוואקסען אן אמת'ע שעהנהייט!.. גליקליך וועט זיין יענער מאן, וועלכען דוא וועסט צוערשט ליעב קריגען...

איהר צארטער בויגיגער קערפער דערפיהלט אויף זיך דיא ווארימקייט פון זיין שטארקער, וויא פון אייזען, האנד. זיא טהוט א ציטער, ווערט צומישט און רוקט זיך אב אביסעלע פון איהם, אקוראט וויא זיא וואלט נעבען זיך דערפיהלט דיא נאהענטקייט פון א פערבארגענער חיה.

זיי געהען צו צום ברעג טייך. עס שמעקט דארט מיט פייכטקייט, מיט וואסער. פון ווייטען דונקעלט יענער זייט טייך מיט דיא ווייטע פעלדער, מיט דעם טיעפען פריהלינגס־הימעל, אויף וועלכען עס בעווייזען זיך דיא ערשטע שטערען...

פלוצים טרעט אב סאנין פון לידא'ן כאפט אן מיט ביידע הענד א דיקען טרוקענעם סוק פון א בוים און ברעכט איהם אב מיט א טרעסקעריי. דאן נעהמט ער און ווארפט איהם אריין אין וואסער. דער טייך ציטערט אויף און אויף אלע זייטען דרעהען זיך וואסערדיגע רעדלאך.

## צווייטער קאפיטעל.

דער זייגער איז געווען ארום זעקס. דיא זון האט געשיינט, נור פון דעם סאד האט זיך גערוקט א ווייכער, גרינליכער שאטען. ליכט און ווארימקייט און שטילקייט האבען אין לופטען געשוועבט. סאנין'ס מאמע מאריא איוואנאוונא האט געפרעגעלט ווארעניעס אונטער אן אלטען בוים און עס האט געשמעקט ארום שטארק און געשמאק מיט געקאכטע צוקער און מאלינעס.

סאנין אליין האט פון אין דערפריה אן געארבייט ביי דיא בלומענקוסטען, האט זיי אבגערייניגט פון יענע בלומען, וואס זיינען פערוועלקט געווארען פון היץ און שטויב.

רופט זיך אפ זיין מאמע, וועלכע קוקט אויף איהם דורך דעם בלויליכען רויך, וואס ציהט זיך פון דעם גרויסען פאן מיט ווארעניעס:

— דוא וואלסט בעסער אפריהער די גראז ארויסגעריסען פון דיא בלומענקוסטען, זאג גרונקען, זיא וועט עס פיר דיר טהאן.

סאנין טהוט א קעהר צו איהר זיין פריילאך און פערשוויצט פנים מיט דיא בלאנדע האאר, וואס האבען זיך צוגעקלעבט צו זיין שטערען, און ער ענטפערט:

— מען דארף ניט, זאלען זיי וואקסען, איך האב יעדעס גרין גרעזעלע ליעב.

— אוי דוא ביזט א שטיק קרע...—

זאגט דיא מאמע גוטמוטהיג און דריקט מיט דיא אקסלען. עס איז אבער איהר אנגענעהם, וואס ער האט געזאגט, אנגענעהם, זיא ווייס אליין ניט פארוואס.

— איהר זייט אליין קרענקס! — מאכט סאנין מיט זיכערקייט אין קול. געהט אוועק אין הויז, אום אויסצוואשען דיא הענד, קעהרט זיך אום באלד צוריק, זעצט זיך ביי'ם טיש אויף א געפלאכטענעם שטול און פיהלט זיך אזוי גוט.

עס איז איהם פריילאך און ליכט אויפ'ן הארצען. דיא ארומיגע גרינקייט, דיא זונן, דער בלויער הימעל וועקען אויף אין זיין נשמה געפיהלען פון גליק. דיא גרויסע שטעדט מיט זייער קאבעדיגען לעבען, מיט זייער שטענדיגען הוהא, האבען איהם דערעסען. ארום איהם איז איצט זון און פרייהייט, פון שפעטער טראכט ער ניט. וויא דארט זיין לעבען וועט שפעטער זיך א ד־עה טהאן, איז איהם רעכט.

א ווייך, רוהיג קיהל ווינטעלע וויהעט און עס דאכט זיך, אז דער גאנצער גארטען אטהעמט ליכט און טיעף. דיא פייגעלאך פיפסען און טשריקען פון אלע זייטען, ווייט און נאהענט, און דער הונד, א פאקס־טעריער, מיט'ן נאמען מילל, ליעגט זיך אין דיא טיעפע גראז מיט אן ארויסגעשטעלטער רויטער צונג, מיט איין אויער פעררויסען, און הערט זיך לייטזעליג צו צו זייער געזאנג. דיא בלעטער פון דיא ביימער שארשקען שטיל איבער סאנין'ס קאפ און זייערע רונדע שאטענס בעוועגען זיך שטום איבער דעם גלייכען זאמד, מיט וועלכען עס איז אויסגעטראטען דער וועג צום הויז.

דיא רוהיגקייט פון סאנין'ען צורייצט זיין מאמען. קיין ברעקעל ווערדע האבען ביי איהם גאר ניט איהרע ווערטער און עס פערווילט זיך איהר איהם א שטאך טהאן, בעליידיגען, אום אז איהרע ווערטער זאלען ביי איהם מעהר ווערדע קריגען. שטייטש, זיא האט אזוי שווער געארבייט, געפראצעוועט אויף איהר לעבען, און אויפ'ן סוף זאגט ער פריהער, אז זיא איז א קרענק...

— אז איך טהו א קוק אויף דיר — מאכט זיא מיט כעס — קלייב איך פון דיר נחת. אלס קינד ביזטו געווען א משוגענע צרה און איצטער נאך...

— וואס איצט? — כאפט אונטער סאנין אזוי פרעהלאך אקוראט וויא ער וואלט ערווארטעט צו הערען פון זיין מאמען זעהר אן אנגענעהמע מיינונג וועגען זיך.

— איצט ביזטו גאר א נאר! —

טהוט איהם א שטאָך זיין מאַמע און מישט מיט׳ן קאָך־לעפעל אין פאַן.

— נו, איז דאָך אוודאי גוט — שמייכעלט סאַנין.

פון הויז געהט ארויס א מאַן. סאַנין טהוט זיך א כאַפּ:

— שאַ, אַן אורח, נאָוויקאָוו געהט אהער!...

נאָוויקאָוו איז א הויכער, שעהנער בלאָנדין מיט בלויע אויגען, וואָס קוקען פויל און פריינדליך. ער טראָגט א רויט, זיידען העמד, וואָס שימערט אונטער דיא שטראַהלען פון דער זון מיט רויטע פייערדיגע פונקען.

— און איהר קריעגט זיך נאָך אַלץ ארום! — מאַכט ער נאָך פון וויטען מיט א פויל און פריינדליך קול: — וואָס קענט איהר זיך דאָ ניט צוטהיילען, איך פערשטעה ניט, עהרענוואָרט!

— דיא מאַמע זאָגט, רופט זיך אָב סאַנין — אז א גריכישע נאָז וואָלט מיר מעהר געפּאַסט, און איך זאָג, אז אזא נאָז, וויא איך האָב, איז מיר אויך געפעלען.

און געזאָגט עס, טהוט סאַנין א קוק אזוי פון דער זייט אויף זיין נאָז, צולאַכט זיך און דריקט דאַן נאָוויקאָוו׳ן זיין ברייטע האַנד.

— נו, וואָס נאָך ווערסטו עפּעס זאָגען? — כאַפּט אונטער מיט כעס סאַנין׳ס מאַמע.

נאָוויקאָוו צולאַכט זיך פריילאָך אויפ׳ן קול און זיין געלעכטער הילכט אָב צווישען דיא געדיכטע גרינע ביימער פון׳ם סאַד, אזוי וויא דאָרט וואָלט זיך זמיצער געפרייהט מיט זיין פרייד.

— נו, דיין מאַמע מיינט נור דיין טובה — בעמערקט דאַן נאָוויקאָוו.

— עהע, שרייט אויס סאַנין — דו אויך? אז איהר וועט זיך ביידע נעהמען צו מיר, אנטלויף איך גלייך!

— איך אַליין וועל פון אייך, דאַכט זיך, באַלד אנטלויפען — טהוט זיך פלוצים א כאַפּ סאַנין׳ס מאַמע, טהוט א כאַפּ אונטער דיא פאַן מיט וואַרעניעס פון׳ם פייער און אנטלויפט אין הויז, ניט קוקענדיג אויף קיינעם. דער הונד מילל שפּריינגט ארויס פון דיא גראָז, פערדרייסט ביידע אויערען, און קוקט מיט פערגעהנדיגע אויגען אין דיא ריכטונג, וואו זיין בעל־הבית׳טע איז אוועק. דאַן טהוט ער א קראַץ מיט דער נאָז אויף דיא פאָדערשטע לאַפּקע, טהוט נאָך אמאָל א קוק אין דיא ריכטונג פון׳ם הויז און פערשווינדעט דאַן צווישען דיא ביימער.

סאַנין איז שטאַרק צופריעדען, וואָס זיין מאַמע איז אוועק און בעט ביי נאָוויקאָוו׳ן א סיגאַרעט.

נאָוויקאָוו גיט איהם א סיגאַרעט און בעמערקט:

— דו האָסט זיך ניט געדאַרפט מיט איהר רייצען, זיא איז אַן אַלטע פרוי...

— ווער טשעפּעט זיא? זיא טשעפּעט דאָך מיך, איך, ברודערל, לאָז אַלעמען צופריעדען, וויל איך, מען זאָל מיך אויך צופריעדען לאָזען! — רופט זיך אָב סאַנין און פעררויכערט דעם סיגאַרעט.

זיי שווייגען א ווײַלע. דאַן פרעגט סאַנין:

— נו, וואָס מאַכסטו, דאָקטאָר?

— שלעכט.

— וואָס הייסט?

— אַט, אונמוטהיג... דאָס שטעדטעל האָט מיר דערעסען — קלאָגט זיך נאָוויקאָוו — עס איז ניטאָ דאָ וואָס צו טהאָן...

— שטייטש, וואָס הייסט? — וואונדערט זיך סאַנין — דו האָסט זיך דאָך פאַר מיר געקלאָגט, אז קיין מינוט רוה האָסטו ניט... אזוי פיעל האָסטו צו טהאָן?...

— פון דעם מין „טהאָן" רייד איך ניט — ערקלערט איהם נאָוויקאָוו — דאָס לעבען בעשטעהט דאָך ניט פון היילען קראַנקע. עס איז דאָך דאָ אנאַנדער לעבען.

— און ווער שטערט דיר צו לעבען אנדערש?...

— נו, דאָס איז א שווערע פראַגע!

— ווארום א שווערע? — מאַכט סאַנין — אז דו זאָלסט נור וועלען... דו ביזט יונג, שעהן, געזונד...

— דאס איז ניט גענוג — שמייבעלט מיט גוטמוטהיגער איראניע נאוויקאוו.

סאנין פערטראכט זיך און דאן זאגט ער:

— דיר פעהלט דער ריכטיגער בליק אויפ'ן לעבען... אט קלאגסטו זיך אויף דיא איינטאניגקייט פון דיין לעבען און זאל דיר עמיצער הייכען אוועקווארפען אלעס און געהען מיט איהם, וואו דיא אויגען וועלען פיהרען, וועסטו זיך דערשרעקען.

— וואוהי געהן?... א טרעמפ ווערען?...

— און אז אפילו א טרעמפ? — כאפט אונטער סאנין און רעדט ווייטער: ווייסטו וואס? איך קוק אויף דיר און טראכט מיר: אט איז א מענש, וועלכער ביי א געלעגענהייט איז פעהיג אין דעם נאמען פון עפעס א קאנסטיטוציע אין דער רוסלענדישער אימפעריע אוועקצוגעבען זיין לעבען, זיין פרייהייט, צו געהן זיצען אויף לעבען לאנג אין דער שליסעלבורגער פעסטונג.. און פרעגט איהם, זייט מוחל, וואס איז איהם קאנסטיטוציע?... און ווען עס קומט דיא פראגע וועגען מאכען א רעוואלוציע אין זיין אייגענעם לעבען, וואס האט איהם דערעסען, דאן ווערט ביי איהם צומישט דער מוח און ער פרעגט זיך דאן: פון וואס וועל איך דערמאלט לעבען? צו וועל איך, אזא געזונטער, צו וועל איך האבען קרים צו דעם טהעע אין דער פריה? צו וועל איך האבען א זיידען העמדעל מיט קראגענס? מאדנע בריאים, ביי גאט!...

נאוויקאוו קוקט איהם אן.

— איך פערשטעה ניט — מאכט ער — וואס דו וואונדערסט זיך... אוודאי, צו שטרייטען פאר א קאנסטיטוציע איז אנאנדער זאך... דארט קעמפסטו פאר אן אידעע, און דא...

— וואס דא? וואס? — שרייט סאנין.

— דא... וויא זאל איך עס זאגען?...

נאוויקאוו טהוט א קנאק מיט צוויי פינגער, ניט געפינענדיג דיא ריכטיגע ווערטער פאר זיינע געדאנקען.

— דו זעהסט, וויא נאריש דו דיינקסט — כאפט אונטער סאנין — דארט איז אן אידעע און דא? דו וועסט דאך מיך ניט איינריידען, אז דו בענקסט מעהר נאך דער קאנסטיטוציע וויא נאך דעם, אז דיין אייגען לעבען זאל מעהר זינן האבען...

— נו, דאס ווייסטו ניט. אפשר יא!...

סאנין טהוט א מאך אונגעדולדיג מיט א האנד.

— לאז צופריעדען, איך בעט דיך! אויב מען זאל דיר שניידען א פינגער, וועט דיר מעהר וועה טאהן, וויא מען זאל דעם פינגער שניידען אפילו דעם בעסטען פריינד דיינעם... דאס איז א פאקט!...

— אדער דאס איז ציניזם! — כאפט אונטער נאוויקאוו, וועלענדיג איהם א שטאך טהאן.

— פון מיינטוועגען רוף דאס ציניזם — מאכט סאנין — עס איז אבער א פאקט, וועלכען דו קענסט ניט אבלייקענען. היינטיגע צייטען איז איבערהויפט קיין קאנסטיטוציע ניטא ניט נור אין רוסלאנד, נור אין קיין לאנד. און ווייסטו, וואס איך וועל דיר נאך זאגען? — טהוט זיך סאנין פלוצים א כאפ און זיינע העלע אויגען צינדען זיך אן מיט א פריילאך פייער'ל — דו בענקסט גאר דערפאר, ווייל לידא האט דיך ניט ליעב! ניט אמת, הא?...

— נו, דאס רעדסטו גלאט וויא א נאר! — שרייט אויס נאוויקאוו, ווערט רויט, וויא דאס פארב פון זיין העמדעל, און קוקט צומישט.

— איך רייד שוין גאר ניט קיין נארישקייטען — שמייבעלט סאנין — אויפ'ן שטערן איז ביי דיר אויפגעשריבען, אז דו ווילסט קריגען לידא'ן . . . דערצעהל מיר ניט קיין מעשיות!.....

נאוויקאוו ווערט אזוי אויפגערעגט, אז ער הייבט אן צו געהן איבער דער אלעע הין און צוריק. דאס וואס סאנין האט איהם דערמאנט לידא'ס נאמען איז איהם געוועזן אי אנגענעהם, אי

עס האָט איהם וועה געטהאָן. אנגע־
נעהם איז עס איהם געווען, ווייל ער
האָט ליעב געהאַט לידא׳ן, ווייל ער
האָט זיא פערגעטערט. און וועה גע־
טהאָן האָט עס איהם דערפאַר, ווייל סאַ־
נין האָט זיך אַזוי גראָב און ציניש
אַרויסגערעדט וועגען דעם הייליגסטען
געפיהל פון זיין נשמה... ער פיהלט
אַזוי וויא עמיצער וואָלט איהם מיט אַ
זודיגער האנד אויפ׳ן הארצען גע־
דריקט...

סאנין קוקט אויף איהם מיט גו־
טע אויגען, וויא ער געהט דאָרט אָרום
אַן אויפגערעגטער הין און צוריק, און
שמייכעלט.

פלוצלונג שטעלט זיך נאַוויקאָוו
אָב געבען סאנין׳ען און פרעגט מיט אַן
אויפגערעגט קול:

— און... וואו איז לידא פּעט־
ראָווגאַ?

— לידא?... וואו זאָל זיא זיין?
שפּאַצירט דאָרט אויפ׳ן בולוואר מיט
אָפיציערען... אין דיעזער צייט שפּאַצי־
רען אַלע אונזערע פריילענס אויפ׳ן
בולוואַר.

דער וואָרים פון אייפערזוכט טהוט
זיך אַ צאַפּעל ביי נאַוויקאָוו׳ן אין דער
נשמה, און ער מאַכט:

— איך פערשטעה ניט... דאַכט
זיך, אַזאַ קלוגע, וויא לידא איז, אַזאַ
ענטוויקעלטע.... וואָס פאַר אַן אינטער־
רעס געפינט זיא אין שפּאַצירען מיט
יענע גראָבע קעפּ...

— עך, פריינד! — לאַכט סאנין
— לידא איז יונג, שעהן, געזונד, אַזוי
וויא דו... און נאָך מעהר, ווייל אין
איהר כאַראַקטער איז דאָ, וואָס עס
פעהלט ביי דיר: דיא דורשט צו אַלעס!..
אַלעס וואָלט זיא וועלען פערזוכען און
איבערפּיהלען, אַלעס!.... שאַ, אַט קומט
זיא אַליין... קוק נור זיא אָן, דאַן וועסטו
פערשטעהן!... וויא שעהן זיא איז,
וויא שעהן!...

לידא איז ניט געווען אַזוי הויך
וויא איהר ברודער, אָבער פיעל שעה־
נער פון איהם. אין איהר האָט בעצוי־
בערט דאָס געמיש פון עדעלער רייצענ־
דער צאַרטקייט מיט פּויזישער קראַפט,
דער שטאָלצער און פייערדיגער בליק
פון איהרע אויגען מיט דעם ווייך־הילי־
בענדיג קול, מיט וועלכען זיא האָט זיך
געשפּיעלט און געשטאָלצירט. זיא האָט
לאַנגזאַם געטראָטען, וויעגענדיג זיך אין
גאַנג. און אין יעדער בעוועגונג איה־
רער האָט זיך געפּיהלט דיא פרוי, פול
רייץ און לעבען...

הינטער איהר זיינען געגאַנגען
צוויי יונגע, שעהנע אָפיציערען מיט פיי־
קעלדיגע שטיוועל, וואָס האָבען געקלונ־
גען מיט דיא שפּאָרען...

צוגעגאַנגען נעהענטער צו סאנין
און נאַוויקאָוו׳ן פרעגט לידא:

— ווער איז שעהן, איך?

און דער גאַנצער סאַד לויכט מיט
איהר שעהנקייט, מיט איהר יוגענד און
פרישקייט, הילכט מיט איהר ווייך קול.

זיא דערלאַנגט נאַוויקאָוו׳ן דיא
האנד און טהוט אַ קוק אויף איהר
ברודער, צו וועלכען זיא האָט זיך נאָך
אַלץ ניט צוגעוואָהנט, פון דער זייט.

נאַוויקאָוו דריקט איהר פּעסט דיא
האנד און ווערט רויט, וויא אַ אינגעל.
לידא בעמערקט עס גאָר ניט, זיא איז
שוין לאַנג צוגעוואָהנט צו פיהלען אויף
זיך דיא פערליעבטע בליקען פון זיינע
אויגען.

— גוטען אָבענד, וולאַדימיר
פּעטראָוויטש! — מאַכט איינער פון
דיא אָפיציערען, דער עלטערער און
שעהנערער פון דיא ביידע.

סאנין האָט שוין געוואוסט, אַז
דעם אָפיציער׳ס נאָמען איז זארודין
און אַז ער איז פערליעבט אין לידא׳ן.
דער צווייטער אָפיציער, וואָס זיין נאָ־
מען איז געווען טאַנאַראָוו, האָט אין זאַ־
רודין׳ען געזעהען אַ מוסטער פון אַן
אָפיציער און האָט איהם אין אַלעם
נאָכגעמאַכט. ער איז געווען ניט אַזוי
שעהן, וויא זארודין, ניט אַזוי פערעור־
דיג און ניט אַזוי רעדעוודיג.

— דו פרעגסט, ווער איז שעהן?
— מאַכט דאַן סאנין צו זיין שוועס־
טער — דו ביזט שעהן.

— געוויס איך, געוויס.... און זאָג
נאָך, אַז איך בין דיא גרעסטע שעהנ־
הייט אין דער וועלט! — צולאַכט זיך

לידא, ווארפט זיך אויף א שטול, הייבט אויף ביידע הענד איבער'ן קאפ, דערביי טרעט ארויס איהר יונגער בוזים שארפער אונטער דעם יאקעל, און זיא נעהמט ארויס דיא שפילקע פון איהר הוט. דיא שפילקע פאלט ביי איהר ארויס פון דיא הענד אויפ'ן זאמד. דער וויַיל פון הוט צופלאנטערט זיך ביי איהר אויפ'ן קאפ מיט דיא שפילקעס און מיט איהרע האאר, און זיא ווענדעט זיך דאן צו טאנאראווו'ן אי מיט נעבעט, אי מיט א קאקעטישער מינע:

— אנדריי פאוולאוויטש, העלפט!

טאנאראווו ווארפט זיך צו איהר, פלאנטערט ארויס דעם וויַיל פון איהרע האאר און לייגט אוועק איהר הוט אויפ'ן גרינעם טיש.

סאנין נעהמט ניט אראפ זיינע אויגען פון זיין שוועסטער. דאן רופט ער זיך ווידער אפ:

— יע, דו ביזט שעהן!...

לידא קוקט איהם ווידער אן מיט א זיטיגען בליק.

— מיר זיינען אלע שעהן — זאגט זיא.

— וויא קענען מיר זיך פערגלייכען צו אייך? — מישט זיך אריין זארודין, לאכט אפ ווייזט זיינע וויַיסע צייהן:— מיר זיינען נור אן ארימע דעקאראציאן, אויף וועלכער העל און רייך עס שפיגעלט זיך אפ אייער שעהנקייט!...

— אהא, וויא שעהן איהר קענט ריידען! — מאכט סאנין מיט א פערבארגענעם שמייכעל.

— לידא פעטראָוונא קען יעדען מאכען רעדען שעהן — בעמערקט טאנאראָוו.

— אפילו אייך אויך? — פרעגט איהם מיט איראָניע סאנין.

— לאז זיי צופרידען! — ווענדעט זיך נאוויקאָוו מיט א שטיל קול צו סאנין'ען.

לידא טהוט פער'גנב'עט א ווינק מיט פערזשמורעטע אויגען צו איהר ברודער, און אין דעם דאזיגען ווינק לעזט סאנין: דענק ניט, אז איך ווייס ניט, ווער זיי זיינען. איך קען זיי ניט וויַיניגער וויא דו... אבער מיר איז פריילאך מיט זיי.... און איך וויל מיט זיי פערברענגען.

סאנין ענטפערט איהר מיט א שמייכעל.

אין א וויילע ארום הייבט זיך אויף לידא און ערקלערט, אז זיא געהט אין שטוב ברענגען דיא האאר אין ארדנונג.

אז זיא געהט אוועק, דערפיהלען זיך דיא מענער פרייער. זארודין פעררויכערט א פאפיראס און ווענדעט זיך צו סאנין'ען.

— איך האב היינט איינגערעדט לידא פעטראָוונא'ן, זיא זאל אלעס אוועקווארפען און זיא זאל זיך א נעהם טהאן בילדען איהר שטימע. מיט איהר שטיממע וואלט זיא זיכער געמאכט א קאריערע.

און דערהערענדיג עס, ווערט נאוויקאָוו אויפגערעגט. דער ווארים פון אייפערזוכט טהוט זיך ווידער אין איהם א צאפעל און ער בורטשעט ארויס:

— א שעהנע קאריערע, ניטא וואס צו ריידען!...

— מיט וואס איז זיא אזוי שלעכט? — פרעגט זארודין.

נאוויקאָוו צינדט זיך אן און ש־שרייט אויס:

— וואס איז אן ארטיסטקע? דיזעלבע שטראָסען־פרוי!...

— צו שטארק, מיין פריינד! — ברעכט איהם אונטער זארודין.

נאוויקאָוו קוקט איהם אן מיט האס. ער זעהט אין איהם א געפעהרליכען קאנקורענט אין ליעבע צו לידא'ן, און עס מוטשעט איהם, וואס ער, זארודין, איז אזוי שעהן.

— איך מיין, וואס איך זאג — מאכט ער — ארויסצוגעהן אויף א סצענע כמעט א נאקעטע און ווערען בעטראכט פון טויזענדער גייגעריגע אויגען.... ניטא וואס צו ריידען, זעהר שעהן!....

— מיין פריינד — רופט זיך אפ סאנין — דער פרוי איז מעהר פון אלעם אנגענעהם, ווען זיא ווערט בעוואונדערט פאר איהר שעהנקייט!...

— ניט אמת! — היצט זיך נאוויקאָוו.

— אמת! — מאכט סאנין מיט א פעסטען קול — אמת! און לידא וואלט ווירקליך געווען זעהר עפעקטפול אויף דער ביהנע. איך וואלט גאר וועלען זעהן!

און הגם ביי זיי אלעמען איז איצט ערוועקט אן אינסטיקטיווע דורשטיגע נייגעריגקייט, וויא לידא וואלט אויסגעזעהען אויף דער ביהנע, ווערט זיי אלעמען אונאנגענעהם פון סאנין'ס ווערטער, זיי אלע ווערען אנשוויגען.

אויפ'ן באלקאן בעווייזען זיך לידא און איהר מאמע.

לידא מיט איהר מוטער געהן צו צו דיא מענער.

—וואס שטעהט איהר אזוינע פעראיערטע? — מאכט זיא פריילאך — קומט צום טייך. דארט איז איצט — לעבעדיג....

און בעת זי געהט פארביי דיא מענער, טהוט זיא זיך א ציה אויס מיט איהר יונג קערפער און איהרע אויגען קוקען דאן אזוי פער'סוד'עט, אזוי געהיימניספולל, וויא זיי וואלטען א פערבארגענעם סוד דערצעהלט, וויא זיי וואלטען עפעס פערשפראכען . . .

—געהט זיך טאקי דורך ביז סאפער, זאגט אויך איהר מאמע.

—מיט פערגניגען! — כאפט אונטער זארודין, טהוט א קלונג מיט דיא שפארען און דערלאנגט לידא'ן דעם ארעם.

נאוויקאוו מאכט א זויערע, רחמנות־דיגע מינע און רעדט ארויס מיט גאל:

—איך האפף, אז איהר האט ניט דאגעגען, ווען איך וועל מיט אייך אויך געהן?

—ווער שטערט אייך? — רופט זיך אב לידא, קוקט איהם אן איבער'ן אקסעל און לאכט.

—געה, געה, ברודער'ל, מיט זיי! — גיט איהם אונטער חשק סאנין — איך וואלט אויך מיט זיי געגאנגען, צום אונגליק אבער איז לידא צופיעל זיכער, אז איך בין איהר ברודער!

און דערהערט עס, טהוט זיך לידא מאדנע א צאפעל, ווארפט אויפ'ן ברודער א שנעלען בליק און צולאכט זיך קורץ און נערוועז.

מאריא איוואנאווונא'ן ווערט אויך אונאנגענעהם פון סאנין'ס ווערטער און ווען יענע געהען אוועק, ווענדעט זיא זיך צו איהם גראב:

—צו וואס רעדסטו אט אזוינע נארישקייטען? ווילסט אלץ ווייזען, אז דו ביזט אריגינעל! ...

—מיר פאלט עס אפילו ניט איין — ענטפערט סאנין.

זיין מאמע קוקט איהם אן פערוואונדערט. זי קען איהם ניט פערשטעהען. זיא ווייסט ניט, ווען ער שפאסט און ווען ער רעדט ערענסט. עפעס איז ער גאר ניט עהנליך צו דיא ארומיגע מענשען, וואס זיא קען, צו די מענשען פון זיין קרייז, מיט זיין בילדונג, מיט זיין שטעלונג אין דער געזעלשאפט. זיא האט איהם זיך אויך פריהער אנדערש פארגעשטעלט. אויך זי פיהלט זיך אבגענארט אין איהם, פונקט וויא לידא, וויא נאוויקאוו, וויא אלע, אלע פון זיין קרייז, וואס האבען זיך מיט איהם איצט געטראפפען.... און עס האט וועה געטהאן דער אלטער מאמען, שטארק וועה געטהאן, פאר דעם שלעכטען איינדרוק, וואס איהר זוהן האט געמאכט אויף אלעמען.

סאנין פערשטעהט, וואס עס קומט פאר ביי זיין מאמען אין הארצען. איהם ווילט זיך זיא בערוהיגען, ווייסט אבער ניט וויא. אפריהער פאלט איהם איין צו פארשטעללען זיך, ארויסצוזאגען פיר איהר אזוינע געדאנקען, וואס זאלען זיא בערוהיגען, ער קען אבער אזוינע געדאנקען ביי זיך אין קאפ ניט געפינען. ער צילאכט זיך און געהט גאר אוועק אין שטוב. דארט לעגט ער זיך אוועק אויף דער בעט און הויבט אן צו טראכטען, אז דיא מענשען ווילען די גאנצע וועלט פערוואנדלען אין א מאנאסטיר, אין א קאזארמע, מיט איין קאדעקס פון געזעצען פאר אלעמען, מיט אזא קאדעקס, וואס האט זיין צוועק צו פערניכטען די פערזענליכקייט און אונטערווארפען זיא אונטער דעם צוואנג און הערשאפט פון דער אלטער געהיימער אבגעלעבטקייט...

ער נעהמט זיך אויף טראכטען מכוח דעם שיקזאל און ראָלע פון קריסטענ־ טהום; דאָס ווערט איהם אָבער באלד לאנגווייליג און ער שלאָפט איין. ער שלאָפט ביז סאמע פארנאכט.

זיין מאמע זיצט דערווייל אין גאָרטען און טראכט זיך פון עפּעס אנ־ דערש, זיא טראכט, אז זארודין וואלט געווען א גוטער שידוך פאר איהר לידא'ן און עס האָט זיך איהר זעהר געוואָלט, אז דער שידוך זאָל זיך אויס־ לאָזען. לידא איז ניט קיין יונג מיידעלע, שוין צוואנציג יאהר אלט, דאנקען גאָט. דאן דערמאָנט זי זיך אויף א חלום, וואס זיא האָט געזעהען דעם זעלבען טאָג, ווען זארודין איז דאס ערשטע מאָל געקומען צו זיי. איהר האָט זיך דעמאָלט גע'חלומ'ט, אז זיא זעהט לידא'ן אין א ווייס קלייד, געהענדיג איבער א פעלד, וואס איז בעוואקסען מיט גראז און בלו־ מען...

—טפוי ! — טהוט זיך א כאפּ די אלטינקע און שפּייט אוים : — וואס קריכט מיר היינט אין קאָפּ ? איך גלויב דאך ניט אין חלומות...

אָבער דער חלום לאָזט זיא ניט אָב, מאַרטערט זיא... אין ווייסען.... אויף א פעלד, מיט בלומען און גראז בעוואק־ סען. א מיאוס'ער חלום !...

דער הימעל ווערט אלץ דונקעלער און דונקעלער... דאָס פארנאכט קומט צו שוועבען אין דער לופטען... און זיא זיצט אלץ, דיא אלטע, אונטערגעשפּארט דעם קאָפּ מיט א האנד, זיצט, קוקט אויפן דונקעלען הימעל און נאָך דונקעלערע גע־ דאנקען קריכען איהר אין קאָפּ, און עס ווערט איהר אזוי שווער, אזוי טרויעריג אויפן הארצען, און זיא שרעקט זיך פאר עפּעס...

## דריטער קאַפּיטעל.

עס איז שוין געווען פינסטער, ווען יענע האָבען זיך צוריק געקעהרט פון'ם שפּאציער.

דער גאָרטען שטעהט פון דער פינ־ סטערניש פערשלונגען. פון וויטען הע־ רען זיך דיא העלע, פריילינע שטימען פון דיא צוריק־קעהרענדע....

לידא, לעבעדיג און פערהויטעלט, לויפט צו צו איהר מאמען. זיא דופטעט אין גאנצען מיט יוגענד און לעבען פון א פרוי א שעהנהייט, און וועלכער דיא געזעלשאפט פון שעהנע יונגע לייט, וואס זיינען איהר געפעהלען, האט אויפ־ געוועקט דיא שטאַרקסטע געפיהלען.... דער דופט פון דעם יונגען טייך טראָגט זיך פון איהר...

—מאמע, עסען ! עסען ! — כאפּט זי ארום איהר מאמען, וועלכע קוקט אויף איהר מיט גוטע אויגען :— און דערווייל וועט וויקטאָר קערגייע־ וויטש פאר אונז עפּעס פאַרזינגען !...

מאריא איוואנאָוונא געהט אוועק גריימען צום טיש און אין גאנג טראכט זיא, אז אזא מיידעל, ווי איהר לידא, קען ניט זיין אונגליקלאך....

זארודין און טאנאַראָוו געהן אריין אין זאאל און זעצען זיך נעבען פּיאנאָ. לידא זעצט זיך אין א שאָקעל־שטול, וואס שטעהט אויף'ן באלקאָן, און, אוועק געזעצט זיך, טהוט זיא זיך א בויג אוים מיט'ן קערפּער גראַציעז און ליידענשאפטליך.

און נאָוויקאָוו ? ער איז צומישט. ער געהט ארום איבער'ן באלקאָן הין און צוריק, וואס סקריפּעט אונטער זיינע פיס, געהט ארום און קוקט פון דער זייט אויף לידא'ן, אויף איהר פּנים, אויף איהר הויכען בוזים און אויף איהרע שלאנקע פיס און שווארצע זאָקען און גע־ לע טופליעס, וואס זיא האט אויסגעצוי־ גען פון אונטער איהר קלייד. זיא בע־ מערקט איהם אָבער ניט... זיא איז איצט פערנומען מיט זיך אליין, פולל מיט זיך אליין, מיט דעם שטארקען גע־ פיהל פון דער ערשטער ליידענשאפט, וואס בעהערשט זיא איצט... אט האָט זיא פערמאכט דיא אויגען און שמיר־ בעלט אזוי געהיימניספולל צו זיך אליין...

ביי נאָוויקאָוו'ן איז דער נשמה איז א גאנצע מלחמה. ער ליעבט לידא'ן, אָבער אויב זיא ליעבט איהם, קען ער ניט וויסען. אמאָל, דאכט זיך איהם, אז יא, און אמאָל, אז ניין... און ווען עס דאכט זיך איהם, אז זיא ליעבט איהם

יא, קושט ער זיא אין געדאנקען, לאס־
צעט און האלובעט זיא... און אויב ער
קושט זי אין זיינע געדאנקען, בעת עס
דאכט זיך איהם, אז זיא ליעבט איהם
ניט, — דאן זידעלט ער זיך פאר זיינע
שמוציגע געפיהלען און ער טראכט דאן,
אז אזא שענדליכער מענש, וויא ער,
פערדיענט ניט דיא ליעבע פון אזא מיי־
דעל, וויא לידא...

איצט געהט ער ארום הין און צו־
ריק איבער'ן באלקאן, מעסט דיא ברע־
טער און טראכט :

—אויב איך טרעט ארויף מיט'ן
רעכטען פוס אויף דער לעצטער ברעט,
דאן... איז א סמן, אז זיא ליעבט מיך
און מען דארף זיך איהר ערקלערען....
אויב אבער מיט דעם לינקען פוס, דאן...

ער האט גאר מורא צו טראכטען,
וואס דעמאלט וועט זיין....

ער טרעט ארויף אויף דער לעצטער
ברעט מיט'ן לינקען פוס, און בעגיעסט
זיך מיט א קאלטען שוויס...

—טפוי ! — טהוט ער א שפיי —
וויא נאריש איך בין, אקוראט וויא אן
אלטע באביצע!... איך וועל צוגעהן צו
איהר און וועל זיך ערקלעהרען איהר...
נו... איינס, צוויי, דריי... ביי דעם
ווארט „דריי" געה איך צו צו איהר און
זאג... וואס וועל איך איהר זאגען ?
אלץ איינס!.. נו, איינס... צוויי... דריי..
ניין—בעשליסט ער — איך וועל עס
מאכען ביז דריי מאל. איינס... צוויי...
דריי... איינס, צוויי....

אין קאפ ברענט ביי איהם, אין מויל
טרוקען און דאס הארץ זיינס קלאפט
אזוי אז קוים וואס ער האלט זיך אויף
דיא פיס.

—איינס, צוויי, דריי... איינס,
צוויי... ארבייט ער מיט דיא פיס.

—וואס טאנצט איהר דארט ארום?
—טהוט זיך פלוצים א כאפ לידא מיט
אונגעדולד אין קול און עפענט איהרע
אויגען : — איהר לאזט ניט הערען !

נאוויקאוו טהוט זיך א צאפעל. ער
בעמערקט ערשט, אז זארודין זינגט.

דער יונגער אפיציער זינגט אן אל־
טען ראמאנס :

„איך האב אייך געליעבט,
דיא ליעבע, קען זיין,
איז אין מיין ברוסט
נאך ניט אויסגעלאשען גאר..."

ער זינגט ניט שלעכט. אבער אהן
שכל. נאוויקאוו'ן דוכט זיך, אז זארודין
זינגט זעהר שלעכט, אט מאקי כאטש
נעהם און פערשטאפ זיך דיא אויערן...

—וואס איז עס ? אייער אייגענע
מאכעראיקע ? — ווענדעט ער זיך צו
זארודינען מיט גאל אין קול.

—שטערט ניט ! זיצט רוהיג ! —
ברעכט איהם אונטער לידא מיט א קאפ־
ריזנעם טאן — אויב איהר האט ניט
ליעב קיין מוזיק, טא קוקט דארט אויף
דער לבנה !

די לבנה שווימט ווירקליך ארום
אין דיזער צייט פון צווישען די שפיצען
בוימער... א רויטהע, א רונדע שווימט
זיא איבער'ן גארטען און כישופ'ט...

נאוויקאוו טהוט א זיפץ :

—איך וואלט בעסער אויף אייך
געקוקט, וויא אויף דער לבנה — מאכט
ער צו לידא'ן און טראכט דערביי :
„וואס פאר א נארישקייטען איך רייד."

לידא צולאכט זיך :

—וואס פאר א הילצערנע קאמפלי־
מענטען איהר גיעט עס, הערר דאקטאר!

— קיין בעסערע קאמפלימענטען
קען איך ניט געבען — ענטפערט נא־
וויקאוו און בלאזט זיך אן.

—אך שווייגט ! בעסער הערט !
—שרייט אויס לידא און דריקט מיט די
אקסלען.

און זארודין זינגט :

„איך האב אייך געליעבט,
דיא ליעבע, קען זיין,
איז אין מיין ברוסט
נאך ניט אויסגעלאשען גאר..."

און זיין שטימע הילכט און צינדט
אן לידא'ן...

דיא טענער פון דער פיאנא גיסען
זיך אין העלע, קריסטאלענע אקארדען
און הילכען אב אין דעם גרינעם פייכטען
גארטען. דיא לבנה ווערט אלץ העלער
און העלער און דיא שאטענס צווישען
דיא בוימער אין גארטען אלץ שווארצער.

סאנין בעווייזט זיך אונטען אין

גארטען. ער געהט פערביי שטיל איבער דיא גראז אונבעמערקט פון קיינעם, זעצט זיך אוועק אונטער א בוים, ווייל פערדרויכערן א פאפיראס, איז זיך אבער מיישב, אז מען דארף ניט, און בלייבט זיצען אזוי, וויא פער׳כישופט פון דער ארומיגער בייגאכטיגער שטילקייט, אין וועלכער עס פלעכטען זיך דיא אקארדען פון דער פיאנא מיט דיא טענער פון דער יונגער, ליידענשאפטליכער שטים פון זארודין׳ען.

— לידא פעטראוונא ! — שיסט אוים מיט אמאהל נאוויקאוו, אקוראט וויא איהם וואלט קלאהר געווארען אז ווייטער לוינט זיך איהם ניט צו ווארטען.

— וואס ? — פרעגט זיא פערטראכט און קוקט בעת דעם אויף דיא לבנה אין גארטען.

— איך וויל מיט אייך עפעס רייִדען — שעפּצעט ער ארוים אויפגערעגט.

סאנין פערדרייסט דעם קאפּ און הערט זיך צו.

— וואס ווילט איהר מיר זאגען?

— פרעגט לידא, פערטהאן אין זיך.

און זארודין זינגט דערווייל, האט איין ראמאנס געענדיגט, אנגעהויבען אן אנדערן. ער האלט זיך פאר א גרויסען זינגער.

נאוויקאוו פיהלט, וויא דיא פארבען בייטען זיך ביי איהם אויף׳ן פנים. דער קאפּ דרעהט זיך ביי איהם.

— איך... פערשטעהט איהר מיך... לידא פעטראוונא — מורמעלט ער און פיהלט, אז דער לשון פעהלט איהם און דורך דעם ווערט ער באלד צו שפּאט און שאנד: — איך... איך... איהר ווילט זיין... מיין... מיין ווייב...

לידא פערשטעהט איהם גיט א פריי־חער און פרעגט איבער :

— ווענענס?

און פלוצים טהוט זיא זיך א כאפּ אויף, הייבט זיך אויף פון שאקעלשטוהל, ווייל איהם עפּעס זאגען, ווערט צומישט און קעהרט זיך אב פון איהם. דיא לבנה קוקט איהר גלייך אין פנים.

— איך ליעב אייך, לידא, — מורמעלט ער און עס דאכט זיך איהם בעת דעם, אז דיא לבנה האט אויפגעהערט צו שיינען, אז דער גארטען איז פול מיט שטיקעניש און אז אלעס אונטער איהם און ארום איהם זינקט, זינקט אין א שרעקליכען אבגרונד :— לידא פעטראוונא, איך קען ניט ריידען, אבער דאס איז א נארישקייט... איך האב אייך זעהר ליעב, זעהר !

„צו־וואס נאך דער „זעהר ?" — טראכט ער — „אקוראט וויא איך וואלט גערעדט וועגען אייז־קרים !"

און ער ווערט אנשווייגען.

לידא איז נערוועז, האלט א בלעטעל, וואס איז אין האנד איהר ארייגעפאלען, און פליקט איהם, זיא איז צומישט, אזוי אונערווארטעט איז עס אלעס פארגעקומען, אזוי פלוצים. זיא איז צוגעוועהנט צו נאוויקאוו׳ן, וויא צו א פריינד, אביסעלע ליעבט זיא איהם אויך, און דאך איז עס ניט דאס, ניט דאס ריכטיגע געפיהל... און זיא ענטפערט איהם :

— ווירקליך, איך ווייס ניט... איך האב נאך קיינמאל פון דעם ניט געדענקט...

ביי נאוויקאוו׳ן פאלט איין דאס הארץ. ער ווערט בלייך און טהוט א כאפּ זיין הוט.

— צום ווידערזעהן ! — מורמעלט ער און הערט ניט זיין אייגען קול. זיינע ליפּען קרימען זיך צו שמייכלען.

— וואס איילט איהר ? צום ווידערזעהן ! — ענטפערט לידא צומישט, גיט איהם דיא האנד און פרובט פריי שמייכלען.

נאוויקאוו טהוט איהר שנעל א דריק דיא האנד, און ניט אנטאהנדיג דיא הוט, לאזט ער זיך לויפען גלייך אין גארטען איבער דיא גראז, וואס זייגען בעדעקט מיט טהוי.

ארייגגעלאפען צווישען דיא ביימער, וואו מען האט איהם ניט געקענט זעהען, שטעלט ער זיך פלוצים אב און כאפּט זיך פערצווייפעלט אן פאר דיא האאר פון׳ם קאפּ.

— גאט מיינער, גאט מיינער, פארוואס בין איך אזא אונגליקליכער !

איך וועל זיך דערשיסען... ניט ווערטה צו לעבען! דערשיסען זיך! — בושעוועט ביי איהם אין קאָפּ, און ער פיהלט, אז ער איז דער אונגליקליכסטער, דער אונגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

סאנין וויל איהם רופען, טהוט אבער א מאך מיט א האנד. עס ווייזט זיך איהם אויס זעהר לעכערליך, וואָס א מאן רייסט זיך די האאר אויפ׳ן קאָפּ דערפאר, ווייל א פרוי, וואָס געפעהלט איהם, וויל ניט זיין זיינע...

ער טהוט א קוק אויף לידא׳ן. זיא שטעהט אויפ׳ן באלקאן מיט׳ן פּנים געגען דער לבנה, שטעהט וויא א סטאטוע, בעגאָסען מיט די מאטע שטראהלען פון דער לבנה.

פון דער גלעזער טהיר ביי׳ם באלקאן גנב׳עט זיך ארויס זארודין, און סאנין הערט דאָס פּאַרזיכטיג קלינגען פון דעם אָפּיציער׳ס שפּאָרען... אין זאאל איז געבליבען טאנאראוו און ער שפּיעלט דאָרט אויף דער פּיאנא אן אלטען וואלס, וואָס קלינגט אזוי זיס און טרויעריג, אזוי הארציג...

זארודין גנב׳עט זיך צו צו לידא׳ן און כאפּט זיא אָן ביי׳ם טאליע. און סאנין זעהט, וויא צוויי סילועטען האבען זיך צונויפגעגאָסען אין איינעם, וויא זיי צאפּלען זיך אין דעם לבנה־גלאנץ.

— וועגען וואָס האָט איהר זיך אזוי פערטראכט? — שעפּצעט זארודין, מיט זיינע ליפּען בעריהרענדיג איהר קליין, פריש אויערל, און בלישצעט מיט זיינע אויגען, וויא א חיה.

ביי לידא׳ן דרעהט זיך דער קאָפּ. וויא תמיד, בעת זארודין נעהמט זיא ארום, פיהלט זיא זיך איצט אויך עפּעס מאָדנע... זיא ווייסט, למשל, אז זארודין שטעהט ניט אין אן־ערך ניעדריגער פון איהר אין בילדונג, אין ענטוויקלונג; אז זיא וועט זיך קיינמאָל ניט קענען אונטערוואַרפען איהם... אָבער אין דערזעלבער צייט איז איהר געוועז אי שטארק אנגענעהם, אי געשראָקען האָט זיא, צו פיהלען די בעריהרונג פון אזא שטארקען, שעהנעם מאן... אזוי וויא ארייַנקוקענדיג אין א טיעפען, געהיימניספולען אָבגרונד, וואָלט זיך פּלוצים א דרייסטער געדאנק אין איהר ערוועקט „אָט נעהם איך און שפּרינג אהין אריין!... איך דארף נור וועלען!"

— לאָזט, מען וועט דערזעהן! — שעפּצעט זיא און טרעט פון איהם ניט אָב, וואָס מיט דעם רעגט זיא איהם נאָך מעהר אויף.

— איין וואָרט! — שטאמעלט זארודין און דריקט זיך נאָך פעסטער צו איהר — וועט איהר קומען?

לידא ציטערט. ניט דאָס ערשטע מאָל שטעלט ער איהר די פראגע און יעדעס מאָהל ציטערט זיא, בעת דעם און פיהלט, אז זיא פערליערט די קרעפטען.

— צו־וואָס? — שעפּצעט זיא און קוקט אויף דער לבנה מיט ברייט פונאנדערגעעפענטע פייכטע אויגען.

זארודין וויל מיט איהר ניט רייַדען אָפען. ער רעכענט, אז זיא פערשטעהט אליין, צוליעב וואָס ער לאדעט זיא איין צו קומען.

— קומט — רעדט ער — איך וויל אייך גוט אנקוקען. דורכריידען זיך מיט אייך... אזוי איז דאָך אן אָבקומעניש... איהר מוטשעט מיך, איהר פּלאגט מיך — רעדט ער מיט ליידענשאַפט אין קול און דריקט זיך צו איהר פעסטער:

— וועט איהר קומען, לידא?

און דורך זייער זודיגען בעריהרען איינער דעם אנדער׳ען, הייבט זיך אויף ארום זיי א ווארימער, שטיקענדער נעבעל, וואָס שוועבט איבער זיי, וויא א חלום. לידא׳ס צארטער בויגיגער און שלאנקער קערפּער ברענט, בויגט זיך און רייסט זיך צו איהם. איהר איז אזוי גוט און אזוי מורא׳דיג, אלעם ארום זיי קוקט אויס איצט גאנץ אנדערש, וויא פריהער, האָט גאָר אנאנדער אויסזעהן אנגענומען: די לבנה איז גאָר ניט געוועזן די לבנה, נור עפּעס א רונדעס, א ליכטיגס, וואָס הענגט נאָהענט, נאָהענט איבער דער טערראסע, דער גארטען איז ניט דער, וואָס פריהער, נור עפּעס אנאנדערער, א דונקעלער, פול מיט סודות, וועלכער האלט זיך אין איין רוקען אויף איהר, לידא׳ן...

אויפ'ן סוף בעפרייט זיא זיך פון זיינע הענד און זיא שעפּצעט ארוים מיט הייסע, פערטריקענטע ליפּען:

— גוט... איך וועל קומען...

און געזאָגט עס, פערלאָזט זיא מיט וואַנקענדע טריט דעם באַלקאָן און געהט אריין אין הויז.

בעת דעם פיהלט זיא, אז עפּעס א מורא'דיגע, שרעקליכע קראַפט, געגען וועלכער עס לאָזט זיך ניט קעמפּפען, ציהט זיא און שלעפּט זיא ערגעץ אין אן אַבגרונד...

— נאַרישקייטען — זוכט זיא זיך איינצורעדען — איך שפּאַס נור... איך מיין עס גאַר ניט... אויס נייגעריגקייט האָב איך עס איהם געזאָגט... געוואָלט זיך מיט איהם א שפּיעל טהאָן, ניט מעהר, ניט מעהר!

זיא שטעלט זיך אוועק אין מיטען צימער געגען שפּיעגעל, פערברעכט ביידע הענד איבער'ן קאָפּ, טהוט זיך א ציה אויס מיט א ליידענשאַפטליכער בעוועגונג און אַבגעוואָרפען דאָס קעפּעלע אויף א זייט, בעטראַכט זיא וויא איהר שלאַנקע טאַליע בויגט זיך און ציהט זיך און וויא איהרע ברייטע רונדע היפּטען בעוועגען זיך.

אין דער־עלבער צייט שטעהט זארודין אויפ'ן באַלקאָן און טרוימט פון דעם גליק, וואָס עס ערוואַרטעט איהם שפּעטער. זיא האָט זיך איהם געמאָלען אין זיין פאַנטאַזיע אזא שעהנע, אזא אנציהענדע, ער וועט זיין אזוי גליקליך, אזוי גליקליך...

פון אָנפאַנג, אז ער האָט זיא גענומען זוכען, האָט ער פאַר איהר מורא געהאַט. מורא געהאַט אפילו דאַמאַלט פאַר איהר, בעת זיא האָט איהם אנגעהייבען צו ערלויבען ארומצונעהמען איהר. עפּעס איז געווען אין איהרע אויגען, וואָס ער האָט ניט געקענט פערשטעהען, און איהם האָט זיך א סך מאָל געדאַכט, אז בעת ער לאַסצעט זיא, קוקט ארויס טיעפע פעראַכטונג פון איהרע אויגען... און אמאָל האָט ער טאַקי ערוואַרטעט, אז אָט־אָט הייבט זיא אויף דאָס הענטעלע און עס הילכט א פּאַטש אויף... דען זיא איז אין זיינע אויגען געווען זעהר קלוג, זעהר געבילדעט און זעהר שטאָלץ, גאַר ניט פאַכאַזשע אויף דיא אלע פרויען, וואָס ער האָט ביז יעצט געקענט.

און איצט וועט זיא אויך זיין זיינע... ער וועט זיא אויך בעהערשען וויא יעדע אנדערע פרוי, און זיא אויך וועט מוזען טהאָן, וואָס נור ער וועט פון איהר פערלאַנגען.

דער ברוט ערוועקט זיך אין איהם, דיא ווילדע חיה, און ער שטעלט זיך פאַר, וויא ער פּייניגט דיא שטאָלצע לידא'ן... מיט א בייטש שמייסט ער זיא, עס דאַכט זיך איהם, ער הערט דאָס קוויטשען פון דעם בייטש...

ער טהוט זיך א צאַפּעל און א שאַקעל אויף דיא פּיס. דאָס בלוט טהוט איהם א האַק אין קאָפּ... פאַר דיא אויגען טאַנצען פייערדיגע פונקען...

ער איז אריין אין שטוב....

סאַנין האָט אלעס בעמערקט. וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען זארודין און זיין שוועסטער אויפ'ן באַלקאָן, און אין איהם האָט זיך ערוועקט א מין קנאה צו דעם יונגען אָפיצער.

— און אזוינע חיות האָבען דאָך גליק — האָט ער א טראַכט געטהאָן — דער טייפעל ווייסט, וואָס דאָס איז! לידא און זארודין!...

ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אויך אריין אין שטוב.

מען האָט זיך געזעצט עסען סאַפּער. מאַריא איוואַנאָוונא איז ניט געווען גוט אויפגעלייגט. טאַנאַראָוו, וויא זיין שטייגער, איז געזעסען און געשוויגען. ער האָט נור געטראַכט, וויא וואויל עס וואָלט איהם געווען, ווען ער וואָלט אויך אזוי שעהן געווען, וויא זארודין. דעמאָלט קען זיין, וואָלט איהם לידא אויך געליעבט. לידא איז געזעסען בלייך און צוטראָגען און האָט אויף קיינעם ניט געקוקט. זארודין איז געווען פרעהליך און אויפגערעגט. און סאַנין, וויא שטענדיג, האָט געגענעצט, געגעסען, האָט געטרונקען א סך

שנאפס און ווען דער עולם איז אויפגעשטאנען פון'ם טיש נאך סאפער, האט ער ערקלעהרט, אז ער וועט געהן בעגלייטען זארודין'ען.

עס איז שוין געווען גאנץ שפעט ביינאכט און דיא לבנה האט געשווארמען הויך איבער'ן הימעל. סאנין מיט זארודין'ען זיינען געגאנגען איבער דיא שטילע גאסען פון'ם שטעדטעל און ביידע האבען געשוויגען. דעם גאנצען וועג האט סאנין ניט אראבגענומען זיינע אויגען פון דעם אפיצער און זיך אלץ מיישב געווען, צו זאל ער איהם ניט צופראסקען דיא מארדע . . .

ער האט עס אבער ניט געטהאן. נור ערשט דאן, ווען זיי זיינען שוין געווען נעבען זארודין'ס הויז, האט זיך סאנין אבגערופען:

— יע־ע, אויף דער וועלט זיינען פארהאן פערשיידענע לומפען!

— וואס מיינט איהר? — האט זיך זארודין א כאפ געטהאן און איהם אנגעקוקט מיט גרויסע, פערוואונדערטע אויגען.

— איך מיין אזוי, אין אלגעמיין... און דיא לומפען זיינען דיא אינטערעסאנטסטע מענשען . . .

— וואס פאלט אייך איין? — האט זארודין זיך צולאכט.

— איך מיין ערנסט — האט סאנין גערעדט ווייטער — עס איז גאר אויף דער וועלט ניטא נאך עטוואס, וואס זאל זיין אזוי לאנגווייליג, אזוי אונאינטערעסאנט, וויא א עהרליכער מענש . . . דען וואס איז אן עהרליכער מענש? דיא פראגראם פון עהרליכקייט און טוגענד ווייסט יעדער . . . ניט גנב'ען, ניט ליגען, ניט פערראטה קיינעם, ניט זינדיג געשלעכטליך . . . און דא קומט דער אונטערשייד צווישען דעם זאגענאנטען „עהרליכען“ מענשען און דעם, וואס מען רופט „לומפ“ . . . ביידע ליגען, ביידע גנב'ענען און ביידע זינדיגען געשלעכטליך, נור דער „עהרליכער“ טוט עס בעהאלטענערהייט, מיט א לאנגווייליגער, פרומער מינע און מיט אויגען־גלאצעניש, און דער „לומפ“ — אפען, דרייסט, אינטערעסאנט און נאטירליך ...

— נאטירליך?!

— יא, יא, נאטירליך — כאפט אונטער סאנין מיט איבערצייגונג אין קול — ער זעהט א זאה, וואס געהערט ניט צו איהם, אבער וועלכע איז איהם געפעהלען, נעהמט ער זיא צו. ער זעהט א שעהנע פרוי, וואס וויל צו איהם ניט געהערען, קריעגט ער זיא מיט גוואלד אדער דורך בעטרוג, נארעריי... און דאס איז גאנץ מענשליך — נאטירליך, ווייל מיט דעם אונטערשיידעט זיך דער מענש פון דער ניעדריגער חיה, וואס אין איהם איז ענטוויקעלט דיא בעדירפניש צום פערגעניגען; וואס ער האט דעם בעגריף פון פערגעניגען און דיא ניעדריגע חיה ניט . . . מיר אלע שטימען איין אין דעם אז ניט פאר ליידען איז דער מענש בעשאפען געווארען און אז דער אידעאל פון דער גאנצער מענשהייט איז ניט צו פאסטען העניתים . . .

— נו, געוויס — האט איהם זארודין צוגעגעבען.

— הייסט דאך דאס — האט סאנין גערעדט ווייטער — אז דער צוועק פון'ם לעבען איז פערגעניגען האבען, צו פערשאפען זיך א גן עדן אויף דער וועלט. וויבאלד אזוי, האנדלען דאך טאקי יענע נאטירליכע, וואס נעהמען פון'ם לעבען אפען, ניט פערמאסקירטערהייט. יענע, מיין איך, וואס ביי דער וועלט הייסען זיי „לומפען“, „שפמען“ . . . אט, למשל, איהר . . .

זארודין האט זיך א צאפעל געטהאן און איהם אנגעקוקט צומישט.

סאנין האט זיך געמאכט, כלומרשט ער בעמערקט עס ניט, און ער האט גערעדט ווייטער:

— איהר זייט געווים דער בעסטער מענש אויף דער וועלט. אמווניגסטען אין אייערע אויגען אליין . . . זאגט דעם אמת : האט איהר שוין א מאל געטראפען א בעסערען מענשען פון זיך ?

— פיעל — האט זארודין געענטפערט אונענטשלאסען, ניט וויסענדיג אליין, צו זאל ער זיך בעליידיגען פון סאנין'ען, צו ניט.

— רופט אן נעמען . . . ווער זיינען עס יענע בעסערע מענשען פון אייך?

— האט סאנין געפרעגט מיט א פערבארגענעם שמייכעל.

זארודין האט צומישט א דריק געטהאן מיט די אקסלען.

סאנין האט זיך צולאכט :

— נימא קיין בעסערער מענש פון אייך ! — האט ער אויסגעשריען פרייליך — און פון מיר אוודאי ניט ! . . . און פון דעסטוועגען ווילט זיך אונז א מאל גנב'ענען, ליעגען זאגען און זינדיגען געשלעכטליך . . . איבערהויפט דאס לעצטע . . . ניט אמת, הא ?

זארודין האט ווידער א דריק געטהאן מיט די אקסלען.

— איהר זייט מאדנע ארי־גי־נעל !

— האט ער ארויסגעמורמעלט.

— איהר מיינט אזוי ? — האט זיך סאנין א כאפ געטהאן מיט עטוואס א בעליידיגטען טאן : — איך האב עס גאר ניט געוואוסט . . .

ער איז אויף א ווײלע אנשוויגען געווארען. דאן האט ער דערלאנגט זארודין'ען א האנד און ער האט געזאגט :

— יע, די עהרליכסטע מענשען זיינען די לומפען, די עהרליכסטע און די אינטערעסאנטעסטע . . . מיט פערגעניגען דריק איך די האנד א לומפ ! . . .

ער האט זארודין'ען א דריק געטהאן די האנד, א קוק געטהאן איהם גלייך אין די אויגען און האט מיט אנאנדער טאן ארויסגערעדט :

— גוט נאכט !

און ער איז אוועק.

זארודין איז געבליעבען שטעהען א צומישטער. באלד אבער האט ער זיך דערמאהנט, אז סאנין איז לידא'ס ברודער, און ער האט א שמייכעל געטהאן, טראכטענדיג דערביי, אז אין דער־אמת'ן איז סאנין גערעכט. דאן איז ער אריין צו זיך אין הויז.

ווען סאנין איז געקומען אהיים, האט ער זיך גלייך אויסגעטהאן, און זיך אריינגעווארפען אין בעט. ער האט געוואלט לעזען ניטשעס בוך : „אזוי זאגט זאראטוסטרא". וואס ער האט גענומען ביי לידא'ן, אבער שוין אויף די ערשטע בלעטלאך האט דאס בוך איהם דערעסען. די אנגעבלאזענע שפראך האט איהם גאר ניט גערירט. ער האט א שפיי געטהאן, א שליידער געטהאן דעם בוך און איז באלד אנגעשלאפען געווארען.

## פערטער קאפיטעל.

אין דעם זעלבען שטעדטעל האט געוואוינט אן אויסגעדיענטער פאלקאווניק מיט'ן נאמען ניקאלאי יעגאראוויטש סוואראזשיץ. צו איהם איז געקומען צופאהרען זיינער א זוהן א שטודענט פון מאסקווע, מיט'ן נאמען יוריע.

יוריע'ן האט מען ארויסגעשיקט פון מאסקווע, ווייל מען האט איהם פערדעכטיגט, אז ער נעהמט אנטהייל אין דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג. ער איז געקומען אהיים צו זיין פאטער, וועלכער האט איהם אויפגענומען זעהר גוט. הגם יענער איז געווען ניט צופריעדען, וואס ער, זיין יוריע הייסט עס, פערנעהמט זיך מיט „קינדערשע משוגעת'ן".

באלד וויא ער איז געקומען אהיים, איז יוריע אריין צו זיין שוועסטער ליאלע'ן אין צימער און זיך אוועקגעלעגט שלאפען, דען ער איז מיעד געווען פון'ם וועג.

ער האט זיך אויפגעכאפט צו נאכטס. ווען דיא זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהען. איהרע רויטע שטראהלען האבען געפינקעלט אין קרומע פאסען אויף דיא שויבען פון די פענסטער. פון צווייטען צימער האט זיך געטראגען א קלינגעריי פון גלעזער און לעפלאך, ליאלע'ס פריילאך געלעכטער און אן אנגענעהמע שטימע פון אן אונבעקאנטען מאן.

יוריע'ן האט זיך אפריהער אויסגעגעבען, אז ער פאהרט נאך אין וואגאן און ער הערט דאס קלינגען פון דיא פענסטער און דיא שטימען פון אונבעקאנטע פאסאזשירען, באלד אבער איז ער געקומען צו זיך, איז אויפגעשטאנען און האט זיך געזעצט אויף דער בעט

— יע — האט ער זיך א קריעס געטהאן — איך בין טאקי אין דער־היים!

און ער האט גענומען טראכטען, אז ער האט ניט גדארפט אהער קומען. די פאליציי אין מאסקווע האט איהם דאס רעכט געגעבען, אויסצו־וועהלען זיך אליין אן ארט צו וואוינען, האט ער זיך גדארפט אויסקלייבען אן אנדער שטאדט. ער האט זיך געוואלט אבער איינריידען, אז ווען מען האט איהם גדארפט ארויסשיקען, האט זיך דער נאמען פון דעם שטעדטעל ארויסגעריסען ביי איהם געגען זיין ווילען. אין דער־אמת'ן, איז עס ניט געווען אזוי: יוריע האט אלע זיינע יאהרען אבגעלעבט אויף זיין פאטער'ס רעכנונג.... אליין האט ער קיינמאל גאר נישט פערדיענט. ווען מען האט איהם גדארפט ארויסשיקען, האט ער פשוט מורא געהאט צו פאהרען אין אנאנדער שטאדט, טאמער וועט איהם אויסקומען זיך צו פלאגען אין דער פרעמד אהן זיין פאטער'ס שטיצע... ער האט זיך אבער געשעהמט פאר דעם געפיהל און האט איהם געוואלט פערלייקענען פאר זיך אליין...

ערשט איצט האט ער זיך געכאפט, אז ער האט ניט גדארפט אהער קומען. ווידער זיצען ביי'ם פאטער אויפ'ן קארק!... און דערצו נאך האט זיין פאטער ניט געקענט קוקען גלייך אויף זיינע רעוואלוציאנערע מעשים... אויסער דעם, האט אין דעם שטעדטעלע, וואו ער איז שוין צוויי יאהר ניט געווען, געמוזט זיין זעהר לאנגווייליג צו לעבען. ווארום ער, יוריע, איז איבערציינט געווען, אז אלע קליינשטעדטעלדיגע איינוואהנער, אלע אהן אויסנאהם, זיינען פשוט'ע „בורזשוקעס," וואס ניט זיי פערשטעהען און ניט זיי אינטערעסירען זיך מיט יענע פילאזאפישע און פאליטישע פראגען, אהן וועלכע דאס לעבען האט גאר קיין זין ניט...

יוריע איז אויפגעשטאנען, איז צוגעגאנגען צום פענסטער, איהם געעפענט און האט ארויסגעשטעקט דעם קאפ אין גארטען אהינטער'ן שטוב. דער גארטען האט אין גאנצען געבליהט מיט רויטע און בלויע, געלע און ווייסע בלומען, וואס זייערע פארבען האבען זיך געמישט און געשירעמט פאר דיא אויגען, ווי אין אן קאלידאסקאפ. דער גארטען איז געווען א גרויסער און האט זיך געצויגען ביז'ן טייך, וועלכער דאס ארויסגעבלישצעט צווישען דיא טונקעלע בוימער, ווי בלייכער גלאז. דער אבענד איז געווען א שטילער, א ליכטיגער.

פלוצים האט יוריע דערהערט הינטער זיך לייכטע טריט. ער האט זיך א כאפ געטאהן צוריק...

אין צימער איז אריינגעקומען זיין שוועסטער ליאליע.

— אה . . . ביזט שוין אויפגעשטאנען? שוין ציים! — האט זיא אויסגעשריען מיט א פריילאך, הילכענדיג קול.

אויפ'ן הארצען איז איהם געווען שווער. איז איהם ניט אנגענעהם געווען צו זעהען זיין שוועסטער אזא פריילעכע, צו הערען איהר הילכענדיג, רוהיג קול.

— דיר איז פריילאך? — האט

זיך ניט ווילענדיג ביי איהם ארויסגע־
ריסען.

— אט נא דיר גאר ! — האט ליאַ־
לע אויסגעשטעלט אויף איהם א פּאָאר
אויגען, האט זיך אָבער באלד צולאכט
נאָך פרייליכער, פּונקט וויא זיין פראַ־
גע וואָלט איהר אַן עפּעס דערמאהנט,
וואָס איז געווען זעהר קאָמיש און
זעהר פרייליך: — וואָס איז דיר
עפּעס פּלוצים איינגעפאַלען צו פרעגען
ביי מיר, אויב מיר איז פרייליך ?
געוויס איז מיר פרייליך . . . מיר
איז קיין מאָל ניט אונמוטהיג . . . קיין
צייט ניטאָ פאר דעם . . .

זיא האט געמאכט אן ערענסטע מינע
און אזוי וויא שטאָלצירענדיג מיט איה־
רע רייד, האט זיא צוגעלייגט:

— עס איז אזא אינטערעסאנטע
צייט איצט, אז עס איז פּשוט א זינד
צו לאַנגווייל'ען זיך ! איך לערען איצט
דיא ארבייטער און אין ביבליאָטהעק
בין איך אויך א סך צייט פערנומען . . .
מיר האבען דאָ אַהן דיר א היבשע ביב־
ליאָטהעק איינגעריכטעט און זיא געהט
גוט !

. . אין אַנאַנדער צייט וואָלט עס
יורי'ען געווען אינטערעסאנט צו הערען,
זיין נייגעריגקייט וואָלט עס אויפגע־
וועקט, איצט אָבער האט עס איהם ניט
אינטערעסירט.

ליאַלע האט אויף איהם געקוקט
מיט אן ערענסטען אויסדרוק אויף איהר
פּנים און האט מעשה קינד, געוואָרט,
ער זאָל איהר לויבען פאר איהר גוטע
ארבייט. ער האט עס פערשטאַנען,
אויף זיך א כח אנגעטהאָן, און האט
ארויסגערעדט:

— אזוי !

— פערשטעהסט שוין, אז מיר
בלייבט ניט קיין צייט צו לאנגווייליגען
זיך ? — האט זיא מיט א צופריעדענער
מינע איהם באמערקט.

— און מיר איז לאנגווייליג — האט
זיך ווידער ביי איהם ארויסגעריסען
געגען זיין אייגענעם ווילען.

— טאקי זעהר ליעבענסווירדיג פון
דיר, ניטאָ וואָס צו ריידען ! — האט
זיא זיך א כאפּ געטהאָן, כלומרשט בייז:
— ערשט א פּאָאר שעה אין דער־היים,
און ער לאַנגווייליגט זיך שוין ! . . .

— וואָס קען מען העלפען ? ס'איז
מסתמא א גאָט זאַך ! . . .

— א גאָט זאַך, א גאָט זאַך ! —
האט זיך ליאַלע כלומרשט אַנגעבלאָזען
און פערמאַסטען זיך אויף איהם מיט
איהר הענטעלע : — א גאָט זאַך, אוי,
דו, דו ! . . .

יוריע האט גאָר ניט בעמערקט, וויא
עס איז איהם פרייליך געוואָרן. מיט
איהר הילכענדיג קול און מיט איהר
לעבענס־פרייד האט ליאַלע זיין אומעט
און לאַנגווייליגקייט פערטריעבען.

ער האט איצט געקוקט אויף איהר
און געשמייכעלט.

— ערענסט, מיר איז קיין מאָל
ניט פרעהליך — האט ער גע'טענה'ט.

ליאַלע האט געלאכט, אקוראט, וויא
ער וואָלט איהר עפּעס דערצעהלט, וואָס
איז געווען זעהר קאָמיש.

— נו, גוט, גוט, דוא העלד פון
טרויעריגען געשטאַלט — האט זיא איהם
אַנגעכאַפּט פאר א האַנד און גענומען
שלעפּען — זיי פרייליך, זיי ניט
פרייליך, קום איך וועל דיך בעסער
פארשטעלען פאר א . . . שעהנעם יונגען
מאן . . . קום ! . . .

— וואַרט שלעפּ מיך ניט ! ווער
איז יענער יונגערמאַן ?

— מיין ח־ת־ן ! — האט זיא היל־
כיג און פרייליך א געשריי געטהאָן
איהם גלייך אין פּנים אריין און פון
התפעלות האט זיא זיך אוועקגעלאָזט
דרעהען איבער'ן צימער, וויא א רוח.
פון וואָס איהר קלייד האט זיך אויפגע־
בלאָזען.

— אזוי גאר ! — האט ער אויס־
געשריען פערוואונדערט. און הגם ער

האט שוין געוואוסט פון ליאלעס א בריעף. אז זיא האט שוין א חתן, איז איהם איצט אויסגעקומען עפעס מאד־נע, וואס זיא, ליאלע, אזא קליינס, אזא ריינס, אין זיינע אויגען כמעט נאך א קינד, האט שוין א חתן און זיא זועט באלד חתונה האבען, וועט ווערען א פרוי, א ווייב . . . א געפיהל פון ליעבע האט זיך אין זיין נשמה ערוועקט צו זיין שוועסטער און פון אונבעשטימ־טען רחמנות.

ער האט זיא אנגעכאפט ביים טא־ליע און איז מיט איהר אריין אין עס־צימער.

דארט האט שוין א לאמפ געברענט און אויף'ן טיש האט געפינקעלט א גרויסער, אויסגעשייערטער סאמאוואר. ביים טיש זיינען געזעסען דער פאטער ניקאלאי יעגאראוויטש און א אונבע־קאנטער שטארק־געבויטער יונגערמאן מיט א ניט־רוסישען דונקעלען פנים און מיט פלינקע, נייגעריגע אויגען.

דער יונגערמאן האט זיך אויפגע־הויבען פון ארט אנטקעגען יוריע'ן און האט מיט א פרייער, פריינדליכער מינע ארויסגערעדט :

— נו, לאמיר זיין בעקאנט . . .

ליאלע האט זיך אריינגעמישט, האט פערריסען א האנד מיט'ן דאלאן ארויף און אויסגעשריען מיט א וואזשנער מי־נע אוז זעהר קאמיש :

— אנאטאלי פאולאוויטש ריאזאנ־צעוו ! . . .

— דאס בין איך טאקע אליין ! — האט ריאזאנצעוו אונטערגעכאפט אויך מיט א טאן פון שפאס — איך בעט, מיך צו ליעבען און צו שעצען . . .

דיא יונגע לייט האבען זיך מיט אמת'ער פריינדשאפט געדריקט דיא הענד, האבען א טראכט געטהאן ווע־גען צוקושען זיך, האבען זיך אבער ניט צוקושט.

— אזוי גאר זעהט אוים איהר ברו־דער ! — האט ריאזאנצעוו א טראכט געטהאן פערוואונדערט. ער האט ער־ווארטעט, אז איהר ברודער זאל אויך אויסזעהען אזוי ליכטיג, העל און פריי־לאך, וויא דיא קליינע ליאלע. יוריע אבער איז געוועזן הויך, מאגער און שווארץ, הגם אויך שעהן.

און יוריע האט געקוקט אויף ריא־זאנצעוו און געטראכט און האט זיך געוואונדערט, וואס אט דער דאזיגער מענש האט אין דער קליינער ליאלע, וואס איז געוועזן אזוי ריין און ליכטיג, וויא א פריהלינגס־פריהמארגען, — וואס ער האט אין איהר ליעב בעקומען דיא פרוי . . . געוויס האט יענעם צוגעצוי־גען צו ליאלען דאס זעלבע, וואס איהם יוריע'ן, האט צוגעצויגען צו אנ־דערע פרויען. און דיעזער געדאנק איז איהם געוועזן ניט אנגענעהם און ער האט געזוכט אויסצומיידען קוקען אויף ליאלען און איהר חתן, אזוי וויא ער וואלט מורא געהאט, זיי זאלען ניט טרעפען זיינע געדאנקען . . .

— אויף א לאנגע צייט האט מען אייך ארויסגעשיקט ? — האט ריאזאנ־צעוו פלוצים זיך געווענדעט צו איהם.

— אויף פינף יאהר.

ניקאלאי יעגאראוויטש, וועלכער האט אין דיעזער צייט געשפאצירט אי־בער'ן שטוב, האט ביי דיעזען ענטפער זיך פלוצים אבגעשטעלט, האט זיך אבער גלייך בעהערשט און האט ווי־דער גענומען געהען איבער'ן צימער מיט דיא אויסגעמאסטענע טריט פון אן אל־טען סאלדאט.

— דער טייפעל ווייסט, וואס דאס איז ! — האט ער א טראכט געטהאן וועגען זוהן.

ליאלע האט פערשטאנען וועגען וואס איהר טאטע טראכט און זיא האט זיך דערשראקען. זיא האט מורא גע־האט, ער זאל ניט אנהייבען צו מאכען פארווירפע איהר ברודער און עס זאל ניט ווערען א סקאנדאל. עס האט איהר פערדראסען, וואס זיא האט וועגען

דעם ניט פארגעבריימעט איהר חתן. זי האט געפרובט מאכען א רייד וועגען עטוואס אנדערש, האט געפרעגט איהר חתן, אויב ער וויל טהעע. איהר חתן, וועלכער האט פון קיין זאך ניט געוואוסט, האט איהר געענטפערט, אז ער וויל מעהר קיין טהעע און אויסגעפרעגט ווייטער יוריע'ן:

— וואס דענקט איהר איצט צו טהאן?

דער אלטער טאטע האט זיך געבלאזען און געשוויגען. און מיט א מאל האט יוריע דערפיהלט זיין שווייגען. און איידער ער האט זיך בערעכענט, וואס עס קען פון דעם ארויסקומען, האט ער גענומען קאכען אין זיך און ער האט געענטפערט אויף צולהכעיס:

— דערווייל גאר נישט...

— וואס הייסט עפעס גאר נישט?

— האט זיך זיין פאטער א כאפ געטהאן און אבגעשטעלט זיך ווידער. זיין קול האט געקלונגען, וויא געוואוינליך, עס האט זיך אבער קלאהר אין איהם געהערט א פערבעהאלטענער פארוואורף.

און דער דאזיגער פארוואורף האט גערעדט.

— וויא קענסטו זיך אזוי לייכט אבזאגען „גאר נישט”, ווי כאפט ביי דיר דיא העזה אזוי צו ריידען. אקוראט ווי איך וואלט מחויב געווען דיך שלעפען אויף מיין קארק!... וויא וואגסטו גאר צו פארגעסען, אז איך בין אן אלטער מאן און קען דיך שוין לענגער ניט שלעפען! וויא טהוסטו ניט א טראכט, אז שוין לאנג צייט געווען, דו זאלסט זיך אליין פערדיענען דיין ברויט? אבער איך וועל בעסער שווייגען, טהו זיך, וואס דו ווילסט, לעב זיך וויא דו פערשטעהסט...

און הגם יוריע האט געפיהלט, אז ער פערדיענט אט דעם דאזיגען פארוואורף, פונדעסטוועגען האט ער זיך געפיהלט בעליידיגט אין זיין גאנצען וועזען.

און ער האט געענטפערט ריאזאנצעוו'ן אויף דער פראגע:

—וואס אייגענטליך זאל איך טהאן? אט אזוי, גאר נישט...

זיין פאטער האט איהם ווידער געוואלט אבענטפערען שארף, אבער ער האט זיך ווידער בעהערשט. האט נור א דריק געטהאן מיט דיא פלייצעס און געשפאצירט ווייטער מיט זיינע געמאסטענע מיליטערישע טריט. ער איז געווען צופיעל דזשענטעלמען, און האט ביי זיך ניט געקענט פועל'ן צו פערפיהרען א קריעג מיט'ן זוהן באלד דעם ערשטען טאג, וויא ער איז אהיים געקומען.

יוריע האט איהם נאכגעפאלגט מיט בלישצענדיגע אויגען און האט געפיהלט, אז ביי דיא ערשטע פאר ווערטער, וואס זיין פאטער וועט איהם זאגען, וועט ער מוזען ארויסשפרינגען. ער האט געוואוסט, אז ער אליין מיט זיין האלטען זיך וועט זיין שולדיג אין דעם סקאנדאל, ער האט אבער זיך ניט געקענט באהערשען.

אויף'ן סוף זיינען אנגעקומען געסט: נאוויקאוו, איוואנאוו און סעמיאנאוו...

סעמיאנאוו, א שטודענט פון אן אוניווערסיטעט, איז געווען א שווינדזיכטיגער יונגערמאן, מיט עטליכע מאנאטען צוריק איז ער געקומען אהער אין שטעדטעל און איז געווארען א לעהרער. ער איז געווען זעהר ניט שעהן, מאגער און שוואך, און אויף זיין פאר־דערצייט פארעלטערטען פנים האט געשוועבט דער שאטען פון דעם נאהענטען טויט...

דער צווייטער גאסט איוואנאוו איז געווען א לעהרער פון א פאלקס־שוהל, ניט קיין שעהן־געבויטער מאן, מיט מיט ברייטע פלייצעס און לאנגע האאר.

דער דריטער גאסט, אונזער בעקאנטער נאוויקאוו, האט זיך שוין געהאט בערוהיגט פון זיין ניט געלונגע־

מער ליעבעס־ערקלעהרונג פאר לידא'ן. איהם האט זיך אנגעהויבען צו דאכטען, אז איהר אבזאגען איהם איז געווען בלויז א צופאל, אין וועלכען ער איז אליין שולדיג. ער האט געדארפט פארבריטען לידא'ן, איידער נאך ער האט זיך פאר איהר ערקלעהרט. פונדעסטוועגען האט ער זיך געשעהמט, צו געהן צו דיא סאנין'ס אין הויז און האט גערזוכט מיט איהר זיך צו טרעפען ביי בעקאנטע, צו אויף'ן גאס. ביי אזוינע טרעפעניששען איז לידא מיט איהם געווען שוין צופיעל פריינדליך. דאס איז געווען דערפאר, ווייל זיא האט אויף איהם רחמנות געהאט און טהיילוויז טאקי אויך דערפאר, ווייל זיא האט זיך געפיהלט שולדיג געגען איהם. נאוויקאוו האט עס אבער פערשטאנען אויף זיין אופן, און ער האט ווידער גערזומען האפפען אויף איהר ליעבע . . .

דיעזע אלע דריי געסט האבען פריהער געשפאצירט צוזאמען אין פארק. דארט האבען זיי זיך דערוואוסט, אז יוריע איז געקומען צופאהרען, זיינען זיי פערגאנגען איהם אבגעבען שלום.

מיט זייער קומען האט דיא גאנצע שטוב אבגעלעבט. מען האט געלאכט, געשפאסט און געוויצעלט זיך. ביים סאפער האבען אלע אזוי נשקשה'דיג „אריינגעקנאקט" און איוואנאוו מעהר פון אלעמען.

ביים אוועקגעהען האט זיך נאוויקאוו אבגערופען:

— ווייסט איהר וואס, מיינע העררען? איך וואלט פארגעשלאגען, מיר זאלען גאר מאכען א פיקניק אין מאנאסטיר . . . וואס דענקט איהר פון דעם, הא?

דער מאנאסטיר, וואס איז געשטאנען אונטער'ן שטאדט אויף א הויכען בארג, אין א שעהנעם בליהענדען געגענד ביי א טייך, איז געווען דער געוועהנליכער פלאץ פאר אויסצופאהרען. דער וועג אהינצו איז אויך געווען אזאנגענעהמער.

ליאלע, וועלכע האט מעהר פון אלעם אויף דער וועלט ליעב געהאט טרמעל, געפילדער, שיפען זיך, באדען זיך ארומלויפען איבער'ן וואלד, — האט זיך מיט התפעלות אנגעכאפט פאר דיעזע פארשלאג . . .

— טאקי, טאקי! — האט זיא אויסגעשריען מיט התפעלות — זאלען מיר טאקי מאכען א פיקניק . . . אבער ווען?

— אפילו מארגען — האט נאוויקאוו געענטפערט.

— און וועמען וועלען מיר נאך איינלאדען? — האט פלוצים א פרעג געטהאן ריאזאנצעוו.

איהם איז אויך געפעלען געווען דער געדאנק וועגען פיקניק. אין וואלד קען מען זיך האלטען פרייער . . . דארט וועט ער קענען פיהלען נעהענטער ליאלען, וועט זיא קושען, האלזען און דריקען . . .

— מיר קענען נאך איינלאדען שאפראוו'ן.

— ווער איז דער? האט געפרעגט יוריע.

— א יונגער שטודענט איז דא איינער.

— נו . . . און ליאלע קען נאך איינלאדען קארסאווינע און אלגע איוואנאווגא'ן . . .

— קארסאווינע? ווער איז זיא?

— האט ווידער געפרעגט יוריע.

ליאלע האט זיך צולאכט.

— דוא ווערסט זיא שוין זעהען!

— האט זיא געענטפערט מיט א שעלמישער מינע און דערביי א קוש געטהאן דיא שפיצען פון איהרע פינגער.

— אזוי גאר? — האט יוריע א שמייכעל געטהאן — נו, נו, מיר וועלען שוין זעהען, מיר וועלען שוין זעהען...

נאוויקאוו האט זיך א דרעה געטהאן אהער און אהין און האט אויף'ן סוף ארויסגערעדט מיט געמאכטער, און־

נאַטירליכער גלייכגילטיגקייט:

—דיא סאנין'ס קען מען אויך איינלאדען.

— געווים, געווים! — האט אונטערגעכאפּט ליאַלע — לידאַ'ן אונבעדינגט דארף מען איינלאדען!

זיא האט עם געזאָגט ניט אזוי, ווייל איהר האט זיך טאקע געוואָלט האבען לידא'ן, נור צוליעב נאוויקאוו, ווייל זיא האט געוואוסט פון זיין ליעבע צו לידא'ן. זיא אליין איז געווען גליקליך מיט איהר ליעבע, און זיא האט געוואָלט, אז אלע, אלע ארום איהר זאָלען אויך זיין אזוי גליקליך און צופריעדען, וויא זיא אליין.

— אויב מען וועט איינלאדען לידא'ן, וועט מען דאן מוזען דיא אָפיציערען אויך איינלאדען — האט גיפטיג אריינגעווארפען איוואנאוו.

— איז וואָס?... וועלען מיר זיי אויך איינלאדען... וואָס מעהר עולם, אלץ פריילרכער...

זיי זיינען ארוים אויף'ן באלקאן. דיא לבנה האט געלויכטען העל און ליכטיג. אין דרויסען איז געווען שטיל און ווארים.

— נו, א נאכט! — האט ליאלע אויסגעשריען און האט זיך פער'גנב'עט צוגעדריקט צו ריאזאנצעוו'ן.

זיא האט ניט געוואָלט, ער זאָל אוועקגעהען. ריאזאנצעוו האט ארייגעכאפּט איהר רונד, ווארעם הענטעל צווישען זיין עלענבויגען און ער געדריקט שטאַרק, שטאַרק.

—יע, א וואונדער־שעהנע נאכט!— האט ער ארויסגערעדט, פיהלענדיג, ווי ליאַלעם הענטעל ציטערט צווישען זיין עלענבויגען.

— געבענשט זאָל זיין אזא נאכט! —האט מיט א באסאָווער שטימע ארויסגערימשעט איוואנאוו און ער האט צוגעלייגט: — עס שלעפערט זיך מיר. גוט נאכט, מיינע הערען!...

און ער איז אוועק. ארומווארפענדיג מיט זיינע לאנגע הענד

נאָכדעם זיינען אוועק נאוויקאוו און סעמיאָנאוו. ריאזאנצעוו האט זיך אויף א ווײלע לענגער אָבגעשטעלט אונטער דעם אויסרייד, אז ער וויל נאָך איבעררייד...ען מיט ליאלען וועגען דעם פּיקניק. אין דער־אמת'ן איז ער דערפאר פערבליעבען לענגער, ווייל איהם איז שווער געווען צושיידען זיך מיט זיין ליאַלען.

און ווען ער איז אויף'ן סוף אוועק, איז ליאַלע געשטאַנען אויף'ן באלקאָן, וויא א פער'כישופ'טע, פערגאַסען פון דיא זילבערנע שטראהלען פון דער לבנה, און זיא האט איהם נאָכגעשריען:

— ביי־ביי! ביי־ביי!...

אין דער זעלבער צייט האט זיא זיך מיט איהר גאנצען יונגען וועזען געצויגען און געריסען צו איהם...

יוריע איז ניט אוועק שלאָפען. ער האט געדענקט, אז זיין טאטע שלאָפט נאָך אויך ניט און ער האט מורא געהאט. טאָמער, בלייבענדיג אויג אויף אויג מיט'ן טאטען, וועט יענער מיט איהם פערפיהרען א ריידעריי, וועט איהם פּארווירפע מאכען. ער האט זיך מיישב געווען, טאָמער זאָל ער זיך גאָר דורכגעהען אויף א שטונדע, ביז דער טאַטע וועט דאָרט איינשלאפען...

— דוא געהסט שלאָפען יוריע?— האט ליאלע זיך וויא פון א חלום א כאפּ געטהאָן

— ניין, איך וועל זיך דורכגעהען.

— וויא דוא ווילסט — האט זיא ארויסגערעדט ווייך און צערטליך, האט זיך א ציה געטהאָן און מיט דיא אויגען א זשמורע געטהאָן, וויא א יונג קעצעלע, האט א קוק געטהאָן מיט א שמייכעל ערגעץ העט־ווייט דער ליכטיגער לבנה אנטקעגען און איז אריין אין שטוב...

יוריע איז געבליעבען אליין. א ווײלע איז ער געשטאַנען און געקוקט

אויף די שווארצע סילועטען פון דיא הייזער און ביימער. וועלכע האבען זיך אויסגעדראכט טיעפע און קאלטע, דאן האט ער זיך א כאפ געטהאן און איז אוועק אין דער ריכטונג, וואו דער קראנקער סעמיאנאוו האט זיך לאנגזאם געשלעפט. ער האט באלד אנגעיאגט. יענער האט זיך קוים וואס געשלעפט, דעם קערפער אויסגעבויגט. און האט יעדע ווײלע געהוסט. יוריע האט גלייך בעמערקט דיא ענדערונג, וואס איז אין סעמיאנאוו'ן פארגעקומען פאר דער קליינער ווײלע זינט ער האט פערלאזען זייער הויז. פריהער ביים טיש האט סעמיאנאוו געלאכט און געוויצעלט זיך מעהר פון אלעמען און איצט האט ער זיך געשלעפט אזא טרויעריגער, אזא אונגליקליכער און אין זיין פערשטיקטען הוסטען האט זיך געהערט עפעס, וואס איז געוועזען אזוי מורא'דיג און אזוי האפנונגסלאז, וויא יענע קראנקהייט, אויף וועלכער ער איז קראנק געווען.

— אה, דאס זייט איהר ? — האט סעמיאנאוו ארויסגערעדט צוטראגען און פריינדליך. וויא יוריע'ן האט זיך אויסגעגעבען.

— איך וועל אייך בעגלייטען. מיר ווילט זיך נאך ניט שלאפען — האט יוריע געזאגט.

— נו, בעגלייט מיך . . .

א לאנגע צייט זיינען זיי געגאנגען און האבען געשוויגען. סעמיאנאוו האט אלץ געהוסט און געקארטשעט זיך.

— אייך איז ניט קאלט ? — האט יוריע אונטערבראכען דעם שווייגען, מוטשענדיג זיך פון יענעמס הוסטען.

— מיר איז שטענדיג קאלט — האט סעמיאנאוו געענטפערט אזוי וויא מיט פערדרוס.

יוריע'ן איז געווארען אונאנגענעהם. אזוי וויא ער וואלט ביי יענעם ניט ווילענדיג אנגעריהרט א צו־וועהטאגטע וואונד. און אום צו פערטרייבען דעם איינדרוק, האט ער גענומען ריידען וועגען אנדערע זאכען. וועגען דעם, אז דער אינטערעס צו דער רעוואלוציאן איז געפאלען ביי דיא מאסען. ער האט גערעדט מיט אמת'ן וועהטאג אין קול. ער האט אמת געליטען פאר דיא רעוואלוציאן און פאר דיא מאסען . . . פלוצים האט ער א פרעג געטהאן:

— האט איהר געלעזען בעבעל'ס לעצטע רעדע ?

— געלעזען — האט סעמיאנאוו געענטפערט.

— נו, וואס זאגט איהר ? — האט יוריע אויסגעשריען.

סעמיאנאוו האט פלוצים צורייצט א מאך געטהאן מיט זיין שטאק. זיין שאטען, וואס האט זיך נאך איהם איבער־דר'ערד בעוועגט, האט אויך א מאך געטהאן מיט א שווארצער האנד, וויא א בייזער ווילדער פויגעל וואלט מיט זיין שווארצען פליגעל א מאך געטהאן און סעמיאנאוו האט געענטפערט, וויא מיט א זעג ארויסגעזעגט:

— וואס זאל איך אייך זאגען ? איך קען אייך נור זאגען, אז אט איך שטארב...

סעמיאנאוו האט ווידער א מאך געטהאן מיט זיין שטאק און ווידער האט זיין שאטען בייז א מאך געטהאן מיט א שווארצער האנד. סעמיאנאוו האט עס בעמערקט.

— איהר זעהט ? — האט ער מיט ביטערניש ארויסגערעדט: — ביי מיר הינטערן רוקען שטעהט דער טויט און היט אב מיין יעדע בעוועגונג... און איהר פרעגט מיך אויב איך האב געלעזען בעבעל'ס רעדע!... וואס איז מיר בעבעל! איין פלוידערזאק פלוידערט איין זאך, א צווייטער — אנאנדער זאך און איך מוז כאי וויא סאי שטארבען היינט, מארגען . . .

יוריע האט איהם געהערט א צומישטעער און עס איז איהם געווען שווער און טרויעריג פאר דאס וואס ער האט געהערט.

— איהר טראכט, אז עס איז נור וויכטיג, וואס בעבעל האט גערעדט,

וואָס דיא רעוואָלוציאָן איז געפאלען, צו ניט געפאלען — האָט סעמיאנאָוו גערעדט ווייטער — און איך טראכט, ווען איהר וועט אמאָהל פיהלען דעם טויט אזוי נאָהענט, וויא איך איצט, ווען איהר וועט אויך אזוי זיכער זיין וויא איך, אז איהר שטאַרבט, — דעמאלס וועט אייך אפילו אויפן זינען ניט ארויף אז דיא ווערטער פון א בעבעל, א ניטשע, א טאָלסטאָי, צו תּון אַן אַנדערן פון דעם כאַרט... האָבען א ווערכען ניט איז ווערטה, א ווערכען ניט איז זינן !...

סעמיאנאָוו איז אַנטשוויגען געוואָרען. דיא לבנה האָט העל און ליכטיג געלויכטען, וויא פריהער, און דער שוואַרצער שאטען האָט פון איהם ניט אָבגעטראָטען.

— עס ווערט פון מיר א חורבן !— האָט פּלוצים ארויסגערעדט סעמיאנאָוו מיט א שוואַך, רחמנות'דיג קול — ווען איהר וואָלט געוואוסט, וויא עס ווילט זיך ניט שטאַרבען... איבערהויפּט אין אזא שעהנער, וואַרעמער נאַכט! — ער האָט א קעהר געטהאָן צו יוריע'ן זיין כיאוּת. מאָגער פּנים מיט אוננאַטירליך־בלישצענדיגע אויגען אין האָט ווייטער פאַר איהם אויסגערעדט זיין האַרץ. — אלעס זעהט, אלעס, נור איך שטאַרב ! אָט איך קען זיך דיכטען, אז עס איז אַן אויסגעדראָשענע פראזע, און איך שטאַרב!... איך שטאַרב ניט אין א ראָמאַן א ווערכען, וואָס אימיצער האָט אָנגעשריבען מיט „קינסטלערישער וואַרהייט“, נור אין דער ווירקליכקייט!. און ביי מיר איז דיזע פראזע נאָר ניט קיין אויסגעדראָשענע... ווען עס איז שפּעטער וועט איהר עס אליין פיהלען... איך שטאַרב, איך שטאַרב, און דאָס אלעס ! . . .

ער האָט זיך צוהוסט. דאַן האָט ער גערעדט ווייטער :

— און אז איך טהו אמאָהל א טראכט, אז באלד, באלד וועט ארום מיר זיין פינסטער, שטאָק־פינסטער. איך וועל אין דער קאלטער ערד ליגען אהן א נאָ: און מיט אבגעפוילטע הענד און פיס און דאַן וועט אויף דער ערד אויך בלייבען פונקט אזוי וויא בעת איך האָב געלעבט... איהר וועט לעבען, יענער וועט לעבען... איהר וועט זיך ארומגעהן, איהר וועט אויף זיער לבנה קוקען... דעם אטהעם פון דיא בלומען, פון דיא בוימער וועט איהר אין זיך אריינציהען און איך וועל בעת מעשה ליגען און פוילען, — דאַן... דאַן — האָט ער פּלוצים אויסגעשריען צורייצט, — וויא קען איך דאַן טראכטען פון א טאָלסטאָי, א בעבעל און פון א מיליאָן אַנדערע עזלען?! וויא קען איך?! וואָס זיינען זיי מיר ? !

יוריע, א צומישטער האָט געשוויגען.

— נו, גוט נאכט — האָט סעמיאנאָוו אין א ווייַלע ארום ארויסגערעדט שטיל — איך דאַרף אהער...

יוריע האָט איהם געדריקט דיא האַנד און מיט אמת'ן רחמנות האָט ער געקוקט אויף זיינע איינגעבויגטע אקסלען, אויף זיין איינגעפאלענע ברוסט און אויף זיין שטאָק, וואָס ער האָט איצט אנגעטשעפּעט אָן א קנאָפּ פון זיין סטודענטסקען ראָק. ער האָט איהם געוואָלט עפּעס זאָגען, טרויסטען איהם, ער האָט אָבער געפיהלט, אז ער קען איהם ניט טרויסטען, אז גאָר ניט וועט שוין העלפען. ער האָט א זיפץ געטהאָן און ארויסגערעדט :

— צום ווידערזעהען !

סעמיאנאָוו האָט זיך פערנייגט און איז אריין אין א טויער פון א הויז. פון אהינטער'ן טויער האָבען זיך נאָך געהערט זיינע טריט און זיין הוסטען. באלד איז ארום שטיל געוואָרען.

יוריע איז צוריק אוועק א היים. און אלעס, וואָס האָט זיך איהם מיט א האַלבע שטונדע צוריק געדאכט אזוי שעהן, העל און ליכטיג: דיא לבנה, דער אויסגעשטערנטער הימעל, דיא פער'כישופטע בוימער, האָבען זיך איהם איצט אויסגעוויזען טויט, בייז און מורא'דיג, וויא דיא קעלט פון דעם שרעקליך־גרויסען וועלט־קבר...

ווען ער איז געקומען א היים, איז ער שטיל אריין צו זיך אין צימער און האָט געעפענט א פענסטער צום גאָרטען. מיט וואָס ער האָט זיך ביז איצט פער־

נומען מיט אזא ברען אין וואס ער האט אזוי געגלויבט, איז ניט דאס, וואס מען דארף אויף אן אמת׳ן. ער האט זיך פאר־געשטעלט, אז ווען עס איז, ווען ער וועט האלטען ביים שטארבען, אזוי וויא סע־מיאנאוו איצט, וועט ער זיך אויך אזוי מוטשען און עס וועט איהם אויך אזוי וועה טהאן ניט דאס וואס ער האט ניט געהאלפען דיא מענשען גליקליך צו ווע־רען און אויך ניט דאס, וואס יענע איי־דעאלען, אין וועלכע ער האט אזוי גע־גלויבט, זיינען ניט פערווירקליכט געוואָ־רען אין לעבען, נור עס וועט איהם וועה טהאן דאס, וואס ער שטארבט, וואס ער וועט אויפהערען צו זעהען, צו הערען און צו פיהלען איידער ער האט הנאה געהאט פון׳ם לעבען, וויא עס בעדארף צו זיין... איידער ער האט פון דעם לע־בען גענומען אלעס, אלעס וואס מען קען נור ביי איהם קריגען...

ער האט זיך פערשעהמט פאר דיי־זען געדאנק און אנטהאנדיג זיך א כוח האט ער זיך געפרובט איינרייידען:

— דאס לעבען בעשטעהט דאך אין קאמפף!

— יע, אבער פאר וועמען? האט זיך א געהיימע שטימע אין זיין נשמה אריינגעמישט — פאר וועמען קעמפפסטו? אפשר ניט פאר זיך? אפשר ניט פאר דיין אייגענער ראלע אונטער דער זונן?

אבער יוריע האט זיך געמאכט אזוי וויא ער הערט ניט דיזע געהיימע שטימע און ער האט געוואלט טראכטען וועגען עטוואס אנדערש, ער האט אבער ניט גע־קענט —דיזע שטימע האט איהם גע־מוטשעט און געמוטשעט ביז טרעהרען...

## פינפטער קאפיטעל.

ווען לידא האט געקראגען פון ליאלען דיא קארטען מיט דער איינלא־דונג אויפן פיקניק, האט זיא גלייך ווע־גען דעם געלאזט וויסען סאנין׳ן. זיא האט געדענקט, אז ער וועט זיך אבזאגען פון צופאהרען מיט איהר, און עס האט זיך טאקי איהר אויך שטארק געוואלט, ער זאל ניט פאהרען. זיא האט זיך פאר־געשטעלט וויא ביינאכט, ביי דעם שיין פון דער לבנה, וועט זיא זיך שיפען מיט זארודינען איבערן טייך... עס וועט איהר זיין אזוי גוט און אזוי אנגענעהם, און עס וועט איהר אזוי ציהען צו זארו־דינען... ווען אבער דער ברודער וועט דערביי זיין, וועט זיא זיך פיהלען ניט אנגענעהם, ווייל זיא האט געוואוסט אז סאנין פעראכטעט זארודינען.

אבער סאנין האט איהר ערקלעהרט, אז ער פאהרט אויך אויפן פיקניק.

עס איז געווען א שעהנער לופטיגער טאג. דער הימעל איז געווען קלאהר און פערגאסען מיט גאלדענע שטראהלען פון דער זונן.

צו דער בעשטימטער צייט איז צו סאנין׳ס הויז צוגעפאהרען א וואגען מיט א פאר פערד אויף וועלכען עס זיינען געזעסען זארודין מיט טאנאראוו׳ן.

— לידא פעטראָוונא, מיר וואר־טען! — האט א געשריי געטהאן זארו־דין, וועלכער איז געזעסען אויפן וואגען, א ריינער, א ווייסער, אן אנגעפודערטער.

לידא אין א ווייס זומערדיג קלייד, מיט א ראזעווען סאמעטענעם קראגען און מיט אזא גארטעל ארום טאליע, איז ארונטערגעלאפען פון׳ם גאניק, איז צו־געלאפען צום וואגען און האט אויסגע־שטרעקט צו זארודינען איהרע ביידע הענד. זארודין האט זיא א כאפ געטאן ארויף אויפן וואגען, דערביי האט ער איהר געווארפען אזא בליק, וואס האט, דאכט זיך, גערעדט, „איך און דו וועלען האבען דעם פיקניק“.

זיא האט פערשטאנען זיין בליק, איז פרעהליך אויפגערעגט געווארען און האט זיי גענומען אונטעראייגלען:

— נו, פאהרען, פאהרען! גיך!

ווען סאנין האט זיך געזעצט, האט זיך דער וואגען שנעל אוועקגעטראגען איבער דעם גראזיגען וועג פון׳ם סטעפ. דיא הארטע שטעקעלעך וואס זיינען גע־וואקסען צווישען דיא גראז, האבען זיך געבויגען און ווידער אויסגעגלייכט אונ־טער דיא רעדער פון׳ם וואגען. דער פרי־שער ווינטעל פון׳ם סטעפ האט געבלאזען אויף דיא האר פון דיא רייזענדע און האט זיך געשפיעלט מיט דיא גראז אויף ביידע זייטען וועג.

אונטערן שטאָדט האָבען זיי אָנגעיאָגט א צווייטען וואָגען, אויף וועלכען עס זיינען געזעסען ליאָלע און יוריע, ריאזאנצעוו, נאוויקאָוו, איוואנאָוו און סעמיאָנאָוו. דער לעצטער איז איצט וויידער געווען פרעהליך, האָט געלאכט און געוויצעלט זיך. יוריע'ן איז עס געווען אונאָנגענעהם. ער האָט ניט געקענט פערשטעהען, וויא אזוי סעמיאנאוו קען זיין איצט פרעהליך נאָך נעכטיגען געשפרעך.

דיא פאסאזשירען פון דיא ביידע וואָגענס האָבען זיך בעגעגענט מיט פריוליכע געשרייען, מיט א ליאָרם און געפילדער און האָבען זיך אָנגעהויבען איבערצו־וואָרפען מיט וויצען.

נאָוויקאָוו האָט זיך גענומען נאָריש מאכען, איז אראָבגעשפרונגען פון'ם וואָגען און האָט זיך געלאָזט לויפען אי־בער דיא גראָז נעבען לידא'ן. צווישען זיי האָט זיך וויא איינגעשפיצעלט א מין שטומער אָבמאָך, ארויסצו־ווייזען איינער דעם אנדער'ן איבערטריבענע פריינדשאפט און ביידע האָבען איצט געשפאסט מיט'ן אנדערן איבערטריעבען, כמעט זוּיצפּה'דיג.

פון וויימען האָט ארויסגעוואקסען דער באָרג, אויף וועלכען עס האָבען געבלישצעט דיא שפיצען און האָבען געהעלט דיא וואנד פון'ם מאָנאסטיר. דער גאנצער באָרג איז פערדעקט געווען מיט א וועלדעל און האָט אויסגעזעהען געקרייזעלט פון דיא גרינע שפיטצען פון דיא דובאָווע ביימער. אזוינע בוימער האָבען געוואקסען אונטען אויף אונטער'ן באָרג און צווישען זיי איז געלאָפען א ברייטער און רוהיגער טייך.

דיא פערד האָבען אָבגעקעהרט פונ'ם „שליאָך“ און האָבען זיך אָוועקגעטראָגען איבער דיא ווייכע, פעטע גראָז, קלאָפענדיג מיט דיא קאָפּיטעס איבער דער פייכטער ערד. עס האָט געגנומען שמעקען מיט וואסער און דובאָווען וואלד.

זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף א געוויסען פלאץ. וועלכער איז אלעמען געפעלען געווען. דאָרט האָבען שוין אויף זיי געוואַרט דער סטודענט שאפראָוו און צוויי פריולײנס אין קליין־רוסישע קאָב־טומען. דער סטודענט מיט דיא פריי־ליינס האָבען פריילאָך געלאכט, צוגריי־טענדיג טהעע און צובייסען אויף דיא גראָז.

דיא פאסאזשירען האָבען אלע מיט איין מאָל זיך א שאָט געגעבען פון דיא וואָגענס.

ליאָלע האָט זיך מיט אימפעט א וואָרף געטהאָן צו דיא צוויי פריולײנס, וואָס האָבען דאָרט צוגעגרייט דעם טהעע, און האָט זיך מיט זיי געשמאָק צוקושט. לידא האָט זיך מיט זיי גע־גריעסט איינגעהאלטען און זיי פאָרגע־שטעלט איהר ברודער און יוריע'ן. דיא צוויי פריולײנס האָבען מיט א פערבאָר־גענער נייגיעריגקייט בעטראכט די יונגע לייט.

— זעה נור! — האָט זיך לידא פלוצים א כאָפ געטהאָן, ווענדענדיג זיך צו איהר ברודער און יוריע'ן: — איהר, דאכט זיך, זייט דאָך נאָך אויך ניט בעקאנט? איך וועל אייך פאָרשטעלען: מיין ברודער וולאדימיר פעטראָוויטש, און דיעזער העדר איז — יוריע ניקאָ־לאיעווימש סוואראזשיץ.

סאנין האָט פריינדליך געדריקט יוריע'ן דיא האנד. און יוריע האָט איהם קיין שום אויפמערקזאמקייט ניט גע־שענקט. סאנין'ען איז יעדער מענש אינ־טערעסאנט געווען און ער האָט ליעב געהאַט צו טרעפען זיך מיט נייע מענ־שען. און יוריע, פארקעהרט, איז ביי זיך געווען זיכער, אז אינטערעסאנטע מענשען זיינען פאַרהאַן פערדאמט וועניג, און דערפאַר איז ער גלייכגילטיג געווען צו נייע בעקאַנטשאפטען.

פון דיא איבעריגע אנוועזענדע האָט איוואנאָוו שוין אביסעל געקאָנט סאנין'ען, און ער איז איהם געפעהלען געווען. איצט איז ער צוגעגאנגען צו סאַנין'ען, האָט איהם געדריקט דיא האנד און גענומען מיט איהם ריידען.

דער קראנקער סעמיאָנאָוו האָט אויך געדריקט סאנין'ען דיא האנד, אָבער גלייכגילטיג, ניט פריינדליך.

— נו, איצט זאָל ווערען לעבעדי־גער! — האָט ליאָלע אויסגערופען — דיא קאנגווייליגע פפליכטען זיינען מיר

שוין איבערגעקומען, אלע זיינען שוין פארגעשטעלט, איצט זאל ווערן לעבעדיג, פריילאך!...

צוערשט האבען זיך אלע געפיהלט ניט פריי, וויא געבונדען, ווארום א סך פון זיי האבען זיך היינט דאס ערשטע מאל בעגעגענט. שפעטער אבער, אז די מענער האבען ביים צובייסען אויסגעטרונקען צו עטליכע גלעזלאך שנאפס און די דאמען — ויין, — האבען זיי זיך אלע דערפיהלט פריי, און עס איז געווארען פריילאך... מען האט גענומען לויפען, שפרינגען איבער'ן וואלד, קלעטערען אויפ'ן בארג. דער וואלד איז געוועזן אזוי שעהן און גרין, ארום איז געוועזן אזוי שטיל, העל און ליכטיג, אז זיי אלע האבען זיך דערפיהלט, וויא זארגלאזע קינדער.

— אך! — האט אויסגעשריען, סאפענדיג ליאלעס חתן ריאזאנצעוו, וועלכער איז געוועזן א דאקטאר: — ווען אלע מענשען וואלטען אביסעלע אפטער געשפרונגען און ארומגעלאפען אזוי וויא מיר איצט, ניינציג פראצענט פון דיא קראנקהייטען וואלטען דאן אויף דער וועלט ניט געוועזן...

זיי האבען זיך געזעצט טרינקען טהעע. דערווייל הייבט אן דיא זון צו פערגעהען... דער טייך זעהט אויס ווי מיט גאלד פערגאסען. צווישען דיא ביימער האבען גענומען שוועבען לאנגע קרומע, רויטליכע פאסען.

— נו, מיינע הערדען! — האט לידא אויסגערופען — צום שיף!... שיפען זיך!...

און אונטערגעקאשערט הויך דעם קלייד. האט זיא אויסגעשריען:

— נו, ווער וועט שנעלער קויפען?

און זיא האט זיך אוועקגעטראגען צום ברעג טייך.

אלע האבען זיך א לאז געטהאן נאך איהר. און באלד האבען זיי זיך אלע צוזעצט, לאכענדיג און שטיפענדיג און א גרויסער, העל־געפארבטער שיף.

— נו, אבגעפאהרען זאל ווערן!

— האט ווידער לידא א געשריי געטהאן, פריי היינגעריסען.

און דיא שיף האט זיך לייכט אוועקגעטראגען פון'ם ברעג, איבערלאזענדיג הינטער זיך ברייטע, ווייסע עקען אויפ'ן וואסער.

— יוריע ניקאלאיעוויטש, וואס שווייגט איהר? — האט זיך לידא געווענדעט צו יוריע'ן.

— ניטא פון וואס צו ריידען — האט יוריע צו איהר א שמייכעל געטהאן.

— איז עס מעגליך? — האט זי זיך א כאפ געטהאן און אבגעווארפען אהינטער דאס קעפעלע, פיהלענדיג, וויא דיא מענער ארום איהר שלינגען זיא איין מיט זייערע אויגען.

— יוריע ניקאלאיעוויטש האט פיינד צו פלוידערן גלאט אין דער וועלט אריין — האט זיך אריינגעמישט סעמיאנאוו — ער דארף...

— ער דארף האבען אן ערענסטע טהעמא? — האט אונטערגעכאפט לידא.

— זעהט, זעהט, אט האט איהר אן ערענסטע טהעמא! האט זארודיי אויסגערופען און האט אנגעוויעזען מיט א האנד צום ברעג.

— וואס איז דאס? — האט א פרעג געטהאן שאפראוו, וועלכער איז ניט בעקאנט געוועזן מיט דער געגענד.

— דאס איז א הייעל — האט זיך אבגערופען איוואנאוו.

— וואס פאר א הייהל?

— דער טייפעל ווייסט! מען זאגט, אז אמאל איז דארט געוועזן א פאבריק פון פאלשע מטבעות...

— עס מוז דארט זיין אינטערעסאנט — האט זארודין באמערקט.

— און נאך וויא אינטערעסאנט!

— האט לידא אונטערגעכאפט — וויקטאר סערגייאיטש געהט, טהוט א קיק, וויא זעהט דארט אויס אין דעם הייהל אינווענינ... איהר זייט דאך עפעס א העלד!...

און דער טאן, מיט וועלכען זיא האט עס געזאגט, איז געוועזן א מאדנער, אזוי וויא זיא וואלט זיך איצט פאר מענשען און פאר דעם ליכטיגען שיין געוואלט מיט זארודין'ען אברעכענען, נקמה פון איהם נעהמען, פאר יענעם מאדנע־גוואלדיגען כשוף, מיט וועלכען

ער האָט זיך באַהערשט אין דיא אָבענ־דען, בעת זיא איז מיט איהם געוועזען אליין.

— צו־וואָס זאָל איך עפּעס אהי־ין געהן? — האָט זארודין געענטפערט פערוואונדערט.

— איך געה! — האָט זיך אָב־געריפען יוריע און איז גלייך רויט גע־וואָרען, מורא־האָבענדיג, מען זאָל איהם ניט אָננעהמען פאַר א בעריהמער.

— איהר וועט טהאָן א גוטע זאַך!

— האָט איהם איוואַנאָוו אונטערגעגע־בען חשק.

— אפשר וועסטו אויך געהן, אי־וואַנאָוו? — האָט נאָוויקאָוו פון איהם א לאַך געטהאָן.

— ניין, איך וועל בעסער דאָ זי־צען — האָט איוואַנאָוו געענטפערט.

אלע האָבען זיך צולאַכט.

דיא שיף איז צוגעשטאַנען צום ברעג. דיא שווארצע לאַך פון דעם הייהל האָט איצט אַרויסגעקוקט איבער'ן קאָפּ.

— יוריע, איך בעט דיר, מאַך זיך ניט נאַרריש — איז ליאַלע צוגעשטאַ־נען צום ברודער — געה ניט! עהרענ־וואָרט, דו מאַכסט זיך נאַריש!

אָבער יוריע האָט זיך איינגע־שפּאַרט, אז ער וויל דוקא געהן און ער האָט זיך געווענדעט צו סעמיאָנאָוו'ן:

— סעמיאָנאָוו, זייט אזוי גוט, דערלאַנגט מיר פון קאָרב א ליכט.

סעמיאָנאָוו האָט אַרויסגענומען א ליכט פון א קאָרב, וואָס איז געשטאַנען הינטער איהם, און דערלאַנגט יוריע'ן..

— איהר געהט ווירקליך אין הייהל?

— האָט זיך א קעהר געטהאָן צו יוריען איינע פון דיא פריילענס, וואָס האָבען פריהער צוגעגרייט דעם טהעע. זיא איז געוועזען א הויכע, א שעהנע, מיט א פולען בוזים, און איהר נאָמען איז געוועזען זי־נאַאידא פּאַוולאָוונא קאַראַוואַינא. ליאַ־לע פלעגט זיא רופען פשוט „זינא."

— געוויס געה איך! — האָט יו־ריע געענטפערט און האָט זיך געסטאַ־רעט צו מאַכען א רוהיגע מינע, פונקט וויא דאן, ווען זיין פּאַרטיי פלעגט איהם אַרויסשיקען אויף א געפעהרליכע שליחות.

ביי'ם אריינגאַנג פון הייהל איז געוועזען פינסטער און פייכט. סאַנין האָט א קוק געטהאָן און אַרויסגערעדט: בררררר!..

איהם איז אויסגעקומען קאָמיש, וואָס יוריע וועט קריכען אין אזא גע־פעהרליכען אָרט נור דערפאַר, אום צו ווייזען, אז ער איז ניט קיין טרוס...

יוריע האָט אָנגעצונדען דאָס ליכט און אויסגעמיעדען צו קוקען אויף דיא אנדערע. א געדאַנק האָט איהם אָנגע־הויבען צו מוטשען, צו קוקט ער ניט אויס לעכערליך? עס האָט זיך טאַקי געדאַכט, אז ער איז לעכערליך, אין דער זעלבער צייט אָבער האָט ער ביי דיא פרויען שטאַרק אויסגענומען, האָט אויס־געקוקט אין זייערע אויגען שעדן און מערקווירדיג און געוועקט אין זיי ניי־געריגקייט צו זיך.

ער האָט געוואַרט ביז דאָס ליכט האָט זיך צוברענט און, לאַכענדיג אליין אום יענע זאָלען פון איהם ניט לאַכען, איז ער אריין אין הייהל און איז באַלד בערשלונגען געוואָרען פון דער פינ־כטערניש. עס האָט זיך געדאַכט אז אפילו דאָס ליכט איז אויסגעלאָשען גע־וואָרען. אלעמען אויפ'ן שיף איז עפּעס מורא'דיג געוואָרען פאַר איהם.

— הימט זיך דאָרט פאַר וועלף! — האָט איהם ראַזאַנצעוו נאָכגעשריען.

— איך האָב מיט זיך א רעוואָל־ווער! — האָט יוריע פון דאָרט געענט־פערט, און זיין קול האָט פון אונטער דער ערד אָבגעקלונגען אזוי מאָדנע, ווי א טויטער וואָלט פון דאָרט גערעדט...

ער האָט פאָרזיכטיג גענומען געהן אלץ ווייטער און ווייטער אין הייהל. דיא ווענד זיינען געוועזען נידריגע, קרו־מע און פייכטע, וויא אין א גרויכען קע־לער. דער באָדען אונטער זיינע פיס איז דאָ געוועזען העכער און דאָ נידריגער, און יוריע האָט געטראָטען דאָ אַרויף און דאָ אַרונטער און א פאַר מאָל האָט ער זיך גאָר שיער אין גאַנצען ניט אַרונטערגע־גליטשט אין טיעפע גריבער... ער האָט זיך גענומען מיישב זיין צו זאָל ער זיך אומקעהרען צוריק צו ער זאָל דאָ זיצען

א ווילע און נאכדעם יענע דערצעהלען, אז ער איז געגאנגען ווייט...

פלוצים האט ער דערהערט הינטער זיך טריט וואס האבען געשליאפעט איבער דעם נאסען ליים, און א שווערען כאפען. אימיצער איז געגאנגען נאך איהם. ער האט אויפגעהויבען דאס ליכט הויך איבער'ן קאפ.

— זינאאידא פאוולאוונא! — האט ער אויסגערופען פערוואונדערט.

— איך אליין! — האט זיך אבגערופען קארכאווינא, האט אונטערגעקאשערט דאס קלייד און אריבערגעשפרונגען א גרוב.

יוריע האט זיך דערפרעהט, וואס דאס איז זיא, דיא דיקע, שעהנע, פרעהליכע פרייליין. ער האט געקוקט אויף איהר מיט בלישצענדע אויגען און געשמייכעלט.

גו, געהן מיר ווייטער! — האט פארגעשלאגען קארכאווינא אביסעלע צומישט.

יוריע האט זיא געפאלגט און איז סמיעלא אוועק אין פאראוים. ער האט שוין מעהר ניט געטראכט וועגען א געפאהר, האט זיך נור געסטארעט וואס בעסער איהר צו בעלייכטען דעם וועג.

דיא ווענד פון דעם הייהל, פון גרויען פייכטען ליים געמאכט, האבען זיך דא אנגערוקט אויף זיי מיט א שטורמען, בייזען אויסזעהן, און דא אבגעטראטען פאר זיי און געלאזט זיי געהן ווייטער... ערטערווייז האבען פון דיא ווענד ארויסגעקוקט טיעפע לעכער און אונטער זיי זיינען געלעגען גאנצע קרפעס שטיינער מיט ערד. דאס שווערע שטיק ערד וואס איז איבער זיי געהאנגען, האט אויסגעקוקט טויט און עפעס מורא'דיגעס איז געלעגען אין דעם וואס עס פאלט ניט ארונטער, וואס עס הענגט אזוי אין דער לופטען, וויא פון עפעס א פערבארגענער מעכטיגער האנד איינגעהאלטען . . .

זיי האבען זיך אבגעשטעלט. אלע ארויסגאנגען זיינען זיך דארט צוזאמענגעגאנגען ביי איין גרויסען, שווארצען הייהל, וואו עס האט זעהר געשטיקט.

יוריע האט גענומען זוכען אן ארויס־גאנג און נאך איהם האבען געשוועבט דער ציטערנדיגער שיין און שאטען פון דעם ליכט וואס פלעגען באלד פערזינקען אין דעם ארומיגען חושך.

אויסגאנגען זיינען געווען עטליכע, אבער אלע פערווארפען מיט ערד. אויף איין פלאץ האבען טרויעריג א־ויסגעקוקט דיא צופוילטע איבערבלייבעכצען פון א הילצערנעם פאל, וואס האבען אויסגעזעהן וויא ארויסגעווארפענע ברעטער פון א צוגראבענעם אלטען, פערפוילטען קבר . . .

— דא איז ניטא וואס צו זעהען!— האט זיך ביי יוריע'ן ניט ווילענדיג ארויסגעריסען. דאס שטיק ערד איבער זיין קאפ האט איהם געשטיקט.

— פון דעסטוועגען! — האט קארסאווינא ארויסגעשעפצעט און זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטען מיט אויגען אין וועלכע עס האבען געפינקעלט אונרוהיגע פייערלעך. זיא האט מורא געהאט און גאנץ אונבעוואוסט פאר זיך אליין האט זיא זיך געהאלטען נאהענט נעבען יוריע'ן, אזוי וויא זיא וואלט ביי איהם געזוכט שוץ.

יוריע האט עס בעמערקט און דאס איז איהם געווען שטארק אנגענעהם. אין איהם האט זיך ערוועקט א בעגייסטערטע צערטליכקייט צו איהר שעהנקייט און איהר שוואכקייט.

— מיר זיינען וויא לעבעדיג־בעגראבענע — האט קארסאווינע ווייטער גערעדט — דאכט זיך, ווען מען זאל שרייען, וועט קיינער ניט הערען!...

— זיכער — האט יוריע א שמייכעל געטהאן.

און פלוצים האט זיך ביי איהם דער קאפ גענומען דרעהען... ער האט פון א זייט א קוק געטהאן אויף איהר הויכען בוזים, וואס איז קוים פערשטעלט געווען פון א דין־קליין רוסיש־דעמדעל, האט בעמערקט איהר רונדע פלייצעס און א ברענענדער געדאנק אז זיא איז אליין מיט איהם, אז זיא איז אין זיינע הענד און קיינער וועט ניט הערען איהרע געשרייען, — אט דיזער ווילדער געדאנק דאט איהם פלוצים אזוי א ברען געטהאן אין קאפ, אז פאר דיא אויגען האט איהם

געטומען שווינדלען. ער האָט אָבער זיך באַלד בעהערשט, וואָרים ער איז ניט געוועזן אַזוי פערדאָרבען און האָט אַזאַ זאַך געהאַלטען פאַר דעם גרעסטען פערברעכען. און אום צו פערטרייבען זיינע אייגענע געדאַנקען, האָט ער געזאָגט:

— אַט מיר וועלען באַלד פּרובען!

זיין קול האָט מאָדנע געציטערט און ער האָט זיך דערשראָקען, טאָמער וועט קאַרסאַווינע אָנשטויסען זיך פון זיין ציטערנדיגען קול אויף זיינע געדאַנקען.

— וואָס מיינט איהר, איהר וועט פּרובען? — האָט די מיידעל געפרעגט.

— איך וועל אויסשיסען, וועלען מיר וויסען, אויב מען האָט אונז דערהערט, צו ניט — האָט יוריע איהר ערקלעהרט און אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער.

— וועט די ערד פון אויבען ניט אַרונטערפאַלען פון דעם שאָס? — האָט זי אַ פרעג געטהאָן מיט אונרוהיגקייט אין קול.

— איך ווייס ניט — האָט יוריע געענטפערט, הגם ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז דאָס שטיק ערד פון אויבען וועט ניט אַרונטערפאַלען:

— און איהר האָט דען מורא?

קאַרסאַווינע האָט זיך געשעהמט צו זאָגען אַזאַ שעהנעם יונגען מאַן אַז זי האָט מורא, און זי האָט אַרויסגערעדט:

— נו, שיסט!...

דערביי האָט זי זיך אָבגערוקט פון איהם.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד מיט'ן רעוואָלווער און אויסגעשאָסען. עס האָט אַ בלישצע געטהאָן אַ פייערדיגע צינגעלע, אַ רויך, אַ שווערער און בייסענדיגער, האָט זיך צושפּרייט אַרום און אַ דומפּפער, פערשטיקטער טומעל האָט שווער און בייז זיך אָוועקגעטראָגען איבער'ן הייהל. דאָס שטיק ערד אָבער איז געבליבען הענגען אויבען ווי פריהער.

— איצט קומט צוריק! — האָט יוריע אין אַ ווייל אַרום געזאָגט.

— קומט!...

זיי האָבען גענומען געהן צוריק, און דאָ האָט זיך יוריע'ן געוואָרפען אין די אויגען, קוקענדיג אויף איהר רוקען, איהר שלאַנקע און מעכטיגע פיגור און דער פריהערדיגער ווילדער געדאַנק האָט איהם ווידער גענומען אַזוי מוטשען, אַז איהם איז שווער געוואָרען צו קעמפּפען מיט זיך אַליין.

— הערט אויס, זינאַאידאַ פּאַוולאָווגאַ — האָט זיך יוריע פּלוצים געווענדעט צו איהר, סטאַרענדיג זיך צו ווייזען רוהיג: — איך וועל אייך שטעלען אַן אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע פראַגע: וויאַזוי האָט איהר ניט מורא געהאַט צו געהן אַליין מיט מיר אַהער? איהר זאָגט דאָך אַליין, ווען מען זאָל דאָ שרייען וועט קיינער ניט דערהערען... איהר קענט דאָך מיך גאָר ניט...

קאַרסאַווינאַ איז שטאַרק רויט געוואָרען און איהם גאָר ניט געענטפערט.

יוריע האָט שווער געאַטהעמט. עס איז איהם אי אַנגענעהם געווען, אי ער האָט זיך געשעהמט פון דער פראַגע.

— איך האָב אייך געהאַלטען פאַר אַן אָנשטענדיגען מענשען — האָט זי שטיל אַרויסגעמורמעלט און האָט מיט צושראָקענע אויגען געקוקט אַרום זיך...

יוריע איז געגאַנגען ווייטער נעבען דער שעהנער קאַרסאַווינע'ן אין דעם פינסטערען הייהל און ער האָט געפיהלט, ווי אינווענדיג אין איהם ציטערט און רוישט . . .

— און ווי וואָלט געווען — האָט ער אַרויסגערעדט מיט ברענענדיגע ליפּען — ווען איך . . . ווען איצט . . . וואָלט איך . . .

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט צושראָקענע אויגען און שטיל געענטפערט:

— דעמאָלט וואָלט איך . . . זיך אין טייך אַריינגעוואָרפען! . . .

און דיעזער ענטפער איהרער האָט אין יוריע'ס נשמה אויפגעוועקט אַזאַ וואַרעם און רחמנות'דיג געפיהל צו איהר אַז ער האָט זיך גלייך בערוהיגט און דערפיהלט, ווי עס איז איהם זעהר גוט און גרינג געוואָרען אויף'ן האַרצען . . .

— וואס פאר א וואויל מיידעל — האט ער א טראכט געטהאן וועגען איהר מיט התפעלות . . .

און דיא שעהנע קארסאווינע ? . . . זיא איז געגאנגען נעבען איהם און האט זיך אויך מאדנע אויפגערעגט געפיהלט. איין געדאנק האט זיא ניט געלאזט רוהען. פארוואס האט זיא זיך ניט בעלײדיגט, פערשעהמט, בעת ער האט איהר געשטעלט אזא פראגע, — יע, פארוואס ? ! . . .

זעקסטער קאפיטעל.

דיא איבריגע יונגע מענשען, וואס זיינען געבליעבען אויבען, האבען זיך דערוויילע צוזעצט אויף דיא גראז. דיא מענשער האבען פעררויכערט. לידא האט ניט געקענט איינזיצען אויף אן ארט. האט זיא זיך אנגענומען פון הינטען ביים גארטעל און איז אוועק טאנצען איבער דיא גראז, דרעהענדיג זיך אויף איהרע געלע קליינע שיכעלאך און אונטערזינגענדיג אין דער שטיל . . . ליאלע האט געריסען בלומען, געווארפען זיי אויף איהר חתן ראזאנצעוו'ן און האט איהם געקוסט מיט איהרע פערליעבטע אויגען.

פלוצים האט זיך איוואנאוו געווענדעט צו סאנין'ען :

— אפשר איז א סברא, מיר זאלען דערווייליע עפעס טרינקען ? . . .

— א בריליאנטענע אידע ! — האט סאנין איינגעשטימט.

זיי זיינען צוגעגאנגען צו דער שיף, ארויסגעשלעפט פון דארט פלעשער ביער און זיי האבען זיך א נעהם געטהאן צו דער ארבייט . . .

— איהר אונפערשעהמטע שיכורים!

— האט ליאלע זיך אבגערופען און א ווארף געטהאן אויף זיי א בינטעל גראז.

— אוי גוט ! אוי גוט ! — האט זיך פאסמאקעוועט איוואנאוו, טרינקענדיג דעם ביער.

סאנין האט זיך צולאכט :

— איך האב זיך תמיד גע'חידוש'ט, פארוואס פאלען אזוי אן מענשען אויף דיא שטארקע געטראנקען — האט ער זיך אבגערופען מיט שפאס אין קול — נאך מיין מיינונג לעבט נור דער שיכור וויא עס בעדארף צו זיין . . .

— אט וויא א ריכטיגער חזיר ! — האט זיך נאוויקאוו אריינגעמישט . . .

— נו, זאל זיין, וויא א חזיר — האט סאנין אונטערגעכאפט — אבער דער שיכור לעבט דאך נאך זיינע געפיהלען נאך . . . ווילט זיך איהם זינגען, זינגט ער. ווילט זיך איהם טאנצען, טאנצט ער . . . ער שעהמט זיך ניט מיט זיינע געפיהלען . . .

— און א מאל קריעכט ער זיך שלאגען אויך — האט בעמערקט ריאזאנצעוו.

— און דוא, סאנין, שלאגסט זיך ניט, ווען דוא ביזט שיכור ? — האט נאוויקאוו א פרעג געטהאן.

— ניין — האט סאנין געענטפערט — איך וועל זיך גיכער שלאגען, בעת איך בין ניכטער. ווען אבער איך בין שיכור, בין איך דער בעסטער מענש. ווארום דעמאלט פארגעס איך אן פיעל שווייגערייען . . .

— נו, ניט אלע זיינען וויא איהר — האט ריאזאנצעוו זיך ווידער אריינגעמישט.

— נאטירליך, עס טהוט מיר ליד, וואס ניט אלע זיינען אזוי וויא איך. אבער וואס קימערען מיך דיא אנדערע?

— האט סאנין געזאגט.

— נו, אזוי טאר מען ניט ריידען — האט נאוויקאוו מיט פערדרוס זיך אבגערופען.

— פארוואס טהאר מען עפעס ניט? און ווען דאס איז דער ריינער אמת ?

— א שעהנער אמת ! — האט ליאלע אונטערגעכאפט און א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ.

— דער שעהנסטער אמת, וואס איך ווייס נור ! — האט איוואנאוו געענט־

פערט פאר סאנין'ען.

אין דיעזער צייט האט זיך לידא צוזונגען הויך אויף'ן קול, אבער האט זיך באלד אונטערבראכען.

— וואס זאמען זיי זיך דארט אזוי לאנג ? — האט זיא ארויסגערעדט.

— וואס האבען זיי זיך צו איילען ?

— האט איוואנאוו געזאגט.

— אבער קארסאווינע . . . זיא איז טאקי א העלדין אהן מורא . . . נאטירליך ! — האט לידא ווידער בעמערקט סארקאסטיש — און אפשר, ווער ווייסט ? . . . אפשר איז זיי דארט גאנץ פרעהליך ? . . .

פון א הייהל האט פערשטיקט אבגעקלונגען א שאס.

— מען האט אויסגעשאסען ! — האט שאפראוו אויסגעשריען.

ליאלע האט א געשריי געטהאן און אנגעכאפט איהר חתן ביים ארבעל.

— אוי, וואס איז עס ! אוי ! — האט זיא געשריען און זיך געטרויסעלט.

ריאזאנצעוו האט זיא געפרובירט בערוהיגען, אבער ליאלע איז געוועזען אויסער זיך פון שרעק.

— שא, שא, זיי קומען ! זיי קומען, בערוהיגט אייך ! — האט לידא א געשריי געטהאן און אנגעקוקט ליאלען מיט פעראכטונג.

עס האט זיך דערהערט א נאהענטער גערויש. און באלד האבען ארויסגעטראטען פון דעם שווארצען הייהל יוריע מיט קארסאווינע'ן.

יוריע האט געקוקט אויף אלעמען מיט פרעהליכע, גוטע אויגען. ער איז אין גאנצען אויסגעשמירט געוועזען מיט געלען לייהם. ביי קארסאווין'ען איז דיא פלייצע אויך אויסגעשמירט געוועזען.

— נו, וואס ? — האט סעמיאנאוו בעגעגענט יוריע'ן מיט א גלייכגילטיגער מינע.

— עס איז פארהאן וואס צו זעהען דארט — האט יוריע געענטפערט אונענטשלאסען, אזוי וויא ער וואלט זיך פערענטפערט : — נור דער דורכגאנג איז דארט פערשאטען.

— און דעם שאס האט איהר דא געהערט ? — האט קארסאווינא מיט התפעלות, בלישצענדיג מיט איהרע אויגען, א פרעג געטהאן.

— מיינע דאמען און העררען ! — האט איהר איוואנאוו אונטערבראכען — דעם ביער האבען מיר שוין אויסגעטרונקען, אונזערע נשמות האבען זיך שוין גענוג אנגעפרעהט, איצט פאהרען ! . . .

א ווײלע שפעטער, ווען דיא שיף מיט זיי האט זיך געטראגען אויף'ן מיטען טייך, איז דיא לבנה שוין געהאט אויפגעגאנגען. ארום איז געוועזען מערקווירדיג שטיל און ליכטיג. אויף'ן הימעל און אין וואסער, אויבען און אונטען, האבען געפינקעלט דיא גאלדענע פייערלאך פון דיא שטערען, און עס האט זיך געדאכט, אז דיא שיף שוועבט און טראגט זיך אין מיטען צווישען צוויי טיעפע אבגרונדען. דער וואלד פון ברעג, א שווארצער, פול סודות, האט טיעף אריינגעקוקט אין'ם וואסער-שפיעגעל . . . דיא נאכטיגאל האט גענומען זינגען און פלעכטען איהרע טרעללען . . . . אונטער דער ארומיגער שטילקייט האט זיך געדאכט, אז דאס זינגט ניט קיין פייגעל. נור עפעס א גליקליך, קלוג וועזען . . .

— וויא גוט ! וויא גוט ! — האט ארויסגעשעפצעט ליאלע, און קוקענדיג ארויף צו, צום הימעל, האט זיא זיך מיט איהר קעפעלע אנגעשפארט אן קארסאוויענעס רונדע, ווארימע פלייצע.

און דיא נאכטיגאל האט געזונגען און געגאסען איהרע טרעלען, און איהר זינגען האט אבגעטרילט אין וואלד, אריבער'ן פער'כישופ'טען טייך, האט זיך צושאמען אין העלע צויבער-טענער אריבער דיא פעלדער. איבער דיא גראז

און בלומען, וואס האבען זיך צוגע־הערט, וויא פער'כישופ'טע אונטער דער מאטער שיין פון דער לבנה. און האט זיך געטראגען ווייט און הויך צום קאלטען, אויסגעשטערנטען הימעל.

— פון וואס זינגט זיא ? — האט ליאלע ווידער ארויסגעשעפצעט און אנגעריהרט ריאזאנצעוו'ן ביי דער קניע.

ריאזאנצעוו האט זיך א צאפעל גע־טהאן פון איהר בעריהרונג און זיך אב־געגרופען אויף שפאס :

— פון ליעבע זינגט זיא, פער־שטעהט זיך פון ליעבע !

און ער האט פער'גנב'עט א דריק געטהאן איהר ווארעם הענטעלע.

— אין אזא נאכט ווילט זיך ניט טראכטען ניט פון גוטעס און ניט פון שלעכטעס — האט לידא ארויסגערעדט פערטראכט, ענטפערענדיג איהרע איי־גענע געדאנקען.

זיא האט געוויס גענומען טראכטען, אויב זיא טהוט גוט, וואס זיא שפיעלט זיך אזוי געפעהרליך מיט זארודין'ען... און קוקענדיג איצט אויף זארודין'ס פנים, וואס איז געווען אונטער דער שיין פון דער לבנה נאך שעהנער און מענליכער וויא ווען־עס־איז, האט זיא דערפיהלט אזא זיסען חלש'ן און אזא מורא'דיגע שוואכקייט אין איהר גאנצען וועזען.

סאנין איז דיא גאנצע צייט געזע־סען און דיא אויגען ניט געקענט אב־רייסען פון קארסאווינע'ס רייכע פאר־מען.

דיא שיף איז פערביינגעגאנגען א הויכען בארג, וואס האט געווארפען פון זיך א דונקעלען שאטען אויף'ן וואסער. באלד אבער איז דער בארג מיט דעם שאטען פערבליעבען אהינטער און זיא האט זיך ווייטער געטראגען איבער דעם ברייטען טייך אונטער דער העלער שיין פון דער לבנה . . .

קארסאווינע האט ארונטערגענומען דיא ברייטע, שטרויענע הוט פון'ם קאפ און, אויסגעשטעלט איהר רייכע ביוסט, האט זיא גענומען זינגען.

איהר שטימע איז געווען הויך אם שעהן און דאס ליעד א רוסישע, אן אונ־מוטהיגע, וויא אלע רוסישע ליעדער.

— זעהר זיעס ! — האט געמור־מעלט איוואנאוו.

— יע, גוט ! — האט געזאגט סא־נין . . .

און זיא האט געזונגען אין געזונ־גען און דיא גאנצע לופט ארום זיי איז אנגעשטעקט געווארען מיט געזאנג און ליעבע און האט זיי אלעמען בע־רוישט, פער'שיכור'ט . . .

ווען קארסאווינע האט געענדיגט זינגען, האבען אלע איהר צפלאדירט, און דיא אפלאדיסמענטען האבען מאד־נע שארף אבגעהילכט אין דעם דונקע־לען וואלד און ווייט איבער'ן טייך.

— זינג נאך עפעס, זינאטשקע !

— איז צו איהר צוגעשטאנען ליאלע

— אדער... לעז גאר פאר עפעס פון דיינע געדיכטע...

— איהר זייט א דיכטערין אויך ?

— האט איוואנאוו זיך געוואונדערט צו קארסאווינע'ן און צוגעלייגט מיט א קאמישער מינע : אה, מיט וויפיעל גוטע אייגענשאפטען האט דער ליעבער גאט אייך געבענשט !...

קארסאווינע האט צומישט א לאך געטהאן : — איז עס אפשר שלעכט ?

— נו, לעז, זינאטשקע ! — האט זיך ליאלע, פול ליעבע און צערטליכקייט ביי איהר געבעטען : — נו, לעז, טהייע־רינקע...

קארסאווינע האט צומישט גע־שמייכעלט. באלד אבער האט זיא, מיט דיא אויגען קוקענדיג אויפ'ן וואסער, איבערגעלעזען מיט א הויך, הילכענדיג קול אט דאס דאזיגע געדיכט :

ליעבסטער, ליעבסטער, דיר וועל
איך ניט זאגען,
דיר וועל איך ניט זאגען, וויא
שטארק איך ליעב דיך.
איך וועל צושליסען מיינע פער־
ליעבטע אויגען —
און זיי וועלען היטען דעם סוד

מיינעם...
פון דיזען סוד דארף קיינער ניט וויסען,
עס ווייסען פון אידם נור דיא טעג דיא בענקענדע,
נור דיא נעכט דיא שטילע, דיא בלויע,
נור דיא שטערענדלאך דיא גאָלדענע, דיא פייערדיגע,
זיי ווייסען אלעם... זיי וועלען אָבער ניט זאָגען,
ניט זאָגען קיינעם פון דער געהיימער ליעבע מיינער...

— בראוואָ! האָך! האָך! — האָבען וויעדער אלע געשריען און אפּלאָדירט מיט התפּעלות, מיט בעגייסטערונג, ניט דערפאר, ווייל דאָס געדיכט איז געוועזען אזוי גוט, נור ווייל זיי אלעמען איז געוועזען אזוי לייכט און פרעהלאך אויפ'ן הארצען און עס האָט זיך זיי אלעמען געוואָלט ליעבע און גליק, גליק, גליק...

— אָה, דו נאכט, דו טאָג, און איהר שעהנע אויגען פון זינאאידא פּאוולאָוונאַ, זייט אזוי גרויס מוטהיג און לאָזט מיך וויסען, בין איך ניט יענער גליקליכער מענשענקינד, אין וועמען די שעהנע דיכטערין איז אזוי פערליעבט! — האָט פּלוצים א גוואלדעווע געטהאָן איוואנאוו מיט אזא ווילדער באסאָווער שטימע, אז אלע האָבען זיך א טרויכעל געטהאָן.

— איך קען דיר זאָגען, אז ניט דו! — האָט זיך סעמיאָנאָוו אָבגערופען.

אוי וועה איז צו מיינע יאָהרען! — האָט איוואנאָוו גענומען כלומר'שט יאָמערען.

אלע האָבען געלאכט.

— מיין געדיכט טויג גוט אויף כפּרות, הא? — האָט קארפּאווינא א פרעג געטהאָן יוריע'ן.

יוריע'ן איז עס טאקע ניט געפעלען געוועזען, אָבער זיא, קארסאווינע, איז געוועזען אזוי שעהן און האָט אזוי ליעב געקוקט אויף איהם מיט איהרע דינקעלע, שעהמעדיגע אויגען, אז ער האָט ערנסט געענטפערט:

— דאָס געדיכט איז מיר זעהר געפעלען.

קארסאווינע איז געוועזען גליקליך פון זיין ענטפער און זיא האָט זיך געוואונדערט, ווארום איז זיא אזוי גליקליך.

— דו קענסט נאָך ניט זינאטשקע'ן — האָט ליאלע אויסגערופען מיט אמת'ער התפּעלות — יא איז אין גאנצען אזא שעהנע, אזא ליכטיגע!...

ביי קארסאווינע'ן האָבען די אויגען געבלישצעט, זיא האָט צומישט געלאכט און געפּרעהט זיך מיט דיא קאָמפּלימענטען...

— נו, שוין צייט אהיים! — האָט זיך פּלוצים ביי לידא'ן ארויסגעריסען גראָב. זיא האָט ניט געקענט פערטראָגען, וואָס מען האָט אזוי פיעל געלויבט קארסאווינע'ן. זיך אליין האָט זיא געהאלטען פאר פיעל שעהנער, קלוגער און אינטערעסאנטער פון יענער.

— אפשר וואָלסטו אויך עפּעס געזונגען? — האָט סאנין זיך צו איהר געווענדעט.

— ניין — האָט זיא געענטפערט ביין — איך בין ניט אויפגעלייגט...

אין א ווײלע שפּעטער האָט זיך דיא שיעף מיט זיי געטראָגען צום ברעג, וואו דיא וואגענס זיינען געשטאנען.....

## זיעבענטער קאַפּיטעל.

אין דריי טעג ארום שפּעט ביינאכט איז לידא אהיים געקומען א מיעדע, א צובראָכענע און א דערשלאָגענע. זיא האָט געפיהלט א בענקעניש און א נאָגעניש, און אין איהר נשמה האָט א פערצווייפעלטע שטימע געקרעכצט: „וואָס האָסטו געטהאָן?... וואָס האָסטו געטהאָן?...“

זיא איז אריין צו זיך אין צימער, איז געבליבען שטעהן מיט דיא אויגען אויסגעגלאָצט אויף דער פּאָדלאָגע און האָט גענומען ברעכען דיא הענד...

זיא איז עס איצט געקומען פון זאַרודין'ען... געקומען ניט דיא, וואָס זיא איז געוועזען פריהער... און מיט שרעק האָט זיא איצט געטראכט וועגען דעם, וויא אזוי האָט זיא געקענט אזוי וויט איהר קאָפּ פערלירען, איהר זינען, און זיך געלאָזט הינרייסען פון אזא קליין,

נאריש מענשעלע, וויא זארודין?!... **וויא אזוי?! וויא אזוי?! איצט וועט ער איהר זיין שענדליכע מאכט ווייזען, וועט זיא ערניעדריגען... און ווען ער וועט נור פערלאנגען, וועט זיא מוזען קומען צו איהם, זיין שקלאווין וועט זיא איצט מוזען זיין, זיין שקלאפין!...**

**וויא אזוי דאס האט פאסירט האט זיא ניט געקענט פערשטעהן.... זיא איז** געזעסען מיט איהם און פערבראכט, און, וויא אלע מאל, האט זיא געפיהלט איהר מאכט איבער איהם, געשפאסט געשטיפט מיט איהם און ווייטער געהאלטען איהם אין צוים... און פלוצים... א פייערדיגע כוואליע האט א שטראם געטהאן איבער איהר גאנצען קערפער און פאר איהרע אויגען האט זיך פערצויגען א ווייסער טומאן. אלעס איז פערזונקען געווארען אין דעם דאזיגען טומאן, אלעס, אויסער איין ברענענדיגער, זודיגער וואונש פון נייגעריגקייט, וואס האט זיא געשלעפט און געשטופסען אין א געהיימען אבגרונד... דיא ערד האט אוועקגעשוואומען פון אונטער איהרע פיס, זיא האט זיך דערפיהלט אזוי שוואך און אזוי אהן מאכט און עס האט איהר געשלעפט און געצויגען צו א פאאר שווארצע, ברענענדיגע, מורא'דיג-אונפערשעהמטע אויגען, וואס האבען געקוקט אויף איהר און זי גע'כישוף'ט... און זי האט זיך פערלארען, פערלארען...

און דערמאנענדיג זיך עס, האט לידא א ציטער געטהאן און פערדעקט דעם פנים מיט ביידע הענד.

זי איז צוגעגאנגען מיט וואנקענדע טריט צום פענסטער, האט איהם געעפענט און האט געקוקט, געקוקט לאנג אויף דער לבנה, וועלכע האט געשוועבט איבער'ן גארטען, צוהערענדיג זיך צו דעם זינגען פון דער נאכטיגאל, וואס האט זיך געגאסען אין דער לופטען.

דיא נאגעניש האט זיא געשטיקט. **זיא האט זיך געמוטשעט און געגעסען, פארוואס זיא האט איהר לעבען איבערגעפיהרט פאר אזא קליין, נאריש מענשעלע... אזוי דום איז זיא געפאלען, אזוי נאריש און עקעלדיג און אזוי ניט אויסגערעכענט!...**

איהר צוקונפט האט זיך פאר איהר גענומען מאהלען אין אזוינע מורא'דיג-שרעקליכע פארבען, אז זיא האט זיך קיין ארט ניט געקענט געפינען. זיא האט בייז און פערביסען גענומען טרייבען פון זיך דיא פינסטערע געדאנקען, וואס זיינען איהר בעפאלען פון אלע זייטען, וויא גיפטיגע פליעגען:

— נו, איז וואס? בין איך צוזאמענגעקומען מיט איהם! — האט זיא געטראכט צורייצט, וויא אויף להכעיס זיך אליין: — נו, איך האב אזוי געוואלט!... עך, נארישקייטען! איך בין פארט געוווען גליקליך!....

זיא האט א ציטער געטהאן, אויפגעשטרעקט איהרע ביידע הענד און האט זיך א ציה געטהאן מיט'ן גאנצען קערפער.

עך, פערפאלען! — האט זיא ווידער געטראכט — ניט טראכטען, ניט טראכטען, קענסט שוין ניט כאפען צוריק!...

און קוים האלטענדיג זיך אויף די פיס, איז זיא אבגעטראטען פון'ם פענסטער און האט זיך גענומען אויסטאן. זיא האט פונאנדערגעבונדען דיא שנירלאך פון'ם קלייד און האט איהם ארונטערגעלאזען אויף דער פאדלאגע.

— איז וואס איז דארט? — האט זיא זיך ווידער געפרובט טרויסטען — איינמאל לעבט מען...

זיא איז געבליעבען שטעהן מיט נאקעטע פלייצעס און ארעמס און האט א ציטער געטהאן פון קעלט.

— וואס וואלט איך שוין געוואונען; — האט זיא געטראכט ווייטער — ווען איך וואלט שוין געווארט ביז א געזעצליכע חתונה?... ניט אלץ איינס, שוין זשע בין איך אזוי נאריש, וואס איך גיב צו צו דעם אזוי פיעל בעדייטונג?.. נארישקייטען!...

און פלוצים האט זיך איהר גענומען דאכטען, אז דאס איז טאקי א נארישקייט, וואס זיא טראכט אזוי פיעל פון דעם... מארגען, אז זיא וועט וועלען, וועט זיא פון דעם א סוף מאכען... יע, יע, זיא וועט פון דעם מאכען א סוף!... זיא האט פון דעם לעבען גענומען וואס

זיא האָט געוואָלט, און איצט איז זיא פריי, וויא א פויגעל, און אין דער צו־קונפט איז נאָך דאָ אזוי פיעל לעבען, גליק און אינטערעס...

— ווען איך וועלען, וועל איך ליע־בען, וועל איך ניט וועלען, וועל איך ניט ליעבען...—האָט זיא שטיל ארויס־געזונגען און, דערהערט איהר אנגע־נעהמע שטימע, האָט זיא מיט פערגניגען א טראַכט געטהאָן, אז ביי איהר איז א פיעל בעסערע שטימע, וויא ביי קארסאַ־ווינע'ן...

— עך, נארישקייטען! — האָט זי זיך פלוצים א כאַפּ געטהאָן א צוריי־צטע געגען איהרע געדאנקען, וואָס האָבען זי נאָך אלץ ניט אָבגעלאָזען: — נאריש־קייטען, ווען איך וועל וועלען, וועל איך אפילו דעם טייפעל אליין ליעבען!...

זיא האָט פערוואָרפען איהר נאַקע־טע אָרעמס הינטער איהר נאַקען און א ציה געטהאָן זיך אזוי ראַפּטאַם און שטאַרק מיט'ן קערפּער, אז איהר הויכער בוזים האָט א ציטער געטהאָן.

— דו שלאָפסט נאָך ניט, לידא? האָט זיא דערהערט סאנין'ס קול אהינ־טער'ן פענסטער...

זיא האָט זיך מיט שרעק א צאַפּעל געטהאָן און אומגעקוקט זיך.

אין פענסטער, אנגעלייגט מיט זיי־נע עלענבויגענס, איז געשטאנען סאניו, געקוקט אויף איהר מיט ברענענדיגע אוי־גען און האָט מאָדנע געשמייכעלט...

זיא האָט א כאַפּ געטהאָן אויף זיך א טוך, צוגעדעקט איהרע נאַקעטע אָרעמס און פלייצעס און איז צוגעגאנגען צום פענסטער.

— וויא דוא האָסט מיך איבערגע־שראָקען! — האָט זיא געזאָגט.

סאנין האָט געקוקט אויף איהר מיט זיינע ברענענדיגע אויגען און האָט אלץ געשמייכעלט. דאן האָט ער זיך אָבגערופען.

— צו וואָס האָסטו עס געטהאָן?

— וואָס? — האָט זיא זיך א כאַפּ געטהאָן.

— איך מיין... אזוי, אהן א טוך, מיט נאַקעטע אָרעמס און פליי־צעס. קוקסטו אויס שעהנער — האָט ער איהר ערקלעהרט מיט א שטיל, אבער דייטליך קול.

לידא האָט איהם אנגעקוקט צומישט און האָט זיך אינסטינקטיוו נאָך פעס־טער איינגעדרעהט אין דעם טוך.

סאנין האָט זיך צולאכט. לידא האָט זיך אנגעשפּארט מיט'ן בוזים אָן פענס־טער און ארויסגערוקט דעם קאָפּ. סאַ־נין האָט איהר הייס געאָטהעמט אויפ'ן פנים.

— וויא שעהן דוא ביזט! — האָט ער ארויסגערעדט.

לידא האָט שנעל א קוק געטהאָן אויף איהם און דאָס, וואָס זיא האָט אויף זיין פנים איבערגעלעזען, האָט זיא דערשראָקען... זיא האָט זיך ראַפּטאַם א כאַפּ געטהאָן פון'ם פענסטער און געפיהלט מיט איהר גאנצען קערפּער, אז סאנין קוקט אויף איהר ניט וויא א ברודער... און דאָס האָט אויף איהר געמאַכט אזא שרעקליכען און עקעלדיגען איינדרוק, אז עס איז איהר קאלט גע־וואָרען און דאָס האַרץ האָט ביי איהר א ציטער געטהאָן. ווען אנדערע מע־נער וואָלטען אויף איהר אזוי געקוקט, וואָלט איהר אָנגענעהם געווען; אבער, אז ער זאָל אויף איהר אזוי קוקען, ער, איהר אייגענער ברודער, — דאָס האָט זיא זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, ניט געקאָנט בעגרייפען; זיא האָט אנגע־טהאָן זיך א כח, א שמייכעל גע־טהאָן און זיך אָבגערופען:

— איך ווייס, אז איך בין שעהן...

סאנין האָט געשוויגען און געקוקט אויף איהר. אזוי זיינען אריבער עט־ליכע מינוט. זיא האָט זיך ווידער אנ־געלייגט אויפ'ן פענסטער. דאָס העמד איהרס און דאָס טוך האָבען זיך א בי־סעלע אויף א זייט אראָבגערוקט, און סאנין האָט דערזעהען דעם אויבערשטען טהייל פון איהר פולען, ווייסען און צאר־טען ביוסט, וואָס איז בעלויכטען גע־ווען פון דער לבנה־שיין.

— דיא מענשען אנטלויפען פון גליק — האט ער ארויסגערעדט — מיט א כינעזישער וואנד פערצוימען זיי זיך פון׳ם גליק . . .

ער האט עס ארויסגערעדט אזוי שטיל און אזוי מאדנע האט ער געקוקט אויף איהר בעת דעם, אז לידא איז פערציטערט געווארען.

— וואס מיינסטו ? — האט זיא ארויסגעשעפצעט, קוים וואס מען האט זיא געהערט, און האט אויסגעמיעדען זיין בליק. ביי איהר איז שוין מעהר קיין ספק ניט געווען, אז ער קוקט אויף איהר ניט וויא א ברודער און זוכט ביי איהר, וואס א פרעמדער מאן, און איהר איז געווארען מורא׳דיג. עס האט איהר געעקעלט און דאך איז איהר אינטערע־סאנט געווען . . . דער קאפ האט ביי איהר געברענט. פאר דיא אויגען האט זיך א נעבעל געטראגען און מיט א שוידער האט זיא געפיהלט זיין זודיגען אטהעם אויף איהרע באקען, אויף איה־רע האאר, וואס האבען געציטערט אויף איהרע שלייפען, און א קעלט איז דורכגעלאפען איבער איהר רוקען, אונ־טער׳ן טוך . . .

— דוא פרעגסט וואס איך מיין ?...

— האט ער איבערגעפרעגט— איך מיין... אזוי, גאר נישט ! — האט זיך פלוצים ביי איהם דיא שטימע איבערגעריסען.

לידא האט דערפיהלט אזוי וויא א בליץ וואלט איבער איהר קערפער דורכגעפלויגען ; זיא האט זיך א כאפ געטהאן, אויסגעגלייכט זיך און, ניט בעמערקענדיג אליין וואס זיא טהוט, האט זיא זיך איינגעבויגען צום טיש און פערלאשען דיא לאמפ.

— שוין צייט צו שלאפען ! — האט זיא בעזאגט און פערמאכט דעם פענס־טער.

ווען אין צימער איז געווארען פינס־טער, איז אין דרויסען געווארען הע־לער. און לידא האט קלאהר און דייט־ליך געזעהען סאנין׳ס געשטאלט און זיין פנים הינטער׳ן פענסטער. ער איז געשטאנען אין דיא טיעפע, פערטהויטע גראז, בעלויכטען פון דער בלויער לבנה־שיין, — איז געשטאנען און געשמיי־כעלט.

לידא האט זיך א ווארף געטהאן אויף דער בעט. אלעס האט אין איהר געציטערט, זיך געצאפעלט און גע־פלאנטערט, דיא גדאנקען, דיא גע־פיהלען . . . זיא האט זיך צוגעהערט צו סאנין׳ס טריט, וואס זיינען פער־שוואונדען אין דיא ווייכע, פייכטע גראז, און האט פעסט געדריקט מיט ביידע הענד איהר ברוסט, אין וועלכער עס האט געשטורמט . . .

— בין איך דען פון זינען ארונטער? וואס טהוט זיך עס מיט מיר ? וואס טהוט זיך — האט זיא געטראכט מיט עקעל — וואס פאר א שווינעריי, טפוי!! א צופעליג ווארט, א פראזע, און איך האב שוין אנגענומען . . . וואס טהוט זיך עס מיט מיר ? וואס איז עס ? ! עראטאמאניע איז עס, וואס ? שוין־זשע בין איך אזא שלעכטע, אזא אויס־געלאסענע ? וויא ניעדריג מען דארף פאלען, וויא ניעדריג, אום אזא גע־דאנק זאל אויפ׳ן זינען ארויף...

און איינגראבענדיג זיך מיט׳ן פנים אין קישען, האט זיא זיך פלוצים צו־וויינט אזוי שטיל, אזוי ביטער . . .

און, וויינענדיג האט זיא זיך גע־פיהלט אזוי אונגליקליך, אזוי דער־שלאגען און ערניעדריגט . . . זיא האט געוויינט אויף דעם, וואס זיא האט זיך אבגעגעבען זארודין׳ען, וואס זיא איז שוין ניט דיא פריהערדיגע לידא, דיא ריינע, דיא שטאלצע לידא . . . און אויף דעם נאך האט זיא געוויינט וואס זיא האט אין איהר ברודער׳ס אויגען געזעהען . . . זיא האט א טראכט גע־טהאן, אז פריהער, בעת זיא איז נאך ניט געווען געפאלען, וואלט איהר ברו־דער אזוי ניט געקוקט אויף איהר . . .

און נאך מעהר, וויא דאס, האט איהר געמוטשעט דער געדאנק, וואס זיא, דיא פרוי, וועט סוף כל סוף פערטעט ווערען פון דיא זעלבע מענער, אכטעט ווערען פון דיא זעלבע מענער, וועמען זיא וועט פערגעניגען פערשאפען מיט איהר יוגענד, געזונד און שעהנקייט . . . וואס מעהר פערגניגען זיא וועט זיי פערשאפען, אלץ מעהר וועלען זיי זיא פעראכטען . . .

— פארוואס ? — האט זיא זיך א כאפ געטהאן — ווער האט זיי געגעבען אט דאס רעכט . . . איך בין דאך אויך אזא פרייער מענש — האט לידא געטראכט און געקוקט מיט אנגעשטרענגטע אויגען אין דיא פינסטערניש פון'ם צימער : — שוין־זשע וועט אזוי אייביג זיין, אייביג ? . . .

איהרע געדאנקען האבען זיך געפלאנטערט און געצאפעלט וויא אין צופלאנטערטע נעצען, האבען זיך געריסען און געפאלען אהן כוחות און אהן טרויסט . . .

## אכטער קאפיטעל.

יוריע האט אין דער פריער צייט ליעב געהאט צו מאהלען.

א מאל האט ער געטרוימט צו ווערען א מאהלער, אבער פריהער האבען איהם דיא מיטלען דערצו געפעהלט און שפעטער האט ער זיך היינגעריסען מיט דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג און אזוי האט זיך פון זיין מאהלעריי גאר נישט אויסגעלאזען.

איצט האט ער זיך ווידער גענומען צו דער מאהלעריי, האט געארבייט צייטענווייז און אהן א סדר און צוועק.

און ווייל ער האט געארבייט אהן א סדר און צוועק, האט דיא מאהלעריי איהם ניט זעהר שטארק בעפריעדיגט און געוועקט אין איהם בענקעניש און יאוש . . . איז דיא ארבייט ביי איהם ניט געגאנגען, האט ער געליטען און זיך געקאכט. און איז זיא ביי איהם יא געגאנגען, איז ער אלץ ניט געווען צופריעדען, ווייל קיין מאל, קיין מאל האט איהם דער געדאנק ניט פערלאזען, אז זיין ארבייט איז ארויסגעווארפען, קיין ערפאלג און גליק וועט זיא איהם קיין מאל ניט ברענגען . . .

ער האט אפט געטראכט פון קארסאווינע'ן. זיא איז איהם געפעהלען גערווען. אזוינע הויכע, דיקע, שעהנע פרויען מיט אזעלכע אנגענעהמע שטימען און צארטע, סענטימענטאלע אויגען, האט ער ליעב געהאט. ער האט זיך אבער געוואלט איינריידען, אז אין דער מיידעל געפעהלען איהם ניט איהרע רונדע שטארקע פלייצעס, ניט איהר הויכער בוזים, חלילה, ניט איהרע אויגען און איהר שטימע, נור איהר ריינקייט, איהר אונשולד . . . אזוי איז איהם עפעס אנגענעהמער געווען צו דענקען, אנגענעהמער און לייכטער . . . פארט, וויא זאגט מען עס, א אידעאליסט עפעס, א רעוואלוציאנער ! — פאר איהם איז אזא פאסט בעסער, איז א סך עדעלער, צו ליעבען אין דער פרוי דיא ריינקייט, דיא אונשולד, ניט פשוט דעם גוף, חלילה.

מילא, ער האט זיך געמוזט אזוי איינריידען. אין דער אמת'ן אבער, האט שוין אין דעם ערשטען אבענד, בעת ער האט זיא געטראפען, נור איהר געזונדע שעהנקייט אין איהם זיין בלוט אנגעצונדען און זיין מוח צומישט, און דאן אויך האט זיך ערוועקט אין איהם דער זעלביגער ווילדער וואונש, צו פערניכטען אין איהר דיא ריינקייט, דיא אונשולד, וויא א סך מאל, בעת ער האט געטראפען שעהנע, געזונדע, דיקע מיידלאך . . .

און מחמת ער האט איצט אזוי פיעל געטראכט פון דער געזונדער מיידעל קארסאווינא און ווייל זיא האט זיך פאר איהם געמאהלט אין העלע ברענענדיגע פארבען, איז איהם איינגעפאלען אויפצומאהלען א בילד, וואס זאל פארשטעלען „דאס לעבען".

ער איז איצט בעגייסטערט געווען פון דעם געדאנק. איז איבערצייגט געווען, אז דאס בילד וועט זיך איהם איצט זי־כער איינגעבען . . .

ער האט צורעכט געמאכט א לייווענד און מיט א פיבערישען אימפעט, אזוי וויא ער וואלט מורא געהאט עפעס צו פערשפעטיגען האט ער גענומען מאהלען.

דיא ערשטע שטריכען וואס ער האט אויפגעווארפען אויפ'ן לייווענד, זיינען געווען ניט מעהר וויא שעהנע, פייכטע פלעקען, אבער דאס בילד אליין האט געשוועבט פאר איהם אין אלע איינצעלהייטען לעבעדיג און אינטערע־סאנט. ער האט געארבייט הינגעריכען, מיט התפעלות, און אינעווייניג אין איהם האט געזונגען און זיך געצאפעלט.. נור ביסלעכווייז האט זיך זיין התפעלות גענומען אבקיהלען, לעשען; עס האבען זיך איהם גענומען ווייזען אלץ מעהר און מעהר טעכנישע שוועריגקייטען, וועלכע ער האט ניט געקענט בייקומען. דאס, וואס ער האט זיך אין זיין פאנ־טאזיע פארגעשטעלט פאר לעבעדיג, שעהן און שטארק, איז ביי איהם אויפ'ן לייווענד ארויסגעקומען בלייך און שוואך . . .

דיא איינצעלהייטען פון'ם בילד האבען איהם שוין מעהר ניט אינטע־רעסירט און ער האט זיך גענומען פיה־לען צורייצט, אויפגערעגט. דער סוף איז געווען, אז דיא אויפגעמאלטע פרוי, וואס האט מיט זיך געזאלט פארשטעל־לען „דאס לעבען", איז ביי איהם ארויס־געקומען א געוויינליך גראבע פרוי, א ביליגע אנגעפיאטשקעטע בילד, אהן א ברעקעל אריגינאליטעט . . .

יוריע'ן איז געווארען שווער און אונמוטהיג אויפ'ן הארצען, וויא גע־וויינליך.

אז ער וואלט זיך ניט געשעהמט פאר זיך אליין, וואלט ער זיך צו־וויינט.. מיט'ן פנים אין קישען וואלט ער זיך דאן איינגעגראבען, וואלט געוויינט און זיך געקלאגט פאר אימיצען אויף עפים; אבער ניט אויף זיין אייגענעם ניט־קענען... ער איז געזעסען מיט א צרה'דיג פנים פאר זיין בילד און האט געטראכט, אז דאס לעבען אין כלל סאר און ניט אינטערעסאנט, אז גאר נישט, גאר נישט איז אין לעבען ניטא, וואס זאל איהם, יוריע'ן, קענען בעגייסטערן...

— איך וועל גאר אויפמאלען דעם טויט ! — האט ער פלוצים א טראכט געטהאן, פיהלענדיג א קאלטען שוויים אויפ'ן שטערען.

און ער האט זיך אנגעכאפט מיט דעם פריהערדיגען אימפעט פאר דעם געדאנק. ער האט געכאפט א מעסער און מיט דאס זיך א נעהם געטהאן אב־קראצען דיא פרוי, „דאס לעבען" הייסט עס, פון'ם לייווענד... ער איז אין כעס געווען, פארוואס ער מוז פערניכטען די ארבייט, אויף וועלכער ער האט פריהער געארבייט מיט אזא בעגייסטערונג. דיא פארב איז ניט אזוי לייכט ארונטערגע־קראכען פון'ם לייווענד, דער מעסער האט געפיאטשקעט און איז ארומגעשפרונגען אין זיין האנד און א פאר מאל האט ער זיך גאר ארייגעשניטען אין לייווענד. נאכדעם האט זיך ארויסגעוויזען אז מיט כויל קען ער ניט פארבען אויף דעם אויליגען לייווענד און ער האט אזוינע יסורים פון דעם געליטען..

אויפ'ן סוף האט ער גענומען דעם פינזעל און האט אנגעהויבען צו מאה־לען מיט ברוינעם פארב. ער האט גע־ארבייט לאנגזאם, ניט געהיט זיך, און אויפ'ן הארצען איז איהם געווען אזוי שווער.

דאס בילד וואס ער האט איצט גע־מאלען, האט ניט פערלארען, נור פער־לעהרט, עס האט געוואונען פון זיין ניט סטארען זיך גוט ארבייטען און פון דעם בלייבען, כמורען טאן פון דיא פארבען, אבער אנשטאט דעם „טויט" האט ער שוין איצט געמאלען „דיא עלטער"... אין דעם געשטאלט פון אן איינגעהוי־קערטער אלטינקער, האט ער דיא על־טער געמאלען פון אן אלטינקער, וואס שלעפט זיך איבער א שווערען וועג אין א שטילען, אונמוטהיגען פארנאכט... וויט אויפ'ן האריזאנט לעשען זיך אויס דיא לעצטע שטראהלען פון דער פער־

געהענדער זונען און אין זייער שיין טונקען זיך אָב שוואַרצע צלמים און אונבעשטימטע דונקעלע סילועטען. אויפ'ן רוקען שלעפּט דיא אַלטינקע אַ שווערען שוואַרצען קבר, וואָס דערשטיקט זיא אונטער זיין שווערע משא, און דער בליק ביי דער אַלטינקער איז אַזאַ צומישטער, אַזאַ ליידענדער, און שטעהן שטעהט זי מיט איין פוס ביים ברעג פון אַ שוואַרצען גרוב. דאָס גאַנצע בילד איז געוועזען אַזוי פינסטער, אַזוי טרויעריג און אַזוי מורא'דיג. . .

יוריע'ן האָט מען גערופען עסען, ער האָט זיך אָבער ניט געקענט אָברייסען פון דער אַרבייט. עס איז געקומען נאָוויקאָוו און האָט צו איהם גערעדט ער האָט אָבער ניט געהערט און געאַרבייט.

נאָוויקאָוו האָט אַ זיפץ געטהאָן און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער זאָפאַ, אין דער אמת'ן איז ער איצט צופריעדען געוועזען ניט צו ריידען... ער האָט שרעקליך געליטען, ווארום איבער'ן שטאָדט האָבען זיך אַרומגעטראָגען פערשיעדענע געשיכטען וועגען לידאַ און זאַרודינען... און ער האָט געפיהלט, וויא אַלע זיינע טרוימען און האָפנונגען ווערען צו שטויב און רויך . . .

ער האָט ביי זיך בעשלאָסען, וויא באַלד דאָס לעבען פאַר איהם אַליין איז שוין סאַי וויא סאַי פערלאָרען, זאָל ער כל הפחות איהם מקריב זיין פאַר אַנדערע. ער וועט פאָהרען קיין פעטערבורג און וועט אָנהויבען ווידער צו אַרבייטען אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, זוכענדיג דאָרט דעם טויט.

אין אַ ווייל אַרום האָט ער זיך אויפגעהויבען פון אָרט און איז צוגעגאַנגען צו יוריע'ן. יענער האָט נאָך געאַרבייט. דאָס בילד איז נאָך ניט געווען געענדיגט. נאָוויקאָוו האָט בעטראַכט דאָס בילד און עס איז איהם אַזוי געפעלען געוואָרען אַז ער האָט אָנגעקוקט יוריע'ן מיט קינדערשער התפעלות.

— נו, וויא געפעלט דיר? — האָט יוריע זיך אַ כאַפּ געטהאָן, איז אָבגעטראָטען פון בילד און בעטראַכט איהם פון דער וויטען.

איהם אַליין האָט זיך דאָס דאָזיגע בילד אויך אויסגעוויזען אַ סך בעסער און אינטערעסאַנטער פון דיא אַנדערע זיינע בילדער.

— זעהר גוט! — האָט נאָוויקאָוו געענטפערט.

און יוריע האָט זיך דערפיהלט וויא אַ זשעני וואָס פערטראַכטעט זיין אייגענע אַרבייט. ער האָט אַ זיפץ געטהאָן, אַ שמייכעל געטהאָן דעם פענזיל, און ניט קוקענדיג אויפ'ן בילד, האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט אַ האַנד און געזאָגט:

— עך, ברודער, ווער דאַרף עס? וואָס נוצט עס?

— וואָס הייסט? — האָט זיך נאָוויקאָוו אַ כאַפּ געטהאָן.

יוריע האָט געשוויגען, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

נאָוויקאָוו האָט נאָך אַמאָהל אַ קוק געטהאָן אויפ'ן בילד און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער זאָפע.

— איך האָב איבערגעלעזען דיין אַרטיקעל אין „לאַנד" — האָט ער ווידער געזאָגט — אַ זעהר געלונגענער אַרטיקעל!

— צום טייפעל מיט'ן אַרטיקעל!

— האָט יוריע געזאָגט מיט אַ כעס, וועלכער איז איהם אַליין ניט פערשטענדליך געוועזען און דערמאָנט זיך אויף סעמיאָנאָוו'ס ווערטער, האָט ער צוגעלייגט:

— נו, וועט עמעס העלפען אָט דאָס דאָזיגע אַרטיקעל? סיי־ווי־סיי וועט מען שיסען, הייגען און ווערגען מענשען... ניט מיט אַרטיקלען דאַרף מען דאָ אהויסטרעטען!... מיך פערדריסט וואָס איך האָב איהם גאָר אין גאַנצען אָנגעשריבען! נו, וואָס קען פון דעם ווערען? נו, אַז צוויי־דריי אידיאָטען וועלען איהם שוין לעזען? נור אייגענטליך, וואָס קימערט מיך דיא גאַנצע געשיכטע? איך פרעג נור, צוליעב וואָס זאָל איך זיך קלאַפּען מיט'ן קאָפּ אָן וואַנד?...

פאַר זיינע אויגען האָבען זיך פארבייגעטראָגען פערשיעדענע בילדער פון זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבייט: דיא קאָנספּיראַטיווע פערזאַמלונגען, די פּראָפּאַגאַנדאַ, דער ריזיקירען, דיא גע־

פאַהרען, זיין אייגענע בעגייסטערונג און דיא גלייכגילטיגקייט, דיא שרעקליכע גלייכגילטיגקייט פון יענע, וועלכע ער מיט זיינע געדאַנקען האָבען געוואָלט ראַטעווען, בעפרייען, און ער איז נאָך מעהר בייז געוואָרען און האָט אַ מאַך געטהאָן מיט א האנד:

— עה, זאָל עס אלעס גערן צום טייפעל! — האָט ער אויסגעשריען.

— פון דעם שטאַנדפונקט לוינט זיך גאָר ניט צו טהאָן — האָט נאָוויקאָוו זיך אָבגערופען — דאַרף מען דיא הענד אַריינשפאַרען אין דיא קעשענעס, קורקען און שווייגען. עה, איהר אַלע זייט עגאָאיסטען, מיאוסע עגאָאיסטען, און ניט מעהר!...

— אָבער פאַר וועמען ארבייטען? — האָט זיך יוריע צוהיצט אונטער דעם איינדרוק פון זיינע ע־אינערונגען און פון דעם סאַרען פאַרנאַכט, וואָס האָט זיך גענומען אַריינ׳גנב׳ענען אין צימער: — פאַר דער מענשהייט ארבייטען? אויב מיר זאָלען האָבען אין זינען דיא מענשהייט, טו וואָס פאַר א ממשית פרעג איך דיך — האָט אונזער גאַנצע מיה, אונזער קאָנסטיטוציע און דיא גאַנצע רעוואָלוציע, ווען מיר ווייסען אַפילו ניט אונגעפעהר, וואָס זיא, דיא מענשהייט, וועט פון דעם אלעס געווינען, וויא זיא וועט אויסזעהן, בעת זיא וועט שוין האָבען דיא פרייהייט, פון וועלכע מיר חלומ׳ן?!... עס קען גאָר זיין, אַז אין יענער פרייהייט ליגט דער אַנפאַנג פון איהר אונטערגאַנג, און דער מענש, דערגרייכענדיג זיין אידעאַל, וועט אוועקפויזען אויף אַלע פיער צוריק, צוריק!... וואָס דען? ארבייטען פאַר דאָס אייגענע, פאַר דאָס פערזענליכע גליק?... פרעגט זיך ווידער: וואָס קען איך דערגרייכען? אין בעסטען פאַל וועל איך דורך מיין טאַלאַנט זיך דערדיענען כבוד פון מענשען, וואָס שטעהן נידריגער פון מיר, דאָס הייסט פון אַזוינע מענשען, וואָס דאַרפען מיך ניט אינטערעסירען... און אום אַפילו

צאָם צו דערדיענען זיך, דאַרף מען לע־
ען און לעבען, ארבייטען און ארבייט־
ען מיט׳ן מאַרך, מיט׳ן בלוט, מיט

דעם זאַפט פון דיינע ביינער, ביז... אהא, דאַנקען גאָט! — דו שטעהסט שוין ביי דיין קבר מיט דעם לאָרבערקראַנץ אויף דיין אלטען אויסגעקראַכענעם, אויסגעמוטשעטען קאָפּ... טפוי, טייפעל!...

נאָוויקאָוו׳ן איז שווער געווען צו הערען פון יוריע׳ס מויל אַזוינע רייד און ער האָט זיך אָבגערופען:

— עגאָאיסט דוא, וואָס רעדסטו נור פון זיך?...

אָבער יוריע האָט איהם ניט געהערט, הינגעריסען פון זיינע אייגענע ווערטער, צו וועלכע ער האָט זיך צוגעהערט מיט א קרענקליכען פערגעניגען:

— אָדער אויף׳ן ערגסטען פאַל, קען נאָך זיין, איך זאָל פערבלייבען א ניט אנערקענטער זשעני, א לעבערליכער טרוימער, א טיפּ פאַר א הומאָריסטישע ערצעהלונגען... א נאַרישער איבעריגער מענש...

— אהא! — האָט איהם איבערגעשלאָגען נאָוויקאָוו מיט נצחון אין קול און אונטערגעהייבען זיך אויף דער זאַפע: — הייסט עס, אַז דוא ניעבסט אַליין צו, אַז דוא ביזט אן איבריגער מענש?

— דוא ביזט א מאָדנער מענש — האָט יוריע אויף דיזם געענטפערט — הפנים דוא מיינסט, אַז איך ווייס ניט צוליעב וואָס עס איז כדאי צו לעבען און אין וואָס מען דאַרף גלויבען! עס קען זיין, אַז איך וואָלט מיין לעבען מיט פרייד אָבגעגעבען, ווען איך וואָלט נור געקענט גלויבען, אַז מיין טויט וועט בעפרייען דיא וועלט!... אָבער דאָס אונגליק איז, וואָס אַט דאָס דאַזיגע גלויבען איז אין מיר ניטאָ!... וואָרום פאַר מיר איז קלאָהר: וואָס איך זאָל ניט טהאָן, דעם אמת׳ן גאַנג פון דער געשיכטע וועט עס ניט אומענדערען... און דער נוצען, וואָס איך קען יאָ ברענגען, איז אַזוי קליין, אַזוי אונבעדייטענד, אַזוועלן איך וואָלט אין גאַנצען ניט געבראַכען געוואָרען, וואָלט

דיא וועלט אויף א האאר נישט פערלארען... פרעגט זיך: אויב אזוי — צו־וואס לעבען און ליידען, און ווארטען, ביז דער טויט וועט קומען!

יוריע האט ניט בעמערקט, אז ער רעדט וועגען עפעס אנדערש, אז ער ענטפערט ניט אויף נאוויקאוו'ס ווערטער, נור אויף זיינע אייגענע שווערע געפיהלען. ער האט זיך פלוצים אבגעשטעלט און, דערמאהנט זיך מיט א מאל אן סעמיאנאוו'ן, האט ער דערפיהלט, וויא עס איז איהם קאלט געווארען אין רוקען, וויא פון עפעס א קאלטער, עקעלדיגער בעריהרונג...

— ווייסטו וואס — האט ער זיך ווידער אבגערופען — מיך מוטשעט דער געדאנק וועגען דעם אונפערמיידליכען טויט. איך וויים, אז דאס שטארבען איז נאטירליך, אז עס לאזט זיך ניט קעמפפען געגען דעם, און דאך איז עס אזוי שרעקליך און העסליך!

נאוויקאוו האט אויך דערפיהלט, אז עס איז אזוי, און איהם איז געווארען זעהר מורא'דיג און טרויעריג, אבער דאך האט ער געזאגט:

— דער טויט איז א נוצליכע פיזיאלאגישע ערשיינונג...

— אך, מיין גאט! — האט יוריע אויסגעשריען — וועמען'ס דאגה איז עס, צו אונזער טויט ברענגט וועמען נוצען צו ניט!

— שטייטש — האט נאוויקאוו זיך א כאפ געטהאן — דוא ווידערשפרעכסט זיך דאך? דוא האסט דאך אט ערשט געזאגט, אז מיט פרייד וואלסטו דיין לעבען אבגעגעבען, ווען דוא וואלסט נור געוואוסט, אז דיין טויט וואלט געבראכט נוצען... וואו איז דיין לאגיקע?

— איך ווידערשפרעך זיך קיין מאל ניט! — האט יוריע אויסגעשריען מיט היץ — עס איז א גאנץ אנדערע זאך, ווען איך שטארב מיט מיין אייגענעם ווילען...

— אלץ איינס — האט זיך ניט אונטערגעגעבען נאוויקאוו — איהר אלע בירדען נור מיט אנגעקראכמעלטע, שעהנע פראזען... עס ווילט זיך אייך פשוט פייערווערק, אפלאדיסמענטען... ענגאיכטען זייט איהר אלע — און דאס אלעס!...

— נו, זאל זיין אזוי! — האט יוריע ארויסגערעדט.

דער געשפרעך האט זיך צופלאנטערט. יוריע האט דערפיהלט, אז ער האט טאקי גערעדט ניט צו דער זאך און ער האט גענומען לויפען איבער'ן צימער א בייזער, אן אויפגערעגטער.

אויף'ן סוף האט ער זיך אבגעשטעלט און א כאפ געטהאן זיין היטעל.

— קום, מיר ווילען זיך דורכגעהען — האט ער געזאגט.

— קום! האט זיך נאוויקאוו אנגעכאפט. ער האט זיך דערמאהנט אן לידא'ן און געהאפט, אז ער וועט זיא צופעליג טרעפען אויף'ן שפאציער.

## ניינטער קאפיטעל.

זיי זיינען דורכגעגאנגען דעם בולוואר א פאאר מאל היין און צוריק און האבען זיך צוגעהערט צו דער מוזיק, וואס האט דארט געשפיעלט, וויא געוויינליך. ארום זיי האבען געשפאצירט מענער און פרויען, וואס האבען זיך אונטערגעשפיעלט איינער מיט'ן אנדערען. זייער געלעכטער און זייערע הויכע אויפגערעגטע שטימען האבען גאר ניט געפאסט צו דער שטילער, אונמוטהיגער מוזיק און דעם שטילען, מרה'שחורה'דיגען אבענד. יוריע האט זיך געפיהלט נאך מעהר צורייצט פון דעם... אויף'ן עק פון'ם בולוואר האבען זיי זיך אנגעטראפען מיט סאנין'ען. ער האט זיך אבגעשטעלט און זיי פריינדליך און פרייליך געגריסט. יוריע'ן איז ער ניט געפעלען געווען און דערפאר האט ער קיין חשק ניט געהאט מיט איהם צו ריידען. סאנין האט זיך אויס־

געלאכט פון אלעמען און אלעס. וואס ער האט נור געזעהען, און דאן האט ער דערזעהען איוואנאוו'ן און איז מיט איהם אוועקגעגאנגען.

— וואוהין ? — האט איהם נאכגעשריען נאוויקאוו.

— ארײנשנאפסען ! — האט געענטפערט איוואנאוו און אנגעוויזען אויף א פלאש שנאפס ביי זיך אין קעשענע.

סאנין האט זיך צולאכט.

און דיזער געלעכטער און דיא פלאש שנאפס איז יוריע'ן אזוי ניט געפעהלען געווארען, אז ער האט מיט פעראכטונג אבגעקעהרט דעם קאפ.

סאנין האט עס בעמערקט און געשוויגען. איוואנאוו האט עס אויך בעמערקט און ער האט ארויסגעריטשעט אוי הזיין באסאווער שטימע :

— איך דאנק דיר, גאטעניו, וואס דוא האסט מיך ניט בעשאפען, אט אזוי וויא דעם דאזיגען . . .

יוריע איז רויט געווארען.

— חכמה'ט זיך, אויך א מענש !

— האט ער מיט פעראכטונג א טראכט געטהאן.

— נאוויקאוו, אונבעוואוסטער בורזשויקע דוא — איז צו איהם צוגעשטאנען איוואנאוו — קום דוא אויך מיט אונז.

— וואוהין ?

— ארײנשנאפסען, ברודער'ל, דיא נשמה מחיה זיין — האט איהם איוואנאוו גערופען.

נאוויקאוו האט מיט בענקעניש זיך ארומגעקוקט אויף'ן בולוואר, לידא איז ניט געווען.

סאנין האט פערשטאנען, וואס ער זוכט דארט און ער האט מיט א שמייכעל זיך אבגערופען :

— לידא זיצט אין דער היים און טהוט תשובה אויף איהרע עברות . . .

— איך קען מיט אייך ניט געהען

— האט נאוויקאוו ארויסגערעדט — א קראנקערווארט אויף מיר . . .

— ער וועט, אים יו"צה השם, אהן דיין הילף אויך טרעפען ז'עם וועג צו יענער וועלט — האט אידם איינגערעדט איוואנאוו — קום, מיר וועלען ארײנשנאפסען !

— איך וועל זיך גאר איינ'שיכור'ן !

— האט נאוויקאוו פלוצים א טראכט געטהאן און הויך געזאגט :

— גוט, איך געה מיט אייך !

זיי זיינען אוועק און יוריע האט נאך לאנג געהערט דעם גראבען באס פון איוואנאוו'ן און דעם פרייליכען, אנגענעהמען געלעכטער פון סאנין'ן.

ער איז אוועק אליין איבער'ן בולוואר.

עמיצער האט איהם אנגערופען ביים נאמען. ער האט זיך אומגעקוקט און דערזעהען קארסאווינע'ן.

זיא איז געזעסען מיט איהרער א פריינדין א לעהרערין, מיט'ן נאמען דר באווא אויף איינעם פון דיא בענק אויף'ן בולוואר.

יוריע איז צוגעגאנגען צו זיי.

— פון וואנען ? — האט ער געפרעגט.

— פון ביבליאטהעק. מיר האבען אומגעביטען ביכער — האט קארסאווינע געענטפערט.

יוריע האט זיך געזעצט נעבען זיי אויף'ן באנק און באלד האט ער זיך שוין פאר זיי געקלאגט אויף זיין פערלארען לעבען. ער איז געווען שעהן און נאך שעהנער גערעדט און זיי האבען זיך צוגעהערט צו איהם מיט מיטגעפיהל און מיט פערבארגענער ליעבע. לויט וויא ער האט דערצעהלט, איז ארויסגעקומען, אז ער, א מענש, מיט אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען, איז דערשטיקט געווארען פון דער סביבה און דיא ארומיגע אומשטענדען ; אז איהם האבען ניט פערשטאנען זיינע פארטייגענאסען ; אז דאס, וואס ער איז ניט געווארען א פיהרער, האט מען צו פער-

ראנקען דער נארישקייט פון מענשען, וואס זיינען ניט פעהיג איהם אבצו־שעצען . . .

און אזוי וויא ער האט גערעדט שעהן און זעהר לעבעדיג, האבען דיא מיידלאך איהם געגלויבט אויף'ן ווארט און האבען אויף איהם שטארק רחמנות גע־האט.

דיא מוזיק האט נאך אלץ געשפיעלט טרויעריגע מאטיווען. דער פארנאכט איז געווען א דונקעלער, א פערטראכ־טער און זיי אלעמען אויף'ן הארצען איז געווען אזוי מאדנע טרויעריג.

— הייסט עס, איהר זייט געווען איינער פון קאמיטעט אין אייער פאר־טיי? — האט קארסאווינע זיך געווענ־דעט צו איהם, בעת יוריע איז אנשווי־גען געווארען.

— יע! — האט ער קורץ און וויא ניט וועלענדיג כלומרשט געענטפערט. אין דער אמת'ן אבער איז איהם אנ־גענעהם געווען, אז דיא שעהנע מייד־לעך זאל וויסען, אז ער איז ניט אבי ווער . . .

נאכדעם האט זיי יוריע בעגלייט אהיים. און ווען ער האט זיך צושיידט מיט זיי, האט קארסאווינע איהם נאכ־געקוקט.

— זעה, פערליעבט זיך נור ניט אין איהם! — האט דובאווא אויסגע־שריען.

קארסאווינע האט א ציטער גע־טהאן . . .

— וואס פאלט דיר איין? — האט זיא מיט שרעק ארויסגעשעפצעט . . .

## צעהנטער קאפיטעל.

אויף מארגען פארנאכט איז יוריע ווידער אוועק שפאצירען אויף'ן בול־וואר. איהם האט זיך געוואלט ווידער טרעפען קראסאווינע'ן און ווידער פיה־לען אויף זיך דעם צארטען, לאסקענדען בליק פון איהרע שעהנע אויגען.

דער אבענד איז געווען א שטילער, א ליכטיגער און א ווארימער. אין דער לופטען האט זיך געטראגען א טרוקענער שטויב. אויף'ן בולוואר האט ער קיינעם ניט געטראפען פון זיינע בעקאנטע.

פלוצים האט ער דערזעהן דעם סטודענט שאפראוו'ן, וועלכער האט זיך וואוהין געאיילט. דער לעצטער האט איהם אויך בעמערקט, איז צוגעגאנגען צו איהם און איהם געדריקט דיא האנד.

— וואס שלעפט איהר זיך דא ארום? — האט ער זיך געווענדעט צו יוריע'ן מיט א פריינדליכער מינע.

— אט ניטא וואס צו טהאן, געהט מען — האט יוריע געענטפערט, קוקענ־דיג אויף איהם מיט ווירדע, ווי איינער, וואס איז פריהער געווען א מיטגליעדער פון'ם רעוואלוציאנערען קאמיטעט, האט ער, יוריע, געקוקט אויף שאפראוו'ן פון אויבען אראב, האלטענדיג איהם פאר א נאאיווען סטודענטעל, וואס שפיעלט זיך אין רעוואלוציע...

שאפראוו האט איהם אנגעקוקט, וויא געוועהנליך, מיט גרויס דרך־ארץ און האט בעמערקט:

— ביי אונז איז היינט א פארלע־זונג...

און געזאגט עס, האט ער יוריע'ן געוויעזען א פעקיל דינע בראשורעס.

יוריע האט גענומען איין בראשו־רע ביי שאפראוו'ן פון דיא הענד, א קוק געטהאן אויף'ן קעפיל און איהם אבגעגעבען צוריק. דער אינהאלט פון דער בראשורע איז איהם געווען גוט בעקאנט.

— ווער לעזט פאר, איהר? — האט יוריע א פרעג געטהאן און האט מיט פעראכטונג א שמייכעל געטהאן.

— יע, איך. אין דער שטאדטישער שוהלע — האט געענטפערט שאפראוו און אנגערופען דיא שוהלע, וואו קאר־סאווינע און דובאווא זיינען געווען לעה־רערינס.

יוריע האט זיך דערמאנט, אז ליא־לא האט איהם טאקע דערצעהלט וועגען דיזע פארלעזונגען.

— קען איך געהן מיט אייך? — האט ער געפרעגט. דען איהם איז אייג

נעפאַלען, אַז קאַרסאַווינע וועט אוודאי דאָרט זיין.

— וואָס פאַר אַ פראַגע ? געווים!

— האָט שאַפּראַוו אויסגערופען מיט פרייד. דען ער האָט יוריע'ן געהאַלטען פאַר אַ גרויכען טהוער אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג און איז כמעט פערליעבט געווען אין איהם.

— איך אינטערעסיר זיך זעהר שטאַרק מיט דיזע פאַרלעזונגען — דאָס יוריע געהאַלטען פאַר נויטיג ציציליוינען אַז דאָס הארץ האָט ביי איהם געקלאַפּט פון דעם איין געדאַנק, אַז ער וועט אויף דער פאַרלעזונג טרעפען קאַרסאַווינען.

דער זאַאַל אין דער שטאַדטישער שוהלע, וואו די פאַרלעזונג האָט געדאַרפט פאָרקומען, איז אויסגעשטעלט געווען מיט שטוהלען און בענק. ביי'ם פענכטער זיינען געזעסען ליאַלע מיט דובאָוואַ'ן. ווען זיי האָבען דערזעהען אַריינקומען יוריע'ן, האָבען זיי איהם אויפגענומען מיט פרייד :

— דוא ביזט אויך דאָ ? בראַוואָ!

— האָט איהם בעגעגענט ליאַלע.

דובאָוואַ האָט איהם פעסט געדריקט די האַנד.

יוריע האָט זיך ארומגעקוקט אין דעם פינסטערען זאַאַל און אָבגערופען זיך :

— ווארום פאַנגט איהר ניט אָן ?

זינאַאידא פּאַלאָוונאַ נעהמט גאָר ניט קיין אנטהייל אין דיעזע פאַרלעזונגען ?

— האָט ער צוגעלייגט שטיל.

אָבער אין דיעזער מינוט האָט זיך דערהערט אַ רייבען פון אַ שוועבעלע אויף דער פּלאַטפאָרמע און יוריע האָט דאָרט דערזעהען קאַרסאַווינע, וועלכע האָט אָנגעצונדען ליכט. איהר שעהן, פריש פנים איז געווען בעלויכטען און האָט פרעהליך געשמייכעלט.

— געווים נעהם איך אנטהייל ! — האָט זיא זיך אָבגערופען מיט איהר הילכענדיג קול און האָט פון פּלאַטפאָרמע ארונטער אויסגעשטרעקט צו יוריע'ן די האַנד.

יוריע האָט זיך דערפרעהט און אָנגענומען איהר ווארימע האַנד. זיא האָט זיך אָן איהם אָנגעשפּארט און איז ארונטערגעשפּרונגען פון פּלאַטפאָרמע, הויכענדיג אויף איהם מיט דעם דופט פון יוגענד, געזונד און פריהלינגספרישקייט.

שאַפּראַוו האָט אָנגעהויבען צו לעזען. אויף די פאָדערשטע פּלעצער זיינען געזעסען לעהרערס און לעהרערינס פון גימנאַזיע. אהינטער זיי, אויף די הינטערשטע בענק, איז געזעסען אַ פערשיידענער עולם : סאָלדאַטען, פּויערים, פרויען און קינדער.

יוריע האָט זיך געזעצט נעבען קאַרסאַווינע'ן ביים טיש אויף דער פּלאַטפאָרמע און זיך צוגעהערט צו שאַפּראַווס לעזען. דער לעצטער האָט געלעזען רוהיג, אָבער זעהר שלעכט. דער עולם איז געוואָרען אונגעדולדיג און האָבען זיך גענומען איבערשעפּצען איינער מיטן אנדערען. יוריע'ן האָט עס פערדראָסען און ווען שאַפּראַוו איז מיעד געוואָרען, האָט ער זיך אָנגעבאָטען צו לעזען ווייטער.

שאַפּראַוו האָט זיך מיט דעם דערפרעהט און אָבגעטראָטען איהם דעם פּלאַץ.

יוריע האָט גראָד געלעזען גוט און אינטערעסאַנט און ווען ער האָט געענדיגט, האָט מען איהם בעדאַנקט מיט אַפּלאָדיסמענטען.

— אַ גרויסען דאַנק אייך — האָט שאַפּראַוו מיט היץ איהם געדריקט די האַנד — ווען מיר וואָלטען אַלע מאָל געהאַט אזוינע פאַרלעזער. ווייא איהר ! מען טהוט ביי אונז זעהר ווייניג פאַר'ן פאָלק. זעהר ווייניג ! — האָט שאַפּראַוו געערדט מיט אמת'ן וועהטאָג . . .

— ווער קימערט זיך פאַר'ן פאָלק

— האָט דובאָוואַ זיך אריינגעמישט מיט כעס — מען קימערט זיך פאַר די אַרטיסטען, פאַר די אריטיסטקעס, וויא זיי שפּיעלען . . . דאָס איז מעהר אינטערעסאַנט !

— סיי וויא סיי, אַט דיעזע פאַר־

לעזונגען פאר'ן פאלק איז זעהר א גוטע זאך — האט מיט ווארימקייט זיך ווידער אבגערופען שאפראוו און גענומען צו־נויפלייגען זיינע בראשורען מיט א מין בעזונדערער ליעבע.

— הייליגע נאאיוועט! — האט יוריע א טראכט געטהאן וועגען שאפ־ראוו'ן.

זיי זיינען ארויס אין דרויסען. דיא נאכט איז געווען א ליכטיגע, דער הי־מעל אויסגעשטערנט.

— איך מיט שאפראוו'ן וועלען אריבערגעהען געוואהר ווערען סעמיא־נאוו'ן און איהר — האט דובאווא זיך געווענדעט צו יוריע'ן — בעגלייט קא־ראווינע'ן אהיים.

— מיט פערגניגען — האט יוריע געענטפערט.

זיי האבען זיך צושיידט.

דעם גאנצען וועג ביז איהר קוואר־טיר, וואס קאראווינע האט פערוואנט צוזאמען מיט דובאווא'ן, האט זיא, קאראווינע, גערעדט פון דעם איינ־דרוק, וואס יוריע'ס לעזען האט אויף איהר געמאכט. יוריע'ן, פערשטעהט זיך, איז געווען זעהר אנגענעהם עס צו הערען.

ביים הויז האט קאראווינע זיך אב־גערופען:

— אפשר ווילט איהר אריינגעהען צו מיר?

— מיט פערגעניגען — האט יוריע פרעהליך געענטפערט.

קאראווינע האט געעפענט דיא טהיר'ל און זיי זיינען ארויף אויף א קליין הויף, וואס איז פערוואקסען גע־ווען מיט גראז און הינטער וועלכען עס האט זיך געצויגען א כאד.

— געהט אריין אין סאד — האט קאראווינע זיך אבגערופען און א לאך געטהאן: — איך האב מורא אייך איינ־צולאדען אין צימער; איך בין ניט זיכער, אויב עס איז ריכטיג אויפגע־ראמט . . .

זיא איז ארויף אויף'ן גאניק און יוריע איז אוועק אין דעם גרינעם, שכע־קעדיגען סאד. ער איז ווייט ניט אוועק, וויא ער האט זיך אבגעשטעלט און גענומען קוקען מיט נייגעריגע אוי־גען אין דיא אפענע, ניט בעלויכטענע פענסטער פון'ם שטוב, און איהם האט זיך געדאכט, אז דארט, אינוועניג אין צימער, קומט פאר עפעס בעזונדערעס, שעהנעס און געהיימניספולעס . . .

אין א ווייל ארום האט זיך אויף'ן גאניק בעוויעזען קאראווינע און יוריע האט זיא קוים דערקענט: זיא האט אומגעביטען איהר שווארץ קלייד און אנשטאדט דעם זיך אנגעטהאן אין א בלוי קלייד און אין א דין קליין־רוסיש העמדעל, ווייט אויסגעשניטען ביים האלז און מיט קורצע ארבעל . . .

— אט בין איך אויך — האט זיא געזאגט און עפעס צומישט געשמיי־כעלט.

— איך זעה . . . האט ער מיט א געהיימער מינע, וועלכע זיא האט גוט פערשטאנען, געענטפערט.

זיא האט א שמייכעל געטהאן און דאן זיינען זיי אוועק איבער דער אלעע צווישען בלומען און הויכע גראז.

דיא בוימער זיינען געווען קליינ־קע, דיא מעהרסטע קארשען־בוימער, מיט שטארק שמעקענדיגע, יונגע בלע־טער.

זיי האבען זיך אוועקגעזעצט איינער נעבען אנדערען און געשוויגען. פלוצים האט קאראווינע א פרעג געטהאן:

— איהר ווילט, איך זאל אייך עפעס פארזינגען?

— געווים וויל איך — האט יוריע געענטפערט.

קאראווינע האט אויסגעגלייכט איהר הויכען בוזים, וויא דעמאלט אויף דער שיף, און האט גענומען זינגען. איהר שטימע האט אבגעהילכט אין דער פארנאכטיגער לופט לייכט, ריין, און לײדענשאפטליך. יוריע האט קוים גע־

אטהעמט און זיך איינגעגעסען מיט זיי־
נע אויגען אין איהר פנים. זיא האט
געפיהלט זיין ברענעדיגען בליק. האט
צוגעמאכט דיא אויגען, אויסגעגלייכט
נאך העכער און שארפער איהר בוזים
אונטער דעם דינעם העמדעל און האט
געזונגען אלץ בעסער, אלץ זיסער, אלץ
ליידענשאפטליכער און אלץ הֶעכער...
עס האט זיך געדאכט, אז אלעס ארום
האלט איין דעם אטהעם און הערט זיך
צו צו איהר זינגען, און יוריע האט
דערפיהלט, וויא זיין בלוט ציגדט זיך
אז אין איהם...

ווען קארסאווינע האט אויפגעהערט
צו זינגען, האט זיך געדאכט, אז עס
איז נאך שטילער געווארען. דער הי־
מעל איז עפעס געווארען, וויא טיעפער
און דונקעלער. דיא בלעטער פון דיא
בוימער האבען זיך קוים בעוועגט...
אין לופטען האט געשוועבט א צארטעס
דופטען, וויא דער הויך פון ליעבע...
קארסאווינע האט מיט בלישצענדיגע
אויגען א קוק געטהאן אויף יוריע'ן.

— וואס שווייגט איהר? — האט
זיא ארויסגערעדט.

— אזוי איז זעהר גוט — האט ער
ארויסגעשעפצעט און א ציה געטהאן צו
זיך א צווייג פון א בוים, וואס האט
איהם אבגעבריעזגעט מיט טהוי.

— יע, דא איז זעהר גוט — האט
זיא אויך געזאגט, פער'חלום'ט קוקענ־
דיג אין דער גרינער דונקעלקייט אריין
און צוגעלייגט:

— עס איז איבערהויפט גוט צו לע־
בען אויף דער וועלט!

יוריע האט, וויא זיין שטייגער איז,
שוין געוואלט אנהייבען צו זינגען און
זאגען זיין טרויעריג ליעדעל וועגען דעם
לעבען, אבער איצט האט ער קיין ווער־
טער פאר זיין טרויעריגע פילאזאפיע ניט
געפונען, און ער האט געשוויגען.

— וויא געפעהלט אייך שאפראוו?
האט זיא אין א ווייל ארום ווידער
געפרעגט.

א געפיהל פון אייפערזוכט האט
זיך אין יוריע'ס הארצען א צאפעל געט־
טהאן, ער האט זיך אבער גלייך בעד־
הערשט און געענטפערט:

— ער איז א וואוילער יונגערמאן!

— וויא ער ליעבט זיין זאך! —
האט קארסאווינע אונטערגעכאפט און
א דריק געטהאן מיט איהרע פלייצעס.
האט זיא צוגעלייגט: — עס ווערט
פייכט. קומט!

יוריע האט ניט ווילענדיג א קוק
געטהאן אויף איהרע רונדע, ווייכע פליי־
צעס און איז צומישט געווארען. זיא
האט אונטערגעכאפט זיין בליק און איז
אויך צומישט געווארען, הגם איהר איז
געווען פרעהליך און אנגענעהם.

— קומט!

זיי זיינען אוועק צוריק און אין גאנג
האבען זיי בעריהרט איינער דעם אנדע־
רען מיט דיא פלייצעס. אין סאד איז
לעגער און פינסטער געווארען און ווען
יוריע האט זיך אומגעקוקט צוריק, האט
זיך איהם אויסגעגעבען, אז אט ערשט
הפנים וועט זיך אין סאד אנהייבען דאס
אונבעקאנטע לעבען, פול מיט סודות:
צווישען דיא ניעדריגע בוימער איבער
די פערטהויטע גראז וועלען זיך דיא שא־
טענס צושפרייטען, דיא דונקעלקייט
וועט זיך מעהר ארויסרוקען און דיא
שטילקייט וועט נעהמען ריידען מיט
עפעס א גרין קול, וואס מען קען ניט
הערען...

ער האט וועגען דעם געזאגט קאר־
סאווין'ען. דיא מיידעל האט זיך אומ־
געקוקט און לאנג, לאנג האט זיא גע־
קוקט אין דעם דונקעלען סאד מיט פער־
הלום'טע אויגען. און פלוצים האט
יוריע א טראכט געטהאן, ווען זיא,
קארסאווינע, וואלט איצט פון זיך איה־
רע קליידער ארונטערגעווארפען און זיא
וואלט א ווייסע, א נאקעטע, א פרעה־
ליכע איבער דיא פערטהויעטע גראז
אוועקגעלאפען, וואלט עס געווען שעהן
און נאטירליך און צו דעם גרינעם לעבען

פון דעם דונקעלען גארטען וואלט עס נאך מעהר כישוף צוגעגעבען . . . ער האט עס איהר געוואלט זאגען, האט אבער ניט געוואגט און אנשטאט דעם, האט ער ווידער גענומען ריידען וועגען דיא פארלעזונגען און וועגען דאס פאלק... דער געשפרעך אבער האט זיך ניט געקלייעט. זיי ביידע האבען איצט געפיהלט, אז ניט פון דעם האבען זיי געדארפט ריידען, ניט פון דעם . . .

אזוי זיינען זיי ארויף אויף'ן הויף. דארט איז געוועזן שטיל, נור פון שטוב האט זיך געהערט אן ארומלויפען פון עמיצען אהין און אהער און א ריקען פון שופלאדען.

— דאס מוז זיין אליא דובאווא !

— האט קארסאווינע ארויסגערעדט — זיא איז שוין אהיים געקומען.

— זינא, דוא ביזט דא ? — האט זיך דערהערט פון שטוב דובאווא'ס קול, וואס האט געקלונגען זעהר אונרוהיג, און גלייך נאכדעם איז זיא ארויסגעלאפען אויף'ן גאניק א בלייכע, און אויפגערעגטע : — וואו ביזטו געוועזן ? . . . איך זוך דיך . . . סעמיאנאוו שטארבט !

— וואס רעדסטו ? — האט קארסאווינע מיט שרעק אויסגעשריען און א טראט געטהאן נעהענטער צו דובאוא'ן

— ער שטארבט . . . א בלוט־שטורץ האט ער געקראגען . . . דאקטאר ריאזאנצעוו זאגט, אז עס איז שוין נאך איהם . . . אין האספיטאל איהם צוגענומען . . . און וויא פלוצים דאס איז געשעהען . . . מיר זיצען אזוי ביי איהם און טרינקען טהעע . . . ער איז אזוי פרעהליך, דעבאטירט מיט נאוויקאוו'ן... און מיט א מאל צוהוכט ער זיך, הייבט זיך אויף פון ארט, מהומ זיך א שאקעל אויף דיא־פיס און פון האלז מהומ אזא פליוך . . . גלייך אויף'ן טישטוך, אין מעצעל מיט ווארעניעס . . . געדיכטעס, שווארצעס ! . . .

יוריע האט א שוידער געטהאן. ער האט זיך דערמאהנט אן סעמיאנאוו'ס ווערטער : „איך שטארב, היינט מארגען . . .‟ און ער האט א פרעג געטהאן :

— פערשטעהט ער . . . אז ער שטארבט ?

— דוכט זיך, ער פערשטעהט — האט דובאווא געענטפערט, מאכענדיג נערוועז מיט דיא הענד : — ווען דאס איז געשעהען מיט איהם, האט ער אונז אנגעקוקט און ארויסגעשעפצעט : וואס איז דאס ? נאכדעם האט ער זיך אין גאנצען גענומען טרויסלען און נאך א מאל ארויסגעשעפצעט : שוין ? . . . אך, וויא העסליך, וויא מורא'דיג !

— א שרעקליכע געשיכטע איז דער טוידט ! — האט יוריע ארויסגערעדט און איז געווארען בלייך.

דובאווע האט א זיפץ געטהאן און זיך פערטראכט. ביי קארסאווינ'ען האט דיא מארדע א ציטער געטהאן און זיא האט אזוי רחמנות'דיג געשמייכעלט. זיא האט ניט געקענט זיך פארשטעלען דעם טוידט, וויא דיא איבריגע. זיא האט צו־פיעל לעבען אין זיך געהאט.

— קומט צו איהם — האט זיא שטיל און אונענטשלאסען ארויסגערעדט

— אדער אפשר מען דארף ניט ?...

יוריע האט א דריק געטהאן מיט די אקסלען.

— קומט. דארט וועלען מיר זעהען, אפשר וועלען מיר אריינגעהען און אפשר ניט..

— עס קען זיין, אז ער וועט עמיצען וועלען זעהען — האט דובאווע זיך אבגערופען — שאפראוו און נאוויקאוו זיינען אויך דארט.

— קומט ! — האט קארסאווינע געזאגט ענטשלאסען.

זיא איז ארייגעפאלען אין שטוב און האט זיך אויף גיך איבערגעטאן. באלד זיינען זיי אלע אוועק צום שפיטאר וואו סעמיאנאוו האט זיך געמארטערט.

## עלפטער קאפיטעל.

ווען סעמיאנאוו האט דערזעהען דאס בלוט און ווען מען האט איהם אויפ־געהויבען און אויף דער בעט אוועקגע־לעגט האט ער פערשטאנען, אז ער שטארבט און איהם איז געווארען קשה־דיג. פארוואס ער האט זיך גאר ניט דער־שראקען פאר דעם טוידט.

דובאווא האט א טעות געהאט, ווען זיא האט געדענקט, אז סעמיאנאוו האט זיך פאר'ן טוידט דערשראקען. דאס איז געקומען דערפון, וויל זיא אליין האט זיך דערשראקען. און זיא האט זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען, דערזעהענדיג פאר זיך סעמיאנאוו שטארבט, אז ער אליין זאל זיך פאר דעם טוידט ניט שרעקען. זיין בלייכקייט און זיין בלאנ־דזשענדער בליק, וואס זיינען איהם גע־קומען פון פערליערען אזוי פיעל בלוט, האט זיא אנגענומען פאר דעם אויסדרוק פון מורא...

סעמיאנאוו האט תמיד מורא גע־האט פאר דעם טוידט, איבערהויפט זינט ער האט זיך דערוואוסט, אז ער האט די שווינדזוכט. דיא ערשטע צייט, ווען ער האט זיך דערוואוסט פון זיין קראנקהייט האט ער זיך זעהר געמוטשעט און זיין לאנגע איז געווען, וויא פון איינעם, וואס מען האט צום טויט פערמשפט...

עס האט זיך איהם געראכט, אז דיא וועלט געהט אונטער, אז אלעס, וואס עס איז איהם פריהער אזוי ליעב און טהייער געווען, ווערט פערשלונגען אויף אייביג פון א מורא'דיגען, שוואר־צען אבגרונד...

סעמינאוו'ן האט זיך דער טוידט פארגעשטעלט אין דער געשטאלט פון א גרויסען, זעהר גרויסען, רונדען און טיעף־שווארצען אבגרונד. און וואוהין ער איז געגאנגען, וואס ער האט ניט געטהאן, האט דער דאזיגער שווארצער אבגרונד געשוועבט פאר זיינע אויגען און געשלונגען אין זיך אלעס, אלעס: אי דיא טענער, אי דיא פארבען, אי די חושים פון זיין לעבען...

דיעזער צושטאנד איז געווען א שרעקליכער פאר סעמיאנאוו'ן... מיט דער צייט אבער איז דיעזע פארשטע־לונג ווענען טוידט אלץ שוואכער גע־ווארען אין סעמיאנאוו'ס נשמה; ער האט זיך גענומען פערגעסען אלץ מעהר און מעהר אין דעם שטרודעל פון'ם לעבען, וואס האט זיך געטראגען פאר איהם אין טויזענדער פארבען, בעווע־גונגען און טענער...

דיא נאהענטקייט פון דעם שוואר־צען אבגרונד האט ער נור געפיהלט אין דיא פארנאכטען, בעת ער איז געווען אליין. אז ער פלעגט פערלעשען דיא לאמפ, האט זיך איהם געדאכט, אז דורך דיא ארומיגע פינסטערנים רוקט זיך אויף איהם עפעס, וואס האט קיין פנים און קיין געשטאלט, — רוקט זיך אויף איהם און שעפצעט אהן אויפ־הער: ש—ש—ש... ש—ש—ש... ש—ש—ש... און אויף דיעזען לאנגען שעפצען פלעגט זיך זיין נשמה אויף אברופען מיט א צו־וועהטאגטען, לאנ־גען־לאנגען קרעכצען און דאן האט ער געפיהלט, וויא ער גיעסט זיך אלץ מעהר און מעהר צוזאמען מיט דעם ארומיגען שעפצען, חושך און לערקייט און זיין אייגענער גוף צאפעלט זיך אין דעם דא־זיגען כאאס פון חושך, לערקייט און שעפצען, וויא דער לעצטער אויפפלא־מען פון אן אויסגעהענדען חלב'נעם ליכט אין א פינסטערען הויז...

סעמיאנאוו האט דאן אנגעהויבען צו שלאפען ביי דער שיין פון א לאמפ. דאס שעפצען אבער האט זיך איצט אויך געהערט פון דיא ווייטע ווינקלאך, וועלכע דיא שיין פון דער לאמפ האט ניט געקענט דערגרייכען. סעמיאנאוו האט מורא געהאט צו קוקען אויף יענע שווארצע ווינקלאך, האט מורא געהאט צו דענקען ווענען דעם פינסטערען אב־גרונד. ווארום ער האט נור געדארפט א טראכט טהאן ווענען איהם, אזוי גלייך דאט זיך פון יענע ווינקלאך גענומען רוקען א פינסטערניש, א חושך, וואס האט אנגעפילט דעם גאנצען צימער, וואס האט זיך געוויקעלט ארום סעמיא־נאוו'ן און אין איהם און האט פער־שלונגען דיא שיין פון לאמפ און אלעס,

אַלעס, וואָס האָט נור דערמאָנט אָן לעבען... אַזאַ צושטאַנד איז געווען אונערטרעגליך. אין אַזוינע מינוטען האָט זיך סעמיאָנאָוו'ן געוואָלט וויינען, ווי אַ קינד, אין שלאָגען זיך קאָפּ אָן וואַנד... אָבער ביסי'עכווייז האָט ער זיך צוגעוועהנט צו דעם צושטאַנד, האָט זיך הינגעריסען מיט דעם ארומיגען לעבען און זיך מעהר פיעל ניט געמוטשעט.

דערפאַר אָבער, אַז ער פלעגט אַמאָל אָנטרעפען אַ לויה, צו פאַרבייגעהען דעם בית עולם, צו עפּעס אַנדערש פלעגט זיך מאַכען, וואָס פלעגט איהם אָן דעם טוידט דערמאָנען, דאַן פלעגט ער ווידער דערפיהלען דעם שוואַרצען אָבגרונד נעבען זיך נאָך נעהענטער און ער האָט געליטען און געליטען...

אויף אַזאַ'ן אופן האָבען אין איהם געלעבט צוויי לעבענס: איינס, אַ העלס, וואָס האָט ניט געקענט דענקען פון'ם טוידט און וואָס האָט זיך הינגעריסען מיט אַלעס, וואָס איז שעהן און פרעהליך געווען ארום, און אַ צווייטע לעבען, אַ שוואַרצעס, פול מיט געהיימניס, אַ פערבאָרגענס, וויא אַ וואָרים אין אַן עפּעל, וואָס האָט אָהן אַן אויפהער געגאָסען סם אין דעם שעהנעם בעכער, פון וועלכען דאָס העלע לעבען האָט געטרונקען...

דערפאַר טאַקי האָט סעמיאָנאָוו זיך ניט דערשראָקען פאַר דעם טוידט, ווען ער האָט דעם בלוטשטורץ געקראָגען ער האָט נור געפרעגט:

„שוין?" אַזוי וויא ער וואָלט וועלען זאָגען: איך האָב ערוואַרטעט. אַז דאָס שוואַרצע לעבען זאָל פערשלינגען דאָס העלע...

עס האָט איהם נור וועה געטהאָן, וואָס ער וועט קיין מאָל שוין מעהר גאָרנישט ניט זעהען. און ווען מען האָט איהם אויף דער דראָזשקע געפיהרט אין שפּיטאָל, האָט ער מיט אויסגעגלאָצטע אויגען געקוקט ארום זיך און געשטאַרעט זיך אריינזויגען אין זיין געדעכנים דיא גאַנצע וועלט מיט איהר הימעל, מיט איהרע מענשען, מיט איהר גרינקייט און בלויקייט... אַלעס אין דעם לעבען איז איהם איצט געווען טהייער און ליעב, דיא אונבעדייטענסטע זאַכען אפילו: אי דער שטויביגער וועג, אי דיא פייערלאַך אין דיא פענסטער פון דיא הייזער, אי דיא גרינע ביימער, אי דאָס רוישען פון דיא רעדער, אי דער פאַרנאַכטיגער וואַרימער ווינטעלע, — אַלעס, אַלעס, וואָס ער האָט נור געזעהען, געהערט און געפיהלט מיט זיינע חושים...

ווען מען האָט איהם אַוועקגעלייגט אויף דער בעטעל אין שפּיטאָל, האָט ער זיך אויך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען און נאָכגעפאָלגט יעדע בעוועגונג, יעדען פּנים און יעדע זאַך, ביז דיא פּיזישע ליידען האָבען צובראָכען אין איהם דיא נייגעריגקייט... דאַן האָט זיך איהם יעדער און יעדע זאַך ארום איהם גענומען ווייזען פרעמד, איבעריג. דער לעצטער קאַמפּף צווישען לעבען און טויט האָט זיך אָנגעהויבען, דיא לעצטע מאַרטערנים, דיא גסיסה...

צייטענווייז פלעגט ער קומען צו זיך, דיא וועהטאָגען און ליידען פלעגען איהם אָבלאָזען, ער פלעגט קענען אָבכאַפּען דעם אָטהעם, דאַן פלעגט ער מעהר אָדער וועניגער קלאָהר קענען אונטערשיידען מענשען, זאַכען און שטימען... באַלד אָבער פלעגט זיך אַלעס ווידער אויסלעשען ארום איהם און ווידער פלעגט איהם ארומוויקלען אַ שוואַרצער טומאַן, און דער קאַמפּף צווישען לעבען און טויט פלעגט זיך ווידער אָנהייבען מיט נאָך מעהר פערצווייפלונג און פערביסענקייט...

ווען יוריע מיט קאַרסאַווינען און דובאָווא'ן זיינען אין שפּיטאָל געקומען, האָבען זיי דאָרט געטראָפען ארום סעמיאָנאָוו'ס בעטעל נאָוויקאָוו'ן, איוואַנאָוו'ן, שאַפּראָוו'ן און ריאַזאַנצעוו'ן וועלכער איז געווען דער דאָקטאָר פון'ם שפּיטאָל.

סעמיאָנאָוו האָט געאָטהעמט זעלטען און שווער. ער איז גאָר ניט גע־

וועז עהנליך צו דעם סעמיאנאוו'ז, וואס זיי האבען געקענט. ער איז אין גאנצען ניט געווען עהנליך צו א לעבעדיגען מענשען. הגם דיא געזיכטס־ציגע זיינען געווען דיא אייגענע, וואס ביי דעם פריהערדיגען סעמיאנאוו'ן, און די גליעדער פון'ם גוף אויך דיא אייגענע, דאך איז אויף דעם אלעם, געלעגען א בעזונדער אויסדרוק, וואס האט צוגעגעבען סעמיאנאוו'ן אן אנדער אויסזעהען, ניט פון א לעבעדיגען מענשען.

דיא לאמפ, וואס האט געברענט אין מיטען פאלאס, האט העל בעלויכטען דעם אויסגעהענדען לעבען . . .

אלע זיינען געשטאנען ארום סעמיאנאוו'ן מיט אראבגעלאזענע קעפ און האבען זיך צוגעהערט צו דעם שרעקליכען פייפען און זעגען פון סעמואנאוו'ס אטהעם.

עס זיינען געקומען אן אלטינקער גלח מיט זיינעם אן אונטערהעלפער, דאן סאנין. דער גלח מיט זיין אונטערהעלפער האבען גענומען זינגען און בעטען פאר סימיאנאוו'ס נשמה. קארסאווינע האט זיך שטיל צו־וויינט און אויף איהר קוקענדיג, איהר פריינדין דובאווא. דיא מענער האבען אויך קוים איינגעהאלטען דיא טרעהרען. איין סאנין נור איז געווארען אונגעדולדיג פון דעם גלח'ס זינגען, האט מיט פערדרוס געדריקט מיט די אקסלען און געטראכט, טאמער הערט עס סעמיאנאוו, ליידעט ער אוודאי פון דעם.

— איהר וואלט געזונגען א ביסעל שטילער ! — האט ער מיט כעס זיך געווענדעט צום גלח.

דער גלח האט זיך אנגעבלאזען און גענומען זינגען נאך העכער.

סאנין האט א מאך געטהאן מיט א האנד און אבגעטראטען צום פענסטער.

ווען דער גלח האט געענדיגט, איז אלעמען נאך שווערער געווארען אויף'ן הארצען. סעמיאנאוו איז געלעגען, וויא פריהער, און זיך געמארטערט.

דאן האבען זיי אלע דערפיהלט דעם שרעקליכען וואונש, אז סעמיאנאוו זאל וואס שנעלער שטארבען . . . זיי האבען זיך געשעהמט פאר דיעזען וואונש, געסטארעט זיך איהם צו דערשטיקען אין זיך און האבען אויסגעמיעדען צו קוקען איינער אויף'ן אנדערען . . .

— וואלט ער כאטש געשטארבען גיכער — האט שטיל ארויסגערעדט סאנין — ער מארטערט זיך אזוי !

— יע ! — האט זיך אבגערופען איזען שטארבען, וועל איך דיא נשמה אבוואנאוו.

און כאטש דיא איבריגע האבען דאס זעלבע געפיהלט און געוואונשען, האבען זיי דאך זיך אומגעקוקט אויף כאניז'ן און איוואנאוו'ן מיט פעראכטונג.

שאפראוו האט עפעס געוואלט זאגען, אבער אין דיעזער צייט האט זיך דערהערט א נייער קרעכץ, א שרעקליך־טרויעריגער, רחמנות'דיגער קעכץ, פון וועלכען אלע זיינען פעטרויסעלט געווארען.

— אי . . . אי—אי ! — האט סעמיאנאוו געצויגען לאנג־לאנג, בעגלייט פון א כריפען, א פייפען און א זעגען . . .

קארסאווינע, דובאווא און נאוויקאוו האבען זיך ווידער צו־וויינט. דער גלח האט מיט געפיהל גענומען זינגען א תפילה צו דער יציאת הנשמה . . . פלרצים איז סעמיאנאוו אנשוויגען געווארען.

— געשטארבען... — האט דער גלח ארויסגעמורמעלט.

אבער אין דיעזער מינוט האט סעמיאנאוו לאנגזאם און שווער געעפענט זיינע צונויפגעקלעפטע ליפען, זיין פנים האט זיך פערקרימט, אזוי וויא עס וואלט געשמייכעלט, און אלע האבען דערהערט זיין פערשטיקט, זעהר שוואך און שרעקליך קול, וואס האט, דאכט זיך, ארויסגעריסען זיך פון דער כאמע טיע־

פענים פון זיין ברוסט, וויא פון אונטער דעם צודעק פון אן ארון . . .

ער האט עפּעס געזאגט און געקוקט דעם גלח גלייך אין פנים מיט אויסגעגלאצטע, שרעקליכע אויגען.

דאן האט ער זיך א צאפּעל געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער און מיט דעם אויסדרוק פון משוגענעם שרעק האט ער ווידער א קוק געטאהן פאר זיך און געציגען נאך לאנגער, נאך מורא'דיגער . . .

דיא פריינד זיינע זיינען נאך א ווילע געשטאנען ארום זיין בעט און האבען געקוקט אויף זיין טויטען, שפּיציג שארפען פנים און נאכדעם וויא נאוויקאוו האט איהם אוועקגעלייגט דיא הענד אויף דער ברוסט, האבען זיי זיך גענומען צוגעהען איינציגווייז, טרעטענדיג שטיל אויף דיא שפּיץ־פינגער, אזוי וויא זיי וואלטען זיך אוועקגע'גנב'עט פון דעם טויט . . .

ארויסגעהענדיג פון'ם שפּיטאל, האט זיך איוואנאוו געווענדעט צו סאנין'ן:

— קום צו מיר, מיר וועלען מזכיר נשמה זיין דעם טויטען . . .

— קום! — האט סאנין געענטפערט.

זיי זיינען אריין אין א מאגאזין, האבען געקויפט א פלאש שנאפּס און צובייסען און זיינען דאן אוועק איבער'ן בולוואר. דארט איז געגאנגען יוריע מיט אן אראבגעלאזענעם קאפּ.

סעמיאנאוו'ס טויט האט געמאכט אויף יוריע'ן א מאדנעם אונבעשטימטען און שוידערענדען איינדרוק, אין וועלכען ער האט געפיהלט. ער מוז זיך פונאנדערקלייבען.

— דאכט זיך, עס איז גאנץ פּשוט — האט ער זיך געפּרובט ערקלעהרען — דער מענש איז ניט געווען פריהער, איידער ער איז געבארען געווארען, און דעמאלט איז עס געווען גאנץ פערשטענדליך און גאר ניט שרעקליך . . . דער מענש וועט ניט זיין. ווען ער וועט שטארבען, דארף עס אויך זיין פונקט אזוי ניט שרעקליך און פערשטענדליך... יע, עס איז גאנץ פּשוט און גאר ניט שרעקליך! — האט ער אויסגערעדט הויך אויף'ן קול. באלד אבער האט איהם אנאנדער געדאנק גענומען מוטשען: ניין! דאס, וואס א גאנצע לעבען, א גאנצע וועלט, מיט געפיהלען, געדאנקען, וואונשען און שטרעבונגען ווערט אין איין רגע חרוב, ווערט פערוואנדעלט אין גאר נישט, אין א טעמפּע שטיק האלץ, — דאס איז שוין זעהר שרעקליך, זעהר העסליך און ניט פערשטענדליך! . . .

אויף'ן שטערען איז ביי איהם ארויסגעטראטען א קאלטער שוויים, און ער האט געטראכט אלץ ווייטער און ווייטער אין דער ריכטונג . . .

אין דיעזער צייט האט איוואנאוו איהם הויך אנגערופען ביים נאמען. ער האט זיך אומגעקוקט און דערזעהען יענעם מיט סאנין'ן.

— וואוהין געהט איהר? — האט ער געפרעגט.

— אויסטרינקען פאר סעמיאנאוו'ס נשמה — האט איוואנאוו געענטפערט — קומט אויך. וואס האלט איהר זיך פון ווייטענס פון אנשטענדיגע מענשען?

אפריהער האט יוריע ניט געוואלט געהען מיט זיי, ווארום ער האט זיך געהאלטען העכער פון זיי. דאן אבער, ווייל איהם איז געווען זעהר אונמטהיג, האט ער בעשלאסען צו געהען מיט זיי.

זיי זיינען געקומען צו איוואנאוו'ן אהיים. איוואנאוו האט דערלאנגט דיא פלאש שנאפּס צום טיש און דעם צובייסען. זיי האבען גענומען טרינקען. יוריע'ן האט גענומען דרעהען דער קאפּ פון דעם שנאפּס און פון דער פערשטיקטער לופט אין צימער. ער האט זיך ווידער דערמאהנט אן סעמיאנאוו'ן און געזאגט:

— א שרעקליכע זאך איז דאס

שטארבען !

— הפנים אויף אייך האט סעמיא־נאוו׳ם טויט געמאכט א גרויסען איינ־דרוק — האט איוואנאוו בעמערקט.

— אויף וועמען האט עס ניט גע־מאכט קיין איינדרוק ? האט יוריע, אנשטאט צו ענטפערען, געפרעגט.

— איך מיין אזוי — האט איוואנאוו זיך אנגערופען — נאטירליך, שטארבען וויל קיינער ניט, איך אוודאי ניט . . . צו לעבען איז א סך אנגענעהמער, פיעל פרעהליכער. נור טאמער וועל איך מור־זעי שטארבען, וועל איך דיא נשמה אב־געבען אהן איבריגע גוואלדען . . .

—נו, דוא קענסט עס ניט וויסען— האט סאנין זיך ארייננעמישט — דוא ביזט נאך קיין מאל ניט געשטארבען.

— אויך אמת ! — האט איוואנאוו זיך צולאכט.

— דאס זיינען נור ווערטער ! — האט פלוצים יוריע גענומען ריידען בייז און פערביסען : — ריידען קען מען אלעס און דער טויט בלייבט פארט דער טויט ! . . . עס איז שרעקליך פאר דעם דענקענדען מענשען דיעזע אונפער־מיידליכע פערגוואלדיגונג אויפ׳ן לעבען. דיעזער שטארבען מיט גוואלד... דיא גאנצע פרייד מיט׳ן לעבען הרג׳עט עס אוועק . . . דאס גאנצע לעבען האט דאן קיין זינן !

— אבער ווער האט אייך דען גע־זאגט, אז דאס לעבען האט יא א זינן ? — האט זיך פלוצים ארויסגעכאפט אי־וואנאוו מיט כעס.

— אבער עס איז דאך אונמעגליך — האט יוריע ווייטער געטענה׳ט —עס קען דאך ניט זיין, אז דאס לעבען מיט זיין שכל, מיט זיין סדר און מיט זיינע אלע גוטע מעלות . . .

— און נאך מיין מיינונג — האט זיך סאנין אבגערופען — זיינען גאר קיין גוטע מעלות אין גאנצען ניטא.

— וואס רעדט איהר ? — האט זיך יוריע א כאפ געטהאן — און דיא נא־טור ? . . .

— וואס נאטור ? — האט סאנין מיט א שמייכעל א מאך געטהאן מיט א האנד : — מען רעדט נור, אז דיא נא־טור איז דיא פאלקאמענהייט אליין, מיט אלע מעלות . . . אין דער אמת׳ן איז זיא פול מיט חסרונות פונקט וויא דער מענש : יעדער פון אונז קען זיך פאר־שטעלען א וועלט הונדערט מאל א בע־סערע, וויא זיא איז איצט, פון דער נאטור בעשאפען . . . ווארום זאל ניט זיין אייביג ווארעם, גרין און ליכטיג?... און וואס אנבעלאנגט א זינן ? . . . א זינן איז זיכער דא אין לעבען . . . עס מוז זיין א זינן, שוין פשוט דערפאר, ווייל דער גאנג פון׳ם לעבען ווערט פון עפעס א צוועק געטריעבען. אהן א צוועק וואלט דאס לעבען געבליעבען אין דעם צושטאנד פון תהו ובהו, פון כאאס ... דאס איז קלאר . . . מיט אונז הייבט זיך ניט אן דאס לעבען און פאלגליך מיט אונזער טויט קען זיך עס ניט ענדיגען... אונזער ראלע אין לעבען איז א פאסי־ווע . . . מיט דעם פאקט, אז מיר לע־בען, איז אונזער בערוף אויסגעפילט גע־ווארען . . . אונזער לעבען איז נויטהיג הייסט עס, אז אונזער טויט איז אויך נויטהיג . . .

— וועמען איז עס נויטהיג ?

— וואס ווייס איך ! — האט זיך סא־נין צולאכט — און וואס קימערט עס מיך ? איך לעב און ווייטער . . . וואס דארט איז, אויף יענער זייט פון דעם לעבען, מעג דער טייפעל נעהמען !

— גערעכט ! — האט איוואנאוו אויסגעשריען — נו, האק ארין נאך א גלעזעלע !

— און אין גאט גלויבט איהר ? — האט יוריע געפרעגט סאנין׳ען.

— דאס גלויבען אין א גאט—האט סאנין געענטפערט — איז פערבליעבען אין מיין הארצען פון מיינע קינדהייטס־יאהרען. נור אויב עס איז דא א גאט, ווייס איך ניט. איך האב איהם קיין

מאל ניט געזעהען און קען איהם ניט... און וויא קען מען איהם קענען אפילו ביי דעם שטארקסטען גלויבען?... גאט איז גאט, ניט קיין מענש און מיט א מענשליכער מאס קען מען איהם ניט אבמעסטען... אין זיין שאפונגס־קראפט זעהען מיר אלעס: אי שלעכטעס, אי גוטעס, אי לעבען, אי טויט, אי שעהנקייט, אי העסליכקייט... אלעס... און אזוי וויא מיר קענען ניט פון דעם זיך מאכען קיין בעשטימטע פארשטעלונג פון איהם, בעוויזט עס, אז דיא מענשליכע פארשטעלונג איז ניט זיינע און ז י י ן גוטעס און שלעכטעס זיינען ניט דיא מ ע נ ש ל י כ ע גוטעס און שלעכטעס... אונזער פארשטעלען זיך גאט, וועט תמיד זיין א געצען־דינעריי און אלע מאל וועלען מיר אנטאן אויף אונזער געטשקע אזוינע קליידער לויט דעם קלימאט, אונטער וועלכען מיר אליין וואהנען... ווייס איך, אונזין!

— ריכטיג! —האט אונטערגעכאפט איוואנאוו — האק אריין, ברודער'ל, נאך א גלעזעלע!...

— אויב אזוי צרוואס זאל מען לעבען? — האט יוריע אויסגעשריען.

— און צרוואס זאל מען שטארבען?

— האט סאנין אונטערגעכאפט מיט א פראגע — איך ווייס נור איין זאך: כל זמן איך לעב, וויל איך לעבען. דער מענש, וואס טויטעט אין זיך זיינע געפיהלען, טויטעט זיך אליין!...

— אבער געפיהלען קענען דאך זיין שלעכטע אויך? — האט יוריע אויסגעשריען.

— מעגליך...

— וואס טהוט מען דאן מיט דיא שלעכטע געפיהלען? נאכגעבען זיי אויך? — האט יוריע זיך געהיצט.

— געוויס, דיא זעלבע זאך! — האט סאנין געענטפערט און אנגעקוקט יוריע'ן מיט זיינע העלע, פרעהליכע אויגען.

שפעטער א ווילע, ווען יוריע האט זיי פערלאזען, האט ער, געהענדיג אהיים, געטראכט און געוואונדערט זיך וואס פאר א מענש דער סאנין איז...

— א פראזיאר! — האט ער א טראכט געטהאן ווענען איהם מיט א עקעל. דאן האט ער זיך ווידער דער־מאהנט אן סעמיאנאוו'ן און ווידער האט ער גענומען טראכטען וועגען טויט.

— איך וועל אויך שטארבען... וועגען מיר וועט מען דאן אויך טראכ־טען אזוי, וויא איך טראכט איצט... יע, מען מוז לעבען און לעבען, כל זמן מען לעבט. שפעטער וועט מען ניט קע־נען... אבער וויא אזוי לעבט מען? וויא פאנגט מען אן?...

— אונמוטהיג, טרויעריג און ביטער! — האט ער פלוצים ארויסגערעדט אויף'ן קול און האט זיך אליין דערשראקען פאר זיין אייגענער שטימע.

— איך בין שיכור! — האט ער א טראכט געטהאן.

דיא נאכט איז געווען א שטילע און א ליכטיגע...

קארסאווינע איז ע־געץ אוועקגע־פאהרען צו גאסט, יוריע האט גענומען פיהלען לאנגווייליג.

זיין פאטער ניקלאי יעגאראוויטש איז פערנומען געווען מיט זיין ווירט־שאפט און מיט זיין קלוב ליאלע מיט — ריאזאנצעוו'ן און ריאזאנצעוו מיט ליאלען, — קורץ, יוריע האט ניט גע־וואוסט, וואו זיך אהינצוטאהן. ער האט זיך געלעגט פריה שלאפען, איז אויפ־געשטאנען שפעט און דיא איבריגע איז ער געזעסען אדער אין סאד, אדער ביי זיך אין צימער און געטראכט, און גע־טראכט, געווארט ביז דיא ענערגיע וועט זיך אין איהם ערוועקען און דאן וועט ער זיך א נעהם טהאן צו א גרוי־

סער ארבייט.

דיא „גרויסע ארבייט“, פאר וועלכער ער האט זיך אלץ געקליעבען א געהם צו טהאן, איז בעשטאנען יעדער טאג ביי איהם פון עפעס אנדערש: היינט פון א בילד מאהלען, מארגען פון א רייהע ארטיקלען שרייבען, אין וועלבע ער וועט דערווייזען, אז דיא סאציאל־דעמאקראטען זיינען בעגאנגען אז אונפערצייהליכען פעהלער, וואס זיי האבען ניט איבערגעגעבען דיא פיהרערשאפט פון זייער פארטיי צו איהם, יוריע'ן... און איבערמארגען האט ער, יוריע, שוין געטראכט פון א נייער „גרויסער ארבייט“, צו געהען אין פאלק און ארביימען צווישען איהם . . . מיט איין ווארט, יוריע האט אלץ געפלאנעזועט א גרויסע ארבייט . . .

עס 'איז אבער אוועק א טאג נאך א טאג און יוריע איז געבליעבען ביי זיין טראכטען און פלאנעווען און ביי זיין לאנגווייליגען זיך . . .

און איין מאל איז ער געקומען צו ריאזאנצעוו'ן אהיים. ריאזאנצעוו האט איהם איינגעלאדען צו פאהרען מיט איהם אויף געיעג.

— אבער איך האב דאך ניט קיין ביקס — האט ער זיך אבגערופען.

— נעהמט ביי מיר, איך האב פינף ביקסען — האט ריאזאנצעוו געזאגט.

קורץ יוריע האט זיך דערפרעהט, וואס ער וועט אויף א ווילע קענען פערטרייבען זיין לאנגווייליגקייט, און ער האט איינגעוויליגט צו פאהרען מיט איהם.

פארנאכט איז ריאזאנצעוו געקומען נאך איהם אויף א דראזשקע און זיי זיינען אוועקגעפאהרען.

אויף וועג איז ריאזאנצעוו געווען זעהר פרעהליך און האט געלאכט אהן אן אויפהער. ניט ווילענדיג האט זיך יוריע'ן אויך איבערגעגעבען יענעם'ס פרעהליכקייט און ער האט אויך געלאכט.

זיי זיינען פערפאהרען צו א בעקאנטען פויער און האבען ביי איהם איבערגעלאזט דעם פערד.

דער פויער, קוזמא, א הויכער, גוטמוטהיגער אלטינקער מיט א ווייסען באארד, האט זיי געוואונשען גליק און זיי זייטען אוועק צום „סאזשעלקע“ אויף געיעג.

ביז דער סאזשעלקע האבען זיי געהאט צו געהען ביי א וויארסט, אן ערך. דיא זון איז שוין געווען פערגאנגען, דיא ערד איז געווארען פייכטער. פון וויימען האט געבלישצעט דאס וואסער. עס האט גענומען שמעקען מיט פייכטקייט און עס איז געווארען פינסטער.

ריאזאנצעוו האט אויפגעהערט צו רויכענען, האט ברייט צושפרייט דיא פיס און איז געווארען זעהר ערענסט, אזוי וויא ער וואלט זיך צוגעגרייט צו א פעראנטווארטליכער ארבייט. יוריע איז אבגעטראטען פון איהם רעכטס, האט זיך אויסגעקליעבען א טרוקענעם פלאץ און איז געבליעבען שטעהען. פאר זיי איז געלעגען דיא סאזשעלקע, וויא א קלאהרער שפיעגעל, אין וועלכער עס האט זיך אבגעטונקט דיא אויפגעהענדע לבנה.

פלוצים האבען זיך פון ערגעץ גענומען שיטען ווילדע ענטלאך. זיי זיינען געפלויגען צו צווי, צו דריי ווייז, האבען געדרעהט דיא קעפעלאך אהין און אהער און געקלאפט שטארק מיט זייערע פליעגלען.

דער ערשטער האט אויסגעשאסען ריאזאנצעוו און געלונגען. דיא דערשאסענע ענטעל האט זיך, וויא א קנויל, איבערגעדרעהט אין דער לופטען און איז שווער געפאלען אן א זייט אויף'ן וואסער.

נאך איהם האט יוריע אויך אויסגעשאסען און אויך געלונגען. אבער די דערשאסענע ענטעל איז ארונטערגעפאלען ערגעץ ווייט און ער האט זיא ניט געקענט געפינען. יוריע איז לעבעדי-

גער געווארען און געשאסען ווידער און ווידער . . .

דער רויך פון דעם פולווער האט בעזונדער אנגענעהם געשמעקט אין דער קיהלער לופט נעבען וואסער און די פייערלאך פון די שיסערייען האבען מיט א פרייליכען געטומעל אויפגעפלאקערט צווישען דער דערבייאיגער דונקעלער גרינקייט, און די דערשאסענע ענטלאך האבען זיך געדרעהט אין דער לופטען אונטער דעם בלייכען הימעל, אויף וועלכען עס האבען זיך גענומען ווייזען די ערשטע בלייכע שטערענדלאך. יוריע האט זיך געפיהלט אזוי גוט וויא נאך קיין מאל אין זיין לעבען. זיין יאגד־טאש איז פול געווען מיט דערשאסענע ענטלאך.

עס איז געווארען גאנץ פינסטער, מעהר האבען זיי שוין נים געקענט זעהן וויא צו שיסען, זיינען זיי אוועק צוריק, צו קוזמא'ס פלאץ, וואו ריאזאנצעוו האט זיין פערד איבערגעלאזט.

קומענדיג צו קוזמא'ס פלאץ, האבען זיי דארט געטראפען סאנין'ן. ער איז געזעסען אויף א גרויסער קאווענע נעבען א ברענענדיגען קאסטיאר אין דרויסען און ארום איהם דער אלטער קוזמא און נאך אנדערע, אי פויערים אי פויערטעס.

— וואס טהוט דא עפעס סאנין ?

— האט ריאזאנצעוו געזאגט פערוואונדערט.

קוזמא האט זיי בעגעגענט מיט א פריינדליכער מינע.

— נו, האט אייך עפעס אבגעגליקט?

— האט ער זיך צו זיי געווענדעט.

— זעהר ! — האט פרעהליך געענטפערט ריאזאנצעוו.

סאנין האט זיי בעגריסט.

— וויא קומט איהר עפעס אהער ?

— האט ריאזאנצעוו זיך צו איהם געווענדעט.

— מיר זיינען שוין אלטע גוטע פריינד מיט קוזמא'ן — האט סאנין געענטפערט און פרעהליך א שמייכעל געטהאן.

דער אלטער קוזמא האט צופריעדען א מאך געטהאן מיט'ן קאפ און, אנגעהמענדיג סאנין'ען ביי דער קניע מיט זיינע הארטע פינגער, האט ער געזאגט:

— אמת ! אמת !

יוריע און ריאזאנצעוו האבען צוגעקייקעלט צום פייער א פאאר הארטע, שווערע קאווענעס און האבען זיך אויף זיי אוועקגעזעצט.

— נו, ווייזט אקארשט, פאניטש, וואס איהר האט דארט געשאסען ! — האט קוזמא זיך ווידער אבגערופען.

יוריע און ריאזאנצעוו האבען אויסגעשאטען פון זייערע יאגד־טאשען די טויטע ענטלאך. פאר דעם אומשפרינגענדיגען פייער פון דעם קאסטיאר האבען די דערשאסענע ענטלאך אויסגעקוקט זעהר אבשטויסענד. דאס בלוט אויף זיי האט אויסגעקוקט שווארץ און די צוזאמענגעדרעהטע לאפקעס האבען זיך וויא בעוועגט.

קוזמא האט זיי ארומגעטאפט אונטער די פליגלען.

— פעטע ! — האט ער געזאגט — גיעט מיר א פאאר . . . וואס דארפט איהר אזוי פיעל ? . . .

— נעהמט מיינע — האט זיך יוריע אבגערופען — איך גיעב זיי אייך אב אלע.

און געזאגט עס, איז ער רויט געווארען.

— אויף וואס אלע ? — האט קוזמא זיך צולאכט — הערסט. וואס פאר א גוטינקער ער איז ! . . . איך וועל נור נעהמען א פאאר . . . זאל ביי דיר עפעס אויך בלייבען . . .

אנדערע פויערים און פויערטעס זיינען צוגעגאנגען קוקען און זיינען באלד ווידער פערשוואונדען אין דער פינסטערניס.

סאנין האט נים געקענט קוקען אויף די טויטע ענטלאך. ער האט זיך אב־

נערוקט פון זיי און איז באלד גאר אין גאנצען אוועק פון דעם קאסטיאר. איהם איז שווער געווען צו זעהען, וויא דיא שעהנע שטארקע ענטלאף זיינען געלע־גען אין שטויב און אין בלוט מיט צו־בראכענע פליגלען . . .

אין דער פינסטערניס אויף דער אנדערער זייט פון׳ם קאסטיאר האט זיך געהערט א געלעכטער און שטימען פון דיא דארפישע מיידלעך. וואס הא־בען פון דער ווייטענס געקוקט אויף דיא אונבעקאנטע יונגע פאנימשעס. כאנין איז אוועק צו זיי. און אין א ווייל ארום, ווען כאנין האט אנגעריבען א שוועבעלע, האט יוריע איהם דערזעהען גאר אין אן אנדער זייט. ער איז גע־שטאנען ארומגענומען מיט א שעהנער הויכער דארפס־מיידעל, וועלכע האט מיט פערליעבטע שווארצע אויגען איהם אריינגעקוקט אין פנים.

ריאזאנצעוו האט עס אויך בעמערקט. ער האט א ווינק געטהאן מיט דיא אויי־גען צו דעם אלטען קוזמא׳ן. און גע־זאגט:

— זיידעניו, דוא וואלסט מעהר אכטונג געגעבען אויף דיין איניקעל...

— וואס איז דא אכטונג צו געבען?

— האט דער אלטער גוממוטהיג געזאגט

— א יונגע קאלב, זאל זיא זיך שפיע־לען! . . .

— כאנין האט זיך פריילאך צו־לאכט אין דער פינסטערניש. דיא מיידעל אבער האט זיך הפנים פער־שעהמט. ווארים זיי האבען אבגעטראטען ווייטער און זייערע שטימען האט מען קוים געהערט...

אין דרויסען איז געווארען העלער, ליכטיגער... אויפ׳ן הימעל האבען זיך אנגעצונדען שטערנדלאך... מען האט געקאנט אונטערשיידען דיא מענ־שען ארום דעם ברענענדיגען קאסטיאר, דיא פערד און דעם שאטען פון א וואגען מיט קאווענעס.

יוריע מיט ריאזאנצעוו׳ן האבען זיך געזעגענט מיט דעם אלטען קוזמא׳ן און זיינען אוועק צו זייער דראשקע. אויפ׳ן וועג האט זיך יוריע אנגעשטויסען אויף א גרויסער קאוועגע און איז שיער איבער איהר ניט געפאלען.

— פארזיכטיג, געהט אהער — האט ער פלוצים דערהערט סאנין׳ס קול — צום ווידערזעהען!...

— צום ווידערזעהען! — האט זיך אבגערופען יוריע און אומגעקוקט זיך אויף סאנין׳ען. און ער האט דערזעהען, וויא סאנין שטעהט ארומגענומען זיך מיט א הויכער שטארקער פרויענצימער... ביי יוריע׳ן האט דאס הארץ א טיאכקע געטהאן מיט א זיסער בענקעניש. ער האט זיך דערמאנט אן קארסאווינ׳ען און אין זיין נשמה האט זיך א קנאה ערוועקט צו סאנינ׳ען...

זיי האבען זיך געזעצט אויף דער דראזשקע און זיינען אוועקגעפאהרען. דער קאסטיאר איז געבליעבען הינטער זיי, דער טומעל און געלעכטער פון דיא מענשען ארום קאסטיאר איז אבגע־שטארבען. עס איז געווארען שטיל. יוריע האט א קוק געטהאן אויפ׳ן הימעל און דארט האבען געפינקעלט און גע־בלישטשעט ציטערענדיגע שטערנדלאך:

ווען עס האבען זיך גענומען ווייזען דיא פארקאנעס און דיא פייערלאך פון שטאדט און עס האט זיך דערהערט דאס בילען פון הינט, האט זיך ריאזאנ־צעוו אבגערופען:

— איך האב גאר ניט געוואוסט, אז סאנין איז אזא וואוילער יונג!...

און געזאגט עס, האט ער זיך צו־לאכט.

— יע, איך האב אויך ניט געוואוסט — האט יוריע געענטפערט מיט פעראכ־טונג און אין דערזעלבער צייט האט זיך פאר זיינע אויגען געטראגען דיא שעהנע דארפסמיידעל, וויא זיא שטעהט דארט ארומגענומען זיך מיט סאנינ׳ען. און אין זיין נשמה האט עפעס געצויגען, גע־צויגען...

ריאזאנצעוו האט שנעלער א טרייב געטהאן דעם פערד און האט זיך ווידער אבגערופען: — א שעהנע מיידעל, הא?... איך קען זיא... דעם אלטען קוזמא'ס אן אייניקעל...

יוריע האט געשוויגען. איצט איז איהם קלאר געווארען, אז סאנין איז א פערדארבענער מענש...

ריאזאנצעוו האט מאדנע אויפגע־שווידערט מיט דיא פלייצעס, אזוי וויא איהם וואלט פלוצים קאלט געווארען. דאן האט ער אויסגעשריען:

— עך, טייפעל... אבער איז היינט א נאכט!... אפילו איך אליין פיהל אויך עפעס... ווייסט איהר, לאמיר גאר א פאהר טהאן ערגעץ... הא?...

יוריע האט צוערשט ניט פערשטאַ־נען, וואס יענער מיינט.

— וועלען מיר פאהרען, הא? — האט ריאזאנצעוו ווידער געפרעגט — עס זיי־נען דא שעהנע מיידלאך...

יוריע איז שטארק רויט געווארען. דאס בלוט האט זיך אין איהם אנגעצונ־דען, פערשיעדענע בילדער, אי וואס הא־בען איהם געצויגען, אי געשראקען, הא־בען זיך אין זיין מוח דורכגעטראגען. ער האט זיך אבער בעהערשט און קאלט געענטפערט:

— ניין, שוין צייט אהיים...

און וועלענדיג א שמאך טהאן ריא־זאנצעוו'ן, האט ער צוגעלעגט:

— ליאלעווארט דארט אויף אונז...

ריאזאנצעוו האט זיך פליצים צו־נויפגעקארטשעט, איז, דאכט זיך, גע־ווארען קלענער.

— נו, יע...— האט ער גענומען מורמלען — ווירקליך שוין צייט אהיים... איהר האט רעכט...

יוריע האט שוין געפיהלט אן עקעל צו איהם, האט פערשצעמט דיא צייהן און ארויסגערעדט מיט כעס.

— איבערהויפט בין איך ניט קיין בעלן אט אויף אזוינע זאכען...

— נו, יע, יע — האט געמורמעלט ריאזאנצעוו און געזידעלט זיך אליין, פארוואס ער האט אזא זאך גאר פאר־געשלאגען יוריע'ן...

— ארייגעפאלען צום טייפעל! — האט ער געטראכט.

דיא דראשקע האט זיך אבגעשטעלט נעבען יוריע'ס הויז.

— איהר וועט ארייגעהן? — האט יוריע געפרעגט, ניט קוקענדיג אויף איהם.

— ניין, איך דארף נאך מאכען א וויזיט צו א קראנקען — האט ריאזאנ־צעוו געשטאמעלט — און אויסער דעם, גלויב איך, איז שוין גלאט שפעט...

יוריע איז ארונטערגעקראכען פון דער דראזשקע, האט אפילו ניט גע־וואלט מיט זיך נעהמען דיא דערשאסע־נע ענטלאך. אלעס, וואס האט א שייכות געהאט מיט ריאזאנצעוו'ן, האט זיך איהם איצט געדאכט מיאוס. אבער ריאזאנצעוו האט איהם מיט געוואלד ארייגעשפארט דיא ענטלאך. ווען ריא־זאנצעוו איז אוועקגעפאהרען, האט יוריע וועגען איהם א טראכט געטהאן:

— שארלאטאן, נישטיגער מענש!...

און איהם האט אזוי וועה געטהאן פאר זיין שוועסטער ליאלען...

## פערצעהנטער קאפיטעל.

ארייגעטראגען דיא ענטלאך אין הויז, האט יוריע גענומען טראכטען, וואס טהוט מען דעם גאנצען אבענד. און אזוי וויא טהאן האט ער ניט גע־האט וואס, איז ער ארויס אויפ'ן גאניק אין סאד.

אין סאד איז געווען פינסטער, וויא אין אן אבגרונד, כאטש דער הימעל איבער איהם איז געווען אויסגעשטערנט.

אויף דיא טרעפ פון'ם גאניק איז געזעסען ליאלע פערטראכט און איהר קליינע פיגור האט זיך קוים ארויסגעזע־הען אין דער פינסטער.

— דאס ביזטו, יוריע? — האט זיא געפרעגט.

— איך — האט ער געענטפערט און

אוועקגעזעצט זיך פארזיכטיג נעבען איהר. ליאלע האט פערחלום'ט אוועקגעלעגט איהר קאפ אויף זיין אקסעל. פון איהרע האאר האט אן אטהעם געטהאן אויף יוריע'ן מיט א פרישען, ריינעם און ווארימען דופט. דאס איז געווען א פרויען־דופט און יוריע האט איהם מיט אן אונבעוואוסטען, נור אונרוהיגען פערגעניגען ארייגעאטהעמט אין זיך.

— וויא איז עס עפעס ביי אייך געגאנגען אויפ'ן גזיעג? — האט ליאלע ביי איהם געפרעגט מיט א ווייך קול און האט צוגעלייגט שטיל און מיט צערטליכקייט: — און וואו איז עפעס ריאזאנצעוו?... איך האב געהערט, ווי איהר זייט צוגעפאהרען.

— דיין ריאזאנצעוו איז א שמוציגע חיה! — האט ער געוואלט א געשריי טהאן, פיהלענדיג וויא דער כעס אויף ריאזאנצעוו'ן שטיקט איהם; אבער אנשטאט דעם האט ער געענטפערט גלייכגילטיג:

— ב'לעבען, איך וויים ניט... דאכט זיך, ער איז צו א קראנקען אוועקגעפאהרען...

— צו א קראנקען?... — האט זיא איבערגעפרעגט און גענומען קוקען פערחלום'ט אויף דיא שטערען.

איהר האט עס ניט געהארט, וואס ריאזאנצעוו איז ניט פערגאנגען צו איהר; ליאלען האט זיך איצט געוואלט בלייבען אליין און טראכטען און חלום'ן פון דעם נייעם לעבען, וואס האט זיך פאר איהר געמאהלען אין דער נאהענטער צוקונפט. איהר גאנצע נשמה, איהר גאנצער מוח זיינען פול געוועזן מיט די בילדער פון איהר נייעם לעבען...

יוריע'ן איז אויסגעקומען עפעס מאדנע צו זעהן, וויא דיא שטיפערין ליאלע זיצט זיך אזוי שטיל און אונמוטהיג... דערפאר, ווייל ער, יוריע אליין, איז איצט געוועזן אויפגערעגט פון טרויעריגע געדאנקען, האט זיך איהם געדאכט, אז אלעס, אלעס — אי ליאלע, אי דער ווייטער אויסגעשטערנטער הימעל, אי דער דונקעלער סאד — איז פול מיט בענקעניש און טרויער... ער האט גאר ניט פערשטאנען, אז אונטער דער דאזיגער כלומרשט'דיגער שטילקייט און פערטראכטקייט איז ניט טרויער פערבארגען, נור קאכעדיגעס לעבען...

— ליאלע — האט ער זיך אבגעריסען שטיל און פארזיכטיג, אזוי וויא ער וואלט מורא געהאט זיא אויפצו־וועקען פון איהרע חלומות: — דוא האסט עפעס שטארק ליעב ריאזאנצעוו'ן?...

— אויב איך ליעב איהם? — האט זיא ארויסגעשעפצעט און צוגעדריקט זיך צו יוריע'ן מיט א געפיהל פון דאנקבארקייט דערפאר, וואס ער האט מיט איהר אנגעהויבען צו ריידען ניט וועגען אנאנדער זאך, וואס האט פאר איהר איצט קיין אינטערעס, נור וועגען יענעם, וועלכען זיא האט אזוי ליעב. —

— איך האב איהם ליעב זעהר, זעהר...

און ווען זיא האט עס ארויסגעשעפצעט, זיינען דיא אויגען ביי איהר פערצויגען געוועזן מיט טרערען פון גליק.

יוריע'ן האט זיך אויסגעדאכט, אז ער הערט בענקעניש אין איהר קול, און אין איהם האט זיך ערוועקט נאך מעהר האס צו ריאזאנצעוו'ן.

— פארוואס האסטו איהם אזוי ליעב? — האט ער געפרעגט.

ליאלע האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט און דערזעהענדיג זיין ערנסטען פנים, האט זיא זיך צולאכט.

— נארוניו דוא — האט זיא אויסגעשריען — וואס הייסט פארוואס איך ליעב איהם!... פאר אלעס!... דוא אליין האסט דען קיינמאל ניט געליעבט?... ער איז אזא גוטער, אזא ליעבער, אזא עהרליכער...

און זיא האט נאך געוואלט צולייגען: אזא שעהנער אזא שטארקער...

זיא איז אבער רויט געווארען אין דער פינסטערניש און האט עס ניט געזאגט.

— און דוא קענסט איהם גוט? — האט יוריע געפרעגט און בעת דעם געטראכט: מען דארף איהר עס ניט זאגען... צו וואס?... אין איהרע אויגען איז ער געווים דער בעסטער מענש אין דער וועלט.

— מיין חתן בעהאלט פון מיר גאר נישט... געווים קען איך איהם גוט — האט זיא געזאגט.

— ביזטו זיכער, אז ער בעהאלט פון דיר גארנישט? — האט ער געפרעגט מיט א ביטערען שמייכעל און געפיהלט, אז ער קען זיך שוין ניט איינהאלטען, אז ער מוז מיט איהר רייען אפען וועגען ריאזאנצעוו׳ן.

ליאלע האט איהם אנגעקוקט מיט אונרוהיגע אויגען און זיא האט געענטפערט:

— געווים בין איך זיכער... ווארום? דוא ווייסט עפעס...

— גאר נישט... איך רייד אזוי זיך... — האט ער ארויסגעמורמעלט צומישט.

ליאלע האט א ווײלע געשוויגען.

— אפשר ווייסטו עפעס... אזוינס?

— האט זיא פלוצים א פרעג געטהאן אין איהר שטימע האט געקלונגען אזוי צושראקען, אז יוריע איז נאך מעהר צומישט געווארען...

— אבער גאר נישט, גארוניו, גאר נישט — האט ער געפרובט זיך ארויסדרעהען — וואס וויים איך און איבערהויפט וועגען ריאזאנצעוו׳ן?...

— ניין! דוא ווייסט עפעס! א ניט וואלכטו ניט גערעדט — איז ליאלע צוגעשטאנען צו איהם.

— איך האב געוואלט נור זאגען... אזוי, אין אלגעמיין — האט געשטאמעלט יוריע און איז רויט געווארען פאר שאנדע: — איך האב נור געוואלט זאגען, אז מיר, מענער, זיינען אלע היבש פערדארבען... אלע...

ליאלע׳ן איז לייכט געווארען אויפ׳ן הארצען און זיא האט זיך פרעהלאך צולאכט:

— נו, דאס וויים איך שוין ניט...

איהר געלעכטער האט אבער צררייצט יוריע׳ן און ער האט ווידער א זאג געטהאן מיט האס:

— נו, אזוי וועקמאכען לייכט מיט ניט!... דוא קענסט עס גאר ניט פערשטעהען דוא ביזט צו ריין!... דוא קענסט גאר ניט האבען דעם קלענכטען בעגריעף פון דעם גאנצען שמוץ פון׳ם לעבען!...

— נו, את נא דיר גאר! — האט ליאלע זיך אבגערופען פיהלענדיג זיך געשמייכעלט פון זיינע ווערטער און ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זיינע קניע: — דוא מיינסט — האט זיא גערעדט ווייטער מיט אן ערענסטען טאן — דוא מיינסט, אז איך אליין האב וועגען דעם ניט געטראכט? איך האב פיעל געטראכט וועגען דעם און אלע מאל האט מיר וועה געטהאן, ווארום מיר, פרויען, מוזען אזוי אבהיטען אונזער רעפוטאציאן, אונזער ריינקייט און אונשולד, וועהרענד די מענער איז ערלויבט צו זיין אזוי פערדארבען, אזוי אויסגעלאסען... דאס איז שרעקליך אונגערעכט, ניט אמת?...

— ריכטיג! — האט יוריע מיט ביטערניש אונטערגעכאפט, דערמאנענדיג זיך אן זיינע אייגענע עבירות און אין דערזעלבער צייט האלטענדיג זיך דאך פאר אנשטענדיגער אלס דיא אנדערע יונגע לייט: — ריכטיג! דאס איז איינע פון דיא גרעסטע אונגערעכטיגקייטען אויף דער וועלט... פרעג דעם בעסטען פון אונז, מענער: אויב ער וואלט חתונה געהאט מיט... מיט א געפאלענער פרוי, און יעדער וועט ענטפערען: ניין... און מיט וואס, פרעגט זיך איז א מאן בעסער פון א געפאלענער פרוי?... יענע, געוואוינליך, ווערט צו דעם געטריעבען פון דער נויט, דער

הונגער צווינגט זיא צו זיין אויסגעלא-
סען, צו פערקויפען זיך... דער מאן אבער
טהוט עס פשוט, וויל ער איז א צולא-
זענע חיה...

ליאלע האט געשוויגען. א פלע-
דער־מויז איז דורכגעפלויגען אונטער'ן
באלקאן, האט א פאר מאל מיט א
זשארושען זיך אנגעקלאפט מיט'ן פלי-
געל אן וואנד און איז פערשוואונדען.
יוריע האט זיך צוגעהערט צו דיא גע-
היימע טענער פון דעם ביינאכטיגען לע-
בען און דאן האט ער ווידער אנגעהוי-
בען צו ריידען, הינרייסענדיג זיך אליין
מעהר און מעהר מיט זיינע אייגענע
ווערטער:

— און ערגער פון אלעם איז דאס,
וואס אלע, ניט נור זיי וויסען עס און
שווייגען, אזוי וויא אנדערש קען עס
גאר ניט זיין, נור זיי שפיעלען נאך דער-
צו טראגי־קאמעדיעס, האלטען דיא
חתונה פאר הייליג, לייגען אי פאר גאט
אי פאר לייט!... דיא ריינסטע, דיא
אונשולדיגסטע מיידלאך פאלען אריין צו
דיא פערדארבענסטע מענער... דער פער-
שטארבענער סעמיאנאוו פלעגט זאגען,
אז וואס ריינער א פרוי איז, אלץ שמו-
ציגער איז איהר מאן... און דאס איז
אמת!...

— שוין־זשע איז אזוי? — האט
ליאלע געפרעגט מיט א ציטערדיג קול.

— געווים! — האט יוריע געענט-
פערט מיט ביטערניש.

— איך ווייס עס ניט — האט ליאלע
ווידער ארויסגערעדט און אין איהר
שטימע האבען געקלונגען טרערען. —
שוין־זשע איז ריאזאנצעוו אויך אזוי ווי
אלע? — האט זיא פלוצים אויסגעשריען
און זיך צו־וויינט.

— ליאלע, ליאלינקע... וואס איז
מיט דיר? — האט זיך יוריע א כאפ
געטהאן צו איהר: — נו, וויין ניט,
סהייערינקע!... איך האב נישט גע-
מיינט...

ער איז צוגעפאלען צו איהר, געריסען
דיא הענטעלאך פון איהר פנים און גע-
קושט איהרע נאסע, קליינע פינגערלאך.

— ניין, ניין, איך ווייס... עס איז
אמת... ער איז אויך אזא — האט ליא-
לע גערעדט, שטיקענדיג זיך מיט טרע-
רען.

פריהער האט זיא פון דעם קיינמאל
ניט געטראכט, הגם זיא האט געוואוסט,
אז זיא איז ביי איהר חתן ניט דיא ער-
שטע... זיא האט זיך אבער לאנג אויף
דעם ניט פערטראכט... דיא הויפטזאך
ער האט זיא געליעבט, זיא האט איהם
געליעבט און ווייטער איז געווען ניט
וויכטיג. איצט אבער אונטער דעם איינ-
דרוק פון איהר ברודער'ס ווערטער, האט
זיך פאר איהר א פינסטערער תהום גע-
עפענט און איהר האט זיך אויסגעוויע-
זען, אז דער דאזיגער תהום האט פער-
שלונגען אויף אויביג איהר פריהערדיג
גליק, אז זיא קען שוין מעהר ניט ליע-
בען ריאזאנצעוו'ן...

יוריע האט זיך שיער אליין ניט
צו־וויינט, האט זיא געטרויסט, איינגע-
רעדט, געקושט, געגלעט זיא איבער די
האאר, זיא אבער האט אלץ געוויינט, בי-
טער און פערצווייפעלט.

— אך, גאט מיינער! גאט מיינער!

— האט זיא ניט געקענט איינשטילען
איהרע טרעהרען און אין דער פינסטער-
ניש האט זיא אויסגעזעהען, וויא א
וויינענדיג קינד, קליין און רחמנות'דיג.

יוריע, בלייך און צומישט, איז
אוועקגעלאפען אין הויז נאך וואסער.
באלד האט ער זיך צוריקגעקעהרט מיט
א גלאז וואסער:

— ליאלעטשקע, נו, גענוג! נו,
וואס וויינסטו? ריאזאנצעוו, קען זיין,
איז בעסער פון אונז אלע!... ליאלע, נו,
ליאלע! — האט יוריע זיך געבעטען ביי
איהר מיט פערצווייפלונג אין קול.

ליאלע האט זיך אין גאנצען גע-
טרויסעלט פון'ם וויינען און איהרע ציין
האבען זיך געקלאפט אן דעם ברעג פון
גלאז מיט וואסער, וואס יוריע האט
איהר צוגעטראגען צום מויל.

— וואס איז געשעהן? — האט

זיך דערהערט אן אונרוהיג קול פון דער קאמערמעדכען, וועלכע האט זיך געוויזען אין דער טהיר פון הויז: — פרייליין, איהר פיהלט ניט גוט?

ליאלע האט זיך אנגעשפארט אן וואנד, איז אויפגעשטאנען און ניט אויפהערענדיג צו וויינען און אויפצי־טערענדיג מיט דיא אקסלען, איז זיא דער האנד, וויא דוא, קען כען עס מיט וואנקענדע טריט אוועק צו זיך אין צימער.

— פרייליין, טהייערינקע — איז איהר נאכגעלאפען דיא קאמערמעדכען— וואס איז מיט אייך?... רופען דעם הערר? יוריע ניקאלאיעוויטש! —האט זיא גענומען רופען.

יוריע איז אריינגעלאפען. נאך איהם איז מיט מיליטערישע טריט אריינגעקומען זיין פאטער ניקאלאי יע־גאראוויטש. ער האט אנגעקוקט ליאלען מיט פערוואונדערטע אויגען און גע־פרעגט:

— וואס איז געשעהן?

— גארנישט, נארישקייטען — האט זיך יוריע אבגערופען מיט א גע־צוואונגענעם שמייכעל: — מיר האבען גערעדט וועגען ריאזאנצעוו'ן.... נא־רישקייטען!..

ניקאלאי יעגאראוויטש האט א ווילע איהר אנגעקוקט, וועגען עפעס א טראכט געטאהן און מיט אמאל האט זיין אלט פנים אנגענומען אן אויסדרוק פון טיעפער פעראכטונג.

— דער טייפעל ווייסט אייך אלע!

— האט ער א זאג געטהאן און א דריק־מהאנדיג מיט דיא אקסלען, איז ער ארויס פון ליאל'ע'ס צימער.

יוריע האט זיך געפיהלט בעליידיגט פון זיין פאטערס בעמערקונג, האט איהם געוואלט אפענטפערן גראב, נור האט זיך פערשעהמט און געשוויגען. און ביהלענ־דיג א כעס אויף זיין טאטען, רחמנות צו ליאלא'ן און פעראכטונג צו זיך אליין האט ער שטיל פערלאזען ליאלא'ס צי־מער, איז א־ויס אויפן גאניק, ארונטער־געגאנגען פון דיא טרעפ און איז אוועק אין סאד.

א קליינע זשאבע האט זיך מיט א צאפעלדיגער פיסקעריי א ריס געטהאן פון אונטער זיינע פיס און איז צופלאצט געווארען וויא א צוטראטענע זשעלודע. יוריע האט זיך א פערצאפעלטער א גליטש געטהאן און איז מיט א געשריי אבגעשפרונגען אן א זייט. ער האט לאנג געווישט דיא פוס אן דיא פייכטע גראז און געפיהלט אן עקעל.

דיא בענקענים אין זיין נשמה און דאס עקעל צו דער צוטראטענער זשאבע האבען איהם געמוטשעט. אלעס האט זיך איהם געדאכט אזוי נודנע און עקעל־דיג. ער האט אנגעטאפט אין דער פינ־סטער א באנק און זיך אוועקגעזעצט, קוקענדיג מיט אנגעשטריינגטע אויגען פאר זיך אין סאד און ניט זעהענדיג גאר נישט אויסער דעם צושפרייטען חושך... אין זיין מוח האבען זיך גע־מישט פערשיעדענע שווערע און פינ־סטערע געדאנקען.

ער האט געקוקט אויף יענעם ארט, וואו עס איז געלעגען דיא צוטראטענע זשאבע אויף דעם פינסטערן גראז. דארט איז אויך אונטערגעגאנגען א וועלטעל, וואס האט געהאט אן אייגענ־ארטיגען, זעלבסטשטענדיגען לעבען, פון דעסטוועגען קוקט זיך קיינער ניט אום אויף איהר אונטערגאנג...

און צום ערשטען מאל אין לעבען איז יוריע'ן אויף'ן זיננען ארויף דער שווערער, פיינליכער געדאנק, אז אלעס, וואס האט איהם ביז אהער אינטערע־סירט אין'ם לעבען: אי דאס גוטעס, אי דאס שלעכטעס, — האט אין דער אמת'ן צוטהאן מיט איהם בלויז אליין, מיט זיין אייגענער פערזאן בלויז. דאס לעבען אבער אין גאנצען קימערט זיך ניט וועגען זיינע אלע איבערלעבעכצען וויא עס קימערט זיך ניט וועגען דיא ליידען פון דער צוטראטענער זשאבע..

ער האט זיך ווידער דערמאנט אן בעמיאנאוו'ן און אן דעם לעצטענס גלייכגילטינקייט צו דיא אלע וויכטיגע פראגען, וואס האבען אזוי אינטערע־סירט איהם, יוריען, און ערשט איצט האט ער פערשטאנען קלאהר, וויארום יענער האט זיך אזוי ווייניג אינטערע־סירט מיט וויכטיגע וועלט־פראגען און

אזוי פיעל מיט אזוינע קליינינקייטען, ווי שיפען זיך אויף א שיפעל, ליעב האבען שעהנע מיידלעך א. ז. וו. סעמיאנאוו איז גערעכט געווען: יענע אלע קליינינקייטען זיינען טאקי דאס אמת׳ע לעבען, פול מיט איבערלעבעכצען, פול מיט קאכעדינען פערגעניגען; אבער דיא פערשיעדענע וועלט שמערצען, דיא אלע טיעפע געדאנקען וועגען וועלט און לעבען זיינען ניט מעהר, ווי פוסטע פראזען, בלבולים נור פון ווערטער און געדאנקען וואס קענען ניט געבען קיין בעשטימטען ענטפער אויפן סוד פון לעבען און טויט. ווי וויכטיג דיזע פראגען און געדאנקען זאלען זיך אונז ניט דאכטען איצט, שפעטער וועלען אויפקומען פאר אונז אנדערע פראגען, אנדערע געדאנקען, וואס וועלען זיין ניט וויינינער וויכטיג...

און דיזער אויספיהר, וואס איז אזוי אונגעוויינליך געווען פאר יוריע׳ן, האט איהם דערשראקען, צומישט. ער האט גענומען זוכען שוץ ביי זיינע אלטע געדאנקען און בעגריפע וועגען דעם זינן פון׳ם לעבען, און אין מיח האט זיך ביי איהם נאך מעהר צופלאנטערט...

א ווײַלע איז ער בערייט געווען צוצוגעבען, אז דער אמת׳ער זינן פון׳ם לעבען איז צו זיין פריי פון אלע פליכטען, צו לעבען א פערזענליכען לעבען, אז עס איז נאטירליך צו פליקען פערגעניגען פון׳ם לעבען וויפיעל מען קען נור; אז אייגענטליך לעבט ריאזאנצעוו, הגם ער איז פון דעם נידריגערען מין מענשען, לאגישער פון איהם, יוריע׳ן ווען ער שטרעבט צו געניסען וואס מעהר אין געשלעכטליכען זינן. אבער דאן, ווען מען זאל עס צוגעבען, מוז מען שיין געהן ווייטער און מודה זיין, אז דיא בעגריפע פון אויסגעלאסענהייט און ריינקייט ביי פרויען — זיינען ניט מעהר ווי טרוקענע בלעטער, וואס בעדעקען יונגע, פרישע גראז און אז אפילו אזוינע אונשולדיגע, פאעטישע מיידלעך, ווי ליאלע און קארסאווינע האבען א רעכט אריינצוווארפען זיך אין דעם שטראם פון געשלעכטליכען פערגעניגען.

יוריע האט זיך דערשראקען פאר דעם געדאנק. ער האט זיך איהם אויסגעוויזען שמוציג, העסליך און געזוכט איהם צו פערטרייבען מיט אנדערע געדאנקען.

— נו, יע, — האט ער געטראכט קוקענדיג אויפן טיעפען הימעל, וואס איז אויסגעשאטען געווען מיט שטערען:

— דאס לעבען הייסט פערגעניגען האבען; אבער דיא מענשען זיינען דאך ניט קיין ווילדע חיות. זיי מוזען בעהערשען זייערע טהירישע אינסטינקטען און שטרעבען צו טהאן גוטעס. ווען מען זאל ביי דער וועלט אוועקנעהמען דיא ריינקייט פון פרויען, וואלט עס געווען, ווי מען וואלט ביי איהר אוועקגענומען דיא ערשטע אונשולדיגע, שעהנע און ליעבע פריהלינגס־בלומען . . .

און טראכטענדיג אזוי, האבען זיך איהם פארגעשטעלט הונדערטע מיידלעך, שעהנע און ריינע, ווי דיא פריהלינגס־בלומען. זיי האבען זיך געמאלען פאר איהם אויף דיא פריהלינגס־גראז, אונטער גרינע בוימער, פון דער גאלדענער זונן בעשטראהלט, און אין קאפ האט איהם גענומען רוישען און האמערען...

— איך בין צו נערוועז — האט ער א טראכט געטהאן — מען דארף געהן שלאפען.

און ער איז אוועק אין הויז.

און ליגענדיג שוין אין בעט, איז פאר איהם ארויסגעשוואומען דיא געשטאלט פון קארסאווינע׳ן און דאן ערשט איז איהם קלאהר געווארען, ווארום ער וואלט געוואלט, זיא זאל זיין ריין און אונשולדיג.

— איך ליעב דאך איהר! — האט ער צום ערשטען מאהל א טראכט געטהאן. דאן האבען איהם אנדערע געדאנקען גענומען מוטשען. ער האט אייך געליעבט פריהער פערשיעדענע אנדערע פרויען. ער איז אויך א פערדארבענער מענש, א אויסגעלאסענער עגאאיסט און זיינע אלע ספיקות זיינען ניט מעהר ווי א מאסקע, אונטער וועלכע עס זיינען פערבארגען די נידריגסטע אינסטינקטען.

— צו וואס מוטשע איך זיך אזוי?

— האט ער זיך פלוצים א כאפ געטהאן און זיך געסטארעט איינצושלאפען.

## פונפצעהנטער קאפיטעל.

ליאַלע איז אזוי לאַנג געלעגען אין איהר בעט און געוויינט, ביז זיא האָט איינגעשלאָפען. אויף מאָרגען איז זיא אויפגעשטאַנען מיט א קאָפּ ווייטאָג און מיט אָנגעשוואָלענע אויגען.

דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז איהר ארויפגעקומען בעת זיא איז אויפגעשטאַנען, איז געווען, אז זיא דאַרף מעהר ניט וויינען. ווארום ריאזאנצעוו וועט קומען היינט צום ווארמעס און איהם וועט ניט אנגענעהם זיין, וואָס ביי איהר איז א מיאוס, פערוויינט פנים. באַלד אָבער האָט זיא זיך דער־מאָנט, אז סיי וויא סיי איז שוין אַלעס פערלאָרען פאַר איהר, אז זיא קען שוין מעהר ניט ליעבען איהם; האָט דערפיהלט א ברענענדיגען ווייטאָג און זיך ווידער צו־וויינט.

— פוי, וויא העסליך! — האָט זיא אויסגעשעפּצעט, פיהלענדיג אז זיא ווערט דערשטיקט פון ביטערע, נאָך ניט אויסגעוויינטע טרעהרען. — פאַר וואָס? פאַר וואָס?... — האָט זיא געקרעכצט און געפיהלט, אז דאָס גליק איהר'ס איז פערלאָרען, פערלאָרען אויף אויביג, אז קיינמאָהל, קיינמאָהל וועט זיא שוין מעהר ניט קענען גליקליך זיין . . .

עס האָט איהר געוואונדערט, וויא אזוי האָט ריאזאנצעוו געקענט אזוי לייכט זיא בעטריגען.

— ניט נור ער אליין האָט זיא בעטראָגען — האָט זיא געטראַכט מיט ווייטאָג — נור אַלע, אַלע... זיי אַלע האָבען תמיד געזאָגט, אז ער איז אַן אנשטענדיגער מענש... אָבער ניין, זיי האָבען זיא ניט בעטראָגען... זיי האַלטען עס פשוט פאַר געוועהנליך... פוי, וויא העסליך! . . .

און ליאַלע האָט דערפיהלט אַן עקעל צו אַלע איהרע בעקאַנטע מענער. זיא איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און מיט אויגען, פערשלייערט פון טרעהרען, האָט זיא גענומען ארויסקוקען אין סאָד.

אין דרויסען איז דער הימעל גע־ווען פערוואָלקענט און עס האָט גערע־גענט. די טראָפּענס רעגען האָבען שווער געקלאַפּט איבער דיא שויבען פון דיא פענסטער און האָבען זיך געגליטשט ארונטער. ליאַלאַ'ן איז שווער געווען צו אונטערשיידען, צו דיא טרעהרען, צו די רעגען־טראָפּענס פערשלייערן פאַר איהר דעם אויסזיכט אין סאָד.

אין סאָד איז געווען פייכט און דיא נאַסע בלעטער האָבען אויסגעקוקט בלייך און האָבען זיך טרויעריג געטרייסעלט. דיא שטאַמען פון דיא בוימער האָבען אויסגעקוקט שווארץ פון'ם רעגען און דיא נאַסע גראָז האָט זיך צוגעטוליעט צו דער בלאָטיגער ערד.

און ליאַלאַ'ן האָט זיך געדאַכט, אז איהר גאַנץ לעבען קוקט אויך אויס אזוי. איהר צוקונפט איז פינסטער, איהר גע־וועזען שווארץ...

דאָס קאַמער־מעדכען איז געקומען זיא רופען טהעע טרינקען. ליאַלע אָבער האָט לאַנג ניט פערשטאַנען, וואָס יענע רעדט צו איהר.

נאָכדעם זיצענדיג ביים טיש, האָט זיך איהר געדאַכט, אז דער פאַטער רעדט צו איהר היינט גאַנץ אַנדעריש, ווי געווען עס איז; אז ער רעדט צו איהר ווייכער, מיט רחמנות און זיא איז זיכער געוועזען, אז עס איז דערפאַר, ווייל דער חתן האָט זיא בעטראָגען... אין יעדען וואָרט, וואָס מען האָט גערעדט צו איהר האָט זיך איהר געדאַכט, אז מען זוכט זיא צו טרויסטען.

זיא האָט דערפיהלט, אז באַלד־באַלד וועט זיא ווידער אויספּלאַצען מיט א געוויין, האָט זיא זיך אויפגעהויבען פון טיש און איז ווידער אוועק צו זיך אין צימער. דאָרט האָט זיא זיך ווידער אוועקגעשטעלט נעבען פענסטער און, ארויסקוקענדיג אין דעם וויינענדיגען סאָד, האָט זיא גענומען טראַכטען.

— פאַרוואָס איז ער געווען אזוי פאַלש? פאַרוואָס האָט ער מיך אזוי גענאַרט? דאָס בעווייזט, אז ער ליעבט מיך ניט!... ניין, ער ליעבט מיך יא און איך ליעב איהם אויך!... היינט ווארום ווייל איך? ער האָט מיך בעטראָגען... ער האָט געהאַט צו טהאָן מיט פערדאָר־בענע פרויען!... האָבען יענע איהם אויך אזוי ליעב געהאַט וויא איך? — אין איהר פלוצים ארויף א געדאַנק אויפ'ן

מוטה — אָבער וואָס קימערט עס מיך — האָט זיא זיך דאַן אַ כאַפּ געטהאָן — איצט איז ער מיר אַ פרעמדער!... איך בין אַזוי אונגליקליך!... עס איז אַזוי העסליך... ער האָט געקושט אַנדערע, פערדאָרבענע, אויסגעלאַסענע פרויען, געקושט זיי וויא מיך און אפשר נאָך מעהר, נאָך מעהר!... וויא שרעקליך!... וויא איך בין אונגליקליך... איך וועל שוין קיינמאָהל, קיינמאָהל מעהר קיינעם ניט ליעבען, קיינמאָהל!...

און זיא האָט צוגעדריקט איהר באַק צום קאַלטען פענסטער און זיך פונאַנדערגעוויינט.

— וואָס זאָל איך איהם זאָגען, ווען ער וועט שפּעטער קומען? וויא האַלט מען זיך געגען איהם? — האָט זיא זיך דאַן אַ כאַפּ געטהאָן און איז אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט. זיא האָט געקוקט אַרום זיך מיט גרויסע, צושראָקענע אויגען.

— איך וועל זיך געהן מישב זיין מיט יוריע'ן — האָט זיא בעשלאָסען און אַ טראַכט געטהאָן וועגען איהר ברודער:

— אָט ער איז אַן אנשטענדיגער, ערליכער מענש, ער, יוריע!..

און זיא איז אַוועק צו איהם אין צימער.

אָבער דאָרט איז געזעסען מיט יוריע'ן דער סטודענט שאפּראָוו און גערעדט מיט איהם וועגען עפּעס.

ליאָלע איז געבליבען שטעהן אין טהיר און האָט אָנגעקוקט שאפּראָוו'ן מיט פערוואונדערטע אויגען.

— גוט מאָרגען — האָט זי אַרויסגערעדט פערטראַכט.

— גוט מאָרגען — האט שאפּראָוו געענטפערט און צוגעלייגט: — גוט, וואָס איהר זייט דאָ, ליאָלע ניקאָליעווא... מיר דאַרפען האָבען אייער הילף...

ליאָלע האָט זיך געזעצט ביים טיש.

— עס איז אַזאַ געשיכטע, פערשטעהט איהר מיך — האָט זיך שאפּראָוו אומגעדרעהט צו איהר — דיא געגנאָסען פון קורסק נויטיגען זיך זעהר אין מאַטעריעלער הילף... מען מוז זיי אונטערשטיצען... איז מיר איינגעפאַלען, צו מאַכען אַ קאָנצערט... אַ?...

— פאַר וואָס ניט? מען קען מאַכען — האָט ליאָלע זיך אָבגערופען און אַ קוק טהאָנדיג אויף יוריע'ן, האָט זיא זיך פערוואונדערט, וואָס ער האַלט דעם קאָפּ אָבגעקעהרט פון איהר.

אין דער אמת'ן האָט יוריע נאָך נעכטיגען געשפּרעך קיין מוטה ניט געהאַט צו קוקען איהר גלייך אין דיא אויגען. ער האָט ערוואַרטעט, אַז זיא וועט היינט קומען צו איהם פרעגען אַן עצה, וויא זיא זאָל איצט האַנדלען בנוגע צו ריאַזאַנצעוו'ן און דאָס האָט איהם ניט געלאָזט רוהען... וואָס קען ער טהאָן? צוריקציהען זיינע נעכטיגע ווערטער וועגען ריאַזאַנצעוו'ן קען ער ניט און אין דערזעלבער צייט האָט ער קיין הארץ ניט געהאַט צו פערניכטען אין גאַנצען דאָס גליק פון זיין נאַאיווער שוועסטער.

— האָבען מיר בעשלאָסען — האָט שאפּראָוו גערעדט ווייטער — מיר זאָלען איינלאַדען זינגען לידא סאנין און קאַרסאווינא... צוערשט וועלען זיי זינגען אַ סאָלאָ, דאַן אַ דועט... ביי איינער איז אַ קאָנטר־אַלטאָ, ביי דער צווייטער איז אַ סאָפּראַנאָ, דאָס וועט זיין שעהן... דאַן וועל איך נאָך שפּיעלען אויפן פיעדעל און זאַרודין וועט נאָך אויך עפּעס פאַרזינגען...

— עס איז נאָך אַ פראַגע, אויב אַפּיצירען וועלען אַנטהייל נעהמען אין אַזאַ קאָנצערט? — האָט ליאָלע בעמערקט, טראַכטענדיג בעת דעם וועגען עפּעס אַנדערש.

— אָה! — האָט שאפּראָוו זיך אָבגערופען — זאַרודין וועט זיכער זיך ניט אָבזאָגען אַנטהייל צו נעהמען, ווען לידא סאנין וועט נור אַנטהייל נעהמען. און ווידער, זאַרודין איז צופריעדען צו זינגען, וואו ער קען נור. דאָס איז זיין שוואַכקייט, דורך דעם וועלען מיר צוציהען דיא אָפּיצירען, און אונזער קאָנצערט וועט האָבען אַ מאַטעריעלען ערפאָלג. וועמען לאַדעט מען נאָך איין?

— איך ווייס ניט — האָט ליאָלע געענטפערט — איך קען איצט גאָר ניט טראַכטען, דער קאָפּ טהוט מיר עפּעס וועה —

יוריע האָט שנעל אַ בליק געטהאָן

אויף איהר און גלייך אָבגעקעהרט דעם קאָפּ. מיט איהר בלייך פּנים און מיט איהרע גרויסע, פערכמורעטע אויגען האָט זיא איהם זיך אויסגעוויזען אזוי שוואך און אזוי דערשלאָגען.

— אָך, ווארום האָב איך עס איהר געזאָגט, ווארום? — האָט ער א טראכט געטהאָן מיט ווייטאָג.

ער האָט געפיהלט וויא זיך אָנצורבאַפּען ביי דיא האָר און רייסען.

— פריילין — איז אריינגעקומען דאָס קאַמערמעדכען אין צימער מיט התפּעלות — דער דאָקטאָר איז געקומען.

ליאָלע האָט זיך א צאַפּעל געטהאָן און אָנגעקוקט יוריע׳ן מיט צושראָקענע אויגען, אזוי וויא זיא וואָלט ביי איהם וועלען פרעגען: וויא געהט מען צו איהם ארויס? וואָס זאָגט מען איהם? וויא רעדט מען צו איהם?

יוריע האָט ניט אויסגעהאַלטען איהר בליק און ארונטערגעלאָזען זיינע אויגען. ער האָט זיך געפיהלט אזוי וויא ער וואָלט זיא בעטראָגען און ער האָט זיך געשעהמט פאַר איהר און זיך געמוטשעט.

ליאָלע האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט, איז געשטאַנען א ווײלע, האָט מיט נערוועזע פינגער א ריהר געטהאָן עפּעס אויפן טיש און איז דאָן מיט ענטשלאָסענע טריט ארויס פון יוריע׳ס צימער.

זיא איז דורכגעגאַנגען דעם זאַאַל, פיהלענדיג וויא אינעווייניג ביי איהר איז אלעס וויא פערגליווערט געוואָרען. פערבייגעהענדיג האָט זיא א קוק געטהאָן אין שפּיעגעל און דערזעהען איהר בלייך, פערכמורעט פּנים האָט זיא א טראכט געטהאָן:

— נו, זאָל ער טאַקי זעהן! זאָל ער טאַקי זעהן!...

אין עס־צימער איז געשטאַנען ריאַזאַנצעוו מיט איהר טאַטען און האָבען עפּעס גערעדט.

און דערהערט זיין שטימע האָט זיך עפּעס ביי איהר אָבגעריסען אין האַרצען און זיא האָט זיך א טרייסעל געטהאָן.

ריאַזאַנצעוו, אז ער האָט זיא דערזעהען, האָט ער גלייך אונטערבראָכען דעם געשפּרעך, איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט איהר דערלאַנגט ביידע הענד, אזוי וויא ער וואָלט זיא וועלען ארומנעהמען.

ליאָלע האָט א קוק געטהאָן אויף איהם פון אונטען ארויף און דיא ליפּען האָבען ביי איהר א ציטער געטהאָן. אָהן א וואָרט צו ריידען, האָט זיא ארויסגעריסען ביי איהם איהר האַנד און ארויסגעגאַנגען פון זאַאַל אויפן באַלקאָן. ריאַזאַנצעוו איז געבליבען שטעהן מיט פערוואונדערטע אויגען.

— מיין ליאָלע׳ן איז היינט געפעלען צו זיין בייז אויף מיר! — האָט ער זיך דאָן א קעהר געטהאָן מיט א שמייכעל צו ליאָלע׳ס טאַטען.

דער אַלטער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט הויך אויף׳ן קול.

— נו, געהט און בעט זיא איבער!

— האָט ליאָלע׳ס טאַטע געלאַכט.

— וואָס קען איך העלפען? איך מוז! — האָט מיט א קאָמישער מיענע געענטפערט ריאַזאַנצעוו און איז אוועק צו ליאָלע׳ן אויפן באַלקאָן.

דער רעגען האָט נאָך אלץ געגאָסען און אין דער לופט האָט זיך געטראָגען זיין וואַסערדיג רוישען. אָבער דיא וואָלקענס האָבען אונבעמערקט גענומען פערשווינדען און דער הימעל זיך לויטערען . . .

ליאָלע איז געזעסען אויף׳ן באַלקאָן, צוגעדריקט איהר באַק צים קאַלטען זייל און ארויסגערוקט איהר קאָפּ אויף׳ן רעגען אזוי, אז איהרע האָאָר זיינען נאַס געוואָרען.

— מיין פּרינצעסין, דוא ביזט בייז? . . . ליאָלעטשקע! — האָט געזאָגט ריאַזאַנצעוו, צוציהענדיג זיא צו זיך און צודריקענדיג זיינע ליפּען צו איהרע נאַסע, שמעקענדיגע האָאָר.

און פון דיעזער בעריהרונג זיינער, וואָס זיא האָט אזוי גוט געקענט און וועלכע איז געוועזען אזוי זיס, איז דער כעס אין ליאָלעס האַרצען צוגעגאַנגען אין גאַנצען, וויא עס צוגעהט אייז פון דער הייסער בעריהרונג פון דער פריהלינגס זון און איידער זיא האָט צייט געהאַט א טראכט צו טהאָן פון עפּעס, האָ־

בען איהרע הענד ארומגעכאפט זיין שטארקען נאקען געגען איהר אייגענעם ווילען און צווישען לאנגע קושען און האלזען, פון וועלכע דער קאפ האט זיך ביי איהר גערדרעהט, האט זיא גע־זאגט:

— איך בין שרעקליך ביי; אויף דיר... דוא ביזט א שלעכטער, א העסליכער!...

און געזאגט עס, האט זיא זיך געוואונדערט, וויא לייכט און גוט זיא פיהלט זיך נעבען איהם נאך דעם, וויא זיא האט זיך וועגען איהם דערוואוסט אזוינע שרעקליכע זאכען, נאכדעם, ווי איהר האט זיך גערדאכט, אז זיא קען שוין איהם מעהר קיין מאל ניט ליע־בען...

— אך, האט זיא א טראכט גע־מהאן — נאך אלע געשיכטען, וואס קימערט עס מיך! נור ער זאל מיך ליעבען, אט דער הויכער, שעהנער, שטארקער מאן און ווייטער וויל איך פון קיין זאך ניט וויסען!...

אבער שפעטער ביים ווארעמעס האט זי זיך געשעהמט צו קוקען יוריע׳ן אין דיא אויגען און ווען זיא איז אויף א מינוט געבליעבען מיט איהם אליין, האט זיא ארויסגעשעפצעט מיט א שול־דיגער מינע און מיט א רחמנות־קול:

— איך בין א שלעכטע, א פער־דארבענע...

יוריע האט געצוואונגען א שמייכעל געטהאן. אין הארצען האט ער זיך געפרעהט, וואס אלעס האט זיך גע־ענדיגט גוט, אבער ער האט זיך גע־סטארעט מיט געוואלד ארויסרופען אין זיך פערראכטונג צו דיעזען קליין בירגער־ליכען גליק. ער איז אוועק צו זיך אין צימער און איז אבגעזעסען דארט אליין כמעט ביז פארנאכט. דאן האט ער גענומען דעם ביקס און איז אוועק אויף געיעג צו דעם זעלבען פלאץ, וואו ער איז נעכטען געווען מיט ריאזאנ־צעוו׳ן.

נאך דעם רעגען איז דארט ביים סאזשעלקע געווען פרעהליך. עס האבען זיך געהערט פיעל נייע פערשיידע־נע טענער. דא און דארט האט זיך די גראז געשאקעלט און בעוועגט פון דעם געהיימען לעבען, וואס איז אין איהר געווען פערבארגען. דיא זשאבעס האבען אין כאר געקוואקעט אויף פערשיי־דענע טענער. עפעס א פייגעל האט דארט געזונגען מיט מאדנע הייזעריגע טענער, וואס האבען געקלונגען טר—ר—ר... טר—ר—ר—ר... דיא ענט־לאך האבען פריילאך געלאזט הערען זייערע שניידענדיגע געשרייען...

יוריע׳ן האט זיך ניט געגלוסט צו שיסען. ער האט אריבערגעווארפען דעם ביקס איבער׳ן אקסעל און איז אוועק צוריק אהיים.

— שעהן — האט ער געטראכט

— אלעס איז שעהן, נור דער מענש אליין איז העסליך.

פון ווייטען האט ער דערזעהען א פייערל פון א ברענענדיגען קאסטיאר און ארום פייער׳ל זיינען געזעסען דער אלטער קוזמא און סאנין, פונקט וויא נעכטען.

— וואס איז עס מיט סאנין׳ען?

— האט יוריע א טראכט געטהאן — ער וואהנט דא צו וואס?

קוזמא האט עפעס גערעדט און געלאכט אויף׳ן קול. סאנין האט אויך געלאכט. דאס פייער׳ל, א ראזעווער, האט געברענט וויא א ליכט. אויבען אויף׳ן הימעל האבען זיך גענומען ווייזען רוהיגע שטערענדלאך. עס האט געשמעקט מיט פרישער ערד און פייכטער גראז.

יוריע האט עפעס מורא געהאט, מען זאל איהם ניט בעמערקען, און עס איז איהם טרויעריג געווארען וואס ער קען ניט צוגעהען צו זיי, וואס צווי־שען זיי און איהם שטעהט עפעס, וואס האלט איהם פון דער ווייטען פון זיי...

ער האט זיך דערפיהלט עלענד, גאנץ אליין. דיא גרויסע וועלט מיט איהרע פארנאכטיגע פארבען, מיט איה־רע פייערלאך און שטערען, מיט איהרע מענשען און טענער, מיט איהר לופט און ליכט, איז געשטאנען גאנץ אבגע־זונדערט פון יוריע׳ס קליין און פינסטער וועלטעלע, וואס איז עהנליך געווען צו

א קליין, פערשטיקט צימער׳ל, אין וועלכען עס מארטערט זיך און וויינט א קליין, שוואך קינד . . . און א געפיהל פון ברענענדיגער בענקשאפט האט איהם אזוי גענומען מוטשען, אז דיא הונדערטער קאוועגעס, וואס זיינען געלעגען פאר איהם אויף׳ן פעלד, האבען זיך איהם ארויסגעוויזען, וויא שיידעלס פון טויטע מענשען, וואס זיינען צו־וואָרפען געווען איבער׳ן פעלד . . .

## זעכצעהנטער קאפיטעל.

עס איז געווען אין מיטען זומער. אין דרויסען איז געווען היים און אין דיא הייזער לופטיג. זארודין, אין א ווייסען, צושפילעטען ראָק, איז ארומגעגאנגען ביי זיך אין צימער מיט לאנגזאמע טריט און האט פויל און ארויסווייזענדיג זיינע ווייסע צייהן, גערויכערט א סיגארעט. זיין פריינד טאנאראוו, א פערשוויצטער, אין איין העמד און הויזען, איז געלעגען אויף דער זאָפע און האט פער׳גנב׳עט נאָכגעקוקט איהם מיט זיינע קליינע, שווארצע אייגעלאך. ער האט זעהר נויטיג געדארפט האבען פונפציג רובעל. האט שוין צוויי מאָל געבעטען ביי זארודין׳ען, ער זאָל איהם לייהען אָט דיא דאָזיגע סומע און האט ניט געוואגט צו בעטען א דריטען מאָל, ווארטענדיג, אז זארודין זאָל זיך אליין דערמאהנען און איהם געבען.

זארודין אָבער האט געטראכט מיט פערדרום:

— פון איהם קומט מיר שוין צוויי הונדערט און פופציג . . . וויא שעהמט ער זיך ניט, עהרענווארט! . . . איך וועל איהם ניט לייהען! — האט ער בעשלאָסען ביי זיך.

דער דענשציק האט אריינגעבראכט ביער. זארודין האט אליין אויסגעטרונקען א גלאָז קאלטען, ווייס־שיימענדיגען ביער, האט זיך אָבגעווישט דיא וואָנצעס און געזאָגט מיט גאר אנאנדער טאָן:

— דוא ווייסט . . . נעכטען איז ווידער לידא ביי מיר געווען . . . אָט דאָס איז אן אינטערעסאנטע מיידעל, ברודערקע! א שטיק פייער!

און געזאָגט עס, האָבען דיא אויגען ביי איהם אויפגערעגט געלאכט און דער גאנצער געזונדער גוף זיינער האט זיך אויפגערייצט פון דער עראי־ערונג וועגען דעם . . . ער האט זיך הויך צולאכט, אזוי וויא ער וואָלט א הירזשע געטהאָן, און זיך אָבגעשטעלט נעבען טאנאראוו.

— דיר געהט, עך דער טייפעל זאָל עס נעהמען! — האט מיט קנאה זיך אָבגערופען טאנאראוו.

— איז זארודין אין דער־היים

— האט זיך דערהערט פון דרויסען איוואנאוו׳ס הויכע שטימע.

— אין דער־היים! אין דער־היים!

— האט זארודין ארויסגעשריען דורך׳ן פענסטער.

פון פיהר־הויז האָבען זיך דערהערט הויכע שטימען און א געלעכטער און באלד זיינען אריינגעקומען איוואנאוו, נאוויקאוו, סאנין און נאָך דריי אָפיציערען.

— אור־רא! — האט געשריען איינער פון דיא אָפיציערען מיט׳ן נאָמען מאלינאָווסקי — אור־רא!

— פון וואנען קומט איהר, חברה?

— האט זארודין זיי בעגעגענט — העי

— האט ער א געשריי געטהאָן צו זיין דענשציק — דערלאנג אהער דיא שנאפס און נאָך עפעס . . . לויף אריבער אין קלוב און זאָג, מען זאָל גלייך אהער צושיקען א קאסטען ביער . . . איהר וועט טרינקען ביער, מיינע העררען? עס איז היים!

ווען מען האט אוועקגעשטעלט אויף׳ן טיש דיא שנאפס און דיא ביער, איז דער ליארם נאָך געוואָרען שטארקער. מען האט געלאכט און געוואלדעוועט, געטרונקען און געהוליעט. איין נאוויקאוו בלויז איז געזעסען אן אומוטהיגער, א דערשלאָגענער אין זיין גוטמוטהיג, פויל פנים האט איצט אויסגעקוקט וויא א בייזער וואָלקען.

נעכטען איז איהם אלעם קלאר געוואָרען וועגען לידא און זארודין׳ען... דיא גאנצע שטאָדט איז שוין פול געווען מיט דעם . . . און א געפיהל פון אן

אונערטרעגליכער בעליידיגונג אין ברע־ענדיגער אייפערזוכט האט איהם משוגע געמאכט.

— עס קען ניט זיין! נאַרישקייטען! דאס איז ניט מעהר וויא לשון הרע! — האט ער אפריהער געפרובט זיך איינריידען. ער האט פאר קיין פאל ניט געקענט זיך פארשטעלען, אז דיא שעהנע שטאלצע לידא, וועלכע ער האט אזוי געליעבט און פערגעטערט, זאל האבען אזוינע שמוציגע עסקים מיט זארודין'ען... א גאנצע נאכט האט ער זיך ארומגעווארפען וויא אין פיעבער און צו אין דער־פריה איז ער עפעס וויא פערגליווערט געווארען מיט זיין הארצען און נשמה. איין מאדנער געפיהל האט זיך נור ביי איהם אין הארצען געצאפעלט — צו זעהען זארודין'ען, צו זעהען יענעם און... ער האט אליין ניט געוואוסט, וואס ער וועט טהאן, ווען ער וועט יענעם זעהען...

און איצט האט נאוויקאוו איהם געזעהען...

ער איז געזעסען אן א זייט און געטרונקען דעם ביער א גלאז נאך א גלאז. דאס צימער האט געהילכט פון שיכור'ע קולות, גוואלדען און געלעכטער. ער אבער, נאוויקאוו, האט זיך איינגעגעסען מיט זיינע אויגען אין זארודין'ען און נאכגעשפירט זיין יעדע בעוועגונג, זיין יעדע מינע, אזוי וויא א ווילדע חיה, אנגעטראפען זיך אין וואלד מיט א צווייטער, וואלט זיך געגרייט ארויפצושפרינגען אויף איהר מיט דיא צייהן און נעגעל...

אלעס: אי דער שמייכעל, אי דיא ווייסע צייהן, אי דיא שעהנקייט, אי דאס געלעכטער, אי דיא שטימע פון זארודין'ען, — האבען איהם געשטאכען וויא מיט שארפע נאדלען.

— זארודין! — האט געשריען א לאנגער, מאגערער אפיציער מיט לאנגע הענד: — איך האב דיר געבראכט טאלסטאי'ס א בוך.

— וואס פאר א בוך? — האט זיך דערהערט זארודין'ס קול דורך דעם ארומיגען גוואלד.

— טאלסטאי'ס איבער פרויען — האט געענטפערט דער זעלבער לאנגער אפיציער, וואס זיין נאמען איז געווען פאן־דייץ און פון דער מינע אויף זיין לאנגען פנים איז קענטיג געווען, אז ער שטאלצירט מיט דעם, וואס ער לעזט טאלסטאי'ען און רעדט וועגען איהם.

— און איהר זייט טאלסטאי'ס א פערעהרער? — האט איוואנאוו געפרעגט, בעמערקענדיג דיא שטאלצע מינע ביי פאן־דייץ'ן.

— פאן־דייץ איז א טאלסטאיאנער! —האט זיך אריינגעמישט דער שיכור'ער מאלינאווסקי.

זארודין האט גענומען א דיניקע, רויטע בראשורקע, האט א בלעטער געטהאן און געפרעגט:

— עפעס אינטערעסאנט.

— אט דוא וועסט שוין זעהען! — האט מיט התפעלות געענטפערט פאן־דייץ — אט דאס, ברודערקע, איז א קאפ! דאכט זיך, אז ער ווייסט אלעס!

— זארודין דארף ניט לעזען טאלסטאי'ס מיינונג וועגען פרויען —האט זיך פלוצים נאוויקאוו אבגערופען און א רוק געטהאן פון זיך דיא גלאז ביער: — ער האט זיך שוין זיינע אייגענע מיינונגען וועגען פרויען...

— פון וואנען ווייסט איהר עס?

— האט זיך זארודין א כאפ געטהאן, פיהלענדיג, אז נאוויקאוו זוכט איהם צו בעליידיגען, אבער ניט וויסענדיג פארוואס.

נאוויקאוו האט צוגעשוויגען. אין איהם האט זיך געריסען א געשריי טהאן, צושלאגען אט דעם שעהן, צופריעדען פנים פון זארודין'ען, אנידערווארפען איהם און טאפשען איהם מיט דיא פיס. אבער דיא ווערטער זיינען ביי איהם ווי פערגליווערט געווארען אויף דער צונג.

ער האָט זיך פערקרימט און דאן זיך אבגערופען:

— עס איז גענוג א קוק צו טהאן אויף אייך, אום צו ווייסען, וואָס פאר א מיינונגען איהר קענט האבען וועגען פרויען.

מיגען טומעל, און אלע זיינען מיט א מאָל אנשוויגען געוואָרען. איוואנאוו האָט פערשטאנען, וואָס דאָ טהוט זיך.

— מיר דאכט זיך — האָט זיך זא־רודין א כאפ געטהאן און איז געוואָרען בלייך: — מיר דאכט זיך . . .

— מיינע העררן! מיינע העררן!

— האָט איוואנאוו גענומען שרייען.

— לאָז זיי, זאָלען זיי זיך צוברע־כען דיא ביינער — האָט איהם כאנין אבגעהאלטען מיט א רוהיגען שמייכעל.

— מיר דאכט זיך שוין גאָר ניט — האָט ווידער געזאָגט נאוויקאוו — איך וויים, וואָס איך זאָג.

זארודין האָט א טראָט געטהאָן צו נאוויקאוו'ן, דער לעצטער האָט זיך אויף א כאפ געטהאָהן פון זיין ז־ט. אָבער די איבעריגע, אויסער כאנין'ען האָבען ניט דערלאָזען צו א געשלעג. זארודין'ען האָ־בען אָבגעהאלטען פאָן־דייץ און מאלי־נאווסקי, נאוויקאָוו'ן איוואנאָוו און א צווייטער אָפיציער. עס האָט זיך אויפ־געהויבען א ליארם, א געפילדער. אלע האָבען גע־עדט, געשריען און געמאכט מיט דיא הענד. און פּלוצים האָט נאווי־קאָוו דערפיהלט, אז מעהר איז שיין ביי איהם ניטאָ קיין קוראזש. ער האָט זיך פערקרימט, געקוקט ארום זיך מיט צו־טישטע אויגען און געטראַכט:

— וואָס וואַרט איך... מען דאַרף שלאָגען! צוגעהן גלייך און דערלאַנגען! אניט וועל איך בלייבען א נאַר... אלע פערשטעהען שוין, אז איך האָב איהם געוואָלט שלאָגען.

אָבער אנשטאָדט דעם איז ער גע־שטאנען און האָט זיך צוגעהע־ט צו דעם געשפּרעך צווישען איוואנאוו און פאָן־דייץ וועגען דיא פרויען־פראגע.

— מיט טאָלסטאָי'ס מיינונג וועגען פרויען, פערשטעהט איהר מיך — דאָב געערדט פאָן־דייץ — בין איך ניט אין גאַנצען איינפערשטאנדען.

— יא פרוי איז א נקבה פריהער זיי אלעס! — האָט געענטפערט איוואַ־נאוו — צווישען דיא מאנזביל קען מען באַטש טרעפען איינעם צווישען טויזענד וואָס זאָל פערדיענען דעם נאָמען מענש, צווישען ז א פרויען אָבער וועט איהר ניט געפינען קיין איינע!.. זיי אלע זייר־נען ניט מעהר ווי נאקעטע, פעטע אבע־זשאנעס אין ווינדלען... דאָס אלעס!

— זעהר אָריגינעל געזאָגט! — האָט זיך צולאכט פאָן־דייץ מיט אזא געלעכטער, וואָס האָט געקלונגען וויא דאָס בילען פון א הונד.

— אין דאָס איז אמת אויך! — האָט נאוויקאוו א טראכט געטאָהן מיט ביטערניש און דערלאנגט פאָן־דייץ דיא האנד.

— איהר געהט שוין אוועק? — האָט פאָן־דייץ געפרעגט מיט א פער־וואונדערט קול.

נאוויקאוו האָט געשוויגען.

— וואוהין? — האָט סאנין אויך געפרעגט.

נאוויקאוו האָט איהם אויך ניט געענטפערט. ער האָט געפיהלט, אז נאָך א מינוט און ער וועט זיך בעקלאגען אויף'ן קול, אזוי פערביטערט איז ער געוועןן.

— איך וויים, וואָס מיט דיר איז — האָט כאנין איהם אבגעשלעפּט אָן א זייט — טהו א שפּיי!

נאוויקאוו האָט איהם אָנגעקוקט מיט רחמנות'דיגע אויגען, דיא ליפּען האָבען ביי איהם א ציטער געטאָהן און א מאך געטאָהן מיט א האנד, איז ער ארויס, ניט זעגענדיג זיך מיט קיינעם. און געהענדיג אהיים, האָט ער זיך גע־פיהלט אזוי שוואך, אזוי הילפלאָז, ווי א קינד. ער האָט געפּרובט זיך בערוהי־גען.

— נו וואָס וואָס וואָלט שוין ארויס־געקומען, אז איך וואָלט איהם שוין צושלאָגען דיא כ־אפּע? — האָט ער געטראכט — עס וואָלט נור ארויס־געקומען א מיאוס'ער סקאנדאל.. ניין, עס איז גאָר ניט ווערטה דיא הענד צו בעשמוטצען!

אבער דער געפיהל פון אונבעפרידיגטער אייפערזוכט האט איהם ניט געלאזט רוהען און ער האט זיך געמוטשעט און געמוטשעט.

אין דערזעלבער צייט האט מען זיך ביי זארודינען געזעצט שפּיעלען אין קארטען. דער עולם איז געווארען נאך מעהר אויפגערעגט ביי דיא קארטען און זארודין האט זיך שיער ניט צושלאגען מיט פאן־דייץ.

פלוצים איז אין צימער אריינגעקומען א נייער גאסט. זארודין האט איהם דערזעהען און איז אויפגעשפּרונגען פון ארט.

דער נייער גאסט איז געווען א הויכער, מאגערער מאן, אין א ווייסען קאסטום און א הויכען קראגען, וואס האט שטייף אונטערגעשפּארט זיין מארדע.

ער איז געבליעבען שטעהען אין טיהר מיט צומישטע אויגען.

— אך, פאוועל לוואוויטש ! — האט איהם זארודין אויפגענומען, קוקענדיג אויף איהם אויך מיט צומישטע אויגען. עס איז קענטיג געווען, אז דער גאסט איז ניט אבי־ווער און אז זארודין האט פאר איהם גרויס דרך ארץ.

— פון וואנען קומט איהר ? זייט ווען זייט איהר פון פעטערסבורג ? — האט זארודין גערעדט מיט גרויס דרך ארץ אין שטימע און געדריקט איהם די האנד.

— נעכטען ערשט געקומען — האט דער מאן געענטפערט. אין דעם ארומיגען רויך, צווישען דיא שיכורים אין'ם צימער וואלט ער אויסגעקוקט, א ריינער, א ווייסינקער, אן אנגעפּודערעוועטער וויא א ליליע אין א בלאטע, ווען ער וואלט ניט געווען אזוי פערצעהרט מאגער און ווען ער וואלט ניט געהאט אזא קליין פנים'על מיט שלעכטע צייהן און דינינקע וואנצעס.

זארודין האט פארגעשטעלט זיין גאסט פאר דיא אנוועזענדע.

— מיינע הערן, איך וועל אייך פארשטעלען : פאוועל לוואוויטש וואלאשין.

וואלאשין האט זיך לייכט גענייגט.

— וועלען מיר איצט וויסען ! האט צו זארודין'ס שרעק זיך אבגערופען דער שיכור'ער איוואנאוו.

— פאוועל לוואוויטש — האט זארודין געמורמעלט צומישט — קומט, זעצט זיך דא... וועט איהר טרינקען ווייז אדער ביער ?

וואלאשין האט זיך פארזיכטיג געזעצט אויף א קרעסלא.

— איך בין נור אויף איין סעקונדע . . . שטערט אייך ניט — האט ער געענטפערט מיט פעראכטונג און קאלט, בעטראכטענדיג דיא אנוועזענדע ארום זיך.

— ניין, איהר וועט טרינקען — האט גערעדט זארודין — איך וועל הייסען דערלאנגען ווייסען וויין . . . איהר האט, דאכט זיך, ליעב ווייסען . . .

זארודין איז ארויסגעלאפען פון צימער.

— דער טייפעל האט איהם אנגעשיקט פונקט איצט — האט ער געטראכט מיט פערדרוס — ער וועט שוין אנריידען אויף מיר פאר בעקאנטע אין פעטערסבורג אזוינע זאכען, אז מען וועט מיך ניט אריינלאזען אין אן אנשטענדיגע הויז ! . . .

און טראכטענדיג אזוי, האט ער געהייסען דעם דענשציק דערלאנגען ווייסען וויין.

דערווייל האט וואלאשין מיט א וואזשנער מינע בעטראכט דיא אונבעקאנטע מענשען אין צימער. ער האט געקוקט אויף זיי, אקוראט וויא זיי וואלטען געווען מאדנע חיות . . . סאנין מיט זיין וואוקס, זיינע ברייטע פלייצעס און מיט זיין קאכטום האט צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט.

— א אינטערעסאנטער טיפ . . . א גיבור הפנים ! — האט מיט יענעם דרך ארץ, וואס אלע קליינע, שוואכע מענשעלאך פיהלען צו גרויסע און שטארקע, וואלאשין א טראכט געטהאן און געוואלט פערפיהרען מיט סאנין'ען א געשפרעך.

אבער סאנין אנגעשפארט זיך מיט דער ברוסט אן פענסטער האט ארויס־

געקוקט אין סאָד.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך זארודין צוריקגעקעהרט.

ער האָט זיך געזעצט נעבען וואַלאשין'ען און גענומען אויספרעגען וועגען פעטערסבורג און וועגען וואלאשין'ס זאַוואָד, וועלענדיג דערמיט געבען צו פערשטעהען דיא אנוועזענדע, וואָס פאר א רייכער און וויכטיגער מענש איז דער גאַסט.

— אלעס וויא פריהער — האָט וואַלאשין געענטפערט — און איהר? וויא געהט עס אייך?

— אָט, איך שטיק זיך דאָ! — האָט זארודין געענטפערט טרויעריג און א זיפץ געטהאָן.

וואלאשין האָט געשוויגען און מיט פעראַכטונג געקוקט אויפ'ן פּאָלוב.

— ביי אונז איז דאָ איין פערגעניגען אימער! — האָט זארודין גערעדט ווייטער און מיט א פלינקער בעוועגונג אָנגעוויזען אויף דיא פלעשער, אויף דיא קארטען און אויף דיא שיכור'ע געסט.

— נו, מיר איז שוין צייט צו געהען — האָט פּלוצים וואלאשין זיך אויפגעהייבען פון אָרט — איך האָב זיך דאָ אָבגעשטעלט אין האָטעל אויפ'ן בולוואר... מיר וועלען זיך נאָך געווים זעהען...

דער דענשציק איז אריינגעקומען, האָט צוגעלייגט דיא האנד צום קאזיראָק און געזאָגט:

— וואַשבראָדיע, דיא פריילין געקומען...

זארודין האָט א ציטער געטהאָן.

— וואָס? — האָט ער איבערגעפרעגט און זיך פערכאַפּט, ארומקוקענדיג זיך מיט צומישטע אויגען:

— אָה, יע, יע... איך וויים, איך וויים...

און מורמלענדיג דיעזע ווערטער, האָט ער געטראַכט: — שוין־זשע איז עס לידא?... איצט?... אין מיטען... ווען אלע זיינען פערקליבען?

וואַלאשין'ס אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט א נייגיריגען פייערל און זיין גאנצער מאגערער קערפּער האָט זיך גענומען בעוועגען אונטער זיין ווייסען, גרוימען קאסטום.

— יע... נו, צום ווידערזעהען!

— האָט ער געזאָגט און געשמייכעלט, ארויסשטעלענדיג זיינע ציינער: — און איהר זייט אלץ דער זעלביגער!...

זארודין האָט צוטראָגען א שמייכעל געטהאָן און איז ארוים איהם בעגלייטען. דאן האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אין צימער און אלץ נאָך צומישט און צוטראָגען האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע חברים:

— מיינע הערען, וואָס הערט זיך עפּעס וועגען קארטען?... טאנאראוו, דוא נעהם דערווייל מיין „האנד", איך קום גלייך צוריק....

— דוא לייגסט! — האָט זיך א כאַפּ געטהאָן דער שיכור'ער מאלינאָווסקי — מיר ווילען זעהען, וואָס פאר א פריילין איז דאָרט ביי דיר!

אָבער טאנאראוו האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי דיא פּלייצעס און מיט געוואלד איהם אוועקגעזעצט ביים טיש. דיא איבריגע האָבען זיך אויך געזעצט ארום טיש און האָבען עפּעס זיך געסטאַרעט ניט צו קוקען אויף זארודין'ען. סאנין האָט זיך אויך געזעצט צום טיש און ערנסט געשמייכעלט.

ער האָט פערשטאַנען, אז די פריילין, וואָס איז איצט געקימען צו זארודין'ען, איז זיין שוועסטער לידא, און א דונקעלער געפיהל פון אייפערזיכטיגען רחמנות צו זיין שעהנער און איצט, הפּנים, שוין אונגליקליכער שוועסטער האָט זיך ערוועקט אין איהם...

## זיעבענטער קאפּיטעל.

ביי זארודין'ען אויף דער בעט איז געזעסען לידא, געזעסען א דערשלאָגענע, און האָט נערוועז געצופּט און געקנייטשט א טיכעל, וואָס זיא האָט אין האנד געהאלטען.

זארודין האָט זיא ניט דערקענט. פאר איהם איז ניט געזעסען דיא שטאָלצע, פרעכטיגע און געזונדע לידא, נור אן איינגעהויקערטע, דערשלאָגענע, א קרענקליך־שוואכע פרויענצימער מיט

א טרויעריג, בלייך פּנים און מיט דונקעלע אויגען, וואָס האָבען געקוקט אויף אלע זייטען אונרוהיג און מיט מורא.

ווען ער איז אריינגעקומען, האָבען איהרע דונקעלע אויגען איהם שנעל אָנגעקוקט און זיך באלד ווידער ארונטערגעלאָזען, און זארודין האָט אינסטינקטיוו דערפיהלט, אז זיא האָט מורא פאר איהם. גאַנץ אונערוואַרטעט האָט דער כעס און דיא אויפּרעגונג איהם גענומען שטיקען. ער האָט צוגעשלאָסען דיא טהיר און איז צוגעגאנגען צו איהר גראָב און פרעך, גאָר ניט וויא אין דיא פריהערדיגע צייטען.

— דוא ביזט א מערקווירדיגע בעשעפעניש — האָט ער ארויסגערעדט און געפיהלט א ברענענדיגען פערלאנג צו שלאגען זיא און קוים מיט מיה זיך בעהערשט: — ביי מיר איז דאָרט א פולע שטוב מיט מענשען . . . דיין ברודער איז דאָרט . . . און דוא . . . אקוראט וויא קיין אנדערע צייט האָסטו ניט געקענט געפינען . . . דער טייפעל ווייסט . . .

איהרע דונקעלע אויגען האָבען איהם אָנגעקוקט מיט א מאָדנעם פייערל, און דאַן האָט זיך זארודין דערשראָקען פאר זיין שארפען טאָן, האָט צו איהר גענומען שמייכלען, ארויסשטעלענדיג זיינע ווייסע צייהן, אָנגענומען זיא פאר א האנד און זיך געזעצט נעבען איהר.

— נו, נו, איך האָב מורא פאר דיר — האָט ער געזאָגט און געשמייכעלט — איך בין זעהר צופריעדען, וואָס דוא ביזט געקומען . . . איך האָב געבענקט נאָך דיר . . .

זארודין האָט צוגעטראָגען איהר האנד צו זיינע ליפּען און א קוש געטהאָן איהר פיינגער, הייסען ארעם, פון וועלכען עס האָט זיך געטראָגען א געשמאקער דופט.

— איז דאָס אמת? — האָט זיא אויסגערעדט מיט אן אויסדרוק, וואָס ער האָט ניט פערשטאַנען, און ווידער אויפגעהויבען אויף איהם איהרע דונקעלע אויגען, וואָס האָבען גערעדט:

איז דאָס אמת, אז דוא ליעבסט מיך? זעה, וויא אונגליקליך איך בין איצט... גאָר ניט דיא, וואָס א מאָל . . . איך האָב מורא פאר דיר . . . מיר איז שווער צו ערניעדריגען זיך פאר דיר, אָבער איך האָב ניט קיין אנדערען, ביי וועמען צו בעטען שוץ . . .

— און דוא צווייפעלסט אין מיין ליעבע? — האָט ער געענטפערט מיט ניט א זיכערען טאָן און א קעלט, וואָס איז פאר איהם אליין שווער געווען, האָט זיך געטראָגען פון זיינע ווערטער. ער האָט ווידער צוגעטראָגען איהר האנד צו זיינע ליפּען און ווידער א קוש געטהאָן.

א מערקווירדיגער פּלאָנטער פון געדאנקען און געפיהלען האָט איהם איצט צומישט. ערשט מיט צוויי טעג צוריק זיינען אויף דיא זעלבע ווייסע קיסען צו־וואָרפען געווען לידא'ס דונקעלע האָאָר און איהר שלאנקער בויגיגער קערפּער האָט זיך געצאַפּעלט און געברענט אין א פייערדיגען ים פון ליידענשאַפט. דאַן האָט ער זיך געפיהלט אזוי גליקליך און פון קיין אנדער זאַך מעהר ניט געטראכט, וויא נור שטאַרקער און פרעכער צו פּייניגען איהר ברענענדיגען אונטערוואָרפענעם קערפּער, און איצט מיט א מאָל האָט ער דערפיהלט אן עקעל צו איהר, האָט געפיהלט, וויא אונקצושטויסען זיא פון זיך, אוועקגעהען פון איהר, אום ניט זעהען מעהר, אום ניט צו הערען מעהר איהר קול . . . און דיזער פערלאנג איז אין איהם איצט אזוי שטארק געווען, אז אפילו צו זיצען מיט איהר אין איין צימער איז פאר איהם געווען אן אָבקומעניש. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט איהם דיא מורא פאר איהר צוריקגעהאלטען און איהם צוגעשמיעדט צום אָרט.

ער איז ביי זיך געווען קלאָהר, אז קיין זאַך בינדט איהם ניט צו איהר, אז זיא אליין האָט זיך איהם אָבגעגעבען מיט איהר אייגענעם ווילען; און ער האָט איהר גאָר נישט פערשפּראָכען און איהר פערשאַפט דעם זעלבען פערגעניגען, וואָס זיא איהם. אָבער אין דער

זעלבער צייט האט ער געפיהלט, אז ער איז טיעף אריינגעקראכען אין א קלעפיגע בלאטע, פון וועלכער עס איז איהם שווער ארויסצורייכען זיך . . .

זארודין האט ערווארטעט, אז לידא וועט פון איהם עפעס פערלאנגען. דאן וועט איהם אויסקומען אדער טהאן איהר פערלאנג, א ניט מהאן אזא שריט וואס וועט זיין העסליך און שמוציג.

ער האט זיך געפיהלט אזוי אונמעכטיג, אזוי וויא פון זיינע הענד און פים וואלט מען ארויסגענומען אלע ביינער און אין מויל אויף דעם ארט פון דער צונג וואלט מען איהם צוגעהאנגען א נאסע שמאטע.

אט דיא דאזיגע היפלאזיגקייט זיינע האט איהם בעליידיגט און צורייצט. ער האט געוואלט א געשריי טהאן, זאגען איהר איינמאהל פאר אלע מאהל, אז זיא האט קיין רעכט ניט צו פאדערן פון איהם עפעס, אבער אנשטאט דעם האט זיין שרעקענדיג הארץ געציטערט און ער האט ארויסגערעדט אזא נארישקייט, וואס האט זיך געקלעפט צו אזא מאמענט, וויא אן ארבעס צו א וואנד:

— אה, וו־יבער, ווייבער, ווי האט געזאגט שעקספיער ?...

לידא האט מיט שרעק איהם אנגעקוקט און פלוצים איז איהר קלאהר געווארען אז זיא איז פערלארען, פערלארען... יענעם גרויסען, ריינעם און מעכטיגען גליק, וואס זיא האט געקענט געבען, האט זיא אבגעגעבען א מענשען, פאר וועלכען זיא האט ניט עקזיסטירט... איהר שעהן, יונג לעבען, איהר פערלארענע ריינקייט און פרויען־שטאלץ האט זיא אוועקגעווארפען אונטער דיא פים פון א העסליכער, שרעקענדיגער חיה׳לע וואס איז אפילו ניט פעהיג צו בעדאנקען פאר דאס גליק און פערגעניגען וואס מען האט איהר פערשאפט...

זיא האט איהם ווידער אנגעקוקט דאס מאל מיט פערצווייפלונג אין דיא דונקעלע אויגען. א ווײלע האט זיא געפיהלט, וויא א ווארף צו טהאן זיך מיט א יאמער צו זיינע פים און ברעכען דיא הענד. באלד אבער איז דיזער געפיהל פון אונמעכטיגער פערצווייפלונג איבערגעגאנגען אין א שארפען געפיהל פון נקמה און זודיגען כעס.

— שוין זשע פערשמעהט איהר ניט, וויא נאריש איהר זייט ! — האט זיא ארויסגערעדט צווישען פערשצעמטע צייהן און אין גאנצען זיך א ציה געטהאן געגען זיין פנים.

דיזע גראבע ווערטער און דער בייזער, ברענענדיגער אויסדרוק אין איהרע אויגען האבען איהם אזוי אונערווארטעט געטראפען, אז ער איז צומישט געווארען און זיך אבגערוקט פון איהר.

— וואס איז עס פאר אן אויסדרוק!

— האט ער זיך אבגערופען פערוואונדערט און בעליידיגט און אנגעקיקט זיא מיט גרויסע אויגען: — דו זאלסט געברויכען אזוינע ווערטער...

— איך קען איצט ניט געברויכען קיין אנדערע ווערטער, איך קען ניט !

— האט זיא ארויסגעקרעכצט און פערבראכען דיא הענד.

— נו, צו וואס נאך אזוי טראגיש!

— האט ער געזאגט און א קנייטש געטהאן דעם שטערן. און פלוצים האט ער זיך אויפגערעגט און גענומען קוקען אונבעוואוסטערהייט אויף איהרע רונדע, געטאקטע ארעמס און פלייצעס.

איהר קרעכץ און איהר ברעכען די הענד האבען אין איהם ווידער אויפגעוועקט דיא זיכערקייט אין זיין מאכט איבער איהר.

עס האט אויסגעוויעזען, וויא זיי ביידע וואלטען געשטאנען אויף וואגשאהלען, און ווען איהר וואג־שאהל האט זיך אויפגעהויבען, האט זיך זיינע אראבגעלאזען און ווען זיין וואג־שאהל האט זיך אויפגעהייבען, האט זיך איהר וואג־שאל אראבגעלאזען . . .

און מיט א שארפען פערגניגען האט זארודין איצט געפיהלט, אז יענע לידא, וועלכע ער האט געהאלטען העכער פון זיך און פאר וועלכע ער האט מורא געהאט אפילו, אין דיא מינוטען פון דיא ברענענדיגסטע קושען, זיצט פאר איהם איצט א דערשלאגענע, א פערלארענע און בעטעלט ביי איהם רחמנות. דיזער געפיהל איז איהם אזוי אנגענעהם געווען, אז ער איז

הייך געוואָרען וויא פוטער. ער האָט זיא צערטליך אָנגענומען ביי די אַרונטערגעלאָזענע אָרעמס און זיא צוגעצווינגען צו זיך, פיהלענדיג וויא ער רעגט זיך אויף אַלץ מעהר און מעהר און אָטעהעמענדיג אויף איהר מיט פייער.

— נו, גענוג, גענוג . . . עס איז נאָך ניט אַזוי שרעקליך — האָט ער געמורמעלט.

— איהר דענקט אַזוי ? — האָט זיא איהם געפרעגט מיט איראָניע אין קול און איהם אָנגעקוקט מיט א מאָדנעם לאַנגען, לאַנגען בליק.

— נו, געוויס ! — האָט זארודין געענטפערט און געפרובט זיא אַרומנעהמען אויף א בעזונדער גראָבען, פרעכען אופן.

זיא איז געבליעבען קאַלט.

— נו, גענוג . . . וואָס ביזטו בייז, מיין קעצעלע ? — האָט ער מיט צערטליכקייט גערעדט.

— געהט אַוועק ! לאָזט מיך !... ביי מיר ווערט דער מוח . . . לאָזט מיך ! — האָט זיא א געשריי געטהאָן און אַרויסגעריסען זיך פון זיינע הענד..

זארודין האָט זיך בעליידיגט.

— דער טייפעל זאָל זיי נעהמען !

— האָט ער א טראַכט געטהאָן —האָב מיט זיי עסקים !

אָבער וואָס איז מיט דיר ? — האָט ער אויסגעשריען צורייצט און איז געוואָרען רויט.

און אַנשטאַדט צו ענטפער־ען, האָט לידא פלוצים פערדעקט דעם פנים מיטביידע הענד און גאַנץ אומערוואַרטעט פאַר זארודין'ען, האָט זיא זיך צי־וויינט. זיא האָט געוויינט גאָר אין גאַנצען וויא עס וויינען די דאָרפישע ווייבער : מיטביידע הענד צוגעדעקט דעם פנים, דעם קערפער אויסגעבויגט אין פאָראויס און כליפענדיג מיט לאַנגע, לאַנגע טענער . . . די לאַנגע לאָקען האָאָר זיינען צופאַלען איבער איהר נאַסען פנים און זיא האָט אויסגעזעהען גאָר ניט שעהן.

זארודין איז צומישט געוואָרען. שמייכלענדיג און מורא האָבענדיג, ער זאָל זיא ניט בעליידיגען מיט זיין שמייכלען, האָט ער געפרובט אָבריי־סען איהרע הענד פון'ם פנים, אָבער לידא האָט ניט געלאָזען און אַלץ געוויינט.

— אַך, גאָט מיינער ! — האָט זיך אַרויסגעריסען ביי זארודין'ען.

איהם האָט זיך ווידער פערוואָלט א געשריי טהאָן אויף איהר, א ריס טהאָן זיא ביי דער האַנד, בעליידיגען זיא מיט א גראָב וואָרט . . .

— אָבער וואָס האָסטו זיך מיט א מאָל צויאָמערט ? נו, ביזטו זיך צוזאַמענגעקומען מיט מיר . . . ני ?.... א גרויס אומגליק ! וואָס עפעס האָסטו זיך איצט דערמאָהנט ? וואָס ? ! הער אויף דוא ! — האָט ער א געשריי געטהאָן מיט א קוויטש און א ריס געטהאָן איהר האַנד.

לידא'ס קאָפ מיט'ן נאַסען פנים און צולאָזענע האָאָר האָט זיך א טרויסעל געטהאָן פון זיין שטויס און זיא איז מיט א מאָל אנשוויגען געוואָרען, האָט דיא האַנד אַרונטערגעלאָזען און צונויפגעקאַרטשעט זיך, האָט זיא מיט קינדערשען שרעק געקוקט אויף איהם פון אונטען אַרויף. א משונה'דיגער געדאַנק איז איהר אַרויף אויף'ן זינען: יעדער קען זיא איצט שלאָגען, יעדער... אָבער זארודין האָט זיך ווידער דערפיהלט שוואַך און גענומען ריידען צו איהר ווייך, פער'גנב'עט און ניט זיכער :

— נו, לידאטשקע, גענוג ! דוא אליין ביזט שולדיג . . . צו וואָס מאַכסטו, אָט דיא סצענעס . . . נו, דוא האָסט פיעל פערלאָרען, אמת . . . דערפאַר אָבער ביזטו דאָך גליקליך אויך געווען . . . קיין מאָל וועלען מיר ניט פערגעסען . . .

לידא האָט זיך ווידער צו־וויינט.

— וועסטו אויפהערען, דוא !

— האָט ער א געשריי געטהאָן.

ער איז זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער און געצופט זיינע וואָנצעס אויף דיא ציטערענדיגע ליפען.

אין צימער איז געווען שטיל. הינ־

מער'ן פענסטער האָבען זיך שטיל בעוועגט דיא דינע גרינע צווייגען פון יונגע ביימער. זארודין האט זיך מיט מיה בעהערשט, איז צוגעגאנגען צו לידא'ן און האט זיא פאָרזיכטיג ארומגענומען. זיא אָבער האט זיך גלייך ארויסגעריסען און א דרעה געטהאָן דעם עלענבויגען, האט זיא ניט וועלענדיג מיט איהם געטראָפען זארודין'ען אין טאָרדע און אזוי, אז עס האט זיך דערהערט א קנאַק פון זיינע צייהן.

—טייפעל! — האט זארודין א געשריי געטהאָן פאר וועהטאָג און נאָך מעהר פון דעם קנאַק פון דיא צייהן, וואָס האט אָבגעהילכט זעהר קאָמיש.

תגם לידא האט ניט בעמערקט, ווי ביי זארודין'ען האבען א קנאַק געטהאָן די צייהן פון איהר קלאַפּ מיט'ן עלענבויגען, האט ער זיך דאָך איהר אויסגעוויזען נאריש און לעכערליך מיט זיין פערקרימען זיך און מיט זיין אויסגעשריי און זיא האט געזאָגט:

— וויא ערעל איהר רעדט עס!...

וואָס פאר א שעהנער אויסדרוק!...

— אָבער דאָס וואָלט דאָך יעדען איינעם ארויסגעפיהרט פון געדולד — האט זארודין געענטפערט צורייצט: — וואָלט איך כאָטש געוואוסט, וואָס אזוינס איז געשעהען?

— און איהר ווייסט נעבאָך גאָר ניט! — האט מיט איראָניע אין קול זיך אָבגערופען לידא.

א קליין שווייגען. לידא האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען און איהר פנים האט געברענט פלאַם־פייער. און פלוצים איז זארודין בלייך געוואָרען.

— נו, וואָס?... וואָס שווייגט איהר?... זאָגט עפּעס... רעדט... פרייסט מיך — האט לידא גענומען רייידען און איהר שטימע איז איבערגעגאנגען אין א היסטערישען געשריי, וואָס האט זיא אליין דערשראָקען.

— איך... — האט זארודין ארויסגערעדט און דיא אונטערשטע ליפּ האט ביי איהם גענומען ציטערען.

— יע, איהר! איהר! צום אומגליק איהר, ניט קיין אנדערער! — האט זיך ביי לידא'ן ארויסגעריסען א פערצווייפעלטער געשריי און זיא האט געפיהלט, וויא דיא טרערען שטיקען איהר.

זארודין איז געשטאַנען א צומישטער, א בלייכער. ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך און גענומען טראַכטען פלעגער ווי אזוי אָבצובינדען זיך פון איהר. איהם איז ארויף אויפ'ן זינען צו געבען איהר גלייך געלד, זיא זאָל געהען צו א דאָקטאָר און בעפרייען זיך אין גאַנצען פון דעם עסק... ער האט אָבער קיין מוטה ניט געהאַט איהר דאָס פארצושלאָגען און אנשטאָט דעם האט ער ארויסגעמורמעלט: — איך האָב עס גאָר ניט ערוואַרטעט.

— ניט ערוואַרטעט? — האט זיא ווילד אויסגעשריען — וויא אזוי האט איהר געוואָגט עס ניט צו ערוואַרטען?

— לידא... איך האָב דאָך אייגענטליך... ניט... ניט... האט זארודין ארויסגעשטאַמעלט מורא האָבענדיג ארויסצוזאָגען דאָס וואָס איז ביי איהם געלעגען אויף דער צונג.

לידא האט פערשטאַנען, וואָס ער האט געמיינט.

אן אויסדרוק פון שרעקליכער פערצווייפלונג האט זיך אָבגעטונקט אויף איהר שעהן פנים. א דערשלאָגענע האט זיא אראָבגעלאָזען איהרע הענד און זיך אוועקגעזעצט אויף דעם בעט.

— טאָ וואָס זאָל איך טהאָן? — האט זיא ארויסגערעדט פארשטערט ווי צו זיך אליין — דערטרינקען זיך, וואָס?

— אָך, וואָס רעדסטו אזעלכע נאַרישקייטען?...

— ווייסט איהר, וויקטאָר סערגייעוויטש — האט זיך פלוצים לידא אָבגערופען און איהם אריינגעקוקט שאַרף אין דיא אויגען: — איך מיין, אז איהר וואָלט גאָר ניט געוועזן דאַגעגען, ווען איך זאָל זיך דערטרינקען!...

און אין איהרע אויגען און אין רעם

ציטערען פון איהר שעהנעם מויל איז געלעגען אזא טיעפער טרויער און אזא שרעק, אז זארודין האט ניט ווילענדיג אבגעקעהרט דעם קאפ.

לידא האט זיך אויפגעהויבען פון ארט. זיא האט פלוצים דערפיהלט אן עקעל צו זיך אליין. וויא אזוי האט זיא געקענט כאטש איין מינוט דענקען פון איהם, וויא וועגען איהר רעטער, וויא אזוי האט זיא געקענט טראכטען, אז ער וועט וועלען אויף זיך נעהמען דיא פליכט פון א פאטער צו דעם קינד, וואס זיא טראגט אונטער'ן הארצען... איהר האט זיך געוואלט ארויסווייזען איהם האס מיט א האנד, לאזען איהם פיהלען איהר טיעפע פעראכטונג, בעליידיגען איהם פאר דיא ערנידערונג, וואס זיא האט געליטען. זיא האט אבער געפיהלט, אז ווען זיא וועט נעהמען ריידען, וועט זיא זיך מוזען צו־וויינען, דאן וועט זיא זיך נאך מעהר ערנידריגען. איהר לעצטער שטאלץ, וואס איז פארבליעבען פון דער אמאליגער שעהנער און שטארקער לידא, האט זיא אבגעהאלטען פון דעם און אנ־שטאט דעם, האט זיא פארשטיקט אבער קלאהר און אויסדרוקספאל ארויסגע־רעדט:

— דוא ווילדע, שמוציגע בעסטיע!...

און געזאגט עס, האט זיא זיך א ווארף געטהאן צו דער טהיר, האט זיך פארט'עפעט און צוריסען דיא שפיצען פון ארבעל אן הענטעל פון שלאס. דאן האט זיא אן עפען געטהאן דיא טהיר און איז ארויסגעלאפען.

זארודין'ען האט א זעץ געטהאן דאס בלוט אין קאפ. ווען זיא וואלט איהם גערופען „שורקע" „טויגעניכטס" וואלט ער עס אריבערגעטראגען גאנץ רוהיג, אבער דיא ווערטער שמוציגע, ווילדע בעסטיע האבען געקלונגען אזוי ניט שעהן און זיינען געווען אזוי ניט אין אנקלאנג מיט דער פארשטעלונג, וואס זארודין האט וועגען זיך אליין געהאט, אז ער איז צומישט געווארען. דיא ווייסלאך פון זיינע שעהנע אויסגעפוצ־טעטע אויגען זיינען אפילו רויט גע־ווארען. ער האט צומישט א שמייכעל געטהאן, מיט דיא פלייצעס א דריק גע־טהאן, האט פארשפיליעט און צוריק אב־געשפיעלעט זיין ווייסען כאלאט און זיך געפיהלט אמת אונגליקליך.

אין דערזעלבער צייט אבער האט ער געפיהלט, אז ערגעץ אינעווייניג אין איהם וואכט אויף א געפיהל פון פריי־הייט און פרייד, וואס ער איז אויפ'ן סוף פטור געווארען פון איהר. ער האט פערשטאנען, אז אזא פרוי, וויא לידא וועט צו איהם שוין מעהר ניט קומען. א ווייל'ע האט איהם פערדראסען, וואס ער האט פערלארען אזא שעהנע און געשמא־קע געליעבטע, אבער באלד האט ער א מאך געטהאן מיט'ן האנד.

— עה, זאל זיא געהן צום טייפעל... עס זיינען דא גענוג אהן איהר אויך!...

ער האט פארריכט אויף זיך דעם כאלאט, פאררויכערט א סיגארעט, גע־מאכט א רוהיגע מינע און איז אוועק צו דיא געסט.

## 18טעם קאפיטעל.

קיינער פון דיא געסט האט זיך שוין ניט פערנומען מיט דיא קארטען אויסער דעם שיכור'ן מאלינאאווסקי'ן.

אלעמען האט געקיצעלט און געמא־טערט דער געדאנק, וואס פאר א פרוי און צו וואס איז זיא געקומען צו זא־רודין'ען. דיא, וואס האבען זיך אנגע־שטויסען, אז דארט איז לידא סאנינא, האבען איהם שטארק מקנא געווען. זייער פאנטאזיע האט זיך פאנאנדער־שפיעלט און האט זיי געמאהלען ביל־דער, וועלכע האבען אנגעצונדען דאס בלוט, און דיא קארטען איז זיי יעצט אין קאפ ניט געקראכען.

סאנין איז נאך א ווייל'ע געזעסען לעבען דיא קארטען, דאן האט ער זיך אויפגעהויבען און האט געזאגט:

— מעהר וויל איך ניט. צום וויע־דערזעהען!

— שטעה, ווארט, וואוהין איילסטו זיך? — האט געפרעגט איוואנאוו.

— איך וועל געהן זעהן, וואס דארט טהוט זיך, — האט געענטפערט סאנין, אנווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף דער פערמאכטער טהיר.

— גענוג דיר שפיעלען קאמעדיע! זעץ זיך אנידער, מיר וועלען אריינגיעסען! — האט געזאגט איוואנאוו.

ביזט אליין א קאמעדיאנשציק! — האט סאנין ערוויעדערט גלייכגילטיג און איז אוועק.

ארויסגעגאנגען אין א שמאל געסעל, בעוואקסען פון ביידע זייטען מיט געדיכטע קראפיווע, האט סאנין א טראכט געטהאן, וואו עס קומען ארויס די פענסטער פון זארודינס וואוינונג. דאן האט ער פארזיכטיג גענומען טרעטען איבער די קראפיווע און האט זיך אזוי דערקליעבען ביז'ן פארקאן אויף וועלכען ער האט לייכט ארויפגעקלעטערט. זייענדיג אויבען האט ער כמעט אין גאנצען פארגעסען נאך וואס ער איז אייגענטליך ארויפגעקראכען, אזוי אנגענעהם איז איהם געווען אראבצוקוקען פון דעם הויכען פארקאן אויף דאס גרינע גראז און דעם געדיכטען גארטען און צו פיהלען דעם פרישען, ווייכען ווינטעלע, וועלכער האט נעבלאזען אויף איהם פון אלע זייטען.

דערנאך איז ער אראבגעשפרונגען, האט זיך פארטשעפעט אן די קראפיווע און זיך צושטאכען. ער האט מיט פערדרוס א קראץ געטהאן דעם צושטאכענעם ארט און איז אוועק איבער'ן גארטען. צום פענסטער איז ער צוגעקומען אין דער צייט, ווען לידא האט געזאגט:

— און איהר ווייסט ניט?...

נאך דעם מאדנעם אויסדרוק פון איהר קול, האט ער גלייך פערשטאנען, וואס דא טהוט זיך. און זיך צוגעשפארט מיט'ן פלייצע צום וואנט האט ער געקוקט אין גארטען אריין און אין דערזעלבער צייט זיך נייגיעריג צוגעהערט צו די אויפגערעגטע, בייזע, צומישטע שטימען. עס האט איהם לייד געטהאן פאר דער שעהנער רייצענדער, ערנידריגטער לידא, פאר וועמען דאס גראבע און טהירישע ווארט — שוואנגער — האט זיך אזוי וועניג געפאסט... אבער נאך מעהר, וויא דער געשפרעך איז איהם אינטערעסאנט געווען דער מאדנער אומגעלומפערטער קאנטראסט צווישען די ווילדע און בייזע שטימען אינוועניג אין צימער און דער ליכטיגער רוהיגקייט אין דעם גרינעם גארטען, וועלכען די נאטור האט געשענקט צו די אייגענע מענשען.

א ווייסער שמעטערלינג, פאלענדיג און פליהענדיג, האט לייכט געשוועבט איבער'ן גראז, זיך באדענדיג אין די ווארימע שטראהלען פון דער זונן, און מיט דערזעלבער אויפמערקזאמקייט, ווי סאנין האט זיך צוגעהערט צו די שטימען אינעווניג האט ער זיך אויך צוגעקוקט צו די בעוועגונגען פון דעם שמעטערלינג.

ווען לידא האט א געשריי געטהאן:

— ווילדע, שמוציגע בעסטיע!

האט זיך סאנין פרעהליך צולאכט, האט זיך א ריס געטהאן פון ארט און ניט טראכטענדיג דערפון, אז מען קען איהם באמערקען דורך די פענסטער, האט ער זיך לאנגזאם געלאזען געהן איבער'ן גארטען.

א יאשצערקע, וועלכע איז איהם פלינק אריבערגעלאפען דעם וועג, האט צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט און סאנין האט א צייט לאנג נאכגעקוקט דעם ריהרעוודיגען קליינעם קערפערל, וועלכער האט אזוי לייכט פלינק ארומגעפויזשעט איבער די געדיכטע גרינע און שטעכעדיגע גראזען.

## ניינצעהנטער קאפיטעל.

לידא איז אוועק ניט אהיים, נור אין אן אנדער זייט.

עס איז געווען זעהר היים און די

גאסען זיינע געווען פוסט. קורצע שאָטענס זיינען געלעגן לעבען דיא ווענט און נעבען דיא הויכע פּאַרקאַנעס. אָבער אויך זיי האָט דיא ברענענדיגע זונן שנעל צוטריבען.

פאַרשטעלט מיט'ן שירם, וועלכען זיא האָט אויס געוואוהנהייט געעפענט, איז לידאַ שנעל געגאַנגען איבער דיא פערשטויבטע גאַסען און האָט ניט בעמערקט צו עס איז קאַלט, צו ווארעם, צו פינסטער, צו ליכטיג. עטליכע מאָל האָט זיא אָנגעטראָפען צוהיצטע, פאַרשוויצטע, גלייכגילטיגע מענשען, לידאַ האָט זיי אָבער ניט געזעהען. דעם קאָפּ טיעף איינגעבויגען האָט זיא מיט טרוקענע בליסטשענדע אויגען געקוקט אויף ד'רערד אונטער דיא פיס.

עפּעס א קליין, ווייס הינטעלע האָט זיך א לאָז געטהאָן נאָך לידאַ'ן, האָט גענומען ארומטאַנצען ארום איהר פון אַלע זייטען, האָט געלעקט איהר קלייד און צופריעדען געדרעהט מיט'ן עק. אויפ'ן גאָס איז געשטאַנען א קליין אינגעלע זעהר א דיקער אין א העמדעלע, וואָס האָט ארויסגעשטאַרצעט פון הינטען פון זיינע הייזלאַך, וויא אַן עק. ער איז געשטאַנען מיט אָנגעבלאָזענע בעקלאַך און מיט אַלע קרעפטען געפייפט.

לידאַ האָט א מאַך געטהאָן צום הינטעל מיט א האַנד און א שמייכעל געטהאָן צום אינגעלע. זיא האָט עס געטהאָן גאַנץ אונבעוואוסט, איהר נשמה איז געווען ווייט, ווייט פון דאַנען. עפּעס א פינסטערע קראַפט, וואָס האָט איהר אָבגעשניטען פון גאַנצען לעבען, האָט איהר יעצט שנעל געטראָגען פאַרביי ליכט און זונען־שיין, פאַרביי פרייד און גליק צו יענער שווארצער, טיעפער גריב, וועמענס נאָהענטקייט זיא האָט געפיהלט מיט איהר גאַנצען צו־וועהטאָגטען צובראָכענעם הארצען....

עס איז פאַרבייגעפאָהרען א בעקאַנטער אָפיציער און דערזעהענדיג לידאַ'ן, האָט ער אָבגעשטעלט זיין עטוואָס איינגעשוויצטען פערד, זיך א קער געטהאָן צו איהר און מיט א קלינגענדען און פרעהליכען קול געפרעגט:

— לידאַ פּעטראָוונאַ, וואוהין געהט איהר עס אין אַזאַ היץ?

לידאַ האָט צושטערט א פיהר געטהאָן איהרע אויגען איבער זיין היטעל וואָס איז כוואַטסקע געלעגן אויף א זייט פון זיין רויטען פערשוויצטען שטערען און האָט ניט געענטפערט, נור אויס געוואָהנהייט האָט זיא קאָקעטיש א שמייכעל געטהאָן.

און אין דעמזעלבען מאָמענט האָט זיא צומישט און פערוואונדערט געפרעגט ביי זיך:

— נו, טאַקע, וואוהין געה איך אצינד?

זיא איז שוין יעצט ניט געווען אין כעס און האָט אפילו ניט געטראַכט וועגען זארודין'ען. פריהער, ווען זיא איז אוועק צו איהם, האָט זיך איהר געדאַכט אַז ער וועט איהר העלפען, אַז צוזאַמען וועלען זיי געפינען א וועג, וויא ארויסצוקומען פון איהר גרויסען אומגליק. איצט אָבער האָט ער מעהר ניט עקזיסטירט פאַר איהר, איז אין גאַנצען פערשוואונדען געווען פון איהר לעבען. דאָס פריהערדיגע: דיא ליעבע און דאָס גליק, זיינען אין גאַנצען אוועק, זיינען אָבגעשטאָרבען און דיא פאָלגען דערפון דאַרף זיא טראָגען און זיא אליין דאַרף געפינען עפּעס אַן אויסוועג...

שנעל און פיעבעריש האָבען גענומען ארבייטען דיא געדאַנקען. ערגער פון אַלעם איז געווען דאָס, וואָס דיא שעהנע שטאָלצע לידאַ וועט פערשווינדען און אויף איהר פלאַץ וועט בלייבען א קליינינקע, פאַריאָגטע, שמוציגע בעשעפעניש וועלכע אַלע וועלען פערשפּאָטען, פעראַכטען, און אויסלאַכען, און זיא וועט זיך אפילו ניט קענען וועהרען... הילפלאָז וועט זיא זיין געגען דיא בייזע צינגער, שוואַך און קליין געגען דעם

שמוץ, מיט וועלכען מען וועט זיא פערוואָרפען און זיא וועט זיך אפילו ניט קענען פאַרטהיידיגען. דאָס טאָר מען ניט דערלאָזען, מען מוז איינהאַל־טען דיא שעהנקייט און דעם שטאָלץ, מען מוז אוועק פון דאַנען וויים, וויים; אוועק, ערגעץ וואו, וואוהין דער שמוץ און דער שפּאָט זאָלען ניט קענען דער־גרייכען...

און וויא נור לידא'ן איז קלאָהר געוואָרען דיעזער געדאַנק, האָט זיא דער־פיהלט, וויא אַלעס ארום איהר איז געוואָרען פּוסט, אַז דיא ליכטיגע שיין פון דער זונן, דיא מענשען, דיא וועלט דאָס גאַנצע לעבען, זיינען שוין ניט פאַר איהר; זיא איז איינזאַם און עלענד צווישען זיי; אַז געהן איז נימאַ וואו און עס איז געבליעבען נור איין וועג, וואָס פיהרט צום טייך, וואוהין זיא מוז זיך אריינוואַרפען...

דיעזער אויסוועג האָט זיך איהר יעצט פאָרגעשטעלט אזוי איינפאַך, אזוי קלאָהר, אזוי וויא אַן אייזערנער רינג וואָלט זיך שוין אוועקגעשטעלט צווי־שען איהר און דעם לעבען און וואָלט זיי צושיידט. אויף איין מאָמענט איז זאָגאַר פאַרשוואונדען געוואָרען יענער עקעלהאַפטער און העסליכער געפיהל, פון וועלכען לידא האָט ניט געקענט פּטור ווערען פון דעם מאָמענט אָן, זינט זיא איז געוואָהר געוואָרען, אַז זיא איז שוואַנגער.

איינענטליך איז עס דאָך אזוי איינפאַך!... און מען דאַרף שוין מעהר קיין זאַך נישט, גאָר נישט!— האָט געטראַכט לידא זיך ארומקוקענ־דיג אין אַלע זייטען און גאָר ניט זע־הענדיג.

לידא האָט גענומען געהן שנעל, שנעל, איהר אָבער האָט זיך געדאַכט, אַז זיא געהט זעהר לאַנגזאַם, הגם זיא איז שוין איצט כמעט געלאָפען, זיך פּלאָנטערנדיג מיט דיא פיס אין איהר ברייטען עלעגאַנטען קלייד.

— אַט דאָס הויז, דאָן נאָך איינס מיט גרינע לאָדענס און דערנאָך אַ פעלד....

דעם טייך, דעם בריק און דאָס וואָס דאָרט וועט פּאַסירען, האָט זיך לידא ניט געקענט פאָרשטעלען. ביי דעם האָ־בען זיך אָבגעשטעלט אַלע איהרע גע־דאַנקען, אַלע איהרע פאָרשטעלונגען און עס האָט זיך געבילדעט עפּעס אַ טומאַ־נער פוסטער פלעק, ביי וועלכען אַלעס האָט זיך געענדיגט...

דיעזער צושטאַנד האָט געדויערט נור אזוי לאַנג, ביז וואַנען לידא איז ארויף אויף'ן בריק. און ווען זיא האָט זיך אָבגעשטעלט ביים פּאַרענץ און האָט פון אונטען דערזעהען דאָס מוטנע גרינ־ליכע וואַסער, איז דער געפיהל, אַז אַלעס איז אזוי לייכט און איינפאַך גלייך פערשוואונדען און אין איהר נשמה האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן אַ מורא פאַר דעם אונבעוואוסטען טויט און אַ ברענעדיגער פערלאַנג צו לעבען.

און באַלד האָט זיא ווידער דערהערט שטימען, דאָס טשריקען פון פויגעלאָך, האָט דערזעהען דעם ליכטיגען שמייכעל פון דער זונן און דאָס ווייסע הינטעלע, וואָס האָט ביי זיך ענדליך בעשלאָסען, אַז לידא איז טאַקע איהר בעל הבית'טע.

דאָס הינטעלע האָט זיך אוועקגעזעצט פונקט געגען לידא'ן מיט איין פאָ־דערשטער לאַפּקע אונטערגעבויגט, האָט מיט הינטישער ליעבשאַפט און אונטער־טהעניגקייט אריינגעקוקט איהר אין דיא אויגען און געדרעהט מיט זיין ווייסען עק איבער'ן זאַמד.

לידא האָט לאַנג, לאַנג געקוקט אויף איהם, און עס האָט איהר געצויגען אַ כאַפּ צו טהאָן איהם אין איהרע אַרעמס און דריקען, דריקען ליידענשאַפטליך און פערצווייפעלט. גרויסע טרעהרען האָבען זיך גענומען קייקלען פון איהרע אויגען אויף דיא שעהנע באַקען און אַ געפיהל פון רחמנות אויף איהר פאַר־לאָרען יונג לעבען, האָט זיך ערוועקט

אין איהר מיט אזא קראפט, אז ביי איהר האט זיך דער קאפ פארדרעהט און מיט ציטערענדיגע הענד האט זיא זיך אנגעכאפט אן דיא פארענצען, וואס זיינען היים געווען פון דער זונן. דערביי האט זיא ארויסגעלאזען א האנדשוה, עס איז ארונטערגעפאלען אין וואסער און מיט א שטומען שרעק האט לידא נאך דעם נאכגעקוקט . . .

דיא האנדשוה האט זיך לייכט און שנעל געדרעהט אין דער לופטען און איז שטיל, אהן גערויש געפאלען אויף דעם גלייכען, פארשלאפענעם שפיגעל פון'ם וואסער. ביים ברעג האבען זיך פון דעם גענומען דרעהען רעדעלאך. און לידא האט געזעהען, וויא דיא העלע האנדשוה, אנזאפענדיג אין זיך וואסער, איז געווארען דונקעלער און גענומען לאנגזאם ארונטערזינקען אין דעם דונקעל גרינליכען תהום. מאדנע, אזוי וויא זיא וואלט געקעמפפט פאר איהר לעבען, האט דיא האנדשוה זיך א דרעה געטהאן איין מאל, א צווייטען מאל, און איז פארשוואונדען אונטער'ן וואסער.

לידא האט אנגעשטרענגט איהרע אויגען, האט זיך געסטארעט ניט צו פערליערען זיא פון אויסזיכט, זיא האט זיא שוין אבער מעהר ניט געזעהען, נור וואסער, וואסער וואסער.....

— וויא אזוי האט עס געטראפען, פרייליין ? — האט לידא פלוצים דערהערט א קול נעבען זיך פון א פרויענצימער.

לידא האט מיט שרעק זיך א כאפ געטהאן צוריק און האט דערזעהען פאר זיך א דיקע, קורנאסע פרוי, וואס האט געקוקט אויף איהר מיט נייגעריגקייט און מיטגעפיהל.

און הגם דיעזער מיטגעפיהל האט געהאט א שייכות צו דער האנדשוה, האט זיך לידא'ן אויסגעוויעזען, אז דיא דאזיגע דיקע, גוטמיטהיגע פרוי ווייכט פון איהר אומגליק און האט אויף איהר רחמנות, און אויף איין מאמענט איז איהר אויף'ן זינען ארויף צו דערצעהלען איהר אלעם, אלעס, דעמאלט וועט איהר לייכטער ווערען. אבער זיא האט זיך געכאפט, אז דאס איז אונגליק, איז רויט געווארען און ארויסגעשטאמעלט :

— עס מאכט נישט . . .

און וויא א שיכור'ע איז זיא אוועק פון בריק.

— דא קען מען ניט. מען וועט דערזעהען . . . מען וועט ארויסשלעפען — איז דורכגעלאפען ביי לידא'ן אין מוח.

זיא איז אראבגעגאנגען אונטען און איז אוועק לינקס מיט'ן ברעג איבער א שמאלען, אויסגעטראטענעם וועג, בעוואקסען מיט קראפיווע און מיט שטארק שמעקענדיגען, ביטערען פאלין, צווישען טייך און אן אלטען פארקאן פון עפעס א סאד.

דא איז געווען רוהיג און שטיל, וויא אין א דארפישער קירכע. דיא ווערבעס מיט ארונטערגעלאזענע צווייגען האבען פארטראכט געקוקט אין'ם וואסער און דיא זונן האט איהר העלען ליכט געגאסען אויף'ן גאלדענעם זאמד ביים ברעג.

און איצט האט לידא שוין זיך געצוואונגען צו געהען אהין, וואו זיא איז געגאנגען, טראץ דעם מעכטיגען פערלאנג פון'ם לעבען, וואס האט געקעמפפט אין איהר נשמה.

— איך מוז, איז מוז, איך מוז...

— האט זיא געטראכט, און איהרע פיס האבען זיא געטראגען אלץ ווייטער און ווייטער מיט גרויסער מיה, אקוראט וויא אויף יעדען טריט איז זיי אויסגעקומען צו רייסען שווערע פענטעס . . .

און ווען זיא איז שוין געווען ווייט פון'ם בריק און האט דערזעהען פאר זיך דאס שווארצע קאלטע וואסער, דערמאלט האט זיא ערשט פערשטאנען, ווי עס ווילט זיך איהר לעבען, וויא עס

איז מורא'דיג צו שטארבען און דאך מוז זיא שטארבען, זיא מוז, ווייל זיא קען ניט לעבען . . . זיא האט א ווארף געטהאן דיא איבערגעבליעבענע האנדשוה און רעגענשירם אויף דיא גראז און איז אוועק גלייך צום טייך . . .

אין דיעזער מינוט האט לידא איבערגעפיהלט זעהר פיעל . זיא האט זיך דערמאהנט אן פיעלעס, וואס זיא האט דורכגעלעבט אין איהר יונג לעבען . . . אין דער טיעפעניש פון איהר נשמה האט אויפגעוואכט איהר קינדערשער גלויבען, וואס האט געשעפצעט מיט מורא און געבעט : — גאטעניו, ראטעווע מיך . . . גאטעניו, ראטעווע מיך ! . . . זיא האט זיך דערמאהנט אן אן אלטען מאטיוו פון א ליעד, וועלכען זיא האט נאך גאר ניט לאנג זיך געלערנט אויסשפיעלען אויף דער פיאנא, און דיעזער מאטיוו האט איצט אין גאנצען אבגעקלונגען אין איהר מוח . . . זארודין האט פאר איהר ארויסגעשוועבט, דאן איהר מאמע, וועלכע איז איהר איצט אזוי טהייער און ליעב געווען, דיא מאמע איהרע, צוליעב וועלכער זיא איז טאקי איצט נעגאנגען זיך טרינקען . . .

נאכדעם האט זיך אלעס צומישט און צופלאנטערט אין איהר מוח : אי דיא מורא, אי דער פערלאנג צו לעבען, אי דער געדאנק, אז זי קען ניט, אז זי טאר ניט לעבען, אי די האפנונג אויף עמיצען און עפעס, אי א מאן, וועלכער איז עהנליך געווען צו איהר ברודער סאנין, וואס איז אין דיזער צייט אריבערגעקראכען דעם ניעדריגען אלטען פארקאן פון'ם סאד...

—קיין נארישערע זאך האסטו ניט געקענט אויסקלערען, צו טהאן !—האט אויסגעשריען סאנין, לויפענדיג צו איהר פערסאפעט.

דער פארקען האט געהערט צו זארודין'ס סאד. סאנין האט נאך פון וויטען בעמערקט זיין שוועסטער אין פערשטאנען, וואס זי וויל טהאן. אפריהער האט ער איהר ניט געוואלט שטערען צו שטארבען, באלד אבער האט זיך רחמנות ערוועקט אין איהם און געלאפען זיא ראטעווען.

אויף לידא'ן האט די שטימע פון איהר ברודער געווירקט מיט א מערקווירדיגער קראפט, און איהרע אנגעשטרענגטע נערוועען פון דעם קאמפף מיט זיך אליין זיינען גלייך אבגעשוואכט געווארען, דער קאפ האט זיך ביי איהר פערדרעהט און מיט דעם צוזאמען אלעס, אלעס ארום איהר... זיא האט שוין ניט געוואוסט, וואו זי געפינט זיך אין וואסער, צו אויפ'ן ברעג... סאנין האט נאך צייט געהאט א כאפ צו טהון זי ביים קאמען ברעג און זיין קראפט און פלינקייט איז איהם שטארק געפעלען געווארען.

—אט אזוי ! — האט ער געזאגט און, צוגעפיהרט לידא'ן צום אלטען פארקאן, האט ער זיא אוועק געזעטצט און גענומען קוקען ארום זיך פערוואונדערט.

—וואס טהו איך מיט איהר איצט ?

—האט ער א טראכט געטהאן.

לידא איז גלייך געקומען צו זיך און א בלייכע, א דערשלאגענע, א שוואכע, אזוי וויא אין גאנצען צובראכען, האט זי זיך ביטער און רחמנות'דיג צוויינט.

—גאט מיינער, גאט מיינער ! — האט זיא געכליפעט וויא א קינד.

—נו, נו, נארינ׳ו דו ! — האט ער ווייך און מיט רחמנות זי געפרובט בערוהיגען.

לידא האט איהם ניט געהערט, נור ווען סאנין האט זיא געוואלט א גלעט טהאן, האט זיא אנגעכאפט זיין האנד מיט פערצווייפעלטער קראפט און זיך צרוויינט נאך העכער.

—וואס טהו איך ! — האט זיא פלוצים מיט שרעק א טראכט געטהאן :

—מען טאר ניט וויינען, אניט וועט ער פערשטעהען !....

—נו, וואס נעהמסטו זיך אזוי דאס לעבען ? — האט סאנין גערעדט וויטער און זיא געגלעט איבער די אקסלען.

לידא האט אונענטשלאסען א קוק

נעטהאָן אויף איהם פון אונטער די ברע־געס פון איהר הוט פון אונטען ארויף גאָר מעשה קינד און איז מיט אמאָל אנ־שוויעגען געוואָרען.

—איך ווייס דאָך אלעס — האָט סאנין גערעדט—איך ווייס שוין לאנג... דיא גאנצע געשיכטע ווייס איך...

און הגם לידא האָט געוואוסט, אז א סך שטויסען זיך אָן וועגען איהרע פערהעלטניסע מיט זארודין'ן, האָט דאָך סאנין'ס איצטיגע ערקלערונג זי צור־מישט. זיא האָט געפיהלט אזוי ווי איהר ברודער וואָלט איהר געגעבען א פאטש. זיא האָט זיך א ריעס געטהאָן פון איהם מיט איהר גאנצען בייגיגען קערפער און איהם אָנגעקוקט מיט גרויסע אויפגע־גלאָצטע אויגען, וויא א צושראָקענע, פערפאָלגטע שעהנע חיה.

—נו, וואס קוקסטו אזוי אויף מיר, אקוראַט ווי איך וואָלט דיר אויפ'ן עק ארויפגעטראָטען ! — האָט סאנין גוט־מוטהיג א שמייכעל געטהאָן און אָננעה־מענדיג זי ביי די רונדע, ווייכע פלייצעס, וואָס האבען געציטערט אונטער זיינע פינגער, האָט ער זיא אוועקגעזעצט צוריק אויפ'ן אלטען פארקאן. לי־א האָט זיך ניט געוועהרט און איז געבליעבען זיצען א דערשלאָגענע.

—וואס אייגענטליך האָסטו זיך אזוי דערשראָקען, ווען איך האָב דיר גע־זאָגט, אז איך ווייס ? — האָט סאנין זיך אָבגערופען — שוין־זשע האלסטו עס, וואס דו האָסט זיך אָבגעגעבען. זא־רודין'ן, פאר אזא מיאוסע זאך, אז דו האָסט אפילו מורא צו מודה זיין זיך אין דעם ? דאס קען איך שוין ניט פער־שטעהען ! און פאר דעם, וואס זארודין האָט מיט דיר ניט חתונה געהאט, דאר־פסטו גאָט דאנקען.. איצט קענסטו איהם שוין, ווייסט שוין, וואָס פאר א מענשע־לע ער איז... און פריהער האָסטו אויך געוואוסט, אז הגם ער איז א שעהנער מאָן און טויג צו דער ליעבע, איז ער אָבער אלס מענש א שופט, א נישטיגע בעשעפענים... דאס איינציגע גוטעס, וואס איז אין איהם, איז זיין שעהנקייט און מיט דעם האָסטו זיך שוין אָנגענוי־מיגט...

—דו מיינסט, ער מיט מיר — האָט זי ארויסגעשעפצעט — גאָט מיי־נער ! גאָט מיינער ! — האָט איהר א ברען געטהאָן אין מוח.

—אָט דאס, וואס דו ביזט אין אומ־שטענדען—האָט ער גערעדט ווייטער.

לידא האָט פערמאכט דיא אויגען און זיך צונויפגעקאָרטשעט.

און סאנין האָט גערעדט ווייטער מיט א ווייך, שטיל קול :

—אָט דאס, זעהסטו, איז שלעכט.. ערשטענס דערפאר, ווייל צו יעבוירען קינדער איז גלאט א לאנגווייליגע זאך, א שמוציגע, א פיינליכע און אן אונזי־ניגע; צווייטענס, און דאס איז דיא הויפטזאך, ווען דו זאָלסט א קינד האָ־בען, וואָלטען די מענשען דיך פערמוטשעט מיט זייער פערפאָלגען... לידאטש־קא, מיין גוטע לידאטשקא ! — האָט ער פלוצים געגומען ריידען מיט הייסער ליעבע אין שטימע : — דו האָסט דאָך קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָהן, און ווען דו וואָלסט אפילו א דוצענד קינ־דער געהאט, וואָלט דאָך קיינער, אוי־סער דיר אליין פון זיי ניט געליטען !...

סאנין איז אנשווייגען געוואָרען, האָט פערטראכט געביסען זיינע וואָנ־צעס און אוועק געלעגטביידע הענד אויף זיין ברוסט.

— איך וואָלט דיר געזאָגט, וואָס מען דאַרף טהאָן, אָבער דוא ביזט צו שלאף און צו נאַריש פאַר דעם — האָט ער אין א ווײלע ארום ווידער אָנגעהויבען — ביי דיר וועט קיין מוטה ניט כאַ־פען אויף דעם... אָבער שטאַרבען לוינט זיך אויך ניט... טהו א קוק, וויא שעהן עס איז ארום... זעה, וויא העל דיא זונן לייכט, וויא פרעהלאך דאָס וואסער פליעסט... שטעל זיך פאָר, אז נאָך דיין טויט וועט מען זיך דערוויסען, אז דוא ביזט געשטאָרבען אין אומשטענדען ; הארט עס דיך עפּעס א סך, וואָס לייט וועלען זאָגען נאָך דיין טויט ?... וואָס בעווייזט עס ?... עס בעווייזט, אז דוא שטאַרבסט ניט דערפאַר, ווייל דוא ביזט שוואַנגער, נור דערפאַר, ווייל דוא האָסט

מורא פאַר לייט, האָסט מורא, ווי זאָלען דיר דאָס לעבען ניט פערביטערען...

דו האָסט ניט מורא פאַר יענע מענשען, וואָס קענען דיך ניט, נור פאַר דיא האָסטו מורא, וואָס זיינען דיר נאָהענט, וואָס ליעבען דיך... — אָט דיא מענשען וועלען קוקען אויף דיר וויא אויף אַ „געפאַלענע" נור דערפאַר, ווייל דו ביזט שוואַנגער געוואָרען ניט אויף אַ כשר.ע בעט, נור ערגעץ־וואו אין וואַלד, אויף דיא גרינע גראָז... דערפאַר וועלען זיי דיך פעראַכטען און פערפאָלגען... נו, אויב אזוי לוינט זיך דען צו שטאַרבען פאַר אזוינע נאַרישע, שלעכטע מענשען, זאָג אליין!...

לידא האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבען איהר קאָפּ און אָנגעקוקט איהם מיט גרויסע, פרעגענדע אויגען.

— נו, וואָס זאָל איך טהאָן?... וואָס?... — האָט זיא אויסגערעדט פערצווייפעלט.

— דוא האָסט צוויי אויסוועגען — האָט ער געענטפערט — אָדער בעפרייען זיך פון דעם קינד, וועלכען קיינער דאַרף ניט און וועלכער וועט מיט זיך ברענגען נור צרות און יסורים...

לידא האָט איהם אָנגעקוקט מיט שרעק.

— עס וואָלט געוועזען אַ פערברעכען, ווען מען זאָל טויטען אַ קינד, וואָס פיהלט שוין אין זיך דעם לעבען... אָבער אזוי... האָט סאַנין גערעדט.

און הערענדיג עס, האָט זיך לידא מאָדנע געפיהלט: אזוי ווי מען וואָלט זי אויסגעטהאָן מוטער־נאַקעט און מען וואָלט פרעך מיט גראָבע פינגער זיך אין איהר קערפּער געגראָבען. זיא האָט מורא געהאַט אַ קוק צו טהאָן אויף איהר ברודער, מורא געהאַט, טאָמער וועט ער מיט איהר צוזאַמען שטאַרבען פאַר חרפה און שאַנד. אָבער סאַנינ'ס סאַרע אויגען האָבען געקוקט פעסט און קלאָהר, זיין שטימע האָט ניט געציטערט און איז געוועזען אזוי רוהיג, אַקוראַט וויא ער וואָלט גערעדט דיא איינפאַכסטע ווערטער.

און אונטער דעם איינדרוק פון זיין זיכערער, פעסטער שטימע האָט לידא זיך מעהר ניט געשעהמט און די שאַנד האָט איהר גאַנצע מאַכט איבער איהר פערלאָרען. און מיט שרעק האָט זיא דערפיהלט, לידא, אז אין איהר איז שוין מעהר ניטאָ ניט דאָס געפיהל פון שאַנד און ניט פון מורא און אַ פערצווייפעלטע האָט זיא זיך אָנגעכאַפּט פאַר דיא שלייפען. אַ מאָך געטהאָן מיט די לייבטע ארבעל פון איהר קלייד, וויא אַ צושראָקענער פויגעל מיט זיינע פליגלען, און האָט אויסגעשריען.

—איך קען ניט!... עס קען זיין, או עס איז אזוי... אָבער איך קען ניט!.... גאָט מיינער, עס איז אזוי שרעקליך! אזוי שרעקליך!....

—דו קענסט ניט, נו, וואָס מאַכט עס אויס... — האָט געזאָגט סאַנין און אוועק געשטעלט זיך פאַר איהר אויף דיא קניע האָט ער זיא אָנגענומען פאַר ביידע הענד: — אויב אזוי, וועלען מיר עס האַלטען בסוד... איך וועל מאַכען אזוי. אז זארודין זאָל אוועק פון דאַנען, און דו... דו וועסט חתונה האָבען מיט נאָוויקאָוו'ן און וועסט נאָך זיין גליקליך... איך ווייס דאָך, אז ווען ניט דער שעהנער פאַסקודניאַק, אָט דער אָפיציערעל, וואָלסטו זיך פאַרליעבט אין נאָוויקאָוו'ן...

דערהערט נאָוויקאָוו'ס נאָמען, האָט עטוואָס ליכטיגעס און וואַרימעס, וויא אַ העלער שטראַהל אַ שיין געטהאָן איז לידאַ'ס נשמה. און ווייל זארודין האָט זיא אזוי אונגליקלאַך געמאַכט און ווייל זיא האָט געוואוסט, אז נאָוויקאָוו וואָלט אזאָ זאַך ניט געטהאָן, האָט זיך איהר אויף אַ מאָמענט אויסגעדאַכט, אז דיא גאַנצע געשיכטע איז געוועזען אַן איינפאַכער און נאַרישער טעות, וועלכען מען קען לייכט ווידער גוט מאַכען, אז קיין אונגליק איז דאָ ניט געשעהען און מורא האָבען איז ניטאָ פאַרוואָס: אָט הויבט זיא זיך אויף, געהט אוועק, זאָגט עפּעס

טהוט א שמייכעלאון דאס לעבען עפענט זיך ווידער אויף פאר איהר מיט אללע זיינע העלע און ליכטיגע פארבען, זיא וועט ווידער קענען לעבען, ווידער ליעבען, אבער דיעזעס מאל שוין איינפאכער, שטארקער און ריינער. באלד אבער האט זיא זיך דערמאהנט, אז דאס איז אונמעגליך, אז זיא איז איצט בעשמוצט, צודריקט און ערניעדריגט צוליעב איהר העסליכער און זינלאזער צולאזענקייט.

א גראבער, עקעלדיגער ווארט, וועלכען זיא האט קיינמאהל ניט ארויסגערעדט מיט איהרע ליפען, איז פלוצים דורכגעלאפען אין איהרע געדאנקען. מיט דיעזען ווארט, וויא מיט א שווערען פאטש, האט זיך לידא אין געדאנקען געשטעמפעלט און האט זיך דערשראקען פאר זיך אליין.

—גאט מיינער... ניט שוין זשע בין איך טאקע אין דער אמת'ן אזא?... יע, אזא... אט האסטו דיר!...

—וואס רעדסטו! — האט זיא דאן ארויסגעשעפצעט מיט פערצווייפלונג און זיך פארשעהמט פאר איהר אייגענער שטימע, וואס האט געקלונגען העל און שעהן, ווי אימער.

—וואס מיינסטו? — האט געפרעגט סאנין בעטראכטענדיג איהרע שעהנע צופלאנטערטע האאר אויף'ן ווייסען צארטען האלז. אווו עס האט זיך בעוועגט א גאלדענער שטראהל, וואס האט דורכגעבראכען צווישען דיא בוימער.

און פלוצים איז סאנינ'ן געווארען מורא'דיג, ער האט זיך דערשראקען פאר'ן געדאנק, אז ער וועט ניט קענען איינריידען זי, וועט זיא ניט איבערצייגען, און דיעזע שעהנע, געזונדע, שטארקע פרוי, וואס קען פערשאפען אזוי פיעל גליק פיעל מענשען, וועט פארשווינדען פון דער וועלט, וועט אוועק אין עפעס א ווישטער אונזיניגער פוסטקייט.

לידא האט געשוויגען. זי האט זיך געסטארעט צו דערשטיקען אין זיך דיא האפנונג, וועלכע האט געגען איהר ווילען ארומגעכאפט און בעהערשט איהר גאנצען שוואכען ציטערענדיגען קערפער. איהר האט זיך געדוכט, אז נאך דעם, וואס מיט איהר האט געטראפען, איז א חרפה ניט נור צו לעבען, נור אפילו צו טראכטען וועגען לעבען. אבער איהר מעכטיגער קערפער פון לעבען, האט ווי מיט גיפט פארטריעבען פון זיך דיעזע שוואכע געדאנקען און האט זיך נאך מיט מעהר קראפט געקלאמערט אן דעם לעבען.

—וואס-זשע שווייגסטו? — האט געפרעגט סאנין.

—דאס איז אונמעגליך... דאס וואלט געווען פארברעכעריש, איך...

—לאז צופריעדען די אלע נארישקייטען, איך בעט דיך... האט סאנין אונצופריעדען ערוויעדערט.

לידא האט אויפגעהויבען אויף איהם איהרע שעהנע אויגען, פול מיט טרעהרען און האפנונג.

סאנין האט א ווילע געשוויגען, אויפגעהויבען עפעס א צווייגעלע, עס צוביסען מיט דיא צייהן און אוועקגעווארפען.

—פארברעכעריש, פארברעכעריש..... האט ער ארויסגערעדט — דיך האט שרעקליך צודרומשקעט דאס וואס איך האב דיר געזאגט... און פארוואס? ניט דו און ניט איך קענען אויף דעם געבען א בעשטימטען ענטפער. דו זאגסט פערברעכעריש! וואס איז אזוינס פארברעכען?

ווען א מוטער ליעגט אין קינד-בעט און איז אין געפאהר, דאן איז ניט קיין פארברעכען צושניידען, צודריקען, שטיקער-ווייז צורייסען מיט צוואנגען א פארטיגען, גאנצען, לעבעדיגען קינד. עס איז דאן ניט מעהר, וויא אן אונגליקליכע נאטהוועדיגקייט!... און צושטערען אן אונבעוואוסטען פיזיאלאגישען פראצעס, עטוואס, וואס עקזיסטירט נאך ניט—איז א פארברעכען, א שרעק!...

אפילו דאן, ווען פון דעם הענגט אב דאס לעבען פון דער מוטער און נאך מעהר, וויא דאס לעבען, איהר גאנצער גליק ! .... פארוואס איז עס א פערברע־כען, פאר ווען ? דאס ווייסט קיינער ניט, אבער אלע שרייען : געוואלד ! — האט א לאך געטהאן סאנין — אך, מענ־שען, מענשען... בעשאפען זיך אליין א געשפענסט און ציטערען פאר איהם און ליידען. און זיי שרייען נאך: דער מענש! דער שטארקער, שטאלצער, מעכ־טיגער מענש ! די קרוין פון דער נאטור! דער קעניג פון אלע באשעפעניסען! א שעהנער קעניג, וואס האלט אין איין ליידען און ציטערט אפילו פיר זיין איי־גענעם שאטען !...

סאנין האט א ווילע געשוויגען.

— אבער ניט דאס בין איך אויסען— האט ער ווייטער גערעדט — דו זאגסט פארברעכעריש. איך ווייס ניט... עס קען זיין. אבער אויב מען זאל אויסזאגען נא־וויקאוו'ן, אז דוא ביזט געפאלען, וועט עס פאר איהם זיין א שטארקער קלאפ. ער וועט דאן איבערלעבען א שווערע דראמע און וועט זיך פיעלייכט דערשיסען, אבער ליעבען וועט ער דיך ניט אויפהערען. און שולדיג אין דעם וועט זיין ער אליין, וויל ער וועט ליידען און קעמפפען געגען פאראורטהיילע, אין וועלכע ער האט שוין לאנג אויפגעהערט צו גלויבען. ווען ער וואלט געווען א קלוגער מענש, וואלט ער זיך ניט געקימערט דערפאר, וואס דו ענטשולדיג פאר דעם גראבען אויסדרוק, ביזט מיט וועמען עס איז געשלאפען... ניט דיין קערפער און ניט דיין נשמה זיינען פון דעם ערגער געווארען... מיין גאט, ער וואלט דאך חתונה געהאט מיט אן אלמנה, צום ביישפיעל! וויא דוא זעהסט, איז דיא זאך דא ניט אין דעם פאקט אליין, נור אין דער צומישענעס ביי איהם אין קאפ... און דו ?... שטעל זיך פאר, אז דער מענש וואלט געקענט ליעבען נור איין מאל אין לעבען, דאן, ווען מען וואלט פרובירט ליעבען א צוויי־טען מאל, וואלט גאר ניט ארויסגעקומען. עס וואלט נור וועה געטהאן, וואלט געווען אונבעקוועם און העסליך... אין לעבען איז אבער ניט אזוי, צו ליעבען איז אי־מער אנגענעהם און מאכט גליקליך.. דו וועסט נאך ליעבען נאוויקאוו'ן... אז ניט.. וועלען מיר ביידע אוועקפאהרען, לי־דאטשקא! דאס לעבען איז אזוי שעהן און לעבען קען מען אומעדום!

לידא האט א שווערען זיפץ גע־טאהן.

— און אפשר, אפשר איז עס טאקע אמת, אז אלעס וועט ווידער גוט ווערען. נאוויקאוו... ער איז אזא ליעבער, וואוי־לער און... א שעהנער איז ער אויך...

און וואס וואלט שוין געווען, אז איך וואלט זיך דערטרונקען ? וועמען וואלט דערפון עפעס ארויסקומען ? מיט מאך וואלט פארצויגען געווארען מיין גע־שוואלענער, העסליכער קערפער, דערנאך וואלט פארצויגען געווארען מיין גע־ביין און... פארטיג! — האט לידא גע־טראכט.

און פאר איהרע אויגען האט אויפ־געטויכט דיא מוטנע גרינליכע טיעפ־קייט, און איהר איז פלוצים געווארען מורא'דיג.

— ניין, ניין, קיין מאל ניט... זאל זיין שאנדע, שפאט, נאוויקאוו, אלעס, אלעס, נור ניט דאס! — האט זיא גע־טראכט, איז בלאס געווארען און גענומען ציטערען...

לידא האט א שמייכעל געטהאן דורך טרערען און דיעזער צופעליגער שמיי־כער האט זי דערוואריםט.

—וואס עס זאל דארט ניט זיין, איך וועל לעבען ! —האט זיא ליידענשאפט־ליך א טראכט געטהאן.

און דערזעהען איהר שמייכעל, האט זיך סאנין אויפגעהויבען פון ארט א דערפרעהטער און געזאגט :— אט אזוי, אז דו שמייכעלסט איז גוט ! עס איז נודנע צו דענקען פון'ם טויט... ניט אמת... ? נו, גיעב מיר דיין הענטעלע !

לידא האט איהם אויסגעשטרעקט א האנד און איהם אנגעקוקט מיט קינדער־שער דאנקבארקייט...

—אט אזוי — א!... ביי דיר איז א שעהן הענטעלע!

לידא האט ווידער א שמייכעל גע־מאהן און געשוויגען.

ניט סאניז'ס ווערטער האבען אויף איהר אזוי געווירקט. אין איהר אליין איז דאס לעבען געוועזן שטארק. איהר גאנצע נשמה האט איצט געשריען: לע־בען, לעבען, לעבען... און לידיא האט זיך איצט ווידער געפיהלט פול מיט מוטה פאר דעם לעבען....

פערוואונדערט און בעגייסטערט האט זיא זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו דער מעכטיגער פרייד פון'ם לעבען, וואס האט זיך געטראגען ארום איהר אין דער שיין פון דער זונן, אין די גרי־נע גראז, אין דעם שטראהמענדיגען וואַ־סער, וואס איז פערגאסען געוועזן מיט די שטראהלען פון דער זון, אין דעם שמייכ־לענדיגען און רוהיגען פנים פון איהר ברודער און אין זיך אליין. עס האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז דאס ערשטע מאל זעהט זיא און פיהלט עטוואס אזוינס.

—לעבען! — האט זיא ארוים גע־שעפצעט ליידענשאפטליך.

—נו, אט אזוי איז גוט! — האט סא־נין געזאגט — איך וועל דיר העלפען צו קעמפפען אין א שווערער צייט. דערפאר טהו מיך א קוש, ווארום דו ביזט זעהר שעהן!...

לידא האט שוויגענדיג א שמייכעל געטהאן און דיעזער שמייכעל איז גע־וועזן רעטזעלהאפט, וויא ביי דער פייגעל פון וואלד.

סאנין האט זיא אנגענומען ביים טאליע און, פיהלענדיג וויא עס ציטערט און ציהט זיך איהר בייגיגער, ווארימער קערפער אין זיינע מעכטיגע, מוסקולים־טע הענד, האט ער זיא שטארק און פרעך צוגעדריקט צו זיך.

לידא האט זיך געפיהלט מוראדיג אנגענעהם. ניט אבגעבענדיג זיך קיין רעכנונג, וואס זיא טהוט, האט זי זיך ארומגעכאפט מיטביידע הענד ארום איהר ברודער'ס נאקען און צוגעמאכט האלב די אויגען, האט זי צונויפגעלענט איהרע ליפען צום קושען. און מוראדיג גליקלאך האט זיא זיך געפיהלט, ווען די ברענענדיגע ליפען פון איהר ברודער האבען זי געקושט לאנג, לאנג, ביז וועה־טהאן... אין דיעזער מינוט האט זי זיך ניט געקימערט, ווער עס קושט איהר וויא עס קימערט זיך ניט די בוים, וואס פאר א שטראהלען גוז דער זוהן ווארע־מען זי....

—וואס טהוט זיך עס מיט מיר? — האט זיא געטראכט מיט פרעהליכער פערוואונדערונג: — אה, יע... איך האב זיך געוואלט דערטרינקען... ווי נארישו... צו־וואס?... אה, ווי גוט!... נו, נאך!... נאך!... אט, איך וועל אויך א קוש טהון... אה, ווי גוט... גו־ט־ט!... אלץ איינס ווער.... נור לעבען, לעבען, לע־ב־ע־ן!...

סאנין האט זיא ארויסגעלאזען פון זיינע הענד.

—נו, איצט קום! און דו דארפסט זיך וועגען גאר נישט און קיינעם קי־מערען!

לידא האט לאנגזאם פעררינכט איה־רע האאר און געקוקט אויף איהם מיט א גליקליכען און אונזיניגען שמייכעל.

סאנין האט איהר דערלאנגט דעם רעגענ־שירם און דיא האנדשוה און דאן זיינען זיי אוועק מיט'ן ברעג, זיא האט אויסגעשטעלט איהר הויכע ברוסט גע־גען דער הייסער זון.

## צוואנציגסטער קאפיטעל.

נאוויקאוו האט אליין אויפגעעפענט דיא טיהר פאר סאנין'ן און דערזעהנ־איהם, האט ער זיך אנגעבלאזען. איהם איז שווער געוועזן צו זעהן אלעס, וואס האט איהם דערמאהנט אן לידא'ן.

סאנין האט עס בעמערקט און ער איז אריין צו נאוויקאוו'ן אין צימער מיט

א פריינדליכער מינע און מיט א שמייכעל.

אין צימער איז געווען שמוציג און אנגעווארפען, אזוי וויא א שטורם־ווינד וואלט זיך דא דורכגעטראגען און אויסגעמישט דא אלעס. פאפירען מיט מיסט און מיט אלערליי בראך. אהן שום ארדנונג זיינען אנגעווארפען געווען ביכער, וועש, אינסטרומענטען, טשעמאדאנעס אויף שטוהלען און אויף דער בעט. די שופלאדען פון דער קאמאדע זיינען געווען ארויסגעשלעפט און לעדיג.

— וואוהין פאהרסטו ? — האט סאנין געפרעגט פערוואונדערט.

נאוויקאוו, אויסמיידענדיג צו קוקען אויף איהם, האט שוויגענדיג איבערגעלייגט אויף'ן טיש קלייניגקייטען עפעס.

— איך פאהר — האט נאוויקאוו ארויסגעמורמעלט.

סאנין האט א קוק געטהאן אויף איהם, נאכדעם אויף'ן טשעמאדאן און וויעדער אויף איהם און פלוצים האט ער ברייט א שמייכעל געטהאן. נאוויקאוו האט געשוויעגען און זיך געפאקט. עס איז איהם געווען זעהר שווער אויף'ן הארצען און ער האט זיך געפיהלט מוראדיג עלענד.

— אז דוא וועסט אזוי איינפאקען דיינע זאכען — האט זיך סאנין אבגערופען — וועסטו קומען אהין, וואו דוא פאהרסט, אהן זאכען...

— הא ? — האט נאוויקאוו ארויסגערעדט און א בליק געטאהן אויף סאנין'ן, און זיינע אויגען, פול טרעהרען, האבען גערעדט : — לאז מיך צורוה... די זעהסט דאך, וויא מיר איז שווער !...

סאנין האט פערשטאנען און איז אנשוויגען געווארען.

אין דיא פענסטער האבען זיך שוין אריינגעריסען דיא פערטראכטע שאטענס פון א זומערדיגען פארנאכט און איבער דעם גרינעם סאד האט זיך געלאשען דער קלאהרער, ריינער הימעל, וואס איז פריהער געווען רויט, וויא פייער, פון דער אונטערגעהענדיגער זון.

— און נאך מיין מיינונג — האט סאנין אין א ווייל ארום ווידער זיך אבגערופען — האסטו געדארפט אנשטאדט צו פאהרען דער טייפעל ווייסט וואו... האסטו געדארפט חתונה האבען מיט לידא'ן !

נאוויקאוו האט זיך אונגאטירליך שנעל א קעהר געטאהן צו איהם און זיך גענומען אין גאנצען טרויסלען.

— איך בעט דיך... ווארף אוועק אט דיא נארישע שפאסען ! — האט ער א געשריי געטהאן מיט א הילכינדיגע שטימע.

און זיין קול האט אבגעהילכט אזוי מאדנע אין דעם פערטראכטען, קיהלען סאד און איז פערשטארבען צווישען דיא שטילע ביימער.

— וואס שרייסטו ? — האט סאנין געפרעגט.

— הער אויס... — האט הייזעריג ארויסגערעדט נאוויקאוו און דיא אויגען זיינען ביי איהם געווארען רונדע, בייזע, און דער פנים אויפגערעגט.

— ווילסטו לייקענען, אז דיין חתונה מיט לידא'ן — האט סאנין וויעדער אנגעהויבען און זיינע אויגען האבען געלאכט.

— גענוג ! — האט נאוויקאוו א קוויטש געטהאן און, שאקלענדיג זיך אויף דיא פיס וויא א שיכור האט ער א כאפ געטהאן א שמוציגען שטיוועל, וואס ער האט אנגעגרייט פאר איינפאקען, און זיך א ווארף געטהאן מיט איהם אויף סאנין'ען.

— רוהיג, דו טייפעל ! — האט סאנין געזאגט מיט כעס.

נאוויקאוו האט מיט אן עקל א שליידער געטהאן דעם שטיוויל אן דער ערד, איז געבליעבען שטעהן פאר סאנין'ען און שווער געאטהעמט.

— דוא האסט עס מיך געוואלט

אזוי מכבד זיין מיט אן אלטען שטיוועל — האט סאנין איהם פארגעווארפען.

— דוא ביזט אליין שולדיג — האט נאוויקאוו געענטפערט שוין צומישט.

און באלד טאקי האט ער דערפיהלט א צערטליכקייט און צוטרויען צו סא־נין׳ען. יענער איז געווען אזא שטאר־קער און אזא רוהיגער און נאוויקאוו׳ן האט זיך פערוואלט, אט וויא א קליין קינד, צולאסצען זיך צו איהם, ארויס־ריידען פאר איהם אלעס, אלעס, וואס האט איהם אזוי אויסגעמוטשעט, אויס־געמאטערט. אין דיא אויגען האבען זיך ביי איהם טרעהרען אוועקגעשטעלט.

— ווען דוא וואלסט וויסען, וויא שווער מיר איז — האט ער קוים ארויס־גערעדט, איינהאלטענדיג דיא טרעהרען, וואס האבען איהם שוין אין האלז געד־שטיקט :— ווען דוא וואלסט וויסען...

— יע, יע, איך וויים אלעס — האט סאנין וויך געענטפערט.

— ניין, דוא קענסט עס ניט וויסען — האט נאוויקאוו געזאגט מיט פערטרויען אין שטימע און זיך אוועקגעזעצט נע־בען איהם.

—איך וויים יע, זאג איך דיר — האט סאנין געזאגט — אויב דוא זאגסט מיר צו, אז דוא וועסט זיך ניט ארויפ־ווארפען אויף מיר מיט׳ן שטיוועל, וועל איך דיר זאגען, וואס דו פיהלסט... געהט עס ? וועסט ניט ווארפען מיט׳ן שטי־וועל ?...

—נו, גוט, איך וועל זיך ניט ווארפען מעהר... ענטשולדיג, וואלאדיא — האט נאוויקאוו געשטאמעלט צומישט, אנרו־פענדיג סאנין׳ען ביים ערשטען נאמען, וואס ער פלעגט געוועהנליך קיינמאהל ניט טהאן.

סאנין׳ען איז עס געפעהלען געווען און דערפאר איז דער פערלאנג צו העל־פען און פריינדליך אוועק געלעגט זיין איהם געווארען נאך שטארקער.

—הער אויס, מיין ליעבער, מיר ווע־לען ריידען אפען — האט ער זיך אבגע־

פון איהם און אלעס גוט מאכען אין האנד נאוויקאוו׳ אויפ׳ן קניע : — איי־גענטליך ווילסטו דאך דערפאר אוועק פאהרען פון דאנען, ווייל לידא וויל דיך ניט....

נאוויקאוו האט ארונטערגעלאזען טרויעריג דעם קאפ. ער האט געפיהלט וויא סאנין וואלט איהם אויפגעריסען א פרישע, שרעקליך-צו-וועהטאגטע וואונד.

סאנין האט א קוק געטהאן אויף איהם און א טראכט געטהאן:

—אך, דו גוטמוטהיגע נארישע בהמה !....

—איך וועל דיר ניט גאראנטירען — האט ער ווידער אנגעהויבען — אז לידא האט ניט געהאט קיין נאהענטע פער־העלטנים מיט זארודין׳ען, איך וויים ניט... איך דענק, אז ניט ! — האט ער זיך פערכאפט, דערזעהענדיג דעם לייד־דענדען אויסדרוק אויף נאווייקאווס פנים.

ביי דיעזע ווערטער האט נאוויקאוו א קוק געטהאן אויף איהם מיט האפ־נונג אין דיא אויגען.

—דיא פערהעלטנים צווישען זיי הא־בען זיך אנגעפאנגען גאר ניט לאנג — האט ערקלעהרט סאנין—און אין אזא קורצער צייט האט קיין ערענסטעס צווי־שען זיי ניט געקענט פארקומען... אי־בערהויפט נאך, ווען מען האט אין זינען לידא׳ס כאראקטער... דו קענסט דאך לידא׳ן...

און אונטער דעם איינדרוק פון דיזע ווערטער האט פאר נאוויקאוו׳ן אבגע־לעבט לידא אזא וויא ער האט זיא געקענט און ליעב געהאט : א שלאנקע, א שטאלצע, מיט גרויסע, אמאל צארטע און אמאל שטרענגע און שטאלצע אוי־גען, און נאוויקאוו האט אויך א טראכט געטהאן, אז אזא מיידעל וועט טאקי ניט האבען צו טהאן מיט א זארודין׳ען, און ער האט מסכים געווען מיט סא־נין׳ען . . .

—און אויב עס איז אפילו צווישען

זיי יא געוועזען א געוועהנליכע פריהלינגס שטיפעריי, האט זיך עס איצט, וויא עס שיינט, אויך געענדיגט — האט סאנין גערעדט ווייטער — און אויסער דעם, דארף דיך ניט הארען, וואס א פרייע מיידעל, וועלכע זוכט גליק, האט זיך דארט אויף א ווייליגקע היגגעריסען. מען דארף זיך ניט נארען... דערמאן זיך אקארשט, וויפיעל מאל האסטו אליין זיך היגגעריסען און נאך אויף א פיעל ערגערען אופן?...

נאוויקאוו האט זיך א קינהר געטהאן צו איהם און פון דעם פערטרויען, וואס האט אנגעפיהלט זיין נשמה, זיינען דיא אויגען ביי איהם געווארען העלער, ליכטיגער.

איך קען דיר נור זאגען — האט סאנין איבגעשריען העכער און זיינע אויגען האבען געבלישצעט: — איך קען דיר נור זאגען, אז צווישען לידא'ן און זארודין'ען איז גאר נישט געוועזען און ניט געקענט זיין... דיא פערשטעהסט עס אליין ניט, וואס איינמאל האט לידא אזא לאנגע צייט ניט געוואגט, זיך געקוועגקעלט, — פרעג איך דיך: וואס פאר א ליעבע קען דארט ביי איהר זיין?...

נאוויקאוו האט איהם אנגעכאפט פאר א האנד, געקוקט איהם מיט התפעלות אין מויל אריין און האט זיך שיעור ניט צו־וויינט פאר שמחה.

און פלוצים האט א מורא'דיגער כעס און עקעל גענומען שטיקען סאנין'ען. ער האט עטליכע מינוט געקוקט נאוויקאוו'ן גלייך אין פנים און איז אלץ מעהר און מעהר אויפגעבראכט געווארען, וואס דיעזער מענש איז אזוי גליקליך פון דעם געדאנק, דאס יענע פרוי, מיט וועלכער ער האט געוואלט זיך פעראייניגען געשלעכטליך, האט זיך פריהער ניט פעראייניגט מיט קיין אנדערען... דיא נאקעטע, מהירישע אייפערזוכט, שמוציג און הונגעריג, וויא א שרץ, האט ארויסגעקוקט פון נאוויקאוו'ס בעגייסטערטע אויגען.

— א־א! — האט אויפגעבראכט ארויסגערעדט סאנין, איז אויפגעשטאנען און צוגעלייגט אין א הארטען טאן:

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת: לידא איז ניט נור פערליעבט געוועזען אין זארודין'ען, נור זיא האט אפילו געהאט מיט איהם נאהענטע פערהעלטניס און איז איצט אין אומשטענדען פון איהם...

אין צימער איז געווארען שטיל. נאוויקאוו האט געקוקט אויף סאנין'ען מיט אן אונזיניגען שמייכעל און געריבען זיך דיא הענד. דיא ליפען האבען ביי איהם א ציטער געטהאן און א רחמנות'דיג קוויטש האט זיך ארויסגעריסען פון צווישען זיי און איז באלד פערשטיקט געווארען.

סאנין איז געשטאנען איבער איהם און געקוקט איהם גלייך אין דיא אויגען און אין דיא ווינקלען פון זיינע ליפען האט געציטערט א בייזער קנייטש.

— נו, וואס שווייגסטו? — האט סאנין געפרעגט.

נאוויקאוו האט שנעל אויפגעהויבען אויף איהם זיינע אויגען און אזוי גיך זיי ארונטערגעלאזען. ער האט געשוויגען און געשמייכעלט צומישט.

— לידא האט איבערגעלעבט א שרעקליכע דראמע — האט סאנין ווידער אנגעהייבען מיט א שטיל קול, אזוי וויא ער וואלט גערעדט צו זיך אליין:

— ווען דער צופאל וואלט מיך ניט אונטערגעשיקט, וואלט זיא שוין איצט ניט געוועזען צווישען דיא לעבעדיגע, און זיא, וועלכע איז נאך נעכטען געוועזען אזוי שעהן, אזוי ליעב, וואלט איצט געלעגען אין וואסער ערגעץ א העסליכע, פון ראקעס צופרעסען... דער עיקר איז ניט אין דעם, וואס זיא וואלט געשטארבען... יעדער מענש דארף א מאל שטארבען, נור אין דעם איז דער עיקר, וואס מיט איהר שטארבען וואלט פערלארען געגאנגען א סך פרייד, וואס זיא האט אריינגעטראגען אין דעם לעבען פון איהרע מיטמענשען... לידא... נאטירליך זיא איז ניט דיא איינציגע פרוי... אבער, ווען עס זאל פערלארען געהען דיא פרויען־שעהנקייט, דעמאלט וואלט דאס לעבען אויף דער וועלט געוועזען, וויא אין א פינסטערען קבר... הער מיך אוים, מיר

איז אלץ איינס, צו דו וועסט געהען חתונה האבען מיט לידא'ן, צו דו וועסט געהען צום טייפעל, אבער מיר ווילט זיך דיר זאגען אט וואס : דו ביזט א אידיאט ! . . . יא ! . . . ווען ביי דיר אין מוח וואלט געווען כאטש איין געזונדער, ריינער געדאנק, וואלסטו דען דעמאלט געליטען אזוי דערפאר נור, וואס א פרוי, א פרייע, א געזונדע, א יונגע, האט זיך אויסגעוועהלט א מאן על פי טעות און זיך בעפרייט פון איהם נאכדעם, ווי ער איז געווען מיט איהר און ניט פריהער . . . איך זאג עס דיר . . . אבער דו ביזט ניט דער איינציגער . . . אזעלכע אידיאטען, ווי דו, וואס האבען געמאכט פון'ם לעבען א טורמע אהן זון און אהן פרייד, זיינען דא אין די מיליאנען ! . . . און איבערהויפט וואלט איך וועלען וויסען, מיט וואס פאר א רעכט פארדערט איהר עס פון דער פרוי, ווען דו און איהר אלע, אידיאטען, פאסקודניאקעס, זייט . . . זאג מיר נור : וויפיעל מאל האסטי אליין, דו הייליגע נשמה, פערבראכט מיט א געפאלענער פרוי, א שיכור'טע, א שמוציגער, ווי א חזיר ? ! . . . אין לידא'ס פאלען איז געווען ליידענשאפט, איז געווען פאעזיע, קראפט און מוטה, און אין דיין פאלען, אין אייער אלעמענס פאלען, וואס איז געווען ? וואס פאר א רעכט אלזא האסטו אבצוקעהרען זיך פון איהר, דו, וואס דו האלסט זיך פאר א גאנצען חכם, פאר אן אינטעליגענט ! וואס קימערט דיך איהר פערגאנגענהייט ? איז זיא דען וועניגער שעהן ווי פריהער ? איך וועל דיר ערקלעה־ען, פארוואס דו קעהרסט זיך איצט אפ פון איהר : ווייל אויף זארודין'ס פלאץ האסטו געוואלט זיין ! ווייל דו אליין האסט געוואלט אוועקרייבען פון איהר די אונשולד ! ניט אמת, הא ? . . .

— דו ווייסט אליין, אז עס איז ניט אמת . . . — האט מיט ציטערענדיגע ליפען נאוויקאוו ארויסגערעדט.

— איך ווייס עס ניט ! — האט סאנין א געשריי געטהאן — און ווען אפילו דו האסט עס ניט געוואלט, איז וואס ?

נאוויקאוו האט געשוויגען.

אין זיין נשמה איז געווען לעער און פינסטער, א געפיהל נור פון פערגעבונג און אויפאפפערונג האט דארט פון א ווייטען־ווייטען ווינקעלע א לייכט געטהאן, אזוי ווי א איינציג פייערל אויף ווייטען פינסטערען פעלד.

סאנין האט געקוקט אויף איהם און, דאכט זיך, געלעזען אלעס, וואס ביי איהם טהוט זיך אין הארצען.

— איך זעה — האט ער ווידער אנגעהויבען שטיל, אבער שא"ף : — איך זעה, אז דו טראכסט איצט וועגען אויפאפפערען זיך . . . דו טראכסט : איך וועל זיך ארונטערלאזען צו איהר, איך וועל זיא ראטעווען, פון לייט וועל איך זיא בעשיצען און אזוי ווייטער . . . און דו וואקסט שוין אויס אין דיינע אייגענע אויגען, ווי א ווארים אויף א פאדלע . . . ניין, ברודערקע, דו נארסט זיך אליין אב !

אפילו קיין סימן פון אויפאפפערען זיך איז אין דעם ניטא ! רייד זיך נור ניט איין . . . לידא איז די זעלביגע שעהנהייט, ווי פריהער ; זיא האט דעם אייגענעם ליעבען פנים, די זעלביגע הענד, פיס, די זעלבינע רייכע פארמען, די זעלבע ליידענשאפט און דאס אייגענע לעבען אין זיך, ווי פריהער ! אבער געוויס, צו נעהמען פערגעניגען פון'ם לעבען און מיינען דערביי, אז מען טהוט א הייליגע זאך, אז מען אפפערט זיך מיט דעם אויך, איז אודאי אנגענעהמער . . . און נאך ווי ! . . .

נאוויקאוו האט זיך געפיהלט פון סאנין'ס רייד ווי א צוטראטענער ווארים. דער פריהערדיגער געפיהל ווענען אויפאפפערען זיך האט אבגעטראטען און אנשטאט איהם האט אין זיין נשמה ערוואכט אנאנדער געפיהל, וואס איז געווען פיעל איינפאכער און נאטירליכער.

—דו דענקסט פון מיר ערגער, ווי איך בין — האט ער זיך אבגערופען מיט

א טרויעריגען פארוואורף אין קול: — איך בין גאר ניט אזוי דום, וויא דוא מיינסט... גאנץ מעגליך — איך וועל עס ניט אבלייקענען — אז אין מיר זייגען נאך שטארק איינגעווארצעלט דיא פאראורטהיילע, אבער לידא'ן האב איך ליעב... און ווען איך וואלט געוואוסט, אז זיא ליעבט מיך אויך, וואלט איך דען עפעס לאנג געטראכט פון דעם...

די לעצטע ווערטער האט ער ארויסגערעדט מיט מיה און דיעזער פאקט אליין, אז ער האט עס ניט געקענט ארויסריידען פריי, מיט א לייכטען הארצען, האט איהם פערשאפט פיעל ליידען.

סאנין איז פלוצים אבגעקיהלט געווארען. ער האט זיך פערטראכט, איז זיך דורכגעגאנגען איבער'ן ציממער הין און צוריק, האט זיך אבגעשטעלט ביים פענסטער, וואס האט ארויסגעקוקט צום דונקעלען סאד, און דאן האט ער געזאגט לאנגזאם און ציהענדיג דיא ווערטער:

— זיא איז איצט אונגליקליך... עס ליעגט איהר ניט אין קאפ קיין ליעבע... אויב זיא ליעבט דיך צו ניט, ווער ווייסט זיא... איך רעכנע נור, ווען דוא וועסט אריבערגעהען צו איהר און וועסט איהר ווייזען, אז דוא ביזט ניט פון דיא, וואס זיינען בערייט זיא צו בעשטראפען פאר א מינוט צופעליגען גליק, קען זיין... ווער קען זיא וויסען!...

נאוויקאוו האט פערטראכט געקוקט פאר זיך. אין זיין נשמה האבען זיך געמישט אי טרויער, אי פרייד: אי פרעהליכע טרויער, אי טרויעריגע פרייד האבען ארויסגערופען אין זיין נשמה א ליבטיגען, צארטען גליק, וואס האט דערמאנט אן דעם אבשטארבענדען זוממערדיגען פארנאכט...

— קום צו איהר — האט סאנין איהם גערופען — וויא דארט זאל ניט זיין, עס וועט אבער איהר לייכטער ווערען, ווען זי וועט דערזעהען א מענשישען פנים צווישען אזוי פיעל פערמאסקירטע חיות... דוא מיין פריינד, ביזט אפילו דום גענוג, אבער אין דיין דומהייט אליין איז דא עפעס אזוינס, וואס עס איז ניטא ביי אנדערע... מילא, אויף דעם דומהייט האט דיא וועלט לאנגע-לאנגע יאהרען געבויט איהר גליק און איהרע האפנונגען... קום!...

נאוויקאוו האט פערשעמט א שמייכעל געטהאן.

— איך וועל געהן... איך האב אבער מורא, אז דאס וועט איהר זיין אונאנגענעהם — האט ער געזאגט.

— קום, קום, טראכט ניט! — האט סאנין געענטפערט.

נאוויקאוו האט גענומען זיין הוט.

— דוא ווייסט — האט ער דאן געזאגט — ווען מיר וועט זיין מעגליך, וועל איך זיא גליקליך מאכען... דאס קלינגט אביסעל באנאל, אבער איך קען אנדערש ניט אויסדריקען, וואס איך פיהל...

זיי זיינען אוועק צו לידא'ן.

## 21טער קאפיטעל.

דער זוממער איז געווען א הייסער. אין דיא אבענדען איז די לבנה א רונדע, א ליכטיגע, געשוואומען איבער'ן הימעל און פערגאסען אלעם ארום זיך מיט א פארכישוף'טען שיין...

ביי טאג האבען דיא מענשען געארבייט, האבען זיך פערנומען מיט פאליטיק, מיט קונסט, מיט אידעען און אידעאלען, האבען געגעסען, געטרונקען, זיך געבאדען און גערעדט גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. אבער וויא נור דיא היץ איז אראב און אויף'ן דונקעלען האריזאנט, פון הינטער א געדיכטען וועלדעל אדער נאהענטען דאך, האט זיך בעוויזען דער ערשטער שטראהל פון רער רוהיגער קאלטער לבנה, דאן האט זיך אלעס אבגעשטעלט, דיא מענשען האבען געווארפען אלע זייערע בעשעפטיגונגען עפעס אזוי וויא זיי וואלטען אראבגעווארפען פון זיך אונבעקוועמע, שרייענ-

דינגע בגדים, און בעפרייטע און ערלייכ־טערטע, האבען זיי גענומען לעבען מיט'ן אן אמת'ן ניט־געקינצעלטען לעבען. און וואס איינגער דיא מענשען, אלץ פרייער, אלץ גליקליכער איז זייער לעבען גע־ווען... דיא סעדער זיינען אנגעפילט געווארען מיט דיא טרעלען פון נאכטי־גאלען, וועלכע האבען געוועקט אין דיא יונגע הערצער געפיהלען פון ליעבע, פון בענקעניש, פון פערלאנגען... פנים'ער זיינען פאר רויטיגט געווארען, שטימען האבען געקלונגען הייזעריג און אויגען האבען געברענט, צו זיך געצויגען און זיך פארשעהמט אראבגעלאזען.

און נייע דורות זיינען בעשאפען גע־ווארען אונטער דער קאלטער שיין פון דער גלייכגילטיגער לבנה, אין דעם שא־טען פון שוויינגענדיגע, געדיכטע בוימער..

יוריע מיט שאפראוו'ן האבען זיך אויך פארנומען מיט פאליטיק, האבען געבילדעט פארבילדונגס - פעראיינען, האבען געלעזען ביכער, זשורנאלען און יוריע האט געדענקט, אז אין דעם בע־שטעהט דאס ריכטיגע לעבען. אבער ווי־פיעל ער האט ניט געלעזען און וויפיעל ער האט ניט געטהאן אין דער בעוועגונג, האט עס איהם פאר־ניט בעפרידיגט; איהם איז אלץ געווען אומעדיג, שווער, און אין זיין גאנצען לעבען האט גע־פעהלט פייער. געברענט האט ער נור דאן, ווען ער האט זיך געפיהלט גע־זונד, שטארק און איז געווען פאר־ליעבט.

פריהער האבען אלע פרויען, ווען זיי זיינען נור געווען יונג און שעהן, אינטערעסירט יוריע'ן און געוועקט אין איהם אונבעוואוסטע פערלאנגען. נור אט איז צווישען זיי ארויסגעטראטען איינע, ביסלעכווייז האט זיא צוגענו־מען אלעס שעהנעס, אלע רייצען פון דיא אנדערע און איז געבליעבען שטע־הען פאר איהם גאנץ בעזונדער, א שעהנע, א ליעבע, א רייצענדע, וויא א יונגע ביימעלע ביים ברעג וואלד אין פריהלינג.

איהר אנוועזענהייט האט יוריע'ן געררייצט און נערוועז געמאכט. איז זיא געווען נעבען איהם, האט ער שעהנער געררעדט, בעסער געדענקט, און שטאר־קער און ברייטער איז זיין הארץ גע־ווארען. א גאנצען טאג האט ער נור וועגען איהר געטראכט און אין אבענד איז ער איהר זוכען געגאנגען, הגם ער האט מורא געהאט זיך עס אליין מודה צו זיין.

אבער אין זיין נשמה איז געווען עפעס אזוינס, וואס האט זיך געשטעלט אנטקעגען יענער ליעבע, וועלכע האט זיך מיט אזא קראפט געריסען אין דער פרייהייט. יעדעס געפיהל, וואס האט אין איהם ערוואכט, האט ער גלייך אבגעשטעלט און גענומען אנאליזירען, און דאס געפיהל איז בלאס און שוואך געווארען און איז אבגעשטארבען נאך איידער עס האט צייט געהאט זיך צו ענטוויקלען. ווען ער האט זיך יעצט געפרעגט, וואס אייגענטליך ציהט איהם אזוי צו קארסאווינא'ן, האט ער זיך אליין געענטפערט: איהר שעהנער קערפער... און הגם ער אליין האט ניט געוואוסט פארוואס, האט דאך דיעזער ענטפער ארויסגערופען ביי איהם א געפיהל פון פעראכטונג און עקעל...

און דערווייל איז צווישען זיי ביי־דע געשאפען געווארען. עפעס א מין געהיימע פערבינדונג, וויא אין א שפיעגעל האט זיך זיין יעדע בעוועגונג אבגעשפיעגעלט אין איהר און איהרע אין איהם.

קארסאווינא האט זיך ניט געגרי־בעלט אין זיך. איהר נייער געפיהל האט זיא אבער געפרעהט און זיא איז געווען גליקליך. איהר האט ניר וועד געטהאן, יואס ניט אלעס, וואס געהט פאר אין דער נשמה און אין קערפער פון איהר געליעבטען, איז איהר פאר־שטענדליך. מאנכעס מאל האט זיך איהר געדאכט, אז ער ליעבט זיא ניט, דאן האט זיא געליטען, האט געוויינט, און האט זיך געפלאגט, וויא זי וואלט פארלארען עפעס אן אוצר. אין דער־זעלבער צייט איז איהר אנגענעהם גע־

ווען דיא איינפמערקזאמקייט פון אנדערע מענער און זייערע בליקען, הייסע, אונפערשטענדליכע, האבען איהר אי געפרעהט, אי גערייצט. און בעזאנדערס דאן, ווען זיא איז געווען איבערציינגט אין יוריע׳ס ליעבע און האט געשיינט אין געלויכטען פון גליק, האט קארסאווינא גערייצט, אנגעצונדען דאס בלוט פון אנדערע און זיך אליין געמאטערט מיט געהיימע פערלאנגען....

אין אבענד פון יענעם טאג, ווען לידא האט איבערגעלעבט איהר שווערע דראמע, האבען זיך יוריע און קארסאווינא געטראפען אין ביבליאטעק. זיי האבען פריינדליך געגריסט איינער דעם אנדערען און האבען זיך פארנומען, יעדער מיט זיין זאך. קארסאווינא האט אויסגעקליעבען ביכער און יוריע האט איבערגעקוקט דיא פעטערבורגער צייטונגען. עס איז אבער אויסגעקומען אזוי, אז ארויס פון ביבליאטעק זיינען זיי צוזאמען און זיינען ביידע אוועק איבער דיא פוסטע, פון דער העלער לבנה בעלויכטענע גאסען.

אין לופטען איז געווען אונגעוואוינליך שטיל. עס האט זיך נור פון ערגעץ ווייט, ווייט געהערט דיא קאלעקאטקע פון א נאכט־וועכטער און דער בילען פון א קליין הינטעל ערגעץ הינטער פערמאכטע טויערען. אויף׳ן בולוואר האבען זיי זיך אנגעשטויסען אויף עפעס א קאמפאניע, וואס איז געזעסען אין שאטען פון דיא בוימער. פון דארט האבען זיך געהערט פרעהליכע שטימען און עס האבען אויפגעפלאקערט און זיך געלאשען קליינינקע פייערלאך פון פאפיראסען, אזוי וויא פייער־פליגעלאך. און ווען יוריע מיט קארסאווינע׳ן זיינען שוין געווען פארבייגעגאנגען, האט א ריינע פרעהליכע מענער־שטימע גענומען זינגען.

„דאס הארץ פון דער שעהנהייט
איז ווי דער ווינטעלע פון פעלדער!..“

ניט ווייט פון קארסאווינאס וואוינונג, האבען זיי זיך געזעצט אויף א ביינקעל פון א פרעמד הויז. וואס איז געשטאנען אין שאטען. פון ווייטענס האט זיך געזעהן א ברייטע גאס, בעלויכטען פון דער לבנה. פון צווישען דיא בוימער אויף׳ן ברעג גאס האט זיך ארויסגעזעהן דער טהורעם פון א קירכע.

— זעהט וויא שעהן עס איז אלעס ארום! — האט ארויסגערעדט קארסאווינא.

יוריע האט פון דער זייט א קוק געטהאן אויף איהרע ווייסע פולע פלייצעס. וואס האבען געבליסטשעט פון אונטער איהר ברייטען קליין־רוסישען קאסטיום און האט דערפיהלט א שטארקען פערלאנג ארײנצוכאפען זיא אין זיינע ארעמס דריקען פעסט, פעסט צו זיך און קושען אין דיא ווייכע רויטע ליפען, וועלכע זיינען געווען אזוי נאהנט נעבען איהם. און פלוצים האט ער דערפיהלט, אז דאס קען מען, דאס דארף מען טהאן, אז זיא אליין ערווארטעט עס, האט מורא און פערלאנגט עס דאך...

יוריע האט אבער קיין קראפט ניט געהאט עס צו טהאן, האט דורכגעלאזען דעם ריכטיגען מאמענט און אנשטאט דעם האט ער גאריש א שמייכעל געטהאן.

— וואס לאכט איהר? — האט געפרעגט קארסאווינא.

— אט, גלאט אזוי... האט געענטפערט יוריע, בעהערשענדיג דאס ליידענשאפטליכע ציטערען פון זיין גאנצען קערפער: — היינט איז עפעס שוין צו שעהן.

א ווײלע האבען זיי ביידע געשוויעגען, זיינען געזעסען און זיך צוגעהערט צו דיא פערשיעדענע קלאנגען און טענער, וואס האבען זיך געטראגען אין לופטען.

— זייט איהר ווען עס איז געווען פערליעבט? — האט פלוצים געפרעגט קארסאווינא.

— געווען... האט לאנגזאם ארויסגערעדט יוריע און מיט ביינקעניש, האט ער א טראכט געטהאן: וואס וואלט זיין,

ווען איך נעהם און זאג איהר, וואס איך פיהל צו איהר ? — און ער האט געזאגט — איך בין איצט אויך פערליעבט.

— אין ווענען ? — האט מיט א ציטערענדיג קול געפרעגט קארסאווינא, פול מיט האפנונג און מורא.

— אין אייך ! — האט יוריע געוואלט זאגען, ווי אויף שפאס, איז אבער אראפ פון טאן און זיך צובויגענדיג צו איהר, האט ער איהר אריינגעקוקט אין די אויגען, וואס האבען אזוי מאדנע געבליסטשעט אין שאטען.

זיא האט שנעל און צושראקען א קוק געטהאן אויף איהם, און איהר דערשראקענער אבער גליקליכער פנים איז געווען פול מיט ערווארטונג.

יוריע האט זי געוואלט ארומנעהמען. ער האט שוין געפיהלט אין זיינע הענד איהר ווייכע, צארטע, ווארימע קערפער, איהר הויכע, יוגענדליכען בוזעם, האט זיך אבער ווידער דערשראקען און ווידער איינגעלאזען דעם מאמענט. שוואך און מאכטלאז, ניט טראכטענדיג, וואס ער טהוט, האט ער כלומר'שט א נענע געטהאן און איז נאך מעהר צערמישט געווארען.

— ער לאכט פון מיר ! — האט מיט וועהטאג א טראכט געטהאן קארסאווינא און פלוצים איז אלעס אין איהר פארקיהלט געווארען פון וועהטאג און בעליידיגונג. זיא האט דערפיהלט, אז אט־אט צוואויינט זיא זיך און האט פארשטעמט מיט די ציינער, בכדי איינצוהאלטען די טרעהרען.

— נארישקייטען ! — האט זיא ארויסגערעדט מיט אן אנדער קול און האט זיך שנעל אויפגעהויבען.

— איך מיין ערנסט ! — האט יוריע שוין געגען זיין אייגענעם ווילען געזאגט — איך ליעב אייך, און, גלויבט מיר איך ליעב אייך שטארק !...

קארסאווינא האט ניט געענטפערט און האט שטיל צוזאמענגעקליעבען איהרע ביכער.

— פארוואס האט ער מיך אזוי בעהאנדעלט... פארוואס ? — האט זיא מיט וועהטאג און טיעפער בענקשאפט געטראכט — און פלוצים איז איהר איינגעפאלען, אז זיא האט איהם ארויסגעוויזען איהרע געפיהלען און ער פעראכטעט זיא יעצט.

— ס'איז צייט אהיים צו געהן... — האט זיא שטיל געזאגט.

יוריען האט שטארק פארדראסען, וואס זיא געהט אוועק, אין דערזועלבער צייט אבער האט זיך איהם געדאכט, אז אזוי איז בעסער, שעהנער, ארגינעלער.

און ער האט רעטזועלהאפט געענטפערט :

— צום ווידערזעהן !

נור ווען קארסאווינא האט איהם דערלאנגט דיא האנד, האט זיך יוריע געגען זיין אייגענעם ווילען איינגעבויגען און א קוש געטהאן איהר אין ווייכען ווארימען לאדאן, פון וואנען עס האט איהם א שטראם געטהאן מיט אן אנגענעהמען, צארטען גערוך. קארסאווינא האט לייכט א געשריי געטהאן און ארויס געריסען דיא האנד.

— וואס טהוט איהר — האט זיא אויפגערעגט געפרעגט און, ניט ווארטענדיג אויף אן ענטפער, איז זיא מיט שנעלע טריט אוועק צו איהר הויז.

יוריע איז נאך א ווייל געשטאנען און איהר נאכגעקוקט. דאס, וואס ער האט אויף איין מאמענט געפיהלט איהר קערפער, האט אויף איהם געווירקט אזוי שטארק, אז עס האט זיך איהם פארדרעהט דער קאפ. ער איז געווען צעמישט און האט נאריש געשמייכעלט.

באלד האט זיך דערהערט דאס סקריפען פון א גארטען־טיהרעל, און יוריע, נאך אימער מיט דעם נארישען שמייכעל אויף די ליפען, איז אוועק אהיים, אטהמענדיג מיט א פולער ברוסט די פרישע לופט... ער האט זיך געפיהלט שטארק און גליקליך...

## 22סטער קאפיטעל.

געקומען צוריק אין זיין קליין, ענג צימערל, איז יוריען אומעדיג געווארען אויף'ן הארצען און ער האט ווידער גע־נומען טראכטען, אז דאס לעבען איז לאנגווייליג און אלעס ארום איז קליינליך און נארריש.

—וואס האט מיך פריהער אזוי גליקלאך געמאכט? האט ער זיך געגנ־מען גריבלען אין זיך—איך האב גע־כאפט א קוש! ס'ארא גליק עם האט מיך געטראפען!... א קלייניגקייט, א קוש! פוי, טייפעל! אין דיזען פאר־שאלטענעם, קליינעם שטעדטעל ווערט מען אליין אויך קליינליך!

און אזוי־ווי, ווען יוריע האט גע־וואוינט אין פעטערסבורג, האט ער גע־מיינט, אז עס איז גענוג נור צו קומען אין דארף, אויף דעם שוים פון דער נא־טור, מיט איהרע ברייטע פעלדער און גערדיכטע וועלדער, מיט דיא עהרליכע פויערים און דארט געפינען דעם ריכטי־גען זינן פון לעבען, אזוי האט ער אויך איצט וואהנענדיג אין א קליין פערוואר־פען ווינקעל, געטראכט, אז ווען ער וואלט איצט געווען אין פעטערסבורג, וואלט זיין לעבען אוועק אויף דעם ריכ־טיגען, אויף'ן אמת'ן וועג.

—וואס אייגענטליך טהוט זיך יעצט אין פעטערסבורג? — האט ער וויי־טער געטראכט — דארט איז פאליטיק.... וויסענשאפט... דער קאמפף... דאס אלעס איז שעהן נור אלס אידעאל פון דער ווייטענס. אבער אין דעם לעבען פון דעם איינצעלנעם מענשען ווערט עס אן אר־בייט, א פראפעסיאן אזוי וויא אלע אנ־דערע פראפעסיאנען!... אט איך, צום ביישפיעל, איך לייד, איך קעמפף און באקעמפף... אבער וואס קומט דערפון ארוים? דער אויסגאנג פון קאמפף ליגט ניט אין מיינע הענד... פראמעטעי האט געוואלט געבען די מענשען פייער, האט ער געגעבען... אט דאס הייסט א נצחון! אבער מיר? מיר קענען נור צו־ווארפען שפענדלאך אין פייער, וועלכען ניט מיר האבען אנגעצונדען און ניט מיר וועלען פארלעשען....

—ווי קום איך זיך גלייכען צו פרא־מעטעי! — האט ער מיט וועהטאג וויי־טער געטראכט—איך בין פונקט אזוי שוואך און קליינליך, ווי די מענשען ארום מיר, וועלכע איך פעראכט אזוי טיעף...

דיזער געדאנק האט איהם שטארק געפלאגט און ער האט גענומען זוכען עפעס א פארענטפערונג.

—ניין, איך בין ניט אזוי, ווי דיא אנדערע—האט ער מיט ערלייכטערונג געטראכט——שוין דערפאר, בין איך ניט, ווי זיי, ווייל איך טראכט... די ראַ־זאַנצאָוס, די נאַוויקאָווס און סאַנינס, זיי טראכטען אפילו ניט... זיי זיינען ווייט פון דעם אייביגען אנאליזירען זיך אליין און זיינען צופריעדען, ווי די זאַטע חזרים... ביי זיי בעשטעהט דאס גאנצע לעבען אין זייער קלייניגקען „איך", און מיך אליין אפילו שטעקען זיי אויך אן מיט זייער קליינליכקייט... אז מען לעבט מיט וועלף, הויבט מען אויך אן צו וואָ־יען, וויא א וואָלף! דאס איז גאנץ נאַ־טירליך!...

יוריע איז אויפגעשטאנען און האט גענומען האסטיג געהן הין און צוריק איי־בערן צימער, ער האט זיך דערמאהנט אויף קארסאַווינאַ'ן און גענומען וועגען אַהר טראכטען.

—וואס אייגענטליך פיהל איך צו איהר? ליעב איך זי צו ניט? און וואס קען איבערהויפט דערפון ארויסקומען? אויב איך זאל מיט איהר חתונה האבען, אדער זיך מיט איהר צוזאמענקומען אזוי.. אהן חתונה... וואלט איך דען דאן געווען גליקליך?... אפנארען זי, ווייל איך ניט, דאס וואלט געווען א פערברעכען... נו, און חתונה האבען... האבען קינדערלאך.. דאס וועט מיך גלייך צובינדען און מיין פערזענליכע פרייהייט איז דאן אויף איי־ביג פארלארען!.. ע—עה, דאס פאמיליען

גליק מיט פאמיליען־פרייהדען, ניין, דאס איז ניט פאר מיר!...

איינס, צוויי, דריי... האט געטראכט יוריע און זיך בעמיהט צו טרעטען אזוי אז ער זאל מיט יעדען טריט אריבער שפרייזען איבער דריי ברעטלאך פון פאל — ווען מען זאל וויסען אויף געווים, אז עס וועלען ניט זיין קיין קינדער..... אדער: איך זאל מיינע קינדער אזוי ליעב האבען, אז איך זאל בערייט זיין זיי אוועק צו געבען מיין גאנץ לעבען... ניין, דאס איז אויך קליינליך... ראזאנצעוו אפילו, וועט אויך ליעב האבען זיינע קינדער, טא מיט וואס־זשע וועלען מיר זיך אונטערשיידען איינער פון אנדערען? — דאס אמת'ע לעבען בעשטעהט אין מקריב זיין זיך... נור דער איז גרויס, ווער עס קען זיין לעבען מקריב זיין פאר אנדערע!... יע!... אבער פאר וועמען?... וויא אזוי?... פאר וואס?... וואו איז דער ריינער, בעשטימטער און זיכערער אידעאל, פאר וועלכען עס זאל ווערטה זיין צו מקריב זיין מיט דאס גרעסטע, וואס א מענש פערמאגט, מיט זיין לעבען?... ניין, ניט איך בין שוואך, נור דאס לעבען איז ניט ווערטה קיין קרבנות... און אויב אזוי איז אין גאנצען ניט ווערטה צו לעבען אויף דער וועלט!..

נאך קיינמאל איז דיזער אויכפיהר, דיזער שלום יוריע'ן פארגעקומען אזוי איינפאך, אזוי פערשטענדליך, וויא איצט...

אויפ'ן טיש איז ביי איהם שטענדיג געלעגען א רעוואלווער און בלישצענדיג מיט זיינע פאלירטע טהיילען, האט ער זיך שטענדיג געווארפען יוריע'ן אין דיא אויגען, ווען יענער איז צוגעקומען צום טיש און זיך אומגעקעהרט צוריק.

יוריע האט גענומען דעם רעוואלווער און האט איהם אויפמערקזאם בעטראכט. ער איז געווען אנגעצויגען. ער האט א ציה געטהאן דעם דריקער און צוגעשטעלט דעם רעוואלווער צום שלייף.

— אט אזוי—א... — האט ער געטראכט — איין דריק, און אלעס איז געענדיגט... איז עס קלוג אדער נאריש זיך צו שיסען? זעלבסטמארד איז — פייגהייט... נו, מילא, בין איך, הייסט עס א פייגלינג!...

דאס פארזיכטיגע בעריהרונג פון קאלטען אייזען צום הייסען שלייף איז געווען אי אנגענעהם, אי מורא'דיג.

— און קארסאווינא? — איז וויא א בליץ דורכגעפלויגען א געדאנק אין יוריע'ס קאפ: — וועל איך טאקע קיין מאל ניט געניסען פון גליק און וועל דאס איבערלאזען פאר אן אנדערען?...

און ביי דעם געדאנק וועגען קארסאווינא'ן, האט דאס לעבען אין יוריען ווידער ערוואכט, און א פערלאנג צו לעבען און צו ליעבען האט אבגעלעבט אין יוריע'ס נשמה. ער האט אבער מיט געוואלט פערטריבען פון זיך דיא געדאנקען פון לעבען, האט זיך געזוכט איינצורעדען, אז דאס אלעס זיינען נארישקייטען און צוליעב זיי איז ניט ווערטה צו לעבען.

און הגם יוריע האט ביי זיך אין הארצען נ ט געגלויבט, אז ער איז פעהיג זיך צו שיסען און האט פון זיך אליין אבגעלאכט, האט ער דאך, ווידער א מאל צוגעטראגען דעם רעוואלווער צום שלייף, און ניט אבגעבענדיג זיך קיין רעכענונג, וואס ער טהוט, האט ער א ציה געטהאן פאר'ן דריקער.

מיט א ווילדען שרעק, האט עטוואס קאלטעס און שארפעס, זיך א רים געטהאן אין איהם. אין דיא אויערען האט גענומען קלינגען און דאס גאנצע צימער איז עפעס אזוי, וויא פארשוואונדען געווארען. אבער קיין שאס איז ניט געווען, און דערהערט האט זיך נור א שוואכער, מעטאלענער קלאפ.

יוריע, א שלאפער, א ציטערענדיגער, האט אראבגעלאזען דיא האנד מיט'ן רעוואלווער. אלעס אין איהם האט זיך געטרייסעלט. אין מויל איז איהם גע

ווען פארטריקענט און ער איז קוים גע־שטאנען אויף די פיס.

— א שענער העלד בין איך — האט ער א טראכט געטהאן, האט זיך באהערשט, איז צוגעגאנגען צום שפיע־געל און האט אריינגעקוקט אין זיין דונ־קעלען, קאלטען גלאז.

— הייסט עס, אז איך בין א טרוס, א פייגלינג ?

ניין, — האט ער מיט שטאלץ גע־טראכט : — קיין טרוס בין איך ניט ! עס איז ניט מיין שולד, וואס דער רע־וואלווער האט ניט אויסגעשאסען ! איך האב אבגעדריקט !

— עס איז הפנים ניט באשערט !

— האט ער ארויסגערעדט אין דער הויך און האט זיך א ביסעל בערוהיגט.

— טאמער האט מיך אימיצער גע־זעהען ? — האט ער א טראכט געטהאן, איז צומישט געווארען און זיך גענומען ארום קוקען.

אבער אלעס ארום איז געווען שטיל. הינטער די פערמאכטע טהירען האט מען גארניט געהערט. עס האט זיך אויסגעדאכט, אז אויסער דעם צימער איז קיינער און קיין זאך ניטא און יוריש אליין נור לעבט און ליידעט אין דער גרויסער, ברייטער, אהן אן ענד וועלט.

ער האט פערלאשען דעם לאמפ און זיך פארוואונדערט, וואס דורך די לע־כער פון די לאדענס האט אין צימער אריינגעקוקט די בלאסע שיין פון פריה־מארגען.

ער האט זיך געווארפען אויף זיין בעטעל און איז איינגעשלאפען מיט א שווערען, שווערען שלאף.

## 23טער קאפיטעל.

עס איז געווען א שטילער, רוהיגער, ווארימער פארנאכט.

סאנין איז געזעסען ביים טיש און ביי דער לעצטער שיין פון דעם פארגע־הענדען טאג, האט ער געלעזען א בוך, וועלכען ער האט שוין פריהער פיעל מאל געלעזען. דאס איז געווען אן ער־צעהלונג וועגען אן אלטען ארבירעי, וועל־מענס טראגעדיע איז בעשטאנען אין דעם, וואס ער איז איינזאם און עלענד געשטארבען צווישען מענשען, וועלכע האָ־בען איהם געליבט און געאכטעט, אבער האבען איהם קיין מאל ניט פארשטאנען. אויסגעפוצט אין זיין גאלדענער ריזע, מיט בריליאנטענע צלמים אויף דער ברוסט און ארומגערינגעלט פון גלויביגע מענשען און היילינגע ווייהרויך, איז ער אויסגעגאנגען איינזאם און עלענד, אזוי וויא ער האט געלעבט.

אין צימער איז געווען לופטיג און ריין. א לייכטער ווינטעלע האט זיך פון פענסטער געטראגען איבער'ן צימער, האט אנגעפילט די ברוסט און לייכט באוועגט סאנין'ס ווייכע, שעהנע האר.

ער איז געזעסען איינגעבויגען איי־בער'ן בוך און האט אויפמערקזאם און ערנסט געלעזען. און וואס מעהר ער האט געלעזען, אלץ מעהר שרעק און עלענד האט ער אין מענשליכען לעבען געזעהען. און די מענשען האבען איהם אויסגעוויזען אזוי נאריש, אזוי טעמפּ און גראב, ער אליין אבער איז ווייט, ווייט פון זיי. און איהם האט זיך אויס־געדאכט, אז ווען ער וואלט געקענט יע־נעם ארבירעי, וואלט עס זעהר גוט גע־ווען. ווארום דעמאלט וואלט יענעם'ס לעבען ניט געווען מעהר איינזאם און עלענד.

די טהיר פון צימער האט זיך גע־עפענט, און עמיצער איז אריין. סאנין האט זיך ארומגעקוקט.

— א, דוא ! . . . — האט ער גע־זאגט, אפרוקענדיג דאס בוך — וואס וועסטו עפעס זאגען נייעס ?

נאוויקאוו האט איהם שוואך א דריק געטהאן די האנד און האט אר־מעטיג א שמייכעל געטהאן.

— אט, גארניט. ס'איז פריהער גע־ווען ניט גוט און ס'איז איצט אויך ניט בעסער ! . . . — האט ער געענט־

ערט און, א מאך געטהאן מיט א אנד, איז ער צוגעגאנגען צום פענס־ער.

פון דארט, וואו סאנין איז געזע־ען, האט זיך גוט געזעהען נאוויקאוו'ס שעהנע, שטארקע פיגור, פארגאסען מיט יא לעצטע שטראהלען פון דער פארגע־ענדער זונן. סאנין האט איהם לאנג און אויפמערקזאם בעטראכט.

ווען ער האט צום ערשטען מאל גע־ראכט דעם צומישטען און ליידענדען אוויקאוו צו דער פערלארענער און אונ־ליקליכער לידא'ן, וועלכע איז אזוי ניט זהנליך געווען צו יענער שעהנער, שטאל־יער און מוטהיגער מיידעל פון פריהער. אבען זיי ביידע קיין ווארט ניט געזאגט ון דעם, וואס האט אויף שטיקער צו־יסען זייערע נשמות . . . און סאנין אט פערשטאנען, אז זיי וועלען זיין ונגליקליך, ווען זיי וועלען דערפון ריי־ען, און נאך אונגליקליכער, ווען זיי ועלען שווייגען. ער האט פארשטאנען, ז דאס, וואס איז אזוי איינפאך און ראסט פאר איהם, איז אונפארשטענד־יך פאר זיי. אז, זיי וועלען מוזען פריהער דורכמאכען א סך ליידען און ירות, ביז זיי וועלען פערשטעהען איי־ער דעם אנדערען. און ער האט זיי ניט עשטערט.

— זאלען זיי ליידען . . . — האט אנין געטראכט — דערפון וועלען זיי וייבער און ריינער ווערען . . . זאלען יי זיך אויסלויטערען . . .

איצט אבער האט ער דערפיהלט, אז ם איז גענוג און מוז זיי קומען צו ילף.

נאוויקאוו איז געשטאנען ביים ענסטער און האט פערטראכט געקוקט, ויא עס לעשט זיך דער הימעל. מאדנע עפיהלען האבען געפלאגט זיין צו־וועה־אגטע נשמה, א טיעפע בענקעניש. אך דעם אויף תמיד פארלארענעם, ריי־עם גליק האט זיך צונויפגעגאסען מיט צימערענדיגע האפנונג אויף נייע פריידען . . . ער האט זיך יעצט פאר־געשטעלט לידא'ן אן אומגליקליכע, א בעליידיגטע און איהם האט זיך געדאכט, אז ווען ער זאל איצט האבען גענוג מוטה, וואלט ער זיך געשטעלט פאר איהר אויף דיא קניע, וואלט דערווארעמט איהרע קאלטע פינגער מיט זיינע הייסע קושען און וואלט זיא ערוועקט צו א נייע לעבען מיט זיין גרויסער, ערהאבענער, אלעס פארגעבענדער ליעבע . . . אלעס איז איהם האט זיך געריסען, האט גע־ברענט פאר רחמנות צו איהר און פאר בעוואונדערונג צו זיך אליין . . . ער האט אבער קיין קראפט ניט געהאט, צו געהען צו איהר . . .

סאנין האט אלעס פערשטאנען. ער האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען, האט א טרייסעל געטהון מיט'ן קאפ און גע־זאגט:

—לידא איז אין גארטען... קום.

נאוויקאוו'ן האט א קלאפ געטהאן אין הארצען. א לייכטער קראמפף איז אריבער זיין פנים. ס'איז קענטיג געווען, וויא דיא פינגער, מיט וועלכע ער האט געדרעהט זיינע וואנצעס, האבען זיך געטרייסעלט.

—נו, וואס?... געהען מיר צו איהר?

—האט ווידער געזאגט סאנין, און זיין שטימע איז געווען רוהיג און ערענסט, וויא ער וואלט זיך געקליעבען צו טהאן עפעס א וויכטיגע ארבייט.

און פון דיזען טאן האט נאוויקאוו פערשטאנען, אז סאנין זעהט אלעס, וואס געהט אין איהם פאר, און איהם איז גלייך לייכטער געווארען אויפ'ן הארצען.

—— קום קום...— האט סאנין פארטגע־זעצט ווייך און, אנגענומען נאוויקאוו'ן פאר דיא פלייצעס, האט ער איהם ארויס געשטופט פון צימער.

—איך... איך געה... האט געשטאמעלט נאוויקאוו און פלוצים האט ער דער־פיהלט אזא ווארימע, אזא צארטע ליע־בע צו סאנין, אז עס האט זיך איהם

געוואלט פאלען אויף'ן האלז און קושען. ער האט עס אבער ניט געוואגט צו טה'ן און האט נור א קוק געטהאן איהם אין פנים מיט טיפע, פייכטע אויגען.

אין גארטען איז געווען פינסטער און עס האט געשמעקט מיט פרישען טהוי. ביים ברעג טייך איז געווען ליכטיגער. די לעצטע שטראהלען האבען זיך אב-געשפיגעלט אין טייך, וועלכע האט זיך, ווי א ליכטיגער שלאנג געדרעהט איבער די פעלדער. לידא איז דא געזעסען ביים סאמע וואסער און מיט איהר דינער איינגעבויגענער פיגור האט זיא דערמאהנט אן עפעס א געהיימניס־פאלען גייסט, וואס טרויערט איבער'ן וואסער.

יענע פרעהליכע און מוטהיגע שטימונג, וואס האט זיא בעהערשט אונטער דעם איינפלוס פון איהר ברודער, איז פערשוואונדען אזוי שנעל, ווי זיא איז געקומען. דיא שאנדע און די מורא, האבען אין איהר ווידער ערוואכט און צוזאמען מיט זיי דער געדאנק, אז זי האט ניט קיין רעכט ניט אויף א נייעם גליק און ניט אויפ'ן לעבען.

גאנצע טעג איז זי אבגעזעסען אין גארטען מיט א בוך אין האנד, ווייל זיא האט ניט געקענט קוקען דער מוטער גלייך אין די אויגען. טויזענד מאל איז זי געווארען אויפגעבראכט געגען זיך אליין; טויזענד מאל האט זיא זיך געזאגט, אז דיא מוטער האט ניט קיין רעכט אויף איהר פערזענליכען לעבען, אבער יעדעס מאל, ווען דיא מוטער פלעגט צו איהר צוגעהען, פלעגט זיך לידא'ס שטימע איבעררייסען און איהרע אויגען האבען געקוקט פארשעהמט און שולדיג... איהר אפטער רויט ווערען, דיא ניט פעסטע שטימע און איבערהויפט די שולדיגע אויגען, האבען די מוטער אונרוהיג געמאכט, און זיא האט איהר גענומען מאטערען מיט פראגען, מיט בליקען און מיט אויביגען שפיאנעווען...... דאס האט לידא'ן גאר פארמוטשעט און זיא האט זיך גענומען בעהאלטען.

אזוי איז לידא געזעסען אויף יענעם אבענד. פערטראכט און פול בענקעניש האט זי נאכגעקוקט, וויא עס לעשען זיך אויס דיא לעצטע שטראהלען פון דער זונן, און האט געטראכט איהרע שווערע טרויעריגע געדאנקען.

זיא האט געטראכט וועגען דעם, אז זיא פערשטעהט ניט דעם לעבען. זיא האט זיך דערמאהנט אן א גאנצע מאסע ביכער, וואס זי האט געלעזען און א סך פרייע אידעען, וואס זיא האט פון זיי ארויסגעלייענט, און, לויט דיא דאזיגע אלע ביכער און אידעען, איז פאר איהר קלאהר געווען, אז זי האט ריכטיג, זאגאר גוט געהאנדעלט, וואס זיא איז זיך צוזאמענגעקומען מיט זארודין'ען. מיט דעם האט זיא קיינעם קיין שלעכטעס ניט געטהאן און אין דער אייגענער צייט האט זיא און נאך א מענש פון דעם פערגנוגען געהאט.... דאס, וואס זי האט געלעבט מיט איהם אהן חופה און קדושין, האט ביי איהר אויך, זיכער, ניט געשפיעלט קיין שום ראלע... דער גלויבען אין חופה און קדושין איז שוין לאנג אויסגעריסען געווארען מיט'ן ווארצעל דורך דעם פרייען מענשליכען געדאנק... האט זי דאך, אויב אזוי, זיך געדארפט פרעהען מיט איהר פרייער האנדלונג, און דאך... האט זי געליטען און געפיהלט זיך ניעדריגער פון ניעדריג....

און ווי זי האט ניט גערופען צו הילף די אלע הויכע אידעען און דיא אלע גרויסע, אונבעשטרייטבארע ווארהייטען, פאר דער שיין אבער פון דער מארגענדיגער שאנד, וואס האט זיא ערווארטעט, זיינען זיי צוגאנגען, וויא עס צוגעהט וואקס פאר פייער... און אנשטאט דעם, וואס זיא זאל א שפיי טהון אויף דיא מענשען, וועלכע זיא האט אזוי פעראכטעט פאר זייער דומהייט און פאראורטהיילע האט זיא גאר געטראכט, וויא נארט מען זיי אב און וויא ראטעוועט מען זיך פון זייער פעראכטונג...

און ווען זי האט פערבעהאלטענערהייט געוויינט, און ווען זיא האט אבגענארט די מענשען מיט איהר געמאכטער פרעהליכקייט, און ווען דיא פערצווייפלונג האט זיא געמוטשעט, — אימער און אלע מאל האט לידא זיך איצט געצויגען צו נאוויקאוו'ן, וויא עס ציהט זיך א בלימעלע צו דעם ווארימען שטראהל פון דער זון.... דער געדאנק, אז ער וועט זיא ראטעווען, איז איהר אפילו אויסגעקומען העסליך און פערברעכעריש, צווייטענווייז האט זיא זאגאר געפיהלט זיך אויפגעבראכט געגען זיך אליין, פון דעם געדאנק, וואס זיא קען גאר טראכטען, זיא זאל אבהענגיג זיין פון דעם, וואס נאוויקאוו וועט איהר פערגעבען — אבער דיא הילפלאזיגקייט און די לוכט צום לעבען זיינען אין איהר שטארקער געווען וויא אלע אנדערע געדאנקען און געפיהלען . . . און זיא האט שוין מעהר ניט געקוקט אויף נאוויקאוו'ן שטאלץ און פריי, נור אונטערשלאסען, מיט מורא האט זיא אויף איהם געקוקט, וויא א שקלאפין . . .

און אין יענע מינוטען, ווען דיא לידען האבען זיא רוהען ניט געלאזט, פלעגט לידא זיך תמיד דערמאהנען אן איהר ברודער און זיא פלעגט איהם אן בעוואונדערן: עס איז פאר איהר קלאהר געווען אז פאר איהר ברודער עקזיסטירט גאר ניט קיין היילויטס, אז אפילו אויף איהר, אויף זיין אייגענע שוועסטער, קוקט ער אויך מיט דיא אויגען פון א מאנסביל... אז ער איז אן עגאאיסט, אהן א פונק פון מאראלישען געפיהל, אבער אין דערזעלבער צייט איז ער דער איינציגער מענש, מיט וועמען זיא פיהלט זיך לייכט און פריי רעדען אפען, ניט שעהמענדיג זיך, וועגען דיא פערבארגענסטע סודות אין איהר לעבען.

אין זיין אנוועזענהייט האט זיך אלעס איהר אויסגעוויעזען אזוי איינפאך און אזוי ניט וויכטיג: נו, יא, זיא איז שוואנגער! איז וואס איז געמאכט זיך פאר א גוואלד? זיא האט געהאט צוטהאן מיט זארודין'ען . . . נו, איז וואס? אזוי האט זיך איהר געגלוכט! . . . מען וועט זיא פעראכטען, פערפאלגען . . . ני, איז וואס? וועט זיא פערלאזען אט דיא מענשען. לעבען, זון, און פרייער פלאץ זיינען אומעדום דא און מענשען אויך... דיא מאמע וועט לידען . . . נו, ווער הייסט איהר!

אין דער זעלבער צייט אבער, בעת זיא האט אזוי געטראכט, האט לידא געפיהלט, אז זיא וועט קיין מאל ניט האבען דיא קרעפטען צו זיין אזוי פריי, וויא זיא שטעלט זיך איצט פאר, בעת איהר שטארקער ברודער זיצט מיט איהר . . . אז דיעזע אלע פרייע געדאנקען זיינען אין איהר ארויסגערופען דורך דעם איינפלוס פון איהר ברודער און וויא נור ער וועט זיא איבערלאזען אליין, אזוי גלייך וועט זיא ווידער דערפיהלען איהר מאכטלאזיגקייט און וועט ווידער טראכטען פון נאוויקאוו'ן, וויא וועגען איהר איינציגען רעטער . . .

אזוי האט זיך לידא געמוטשעט און איהר יונגע נשמה האט דערביי פערלארען טראפען נאך טראפען איהרע לעצטע כוחות און איהרע לעצטע פארבען . . .

זיא האט דערהערט טריט און זיך אומגעקוקט.

נאוויקאוו און סאנין זיינען שווייגענדיג צו איהר צוגעגאנגען, טרעטענדיג אין דיא טיעפע גראז. זייערע געזיכטער האט זיא דייטליך ניט געקענט זעהען אין דעם פארנאכטיגען ליכט, זיא האט אבער עפעס געפיהלט, אז עס קומט אן פאר איהר א שרעקליכע מינוט, און זיא איז געווארען בלייך, וויא דער טויט . . .

— איך האב דיר געבראכט נאוויקאוו'ן — האט סאנין געזאגט — און וואס ער דארף, וועט ער דיר שוין אליין זאגען. פערברענגט דא א ווייליע אהן מיר, און איך וועל דערווייל געהען טרינקען טהעע.

און געזאגט עס, איז סאנין

אוועקגעגאנגען צוריק, שמײלענדיג בריטע טריט איבער דיא ווייכע גראָז.

עטליכע מינוט נאָך האָט זיין ווייס העמד, צונויפגיעסענדיג זיך מיט דער דונקעלהייט, געשוועבט פון ווייטען, נאָכדעם איז עס פערשוואונדען הינטער דיא בוימער און עס איז געוואָרען זעהר שטיל.

נאוויקאוו און לידא האָבען איהם בעגלייט מיט דיא אויגען און זייער ביידענס שווייגען האָט גענוג דייטליך גערעדט צו זיי, גערעדט דייטליך וועגען אלעס . . . מען האָט עס נור געדארפט איבער׳חזר׳ן אויפ׳ן קול

— לידא פעטראוונא — האָט שטיל ארויסגערעדט נאוויקאוו, און אין זיין קול האָט געקלונגען אזא אָפּען־הערציגקייט און טרויער, אז לידא׳ן האָט דאָס הארץ פערקוועטשט.

— אויף איהם איז אויך א ביטערער צער . . . ער איז אזא גוטער — האָט זיא א טראכט געטהאָן.

— לידא פעטראוונא — האָט נאוויקאוו דערוויילע גערעדט — איך ווייס אלעס . .

און דערביי האָט נאוויקאוו געפיהלט, וויא דיא התפעלות מיט זיך אליין פאר זיין עדעלען שריט איז דאָס רחמנות צו איהר וואקסט אין איהם און וואקסט . . .

— לידא פעטראוונא — דאָט ער גערעדט ווייטער — איך ליעב אייך נאָך וויא פריהער . . . אפשר וועט איהר אויך מיך א מאָל ליעב בעקומען . . . זאָגט, איהר . . . איהר . . . איהר ווילט זיין מיין פרוי? . . .

— צופיעל ריידען וועגען דעם — האָט ער געטראכט — דארף מען ניט... זאָל זיא אפילו ניט וויסען, וואָס פאר אן אָפּפער איך ברענג פאר איהר . . .

לידא האָט געשוויגען. ארום איז געווען אזוי שטיל, אז מען האָט געקענט הערען פון׳ם טייך דעם געלויפיגען פאטשען פון דיא שטראָמען אָן דיא קוסטעס ביים ברעג.

— מיר ביידע זיינען אונגליקליך — האָט זיך פלוצים ביי נאוויקאוו׳ן ארויסגעריסען — אפשר, אז מיר וועלען זיין בײנאנד וועט אונז גרינגער זיין צו לעבען!

ביי לידא׳ן זיינען דיא אויגען פערלאָפען מיט טרעהרען פאר דאנקבארקייט און ווארימע געפיהלען צו נאוויקאוו׳ן. זיא האָט א קעהר געטהאָן צו איהם דעם קאָפּ און געזאָגט:

— יאָ . . . עס קען זיין!

— גאָט איז מיין עדות, אז איך וויעל זיין א גוט ווייב און וועל דיך ליעבען און זשאלעווען — האָבען איהרע אויגען גערעדט.

נאוויקאוו האָט געפיהלט דיא שטומע שפראך פון איהרע אויגען, האָט זיך מיט אן אימפעט א וואָרף געטהאָן פאר איהר אויף דיא קניע און גענומען קושען איהר ציטערענדע האנד. אין דער זעלביגער צייט האָט ער זיך אליין אויך געטרייסעלט פון בעגייסטערונג און פון אויפגעכאפּטער פרעהליכער ליידענשאפט. אין דיעזע ליידענשאפט האָט זיך איבערגעגעבען לידא׳ן מיט אזא קראפט, אז איהר פריהערדיגע מורא פאר נאוויקאוו׳ן און איהר שעהמען זיך, איז פלוצים פערשוואונדען.

— נו, איצט איז אן ענדע . . איך וועל ווידער זיין גליקליך . . . מיין ליעבער, מיין טהייערער! — האָט זיא געטראכט, וויינענדיג מיט גליקליכע טרעהרען, האָט ניט אוועקגענומען פון איהם איהרע הענד און געקושט נאוויקאס׳ס ווייכע האָר, וואָס זיינען איהר תמיד געפעהלען געווען. דיא ערינערונג וועגען זארודין׳ען האָט העל א בלאסק געטהאָן אין איהר מוח, האָט זיך אָבער גלייך אויסגעלאָשען . . .

ווען סאנין האָט זיך שפּעטער צוריקגעקעהרט צו זיי, האָט ער זיי געטראָפען, וויא זיי האָבען זיך געהאלטען איינער דעם אנדערען פאר דיא הענד און האָבען זיך געסוד׳עט. נאוויקאוו האָט איהר פערזיכערט, אז קיין מאָל האָט ער זיא ניט אויפגעהערט צו ליעבען און לידא האָט איהם געזאָגט, אז איצט ליעבט זיא איהם אויך. און דאָס איז געווען אמת, ווארום לידא,

זוכענדיג אליין ליעבע און גליק, האט געהאפט, אז זיא וועט עס ביי איהם געפינען.

זיי האט זיך אויסגעדראכט, אז זיי זיינען נאך קיין מאל ניט געווען אזוי גליקליך, וויא היינט. דערזעהענדיג כאנין'ען, זיינען זיי ביידע אנשוויגען געווארען און האבען איהם אנגעקוקט מיט צומישטע אבער גליקליכע אויגען.

— איך פארשטעה — האט סאנין ארויסגערעדט מיט אן ערענסטען קול, קוקענדיג אויף זייערע אויפגערעגטע פנים'ער — זייט איהר נור גליקליך, ווייטער וועט שוין אלעס גוט זיין.

ער האט געוואלט נאך עפעס זאגען, האט אבער א שטארקען נאָס געטהאן.

— דאָ איז פייכט . . . כאפט אקארשט ניט קיין קאטער! — האט ער צוגעזעצט.

לידא דאט זיך הויך אויפ'ן קול פונאנדערגעלאכט און איהר פרעהליכער געלעכטער האט אבגעקלונגען אויפ'ן אנדערען זייט טייך.

— איך געה אוועק! — האט ערקלעהרט כאנין נאך א קליין שטילשווייגען.

— וואוהין? — האט געפרעגט נאוויקאוו.

— עס זיינען געקומען נאך מיר סווארָאזשיץ און דער אָפיצער . . . צָט דער לאנגער . . . טאָלסטאָי'ס אנהענגער . . . וויא רופט מען איהם דארט?

— פאָן דעייץ! — האט אונטערגעכאפט לידא מיט א געלעכטער.

— יע, יע, פאָן דעייץ. זיי זיינען געקומען אונז אלע רופען אויף א פערזאמלונג. נור איך האב זיי געזאגט, אז איהר זייט אין דער היים ניטא.

— פאר וואָס? — האט לידא נאך אלץ לאכענדיג געפרעגט: — מאָמער וואָלטען מיר טאקע אלע צוזאמען געגאנגען?

— זיץ דאָ, — האט ערווידערט כאנין — איך אליין וואָלט איך דאָ געזעסען, ווען איך וואָלט נור געהאט מיט וועמען! . . .

און ער איז ווידער אוועק.

עס איז געוואָרען נאכט. אין דעם טונקעלען, פליסענדען טייכעל האָבען זיך גענומען שפיגלען בליטשטשענדע שטערען . . .

## 24טער קאפיטעל.

דער אבענד איז געווען א שטילער און א פינסטערער. איבער דיא שפיצען פון דיא הויכע, שטומע ביימער האבען זיך געטראָגען גרויסע, גרויע וואָלקענס און האבען אלע ווייל צוגעדעקט און באלד ווידער צוריק אָבגעדעקט דיא פינקעלענדע שטערען.

אין דער ארומיגער, ביינאכטיגער שטילקייט, האָבען דיא שטימען פון מענשען געקלונגען הארט און צורייצט.

— וויא עס זאָל ניט זיין — האָט אויסגעשריען פאָן דעייץ — דער קריסטענטהום האָט געגעבען דעם מענשען דיא בעסטע, שעהנסטע און ערהאבענסטע לעהרע!

— וואָס רעדט איהר זיך איין?

— האָט געענטפערט יוריע, געהענדיג הינטער איהם און קוקענדיג אויף איהם מיט בייזע בליקען — אין קאמפף מיט דיא ווילדע טהירישע אינסטינקטען, האָט זיך דער קריסטענטהום ארויסגעוויזען פונקט אזוי שוואך, וויא אלע אנדערע לעהרען און דערצו איז דער קריסטענטהום יעצט איבערהויפט שוין ארונטער פון דער סצענע.

— וויא? דער קריסטענטהום שפיעלט שוין מעהר קיין ראָלע ניט?

— האָט אויסגעשריען פאָן דעייץ און אין זיין שטימע האָט געקלונגען איבערטריעבענע פערוואונדערונג און ענטריסטונג.

— געוויס, אזוי איז מיין מיינונג . . . — האָט יוריע געענטפערט מיט אן איינגעשפארטען טאָן — איהר וואונדערט זיך אזוי מיט דעם, אקוראט, וויא דעם געדאנק וועגען דעם וואָלט מען ניט געקענט צולאזען . . . יא, דאָס קריסטענטהום איז אראָב פון סצענע, אזוי וויא דאָס יודענטהום . .

אזוי וויא עס איז געשטארבען בודדא און דיא גריכישע געטער, אזוי איז אויך געשטארבען קריסטוס . . . דאס געזעץ פון עוואלוציאן . . . וואס שרעקט אייך אין דעם ? איהר גלויבט דאך ניט אין דיא געטליכקייט פון קריסטוסעס לעהרע ? . . .

— געוויס ניט ! — האט זיך פאן דערייז בעליידיגט ניט אזוי פון יוריע'ס פראגע, וויא פון זיין טאן.

אויב קיין געטליכע לעהרע איז דאס קריסטענטהום ניט, נור א מענשליכע, קענט איהר דאך ניט ערווארטען, אז א מענשליכע לעהרע זאל לעבען אייביג.

— נו, צוגעבענדיג, אז דאס איז אפילו אזוי — האט זיך געקאכט דער לאנגער פאן דערייז : — אבער דאס קריסטענטהום האט געשאפען דעם באָדען פון דער צוקונפט.

— איך רייד ניט פון דעם — האט זיך יוריע צוטומעלט — איך לייקען ניט אב דיא געוואלדיג גרויסע ראלע פון קריסטענטהום.

— דאן ווידערשפרעכט איהר זיך אליין ! — האט מיט נצחון אויסגעשריען פאן דערייז.

— אייך דאכט זיך עס, אז איך ווידערשפרעך זיך . . . אין דער אמת'ן אבער, פארקעהרט, איך בין ניט שולדיג, וואס איהר פארשטעהט מיך ניט...

— איך זאג און האב געזאגט, אז דאס קריסטענטהום איז אן איבערגעקייטער מאטעריאל פון וועלכען מען קען שוין קיין גוטס ניט ערווארטען . . .

— נו, יא ! — האט איהם אונטערבראכען פאן דערייז — לייקענט איהר אבער אפ דעם גוטען איינפלוס פון דעם קריסטענטהום . . . דאס הייסט, אז דאס קריסטענטהום האט געשאפען דעם פונדאמענט . . .

— איך לייקען ניט — האט יוריע געזאגט.

— און איך לייקען יא ! — האט זיך פלוצים אבגעריסען סאנין, וועלכער איז געגאנגען הינטער זיי, און דיא גאנצע צייט געשוויגען. זיין שטימע איז געווען פרעהליך און רוהיג.

— איהר לייקענט עס יא ? אויף וועלכען גרונד ? וואס פאר א בעווייזע האט איהר ? — האט געפרעגט פאן דערייז.

— וואס טויגען מיר דיא בעווייזע ? אזוי איז מיין איבערצייגונג ! — האט סאנין געזאגט. אין א וויילע ארום אבער האט ער יא גענומען געבען זיינע בעווייזע, מאהלענדיג פיר זיי אין א בלוטיגען בילד דיא טרויעריגע ראלע, וואס דאס קריסטענטהום האט געשפיעלט אין לעבען. דיא טייכען בלוט, וואס עס זיינען פארגאסען געווארען אין זיין נאמען. דאס קריסטענטהום האט פארשקלאפט דעם מענשען — האט ער ווייטער געזאגט — האט דערשטיקט זיין ווילען, זיין שטרעבונג צום לעבען . . . האט יענע מעכטיגע מענשען, וואס האבען געקענט נעהמען דאס גליק יעצט, אבגענארט מיט א צוקונפט, מיט א יענער וועלט . . . און אזוי איז דיא גאנצע שעהנהייט פון לעבען פארלארען . . דער מוטה, דיא פרייע ליידענשאפט און דיא שעהנהייט, עס האט זיך נאר אבגעשטעלט דיא פליכט און דער אונזיניגער חלום וועגען א גאלדענעם לעבען אין דער צוקונפט ! יא, דאס קריסטענטהום האט געשפיעלט זעהר א מיאוסע ראלע און דער נאמען פון קריסטוס וועט נאך לאנג זיין א קללה פאר דער מענשהייט . . .

## 25טער קאפיטעל.

זיי זיינען שוין לאנג אריבער דעם טראטואר און זיינען צוגעקומען צו א קליינער, זייטיגער געבעל.

— אט דא ! — האט געזאגט פאן דערייז און האט געעפענט א קליין טירעל פון א הויף.

באלד האט זיך פון יענער זייט דערהערט דאס בילען פון א הונד און אימעצער האט פון בריקעל א געשריי געטהאן :

— סולטאן, טיבא !

עס האט זיך דערזעהען א גרויסער, פוסטער הויף, ארום און ארום זיינען

געווען פינסטערע שפייכלערס, שטאהלען און גאר צום סוף איז געשטאנען א גרויסע מיהל מיט א דינעם שוארצען קוימען, וואס האט זיך געצויגען צו די וואלקענס.

— אן אונמוטהיגער פלאץ! — האט געזאגט סאנין.

— און דער מיהל שטעהט שוין לאנג? — האט געפרעגט יוריע.

— אה, יא . . . שוין לאנג — האט געענטפערט פאן דעייץ און פערבייגעהענדיג דאס בעלויכטענע פענסטער, האט ער ארייגעקוקט און צוגעלייגט: — אהא, א היבשע פערזאמלונג! . . .

יוריע און סאנין האבען אויף אריבערגעקוקט איבער׳ן גערטעל אין פענסטער אריין. אין א ליכטיגען, פרעהליכען פיער־עקיגען חדר האבען זיך דארט בעוועגט דונקעלע קעפ און א בלויער רויך פון טאבאק האט זיך דארט געצויגען און געדרעהט . . . עמיצער האט זיך ארויסגערוקט פון פענסטער אין דער פינסטערניש אריין און האט מיט זיינע ברייטע פלייצעס און געקרויזטען קאפ פארשטעלט אלעס הינטער איהם.

— ווער איז דארט? — האט ער געפרעגט.

— אייגענע מענשען — האט געענטפערט יוריע.

זיי זיינען ארויף אויבען אין פליגעל און האבען זיך דארט אנגעשטויסען אויף א מאן, וועלכער, גלייך וויא ער האט זיי דערזעהען, האט גענומען דריקען זיי דיא הענד פריינדליך און מיט אן אימפעט.

— איך האב שוין געמיינט, אז איהר וועט נים קומען! — האט יענער ארויסגערעדט פרעהלאך און מיט א שטארקען אידישען אקצענט.

— סאלאווייטשיק, סאנין — האט פאן דעייץ זיי פארגעשטעלט, דריקענדיג פריינדליך דיא קאלטע, נערוועזע האנד פון סאלאווייטשיק׳ן, וועלכער איז געשטאנען אין שאטען.

סאלאווייטשיק האט צומישט און פערשעהמט א לאך געטהאן.

— עס פרייהט מיך . . . איך האב אזוי פיעל געהערט וועגען אייך און, ווייסט איהר, דאס איז זעהר . . . זעהר . . . — האט סאלאווייטשיק זיך געפלאנטערט אין זיינע רייד און, טרעמענדיג הינטערוויילעכץ, האט ער נים אויפגעהערט צו דריקען סאנין׳ס האנד.

ער האט זיך אנגעשמויכען מיט׳ן רוקען אן יוריע׳ן און ארויפגעטראטען פאן דעייץ׳ן אויף׳ן פוס.

— ענטשולדיגט — האט ער זיך דאן א כאפ געטהאן צו פאן דעייץ׳ן און איינגעלאזען סאנין׳ס האנד: — ענטשולדיגט, יאקאב אדאלפאוויטש!

און ער האט זיך אנגעטשעפעט אן פאן דייץ׳ן

און דורך דעם האבען זיי זיך אזוי פערפלאנטערט אין דעם פינסטערען פיהר־הויז, אז זיי האבען א לאנגע צייט נים געקענט געפינען נים דיא מיהר און נים איינער דעם אנדערען.

אין קארידאר זיינען געהאנגען אויף טשוועקעס, וואס דער פינקטליכער סאלאווייטשיק האט עקסטרא אנגעשלאגען פאר דעם אבענד, קאפאטעשען און היטלען, און דיא גאנצע פענסטער איז פארשטעלט געווען מיט פלעשער ביער. פון צימער האט זיך דא געטראגען א רויך פון טאבאק.

פאר דער שיין פון׳ם ליכט האט מען געקענט זעהען, וויא סאלאווייטשיק זעהט אויס. ער איז געווען נאך א גאנץ יונגער איד, מיט שווארצע אויגען, א געקרויזטען קאפ, מיט א שעהן מאגער פנים און צובייטע ציינדלאך, וועלכע ער פלעגט יעדע מינוט אויסשצירען, שמייכלענדיג מיט א קאווירענדען און ניט־דהייסטען שמייכעל.

סאנין׳ען און יוריע׳ן האט מען אויפגענומען מיט ליארם און געפילדער.

וויא נור יוריע איז אריינגעקומען אינוועניג, האט ער באלד דערזעהען קארסאווינע׳ן, וועלכע איז דארט גע־

וועסען ביים פענסטער, און גלייך האט די פערזאמלונג געקראגען איין זייער אייגען גאר אנאנדער אויסזעהען, ניט ווי א פערזאמלונג אין א פערשטיקטען פון רויך צימער, נור ווי א פרעהליכער פריהלינגס־מאהלצייט ערגעץ אויף פרייען פעלד.

קארסאווינע האט געשמייכעלט צו איהם פרעהליך און צימישט.

— נו, מיינע הערען... איצט זיינען שוין דאכט זיך, דא אלע פערזאמעלט? — האט סאלאווייטשיק זיך געסטארעט צו ריידען הויך און פרעהליך. זיין קול אבער האט געקלונגען פאלש, קרענקליך, אומנאטירליך אנגעשטרענגט. און ער האט מאדנע דערביי געמאכט מיט ביידע הענד: — ענטשולדיג, יוריע ניקאלאיעוויטש, איך ראלט אייך, דאכט זיך, אין איין שטויסען... — האט ער זיך אליין אונטערבראכען און אייסביינענדיג זיך, האט ער אויסגעשצירעט זיינע צייהן.

— עס מאכט נישט! — האט יוריע זיך גוטמוטהיג אבגערופען און איהם אבגעהאלטען ביי א האנד.

— עס פעהלען נאך אייניגע, אבער דער טייפעל מעג זיי נעהמען! — האט זיך אבגערופען א דיקער, שעהנער סטודענט און אין זיין שטארקען קאמפאנישען קול האט זיך געפיהלט א פעסטקייט און א זיכערקייט.

סאלאווייטשיק איז ארויפגעשפרונגען אויף'ן טיש און האט פלוצים גענומען קלינגען מיט א קליין גלעקעלע, דערביי האט ער כיטרע אין פרעהליך געשמייכעלט פון זיין איינפאל, צו וועלכען ער האט זיך נאך געגרייט פון אייןדער־פריה אן.

— גענוג אייך! — האט זיך אויף איהם גענומען בייזערען דער דיקער סטודענט. — שטענדיג קומט איהר ארויס מיט אייערע דומהייטען! וואס מאכט איהר אזא פאראד?

— איך מיין נאר יישט... איך... גלאט אזוי... — האט סאלאווייטשיק זיך פערשעהמט צו־לאכט און בעהאלטען דאס גלעקעלע אין קעשענע.

— איך דענק, אז דעם טיש האט מען געדארפט אוועקשטעלען אין מיטען — האט געזאגט דער דיקער סטודענט.

— אט איך טהו עס... גלייך!

— האט זיך סאלאווייטשיק א כאפ געטהאן צום טיש.

— די לאמפ... די לאמפ וועט איהר איבערקעהרען! — האט א געשריי געטהאן דובאווא.

— אך, קריכט־זשע ניט, וואו מען בעט אייך ניט! — האט דער דיקער סטודענט ווידער גענומען שרייען אויף סאלאווייטשיק'ן און האט פון כעס זיך א קלאפ געטהאן איבער די קניע.

— לאזט מיר, איך וועל אייך העלפען — האט זיך סאנין געווענדעט צו סאלאווייטשיק'ן.

— ביטע! — האט זיך א כאפ געטהאן סאלאווייטשיק מיט אן אימפעט.

סאנין האט ארויסגערוקט דעם טיש אין מיטען צימער און, וועהרענד ער האט עס געטהאן, האבען זיך אלע עפעס פערקוקט אויף זיין רוקען אין פלייצעס, וואס האבען זיך לייכט בעוועגט אונטער דעם דינעם העמד.

— נו, גאזשיענקא — האט זיך דאן געווענדעט צום דיקען סטודענט דובאווא: — אידר, אלס אויספיהרער פון דער זאך, דארפט איצט ערקלעהרען דער פערזאמלונג...

און פון איהרע קלוגע אויגען האט מען ניט געקענט גרייפען, צי זיא מיינט עס ערנסט, אדער זיא לאכט פון דעם דיקען סטודענט.

— מיינע הערען — האט אנגעהויבען גאישיענקא מיט א הויכען, אנגענעהמען באריטאן: — איהר ווייסט שוין, וואהרשיינליך, דעם צוועק פון דער היינטיגער פערזאמלונג, און דערפאר, דענק איך, קענען מיר אויסקומען אהן א לאנגער הקדמה...

— איך ווייס ניט גענוי דעם

זוועק פון דער פערזאמלונג — האט זיך כאנין אבגערופען מיט א שמייכעל: — מען האט געזאגט, אז מיר וועלען דא ב ער טרינקען . . .

גאזשיענקא האט א קוק געטהאן אויף איהם פון אויבען אראב און גערעדט ווייטער:

— דער צוועק פון אונזער פעראיין איז דורך געגענזייטיגען לעזען, דורך דאס בעטראכטען פון דאס איבער געלעזענע און דורך זעלבסטשטענדיגע רעפעראטען . . .

— וואס מיינט עס „געגענזייטיגען" לעזען? — האט א פרעג געטהאן דובאווא און מען האט ווידער ניט געוואוסט, צו זיא לאכט עס, צו זיא מיינט עס ערענסט.

דער דיקער גאזשיענקא איז רויט געווארען.

— איך האב געוואלט זאגען „בשותפות'דיגען" לעזען — האט גאזשיענקא זיך פערכאפט — אלזא, דער

האט געזאגט ווייטער גאזשיענקא — קלאהר צו מאכען זיך זייערע דער, קלאהר צו מאכען זיך זייערע אינדיווידועלע, פערזענליכע מיינונגען, און דורך דעם מעגליך צו מאכען אין אונזער שטאדט דיא גרינדונג פון א פארטייאישען פעראיין מיט א סאציאל־דעמאקראטישער פראגראם . . .

— אהא — א! — האט זיך א כאפ געטהאן איוואנאוו און האט זיך א קראץ געטהאן אין פאטיליצע.

— נור דאס איז שפעטער — האט גערעדט ווייטער גאזשיענקא — דערווייל וועלען מיר זיך ניט שטעלען אזא ברייטע אויפגאבע . . .

— איהר מיינט אזא שוואלע אויפגאבע — האט איהם איבערגעבראכען דובאווא און געווענדעט זיך צו סאלאוויטשיק'ן, האט זיא געפרעגט:

— סאלאוויטשיק. אין אייערע ארבייטער ווערען קומען? . . .

— וויא דען? — האט זיך א כאפ געטהאן סאלאוויטשיק פון ארט מיט אזא איפעט, אקוראט וויא עמיצער וואלט איהם א ביס געטהאן: — מען

האט נאך זיי געשיקט!

— סאלאוויטשיק, קוויטשעט ניט אזוי! — האט איהם איבערגעבראכען גאזשיענקא.

— אט זיי געהן שוין — האט זיך פלוצים אבגערופען שאפראוו, וועלכער איז דיא גאנצע צייט דא געשטאנען און זיך צוגעהערט צו גאזשיענקא'ן מיט אן אויסדרוק פון עהרפורכט אויף זיין פנים.

— זיי געהען? — האט אויסגעשריען סאלאוויטשיק און מיט גוואלדיגע התפעלות איז ער ארויסגעלאפען פון'ם צימער.

— סולטאן, העי! — האט זיך דערהערט זיין שניידענדיגע שטימע פון דרויסען.

עס האבען זיך דערהערט שווערע טריט, שטימען און א הוסטען. אין צימער איז אריינגעקומען א ניעדריגער, שווארצער, גאר ניט קיין שעהנער סטודענט טעכנאלאגי וואס איז געווען שטארק עהנליך צו גאזשיענקא'ן, און הינטער איהם זיינען נאכגעגאנגען צוויי מענער מיט שווארצע הענד, אין רעקלאך איבער שמוציגע, רויטע העמדער.

איינער פון זיי איז געווען זעהר א הויכער און זעהר א מאגערער, מיט א פנים אהן א טראפען בלוט, אויף וועלכען דער לאנגיעהריגער כעס, וואס איז פערבארגען געווען אין דער טיעפעניש פון זיין פערשטיקטער נשמה, האט אוועקגעלעגט א בלייבע חתימה...

דער צווייטער האט אויסגעזעהען א גיבור, מיט ברייטע פלייצעס, מיט א געקרויזטע קאפ, א שעהנער און האט געמאכט דעם איינדרוק פון א יונגען פויער, וועלכער איז צום ערשטען מאל אריינגעפאלען אין שטאדט, וואס קוקט איהם נאך אויס אזוי פרעמד און אזוי מאדנע — לעבעדיך — הינטער זיי מיט א זייט האט זיך דורכגעקוועטשט סאלאוויטשיק.

— מיינע העררען... — האט סאלאוויטשיק אנגעהויבען פייערליך...

— שווייגט דארט, שווייגט! — האט איהם וויא געוועהנליך אונטערבראכען גאזשיענקא און, געווענדעט זיך צו דיא צוויי ארבייטער, האט ער צוגעלייגט:

— גוט'ן אבענד גענאסען!...

דער סטודענט טעכנאלאג האט פאר־געשטעלט דיא צוויי ארבייטער:

— פיסצאוו און קודריאווי!

פיסצאוו האט געהייסען דער שעה־נער און שטארקער ארבייטער און קודרי־אווי — דער לאנגער, דער בלייכער.

זיי זיינען דורכגעגאנגען דעם צי־מער מיט שווערע טריט און האבען מיט דיא מעהרכטע פערזאמעלטע געדריקט דיא הענד. פיכצאוו האט דערביי גע־שמייכעלט פערשעהמט און קודריאווי האט געמאכט מיט זיין לאנגער, דינער האלז אזוינע בעוועגונגען, אקוראט וויא דער קאלנער פון'ם העמד וואלט איהם געשטיקט. אויפ'ן סוף האבען זיי זיך אוועקגעזעצט ביים פענסטער נעבען סארסאווינע'ן.

— און פאר וואס איז ניקאלאיעוו ניט געקומען? האט אונצופריעדען גע־פרעגט גאזשיענקא.

ניקאלאיעוו האט ניט געקענט — האט זיך אבגערופען פיסצאוו.

— ער איז שיכור! — האט אונ־טערגעכאפט קודריאווי, מאכענדיג מיט זיין לאנגער האלז.

— אה! — האט אונגעשיקט גא־זשיענקא א מאך געטהאן מיט'ן קאפ.

זיין אונגעשיקטקייט האט זיך יו־ריע'ן אויסגעוויזען זעהר העסליך און ער האט גלייך דערפיהלט אין דעם די־קען שטודענט זיינעם א פערזענליכען שונא.

דער הונד האט גענומען בילען אויפ'ן הייף.

— נאך עמיצער קומט — האט געזאגט דובאווא.

— צו קומט עס ניט פאליציי? — האט מיט געמאכטער רוהיגקייט בע־מערקט גאזשיענקא.

סאלאווייטשיק האט זיך געוואלט אווארף טהאן, האט זיך אבער פער־כאפט און האט זיך געמאכט, אזוי וויא ער האט א פאפיראס געוואלט נעה־מען.

— אוי, וויא איהר דערעסט, סאלאווייטשיק! — האט זיך גאזשיענ־קא אבגערופען.

סאלאווייטשיק איז שטארק רויט געווארען און גענומען פינטלען מיט דיא אויגען, וואס זיינען אויך א מאמענט געווארען טרויעריג און פערטראכט, אקוראט וויא אין זיין פארנעבעלטען קאפ איז אויפ'ן סוף דורכגעלאפען דער געדאנק, אז דערפאר וואס ער וויל אלעמען צופריעדען שטעלען און העל־פען, פערדיענט ער ניט, מען זאל איהם אזוי גראב אונטערברעכען.

— לאזט איהם צופריעדען! — האט מיט פערדרוס אין קול זיך איינ־געשטעלט פאר איהם דובאווא.

אין צימער איז שנעל און מיט א ליארם אריינגעקומען נאוויקאוו.

— נו, אט בין איך אויך דא! — האט ער געזאגט, שמייכלענדיג פרעה־ליך.

— איך זעה! — האט איהם גע־ענטפערט סאנין.

— ביי לידאן זיינען דא געסט — האט ער ארויסגעשעפצעט, איינבויגענ־דיג זיך צו סאנין'ען.

— אה!...

— נו, מיינע הערען, וואס פער־ברענגען מיר די צייט אומזיסט — האט דער טעכנאלאג זיך אבגערופען מיט א ברוגז'דיגער מינע.

— פאנגט אן! פאנגט אן!

— און אזוי, מיינע הערען — האט גאזשיענקא ווידער אנגעהויבען — מיר אלע וואלטען נאטירליך געוואלט בריי־טער מאכען אונזער וועלט־אנשויאונג און אזוי וויא מיר האבען אויסגעפונען, אז דער בעסטער מיטעל פאר זעלבסט־בילדונג און זעלבסט־ענטוויקלונג איז דאס סיסטעמאטישע לעזען צוזאמען און נאכדעם דאס בעשפרעכען פון דעם אי־בערגעלעזענעם, — האבען מיר בעשלא־סען צו גרינדען א קליינעם פעראיין...

— אזוי — האט ארויסגעזיפצט פיס־

צאָז און זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען מיט שווארצע, פרעהליכע אויגען.

— איצט איז דיא פראגע, וואָס צו לעזען? . . . אפשר וועט ווער עס־איז פון אייך פאָרשלאגען א פּראָגראם?

בײ דיעזע ווערטער האָט שאפראוו פערריכט זיינע ברילען אויפ'ן נאָז, האָט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון אָרט, האלטענדיג אין דיא הענד א באשריעבענעם ביכעל.

— איך מיין — האָט ער אָנגעהויבען מיט א טרוקען, לאנגווייליג קול — אז אונזער לעזען דארפען מיר צוטהיילען אויף צוויי טהיילען. עס איז קיין צווייפעל ניט, אז אזא ענטוויקלונג ווערט צוזאמענגעשטעלט פון צוויי עלעמענטען: פון לערנען דאָס לעבען אין זיין עוואָלוציאָנער אָבשטאַמונג און פון לערנען דאָס לעבען אלס אזעלכען...

— שאפראָוו, רעדט אביסעל קלאָרער — האָט זיך אָבגערופען דובאווא.

— דאָס ערשטע ווערט עררייכט דורך לעזען ביכער פון א וויסענשאפטליכען כאראקטער, און דאָס אַנדערע— דורך לעזען דיא קינסטלערשע ליטעראטור, וואָס מאַכט אונז בעקאנט מיט דער טיעפניש פון'ם לעבען....

— אויב מיר וועלען אזוי ריידען, וועלען מיר נאָך באלד איינשלאָפען — האָט זיך דובאווא ווידער אָבגערופען.

קארסאווינע האָט אויך געלאַכט פון שאפראָוו'ס ריידען.

— איך סטארע זיך צו ריידען אזוי, אז אַלע זאָלען פערשטעהן... — האָט שאפראָוו געענטפערט מיט א נאאיווער מינע.

— נו, רעדט שוין, רעדט! — האָט דובאווא א מאַך געטהאָן מיט א האנד.

— דעריבער שלאָג איך פאָר, מיר זאָלען צוערשט לעזען „דיא אָבשטאַמונג פון דער פאַמיליע" — האָט שאפראָוו גערעדט ווייטער — און פּאַראַלעל מיט

דעם דארווינ'ען און פון בעלעטריסטיק טאָלסטאָי'ען...

— אוודאי טאָלסטאָי'ען! — האָט זיך אַריינגעמישט פאָן־דייץ מיט א צופריעדענער מינע און פעררויכערט א פּאַפּיראָס.

שאפראָוו האָט געוואַרט, ביז פאָן־דייץ האָט פעררויכערט און נאָכדעם האָט ער ווידער גענומען ריידען:

— טאָלסטאָי'ען און טשעכאָוו'ן, און איבסען'ן, און קנוט האמסון'ען...

— אָבער מיר האָבען דאָך זיי אַלע געלעזען! — האָט פערוואונדערט אויסגעשריען קארסאווינע.

יוריע האָט מיט דיא התפעלות פון א פערליעבטען זיך צוגעהערט צו איהר שטימע און האָט גענומען ענטפערן שאפראָוו'ן, האָט זיך געסטארעט צו ריידען גוט, אום אויסצונעהמען ביי קארסאווינע'ן, און האָט געמאַכט א תל פון שאפראוו'ס גאַנצער פּראָגראַם.

איהם האָט געענטפערט דער דיקער גאזשיענקא, וועלכער האָט זיך גערעכענט קליגער און געבילדעטער פון זיי אַלעמען און וועלכער האָט געזוכט צו שפּיעלען דאָ דיא ערשטע ראָלע....

עס האָט זיך פארפיהרט א לאנגע, לאנאגע דעבאטע. גערעדט האָבען נאָך איוואַנאָוו, נאָוויקאָוו און דער טעכנאָלאָג, און באַלד האָט זיך צווישען דעם געדיכטען רויך פון דיא סיגארעטען, דערזעהען נערוועזע, צורייצטע פּנים'ער און זייערע שטימען האָבען זיך אויסגעמישט אַלע אין איינעם און מען האָט ניט געקענט דערגעהען קיין טאָלק, ניט וואָס זיי ריידען און ניט וואָס זיי ווילען.

דובאווא האָט זיך פארטראַכט און שווייגענדיג געקוקט אויפ'ן פייער פון לאָמפּ, און קארסאווינא האָט געעפענט דעם פענסטער לעבען וועלכען זיא איז געזעסען און צוזאמען געלייגט, דיא שעהנע, פולע הענד אויפ'ן ברוסט, האָט זיא פאַר'חלום'ט ארויסגעקוקט אין דער פינסטערער נאַכט אריין . . .

אפריהער האָט זיא גאָר ניט געקענט זעהען, שפּעטער אָבער האָבען פון דער פינסטערקייט גענומען ארויסטרעטען דונקעלע בוימער, דער פאַרקאַן מיט

וועלכען דער הויף איז געוועזן ארומגע-
צאמט און הינטער איהם א בלאסער
פאס ליכט וואס האט זיך געצויגען אי-
בער׳ן וועג. א אנגענעהמער ווינטעלע
האט געלאסטשעט איהר פלייצע און
איהרע הענד און האט קוים, קוים בא-
וועגט איהר האאר. קארסאווינא האט
זיך פארטראכט וועגען יוריע׳ן און איהר
ליעבע און געדאנקען אי אומעדיגע, אי
גליקליכע האבען אנגעפילט איהר יונ-
גען קאפ.

אין צימער האט מען שוין יעצט
ניט דעבאטירט. נור יעדער האט גע-
שריען מיט אלע כוחות און זיך געסטא-
רעט איבערשרייען אלע אנדערע. ס׳איז
פענטיג געוועזן, אז יעדער פון זיי האלט
זיך פאר דעם קליגסטען און זוכט צו
ענטוויקלען אלע איבריגע.

— אויב שוין יע ריידען אזוי —
האט זיך געהיצט יוריע, וועלכער האט
קארסאווינאס אנוועזענהייט — דאן, דאן
מוזען מיר זיך אומקעהרען צום ערשטען
פיר קיין פאל ניט געוואלט נאכגעבען אין
קוואל פון אלע אידעען . . .

— אין וואס א שטייגער, נאך אייער
מיינונג, האבען מיר געדארפט לעזען?

— האט מיט גיפט און שפאט אין קול,
געפרעגט גאזשיענקא.

— וואס . . . לעזט קאנפוצי, דיא
ביבעל . . .

אלע האבען זיך צולאכט.

— היינט, וואס האט איהר פריהער
גערעדט וועגען קריסטוס ? — האט מיט
נצחון אויסגעשריען פאן דייק.

— וואס איך האב געזאגט ? . . .
אויב איהר ווילט זיין לאגיש און ווילט
לערנען דאס לעבען און דיא פארהעלטני-
סע פון איין מענשען צום צווייטען אום
דערמיט צו קריגען א ריכטיגע וועלט-
אנשויאונג, דאן מוזט איהר געהען צו
דיא ערשטע קריסטען, וועלכע האבען
אונז געגעבען א מוסטער פון מענשליכ-
קייט און מענשען-ליעבע . . .

— איך בין מיט אייך ניט איינ-
פערשטאנדען ! — האט איהם איבערגע-
שלאגען גאזשיענקא.

— איך אויך ניט.

— און איך בין יא איינפערשטאנ-
דען ! — האט געזאגט מיט היטץ נאווי-
קאוו.

און ווידער האט זיך אנגעהויבען א
געשריי, א טומעל, א ליארם און מען
האט ניט געקענט דערגעהען קיין אנהייב
און קיין סוף פון זייערע געדאנקען און
מיינונגען.

סאלאווייטשיק איז געזעסען אין א
ווינקעל און האט זיך שטיל און אויפ-
מערקזאם צוגעהערט. פון אנהויב האט
זיך אויף זיין פנים אבגעשפיעלט א
הייסער פערלאנג דורכצודרינגען אלע
מיינונגען, אלע געדאנקען, וואס זיינען
דא אויסגעשפראכען געווארען. שפעטער
אבער, האט א שארפער שטריך פון
ליידען צוקרימט זיין פנים און זיינע
אויגען האבען ארומגעבלאנדזעט פון
איינעם צום אנדערען זוכענדיג אומזיסט
צו כאפען דעם פאדים פון דער דעבאטע.

סאנין האט געשוויגען. ער האט גע-
טרונקען ביער און געראכערט. אויף זיין
פנים איז געלעגען דער אויסדרוק פון
לאנגווייליגקייט און פערדרוס. אין ווען
אין דעם טומעל און געשריי האבען זיך
דערהערט בייזע, צורייצטע שטימען,
האט ער זיך אויפגעהויבען, פארלאשען
דעם סיגארעט און געזאגט :

— ווייסט איהר, וואס איך וועל
אייך זאגען . . . פון אייער פערזאמלונג
ווערט א זעהר לאנגווייליגע געשיכטע.

— אמת ! — האט זיך אבגערופען
דובאווא.

— ניט שוין זשע דיינקט איהר, —
האט סאנין ווייטער גערעדט זיך ווענ-
דענדיג צו יוריע׳ן — אז פון ביכער קען
מען זיך אויסארבייטען א וועלט-אנשוי-
אונג ?

— געוויס ! — האט געענטפערט יו-
ריע, און האט איהם פארוואונדערט אנ-
געקוקט.

— דאן, האט איהר א גרויסען טעות — האט ערווידערט סאנין — ווען אונטער דעם איינפלוס פון ביכער וואלט געקענט געשאפען ווערען א וועלט־אנשויאונג, דאן וואלט מען דיא גאנצע מענשהייט געקענט איבערמאכען אזוי, אז אלע מענשען זאלען האבען איינע און דיא זעלבע געדאנקען, דערמיט, וואס מען וואלט אלעמען געגעבען צו לעזען ביכער פון איין געוויסער ריכטונג . . . א וועלט־אנשויאונג קען געבען נור דאס לעבען אליין און ניט קיין ביכער און ניט אפילו דער מענשליכער געדאנק, וועלכע זיינען ניט מעהר וויא א קליינצינקער טהיילכעלע פון גאנצען לעבען. א וועלט־אנשויאונג איז ניט קיין טהעאריע פון לעבען, עס איז נאר א בעגריף פון אן איינצעלנעם מענשען, וועלכער ענדערט זיך אזוי לאנג, וויא לאנג דער מענש לעבט . . . פאלגליך איז קיין בעשטימטע, שטענדיגע אנשויאונג, פאר וועלכער איהר בעמיהט זיך אזוי, איבערהויפט ניט מעגליך.

— וואס הייסט, ניט מעגליך ?...

— האט מיט כעס אויסגעשריען יוריע.

אויף סאנין׳ס פנים איז ווידער ארויסגעטראטען אן אויסדרוק פון לאנגווייליגקייט.

— געוויס ניט . . . אויב עס וואלט מעגליך געווען א בעשטימטע אייביגע וועלט־אנשויאונג, דאן וואלט דער מענשליכער געדאנק זיך אין גאנצען אבגעשטעלט . . . עס איז אבער ניט אזוי: יעדער מאמענט פון לעבען זאגט עפעס א נייע ווארט . . .

— און אייגענטליך, וואס איז דא דערפון צו ריידען — האט ער זיך אליין איבערגעשלאגען — דענקט זיך, וויא איהר ווילט . . . איך וועל אייך נור שטעלען איין פראגע: וויא קומט עס, וואס איהר, נאכדעם, וויא איהר האט איבערגעלעזען הונדערטער ביכער, פון דער ביבעל ביז קארל מארקס, האט זיך נאך אלץ ניט בעשאפען קיין וועלט־אנשויאונג ? . . .

— ווער זאגט עס, אז איך האב עס ניט בעשאפען ? — האט טיעף בעליידיגט ערווידערט יוריע, אנשטעלענדיג אויף איהם א פאאר טונקעלע, דראהענדע אויגען — איך האב מיר אויסגעארבייט א וועלט־אנשויאונג . . . מעגליך, אז זיא איז א פאלשע אבער איך . . . איך גלויב אין איהר !

— טא צו וואס זייט איהר זיך צוזאמענגעקומען זיא ערשט יעצט אויסצוארבייטען ?

— וואס פאר א קלוגער ער איז !

— האט מיט בעגייסטערונג א טראכט געטהאן וועגען סאנין קארסאווינא.

— עס קומט אלזא ארויס — האט פארטגעזעצט סאנין — אז דאס צוליעב וואס איהר זייט זיך צוזאמענגעקומען, דארפט איהר גאר אין גאנצען ניט האבען. איך זעה און פארשטעה דאס זעהר קלאהר. יעדען בעזונדער פון אייך אבער ווילט זיך אונבעדינגט, אז אלע זאלען אננעהמען זיינע מיינונגען, זיינע בעגריפען, אין וועלכע ער אליין איז ניט גאנץ זיכער. אפען גערעדט, דאס איז לאנגווייליג.

— ערלויבט דאך . . . — האט זיך גענומען היצען גאזשיענקא.

— אך לאזט צופריעדען — האט איהם אונטערבראכען סאנין — איהר ווייסט אליין, אז אייער גאנצע אונטערנעהמונג איז ניט מעהר, וויא א קינדערשפיעל, אויף וועלכע מען דארף א שפיי טהאן אוןווארפען צום טייפעל.

— הערט אויס — האט גאזשיענקא גענומען ריידען אן אנגעצונדענער — איהר ערלויבט זיך שוין צופיעל.

סאנין האט ניט געענטפערט. האט גענומען זיין הוט און געזאגט:

— נו, איך געה . . .

— דאס איז א גוטער פלאן, קיין ביער איז שוין סיי וויא סיי מעהר ניטא!

— האט צוגעשטימט איוואנאוו און איז ארויס אין פירהויז.

— וויא עס שיינט וועט ביי אונז גארניט ארויסקומען — האט געזאגט דובאווא.

— בעגלייט מיך אהיים, יוריע ני־קאלאיעוויטש — האט זיך אבגערופען קארסאווינא און דערזעהענדיג סאנין'ן, וועל־כער איז געשטאנען דערביי, האט זיא א מאך געטהאן מיט'ן קאפ און געזאגט:

צום וויעדערזעהען!

— אך! — האט געזיפצט דובא־ווא ארויסגעהענדיג — אונזער פעראיין איז אבגעשטארבען נאך איידער ער איז געבארען געווארען.

— אבער, פארוואס? — האט אומע־טיג און צוטראגען געפרעגט סאלא־וויטשיק, וועלכער האט זיך פלוצים געשטעלט וויא א פלאקען יעדער'ן אין וועג.

ערשט יעצט האט מען זיך אן איהם דערמאהנט און אייניגע האט ערשטוינט דער מאדנער, צומישטער אויסדרוק פון זיין געזיכט.

— הערט אויס סאלאוויטשיק — האט געזאגט סאנין פארטראכט — איך וועל ווען עס איז צו אייך ארייננקומען, זיך דורך שמועסען.

— נו, נו, אדרבא! — האט זיך דערפרעהט סאלאוויטשיק.

ארויס פון דעם ליכטיגען צימער, איז אויף'ן הויף געווען אזוי פינסטער, אז מען האט ניט געזעהען איינער דעם אנדערען, עס האבען זיך נאר געהערט זייערע הויכע שטימען.

דיא ארבייטער זיינען אוועק בעזונדער און ווען זיי זיינען שוין געווען א ביסעל וויימער אוועק פון דיא איבריגע האט פיסצאוו זיך צולאכט און געזאגט:

— אט אזוי א... שטענדיג איז ביי זיי אזוי: זיי קלייבען זיך צונויף עפעס צו טהאן און צום סוף שלעפט יע־דער צו זיך און עס קומט גארניט ארויס... נור יענער, אט דער געזונטער יונגאטש, ער איז מיר געפעהלען!

— א סך פארשטעהסטו, ווען גע־בילדעטע לייט ריידען צווישען זיך...

— האט ערווידערט אן אנדער ארבייטער און זיין קול האט געקלונגען הארט און בייז.

פיסצאוו האט זעלבסטבעוואוסט און שפאטיש אויף איהם א קוק געטהאן און זיך גענומען פייפען א ליעדעל.

בען, וואו גאט געפינט זיך, איז אן איי־ביגער שווייגען...

## זעקס־און־צוואנציגסטער קאפיטעל.

סאלאוויטשיק איז נאך לאנג און שטיל געשטאנען אויפ'ן בריקעל, האט געקוקט אויפ'ן דונקעלען הימעל, אויף וועלכען עס האט זיך ניט געזעהן קיין שטערנדיל, און זיך געריבען דיא דארע פינגער.

איבער דיא דעכער פון דיא שפייכ־לער און שטאהלען האט געהודיעט דער ווינד און הויך איבער'ן הימעל האבען זיך געטראגען גרויסע, דונקעלע וואל־קענס, נאכיאגענדיג איינס דאס אנדע־רע, ביז זיי זיינען פערשוואונדען גע־ווארען הינטער'ן האריזאנט.

סאלאוויטשיק האט מיט א קינ־דערשער מורא געקוקט אין דער הויך און נאך קיין מאל אין זיין לעבען, האט ער זיך ניט געפיהלט אזוי קליין, אזוי אונבעדייטענד, וויא אין דיזער פינס־טערער, שטילער נאכט...

— אך, גאט מיינער! — האט ער שווער אבגעזיפצט און זיינע שווארצע אויגען האבען געקוקט ערנסט און טרוי־עריג.

ער איז לאנגזאם אריין צוריק אין הויז, האט פערלאשען דיא לאמפ, האט מיט מאטערניש אוועקגעשלעפט דעם טיש צוריק אויף אן ארט און ארומגע־שטעלט דיא שטולען. איבער דיא צימערן האט זיך געטראגען א געדיכטער רויך פון טאבאק. דער פאל איז געווען פול אנגעווארפען מיט מיסט, מיט צוטראטע־נע שטיקלאך פון פאפיראסען און אויס־געברענטע שוועבעלאך...

סאלאוויטשיק האט געבראכט א

בעזים און ריין אויסגעקעהרט דעם פאל. דערנאך האט ער ארויסגעשלעפט פון א קעמערל אן אלטען עמער מיט וואסער, האט אהין אריינגעבראכט א שטיקעל ברויט, און איינגעבויגען אין דרייען, קוים שלעפענדיג דיא פים און מאכענדיג מיט דיא הענד, איז ער דערמיט אוועק אין פינסטערען הויף.

אום עס זאל זיין ליכטיגער, האט ער אויפ'ן פענסטער אוועקגעשטעלט א לאמפ, נור אין הויף איז אלץ געווען פינסטער, פוסט און מורא'דיג, און סאלאוויטשיק האט זיך געפרעהט, ווען ער איז צוגעלאפען צו דער קאנורע פון דעם הונד סולטאן.

— סולטאן! סולטאן!... — האט ער אויסגערופען הויך אויפ'ן קול, אזוי וויא ער וואלט מיט זיין הויכער שטימע זיך אליין וועלען בערוהיגען.

סולטאן האט זיך אין דער פינסטער א ווארף געטהאן צו איהם און גענומען לעקען זיין האנד מיט דער קאלטער פייכטער מארדע.

— נא, נא! — האט געזאגט סאלאוויטשיק און האט איהם אונטערגעשטעלט דעם עמער.

א הונגעריגער, האט זיך סולטאן צוגעכאפט צום עמער און גענומען כליאפען פון איהם. און סאלאוויטשיק איז געשטאנען נעבען איהם און האט טרויריג געשמייכעלט.

— און וואס קען איך טהאן? — האט ער געטראכט. — קען איך דען צווינגען דיא מענשען צו טראכטען אנדערש? איך אליין האב געהאפט, אז זיי וועלען מיר זאגען, וויא אזוי מען דארף לעבען אויף דער וועלט, וויא צו טראכטען!... און זיי קריגען זיך גאר ארום איינער מיט'ן אנדערן, און וואס? גאר נישט.... אך, ווען גאט וואלט מיר נעגעבען דעם קול פון א נביא!... אזוי אבער, וואס קען איך טהאן?

סולטאן האט פריינדליך א וואיע געטהאן.

— עס, עס זיך געזונד... נא! — האט געזאגט סאלאוויטשיק: — איך וואלט דיך אראפגעלאזען פון קייט, דו זאלסט זיך קענען דורכגעהן, נור איך האב קיין שליסעל ניט...

ווייט הינטער'ן שטאדט האט זיך דערהערט א לאנגער, אומעדיגער פייפען. סולטאן האט אויפגעהויבען דעם קאפ און אנגעשטעלט דיא אויערען... עס האט זיך געהערט, וויא גרויסע טראפענס פאלען איהם פון מארדע צוריק אין עמער אריין.

— דו עס, עס!... דאס שרייט דער באהן-צוג! — האט געזאגט סאלאוויטשיק.

סולטאן האט הויך א ביל געטהאן, וויא ער וואלט וועלען זאגען, אז ער פערשטעהט. און סאלאוויטשיק האט ווייטער גענומען טראכטען:

— וואס פאר וואילע, קלוגע מענשען זיי זיינען עס אלע... וויפיעל זיי האבען עס געלערענט און געלעזען... און דאך... ניט שוין־זשע וועט עס אייביג אזוי זיין? צו וועלען דען מענשען אמאל לעבען צווישען זיך, וויא אמת'ע ברידער, אדער זיי קענען עס ניט?...

און איהם האט זיך פארגעשטעלט א ים מיט מענשען, וועלכע האבען זיך בעוויזען אין דער פינסטער און זיינען באלד צוריק פערשוואונדען... א גאנצע רייהע פון יאהרהונדערטע אהן אן אנהויב און אהן א סוף... און א לאנגע קייט פון ליידען און צרות אהן ליכט, אהן זינען און אהן א ברעג... און דארט, אויבען וואו גאט געפינט זיך, איז אן אייביגער שווייגען...

סולטאן האט דערווייל אויסגעלעדיגט אלעם פון עמער, האט איהם איבערגעקעהרט און איהם ארומגעווארפען דרעהענדיג מיט'ן עק...

— אה, שוין אויפגעגעסען? — האט זיך א כאפ געטהאן סאלאוויטשיק, האט א גלעט געטהאן זיין הארטען קודלאטען רוקען, האט אויפגעהויבען דעם עמער און איז אוועק צום הויז.

א צובראכענער פון אומעט, עלענד, שרעק און מורא איז סאלאוויטשיק געקומען צוריק אין צימער, האט זיך געזעצט ביין טיש און גענומען וויינען.

## 27־טער קאפיטעל.

דער רייכער וואלאשין איז געוועזן דיא אויסגעלאכענהייט אליין. עס האבען איהם געקענט אויפרייצען אפילו דיא קליידער פון פרויען. ווען ער איז געפאהרען פון פעטערסבורג, וואו ער האט איבערגעלאזען א סך שעהנע פרויען, וואס האבען איהם יעדען אבענד געמוטשעט מיט זייערע נאקעטע לאסקעס, האט ער געטראכט פון איין זאך נור — אז דא, אין דער פראווינציאלער שטאדט, וועט ער קריגען יונגינקע, פרישינקע מיידלאך... זיי האבען זיך איהם פארגעשטעלט שעהמעוודיגע, צושראקענע, שטארקע, וויא דיא שוואמען אין וואלד, און עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער פיהלט שוין זייער רייצענדיג גערוך פון יוגענד, ריינקייט און אונשולד....

הגם ער האט געהאלטען זארודין'ס געזעלשאפט אונטער זיין ווירדע, דאך פלעגט ער, וואלאשין, איהם בעזוכען.

איינמאל, ווען זארודין איז געזעסען ביים פענסטער געגען סאד און געטראכט וועגען לידא'ן, פון וועלכער ער האט ערווארטעט א סקאנדאל, איז אריינגעקומען וואלאשין.

ער איז אריינגעקומען אן אויסגעפוצטער, אן אנגעפארפיומירטער, שארענדיג אין גאנג מיט דיא שיך און שצירענדיג לייטזעליג מיט זיינע צייהנדעלאך. און מיט זיין אריינקומען איז דאס גאנצע צימער באלד פול געווארען מיט ריחות פון פארפיומען און טאבאק, וואס האבען דארט פערגיפטעט דיא ריינע לופט פון דעם גרינעם סאד.

— אך, פאוועל לוואוויטש! — איז אויפגעשפרונגען זארודין עטוואס צומישט.

וואלאשין האט איהם בעגריעסט. נאכדעם האט ער זיך אוועקגעזעצט ביים פענסטער פעררויכערט א סיגאר.

זארודין האט געקוקט אויף איהם און אין זיין נשמה האט זיך ערוועקט א געוויסע קנאה צו איהם. אין זיינע אויגען איז וואלאשין געוועזן א מוסטער פון א רייכען דזשענטעלמאן, האט זיך געהאלטען אזוי פריי און זיכער, אזוי ריין און מיט אזא שיק, אז זארודין האט מיט אלע קרעפטען זיך געסטארעט אויף אנצונעהמען אזא פרייע און זיכערע האלטונג. ער האט אבער ניט געקענט ווארום זינט לידא האט איהם אנגערופען „גראבע חיה", האט זיך איהם אלץ געדאכט, אז יעדער מענש ווייסט וועגן דעם און מען לאכט פון איהם.

וואלאשין, שמייכלענדיג און וויצלענדיג זיך, האט אפריהער גערעדט גלאט אין דער וועלט אריין, אבער עס איז איהם שווער געווען אויסצוהאלטען דעם טאן און דער ברענענדיגער פערלאנג צו ריידען פון דעם, צוליעב וואס ער איז צו זארודין'ען געקומען, דאס הייסט פון פרויען, האט איהם גענומען מוטשען.

אויפ'ן סוף איז ער געקומען צו זיין „פונקט".

— איהר, דענק איך, פערליערט דא ניט אייער צייט אומזיסט — האט וואלאשין זיך געווענדעט צו זארודין'ען מיט א ביטערער מינע און פערקנייטשט אן אויג.

זארודין האט מעשה בעריהמער א דריק געטהאן דיא פלייצעס.

— אה, געוואוינליך! וואס אנדערש זאל מען דא טהאן! — האט ער געענטפערט.

זיי האבען זיך צולאכט און זיינען אנשוויעגען געווארען. וואלאשין האט מיט אונגעדולד געווארט, זארודין זאל איהם דערצעהלען דיא איינצעלהייטען וועגען זיין לעבען א גוטען טאג מיט די היגע פרויען, און פאר זארודין'ען האבען זיך אין דער זעלבער צייט פערבייגעטראגען פערשיעדענע סצענען מיט לידא'ן.

ער האט זיך אומגעקעהרט מיט'ן פנים צום סאד און גענומען קלאפען מיט דיא פינגער אן דעם געזימס פון'ם פענסטער.

אָבער וואָלאָשין האָט שווייגענדיג געוואַרט, ער זאָל איהם דערצעהלען.

— איך ווייס — האָט אין א ווייַלע ארום אָנגעהויבען זארודין כלומרשט מיט א פרייען טאָן: — איך ווייס, אַז אייך, דיא איינוואָהנער פון דיא הויפּטשטעדט, ווייזט זיך אויס, אַז דיא היגע פרויען זיינען, גאָט ווייסט וואָס פאַר אַן אַנטיקלאַך... איהר האָט א טעות!... אמת טאַקי, זיי האָבען א געוויסע פרישקייט, אָבער דער ריכטיגער שיק פעהלט זיי... זיי פעהלט, וויא זאָל איך עס אויסדריקען... נו, דיא קונסט צו ליעבען!...

גלייך איז וואָלאָשין א לעבעדיגער געוואָרען, דיא אויגען האָבען זיך ביי איהם אָנגעצונדען און זיין שטימע איז ביי איהם אויך עפּיס געוואָרען גאָר אַן אַנדערע.

— יע, געוויס... אָבער וואָס טויג דער שיק אליין — האָט ער זיך צוגעכאַפּט מיט התלהבות — ווען דאָס ריכטיגע פעהלט ביי אונזערע פּעטערסבורגער פרויען!... זיי פעהלט דער קערפּער, פערשטעהסט איהר מיך... בינטלאַך נערוועז זיינען דאָרט, אָבער קיין פרויען קערפּער... דאָ אָבער...

— דאָס איז אויך אמת — האָט איהם זארודין צוגעגעבען, און גענומען דרעהען צופריעדען זיינע וואָנצעס.

— נעהמט ארונטער דעם קאָרסעט פון דער פּרעכטיגסטער פּעטערסבורגער דאַמע און איהר וועט זעהן... שאַ — האָט וואָלאָשין זיך פּלוצים איבערגעשלאָגען — האָט איהר שוין געהערט דעם נייעם אַנעקדאָט?...

און ער האָט גענומען דערצעהלען א העסליכע געשיכטע, וועלכע ער האָט געענדיגט מיט דיא ווערטער:

— ביי א פרוי איז פאַר מיר דיא הויפּטזאַך דער ביוסט! א פרוי אָהן דעם עקזיסטירט ניט פאַר מיר!...

זארודין האָט זיך דערמאָנט אָן לידא'ס ביוסט, און איהם איז פּלוצים געוואָרען אונאַנגענעהם צו רעדען וועגען דעם מיט וואָלאָשין'ען און א שאַרפע בענקעניש נאָך יענעם גליק האָט איהם גענומען מוטשען.

אָבער דיעזער געפיהל האָט זיך איהם אויסגעדראַכט פאַסט ניט פאַר א מאַן אַן אָפיציער, און אָנטהאָענדיג אויף זיך א כח, האָט ער געזאָגט:

— יא, יעדער האָט זיך זיין גאָט! דיא וויכטיגסטע פאַר מיר — אין א פרוי — איז דער רוקען.

— אָה — אָה! — האָט אונטערגעכאַפּט וואָלאָשין, שטאַרק נערוועז — ווייסט איהר... ביי מאַנכע פרויען, איבערהויפּט ביי דיא יונגינקע...

דער דענשציק איז אריינגעקומען און האָט אָנגעצונדען דיא לאָמפּ, וואָלאָשין און זארודין זיינען אַנשווייגען געוואָרען און פאַר דיא שיין פון דער לאָמפּ האָט מען געקענט זעהען זייערע צורברענטע אויגען און דיא אויפפלאַקערענדיגע פייערלאַך פון זייערע סיגאַרעטען.

און ווען דער דענשציק איז ארויסגעגאַנגען, האָבען זיי ווידער גענומען ריידען און דאָס וואָרט „פרוי", נאַקעט און שמוציג, אויסגעלאַסען און כמעט קרענקליך אונזיניג, האָט זיך ווידער גענומען טראָגען אין צימער. זארודין האָט זיך אַזוי הינגעריסען, אַז ער האָט זיך גענומען בעריהמען פאַר וואָלאָשין'ען מיט זיין זיעג איבער לידא'ן... האָט ארונטערגעריסען דעם גאַנצען שלייער פון לידא'ס געהיימנים...

און דעמאָלט האָט לידא זיך גענומען מאָהלען פאַר וואָלאָשין'ען אין גאַנצען נאַקעט, אונפערשעהמט אָפען מיט די טיעפסטע סודות פון איהר קערפּער און איהרע ליידענשאַפטען, ערניעדריגט וויא א בהמה, וועלכע איז אויפ'ן מאַרק ארויסגעשטעלט... זייערע געדאַנקען האָבען געפּויזעט איבער איהר, וויא העסליכע ווערים, האָבען זיא געלעקט און געשמעקט, געקנוייטשט זיא און געדריקט און זיך גענאַרועט איבער איהר קערפּער און געפיהל... און א סם עפּעס מיט א פאַסקודנעם גערוך האָט געקאַפּעט אויף דיעזע שעהנהייט, וואָס האָט געשענקט ליעבע און פערגניגען זארודין'ען... זיי האָבען ניט ליעב געהאַט דיא פרוי, האָבען איהר ניט געדאַנקט פאַר דאָס גליק און פערגניגען, וואָס זיא האָט זיי פערשאַפט, און האָבען זיך גע־

סאטרעט צו בעליידיגען און ערניעדריגען זיא, צו פערשאפען איהר שמערצען און וועהטאג אהן א ברעג...

אין צימער איז געווען אנגערויכערט און עס האט געשטיקט. פון זייערע פער־שוויצטע קערפערס האט זיך געטראגען א שווערער, ניט געזונדער גערוך. זייערע אויגען האבען געבלישצעט און זייערע שטימען האבען געקלונגען הייזעריג און פערשטיקט. וויא דאס כריפען פון צו־רייצטע ווילדע חיות... הינטער'ן פענס־טער האט רוהיג און קלאר זיך צושפרייט א שעהנע לבנה־נאכט, אבער דיא גאנצע וועלט מיט אלע איהרע פארבען און טע־נער איז פערשוואונדען ערגעץ, פערלא־רען געגאנגען, זיי האבען נור איצט גע־זעהן דיא נאקעטע פרוי און ניט מעהר... שפעטער האט זיך זייער פאנטאזיע אזוי צושפיעלט, אז זיי האבען ניט געקענט דערשטיקען דעם מעכטיגען פערלאנג צו זעהן לידא'ן, וועלכע זיי האבען שוין איצט גערופען לידקא....

זארודין האט געהייסען איינשפא־נען, און זיי זיינען אוועקגעפאהרען אויפ'ן עק שטאדט....

## 28־טער קאפיטעל.

זארודינ'ס א בריעף צו לידא'ן, אין וועלכען ער בעט ביי איהר אן ערלויב־ניש זיך מיט איהם צו זעהן, און וואו ער האט איהר געגעבען ניט קיין קלאהרע אנצוהערענישען, אז פיעלעס קען נאך ווידער גוט געמאכט ווערען, איז אריינ־געפאלען אין דיא הענד פון איהר מו־טער. דיא דיענסט האט פארגעסען דעם בריעף אין קיך אויפ'ן טיש און מאריא איוואנאוונא האט איהם געפונען.

און פון דיא בלעטלעך פון דיזען בריעף איז אויף דער ריינער, הייליגע־געשטאלט פון איהר טאכער געפאלען א שווארצער, פינסטערער שאטען, און דער מוטערס הארץ איז צוריסען גע־ווארען פון מורא, שרעק און וועהטאג... באלד האט זיא זיך דערמאנט אן איהר אייגענער יוגענד, איהרע ליעבעס און דיא ענטטוישונגען, וועלכע זיא האט איבערגעלעבט אין דיא ערשטע יאהרען פון איהר אונבעפרידיגטען פאמיליען־לעבען. א לאנגע רייהע פון ליידען און קעמפפען האט זיך דורכגעטראגען אין איהרע געדאנקען. בילדער, לאנג איבער־געלעבטע און שוין אין גאנצען פארגע־סענע האבען אויפגעלעבט אין איהר זכרון, און זיא האט זיך דערשראקען פאר זיך אליין. שפעטער האט דאס לעבען מיט גוואלד זיא אריינגעדריקט אין דיא ענגע ראהמען פון פאמיליען־לעבען און פון דעמאלט אן האבען זיך דיא יאהרען געשלעפט לאנגע און אומעטיגע ביז'ן היינטיגען טאג...

און דאס בעוואוסטזיין, אז איהר טאכטער האט דורכגעבראכען די שווע־רע, אייזערנע וואנט און איז אראב פון גלייכען, זיכערען וועג, האט צומישט און דערשראקען דיא אלטע פרוי.

א ווילדער צארן האט זיך צופלא־קערט אין איהר הארצען, ווען זי וואלט נור געקענט, וואלט זיא געכאפט לידא'ן פאר'ן האלז, צוגעשטיקט זיא צו דער ערד און מיט גוואלד אריינגעשלעפט אין דעם גרויען, שטיינערנעם קעמערל פון איהר אייגען לעבען....

— וואס פיר א העסליכע, שלעכ־טע, פארדארבענע מיידעל זיא איז! — האט זיא מיט פערצווייפלונג געטארכט.

— און אפשר איז ביי זיי גארנישט געוועזען? — איז איהר איינגעפאלען א געדאנק, און זיא האט ווידער גענו־מען לעזען דעם בריעף, טאמער וועט זיא דארט פארט עפעס דערגעהן, אבער וויפיעל זיא האט זיך ניט געמאטערט און וויפיעל זיא האט ניט געלעזען, פון דעם קאלטען אנגעבלאזענעם בריעף האט זיא אויף קלאהר גאר נישט געקענט וויסען. דיא אלטע פרוי האט זיך אזש צו־וויינט פון פערדרוס און ווענדענדיג זיך צו דער דיענסט, האט זי געפרעגט.

—דונקא, וולאדימיר פעטראוויטש איז אין זיין צימער?

—הא, וואס? — האט זיך א כאפ גע־טאהן דונקא.

—בהמה, איך פרעג, דער פריץ איז אין דער היים?

—דער פריץ איז נור־וואס געקומען. זיי זיינען אין קאבינעט, שרייבען א בריעף! — האט זיך אבגערופען דונקא

מיט א טאז, אין וועלכען עס האט זיך געהערט גרויס רעספעקט אי צו רעט בריעף אי צום שרייבער.

מאריא איוואנאוונא האט הארט און גלייך איהר אריינגעקוקט אין דיא אויגען און אויף איהר גוטען פארוועלקטען פנים האט זיך בעוויזען א טיעפער און בייזער אויסדרוק.

—און דו, פאסקודסטווע, ווען דוא וועסט נאך אמאל ביי מיר אין הויז ארומטראגען צעטעלאך, וועל איך דיר אזוי אנלערנען, אז דו וועסט האבען צו געדענקען.

ווען די מוטער איז אריין צו סאניין אין צימער, איז ער געזעסען און געשריבען און ניט קוקענדיג אויף אייגענע צרות, האט זיא זיך פעראינטערעסירט.

—וואס שרייבסטו דאס? — האט זי געפרעגט.

—א בריעף שרייב איך — האט געענטפערט סאנין, אויפהויבענדיג זיין רוהיגען, פרעהליכען קאפ.

—צו ווענזי ?

—אט, אזוי . . . צו א בעקאנטען רעדאקטאר . . . איך וויל געהען צוריק אין זיין רעדאקציע.

— דוא שרייבסט דען ?

— איך טהו אלעס — האט סאנין

**פאנין** 18

א שמייכעל געטהאן.

— און נאך וואס דארפסטו צו איהם געהען ?

— ס'איז מיר שוין דערעסען דא, ביי אייך, מאמע — האט סאנין אפענהערציג א לאך געטהאן.

דיעזער ענטפער האט דער מוטער א שטאך געטהאן, און זיא בעליידיגט.

— א שעהנעם דאנק דיר ! — האט זיא געזאגט איראניש.

סאנין האט זיא אויפמערקזאם בעטראכט, ער האט געוואלט זאגען, אז זיא איז דאך ניט אזא נאר ניט צו פארשטעהען, אז א מענשען איז איבעמיג צו זיצען אויף איין ארט, און דאך אהן שום באשעפטיגונג, ער האט אבער בארשוויגען. עס האט זיך איהם אויסגעוויעזען זעהר נאריש און לעבערליך איהר צו ערקלעהרען אזא איינפאכע, פראכטע זאך.

מאריא איוואנאוונא האט ארויסגענומען א טיכעל און האט עס לאנג און שווייגענדיג געדריקט מיט איהרע אלטע, דינע פינגער, דאן האט זיך געזאגט :

— נו, יא. . . . אייגער איז וויא א וואלף און עס טרייבט איהם פון הויז, און דיא אנדערע . . . .

און זיא האט א מאך געטהאן מיט'ן האנד.

סאנין האט נייגעריג אויפגעהויבען דעם קאפ. וויא עס שיינט האט דיא אלטע לעבענדראמע זיך גענומען פונאנדערוויקלען.

— וואס איז ? וואס איז דער מעהר ? — האט ער געפרעגט און א ווארף געטהאן דיא פעדער.

און פלוצלונג האט זיך מאריע איוואנאוונא פארשעהמט, פארוואס זיא האט איבערגעלעגען דער טאכטערס בריעף. אויף איהרע אלטע באקען איז ארויסגעטראטען א טונקעלע רויטקייט און זיא האט בייז געענטפערט :

— איך בין, גאט צו דאנקען, ניט קיין בלינדע ! . . . איך זעה ! . . .

סאנין האט א וויילע געטראכט און דאן האט ער געזאגט :

— איהר זעהט גאר נישט, אלסבעווייז וועל איך אייך אבגעבען מזל טוב פיר אייער טאכטער . . . זיא איז געווארען א כלה . . . זיא האט עס אייך אליין געוואלט זאגען, נור יעצט איז שוין סיי וויא סיי אלץ איינס . . .

איהם האט פארדראסען, וואס אין לידא'ס יונג, שעהן לעבען רייכט זיך אריין דיא טעמפע אלטע מוטער, וועלכע קען מיט איהר ליעבע און מיט איהר וועלען אלעס וויסען דערעסען דאס לעבען.

— וואס רעדסטו ? — האט איבערגעפרעגט מאריא איוואנאוונא.

— לידא געהט חתונה האבען.

— מיט וועמען ? — האט מיט

פרייד אין קול אויסגעשריען דיא אלטע.

— מיט נאוויקאוו׳ן . . . זעלבסטפערשטענדליך . . . .

— און יענער ? . . . — האט זיא געפרעגט צומישט.

— אך, זאל ער געהען צום טייפעל ! — האט סאנין בייז א געשריי געטהאן — וואס הארט עס אייך ? . . . איהר ווילט דוקא ארייַנקריכען צו יעגעם אין נשמה אריין !

— איך פרעג, וויל איך פארשטעהן ניט, וואלאדיא . . . — האט זיך דיא מוטער פארענטפערט צושטערט און ביי איהר אין הארצען האט זיך גענומען צאפלען און זינגען דאס פרעהליכע ליעד :

— לידא האט חתונה ! לידא האט חתונה ! לידא האט חתונה !....

סאנין האט א דריק געטהאן מיט דיא פלייצעס :

— וואס קענט איהר דא ניט פערשטעהן ? זיא האט ליעב געהאט איינעם, יעצט ליעבט זיא א צווייטען און מארגען וועט זיא ליעבען א דריטען . . . דאס איז איהר זאך.

— וואס רעדסטו ! — האט אויסגעשריען דיא מוטער ענטריסטעט.

— און איהר, האט איהר דען אייער גאנץ לעבען געליעבט נור איין מאל ? — האט ער געפרעגט בייז.

מאריא איוואנאוונא איז אויפגעשטאנען און אויף איהר אלטען פנים איז ארויסגעטראטען אן אויסדרוק פון פאלטען, שטרענגען שמאלץ.

— אזוי רעדט מען ניט צו א מאמען ! — האט זיא הארט ארויסגערעדט.

— נו ; און איך רייד יא. — האט ער געזאגט גלייכגילטיג און זיך ווידער גענומען שרייבען.

— וויא וואגט ער אזוי צו ריידען צו מיר ? — האט געטראכט דיא מוטער, קוקענדיג אויף סאנין׳ען און ניט געוואוסט וואס צו טהאן. נור איידער זיא איז געקומען צו א בעשלוס, האט זיך סאנין בערוהיגט און אומגעקעהרט זיך צו איהר. ער האט זיא אנגענומען פאר א האנד און פריינדליך געזאגט :

— לאזט עס אלעם צופריעדען . . . און זארודין׳ען טרייבט ארויס צום שווארץ־יאהר, אניט וועט ער נאך אויף אן אמת׳ן אנטהאן צרות . . .

דער מוטערס הארץ איז ווייכער געווארען.

— נו, מילא, זאל זיין, אז דוא ביזט גערעכט, זאל דיר גאט העלפען — האט זיא ארויסגעשטאמעלט — איך בין צופריעדען . . . מיר איז סאשא נאוויקאוו שטענדיג געפעלען געווען . . . און זארודין׳ען דארף מען טאקע ניט צולאזען מעהר צו אונזער הויז. אויס אכטונג צו סאשא׳ן דארף מען עס טהאן.

— נו, יא, אויס אכטונג צו סאשא׳ן — האט סאנין צוגעגעבען, לאכענדיג נור מיט דיא אויגען.

— און וואו איז לידא ? — האט שוין מיט רוהיגער פרייד געפרעגט מאריא איוואנאוונא.

— ביי זיך אין צימער.

— און סאשא ? — האט צוגעזעצט דיא מוטער אויסריידענדיג נאוויקאוו׳ס נאמען מיט ליעבע און צערטליכקייט.

— איך וויים ווירקליך ניט... ער איז אוועק... — האט אנגעהויבען סאנין, נור אין דערזעלבער צייט האט זיך דונקא בעוויזען אין טהיר און האט געזאגט.

— פריצטע, וויקטאר סערגעיעוויטש זיינען געקומען... מיט נאך עפעס א פרעמדען פריץ.

— א... — האט זיך א כאפ געטהאן סאנין — גיב זיי אין האלז און נאקען און טרייב זיי ארויס!

דונקא האט פערשעהמט גענומען לאכען.

— וואס רעדט איהר, פריץ, שטייטש וויא קען מען עס טהאן ?

— געווים קען מען... צו וואס פאר א שווארץ יאהר דארפען מיר זיי יעצט האבען !

דונקא האט פערשטעלט איהר לאכענדיג פנים און איז ארויס.

מאַריא איוואַנאָוונא האָט זיך אויסגעגלייכט און איז עפּעס אַזוי וויא אינגער געוואָרען, נור דיא אויגען איהרע האָבען אָנגענומען אַ טעמפּען, טירישען אויסדרוק. שנעל וויא אַ בליץ איז אין איהר נשמה פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש. אַזוי פיעל וואַרימקייט און ליעבע, וויפיעל עס איז פריהער געווען אין איהר האַרצען צו דעם אָפיציער וועלכער, וויא זיא האָט געטראַכט, וועט חתונה האָבען מיט לידא'ן, אַזוי פיעל קאַלטקייט און פיינדשאַפט האָט זיא איצט צו איהם דערפיהלט ווען עס איז קלאָהר געוואָרען אַז לידא'ס מאַן וועט זיין אַן אַנדערער און ער, זאַרודין, האָט געקענט זיין נור איהר געליעבטער.

ווען דיא מוטער האָט זיך אומגעקעהרט און גענומען געהן צום טהיר, האָט סאַנין פון דער זייט אַ קוק געטהאָן אויף איהר פערגליווערטען פּנים, אויף דיא גרויע אונפריינדליכע אויגען און האָט אַ טראַכט געטהאָן: — אָט איז אביסעל אַ חיה!...

נאַכדעם האָט ער צוזאַמענגעלייגט זיינע פּאַפּיערען און איז אַוועק נאָך איהר. איהם איז אינטערעסאַנט געווען צו זעהן, וויא אַזוי דיא מענשען וועלען אויסקוקען און וועלען האַנדלען אין דער נייער, פערדרייטער און שווערער לאַגע אין וועלכער זיי האָבען זיך אליין געשטעלט.

זאַרודין און וואָלאָשין זיינען אויפגעשטאַנען דער מוטער אַנטקעגען מיט איבערטריבענער פריינדליכקייט. עס האָט אָבער געפעהלט דיא פרייהייט, וואָס זאַרודין האָט פריהער געפיהלט אין סאַנין'ס הויז. וואָלאָשין האָט זיך אויך געפיהלט ניט בעקוועם, ווייל ער איז אַהער געקומען מיט אַ בעשטימטען געדאַנק וועגען לידא'ן, און דיזען געדאַנק האָט ער יעצט געמוזט בעהאַלטען. דיזע אונבעקוועמליכקייט האָט נאָך מעהר געצייצט זיין בלוט.

און אויף זאַרודינס פּנים האָט דורך דיא געמאַכטע פרעהליכקייט און כוואַטסטוע, אַרויסגעקוקט אַ בעהאַלטענע אומעדיגקייט. ער האָט אַליין געפיהלט אַז מען האָט ניט געדאַרפט קומען אַהערצו, אין האַרצען האָט ער זיך געשעהמט און עס איז איהם געווען מורא'דיג. ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלען וויא אַזוי ער וועט זיך טרעפען מיט לידא'ן און וועט איהר קוקען גלייך אין דיא אויגען, דאָך וואָלט ער פיר קיין זאַך אין דער וועלט ניט געוואָלט אַרויסווייזען זיינע אמת'ע געפיהלען פאַר וואָלאָשינען, וועלכער האָט געמוזט פון איהם האָבען אַ מיינונג, ווי פון אַ מאַן, אַ העלד וואָס קען מיט יעדער פרוי מאַכען אַלעס וואָס ער וויל. צייטענווייז האָט ער וואָלאָשינען געהאַסט, וויא דעם טויט, ער איז אָבער געגאַנגען נאָך איהם וויא אַ צוגעשמיטער ניט האָבענדיג קיין כוחות און קיין מוטה צו צייגען זיין אמת'ע נשמה.

— מיין טהייערע מאַריא איוואַנאָוונא — האָט געזאָגט זאַרודין אַרויסשטעלענדיג זיינע ווייסע צייהן — ערלויבט מיר אייך פאָרצושטעלען מיינעם אַ גוטען פריינד, פּאַוועל לוואָוויטש וואָלאָשין...

דערביי האָט ער פער'גנב'עט נור מיט דיא אויגען און דיא ווינקלען פון די ליפּען אַ שמייכעל געטהאָן צו וואָלאָשין.

וואָלאָשין האָט זיך פערנייגט און געענטפערט זאַרודינען מיט דעם זעלבען שמייכעל, נור אָפּענער, כמעט פרעך.

— זעהר אַנגענעהם — האָט קאַלט געענטפערט מאַריא איוואַנאָוונא און זיא האָט אַ קוק געטהאָן אויף זאַרודינען מיט אַ שטייפען, קאַלטען בליק, פול מיט בעהאַלטענער שנאה.

דער פאָרזיכטיגער אָפיציער האָט עס גלייך בעמערקט און זיין זיכערקייט אין זיך און זיין כוואַסטסטוואָ זיינען גלייך פערשוואונדען. זייער קומען אַהער, וואָס האָט פריהער פערשפּראָכען צו זיין אַזוי פרעהליך און אונטערהאַלטענד האָט זיך איהם יעצט אויסגעדאַכט משונה'דיג און אונמעגליך.

— אַך, מען האָט ניט געדאַרפט אַהער געהן — האָט ער געטראַכט און ערשט איצט האָט ער זיך פּלוצים דערמאָנט אָן וואָס ער האָט צוליעב דעם גרויסאַרטיגען וואָלאָשינען אין גאַנצען פערגעסען: — אָט באַלד וועט אַריינקו־

מען לידא!... יענע לידא, וועלכע האט געהאט מיט איהם א פארקעהר... וועל־כע איז שוואנגער פון איהם, דיא מוטער פון זיין אייגענעם צוקינפטיגען קינד, וועלכער, צו זיי ווילען צו ניט, וועט באַרט אין גיכען געבאָרען ווערען! און וואָס וועט ער איהר זאָגען, און וויא אזוי וועט ער קוקען אויף איהר?... זארודין'ן איז פון דיזע געדאַנקען איינגעפאַלען אין הארצען און ער האט זיך פאר שאנ־דע אין גאנצען צוזאמענגעדריקט.

— און טאָמער ווייסט זי שוין אויף אלעם! — האט איהם א ברען געטהאָן א געדאנק, און ער האט שוין ניט גע־וואגט א קוק צו טהאָן אויף מאריא אי־וואַנאָוונא, און אין גאנצען האט ער זיך גענומען דרעהען, בעוועגען זיך, איבער־שטעלען איין פוס אויף דער אנדערער. ער האט פערדרייכערט א סיגארעט און זיינע אויגען האבען ארומגעטאנצט פון יער זייט.

— אך, מען האט ניט געדארפט געהן אהער!

— איהר וועט דאָ לאנג פערברייי־נגען? האט קאלט און שמאלץ געפרעגט מאריא איוואנאָוונא ביי וואלאָשין'ן.

— אָה, ניין, — האט געענטפערט וואלאָשין מיט א שפאָטישען טאָן און בעטראכטענדיג די פראָווינציאלע פרוי, מיט די אויגען פון א גרויס־שטאָטיגען העלד האט ער אויסגעדרעהט דעם לאַ־דאָן און אריינגענומען דעם סיגאר אין מויל אזוי אז דער רויך זאל געהן דער אלטער גלייך אין פנים אריין.

— עס וועט אייך זיין לאנגווייליג ביי אונז... נאָך פעטערבורג...

— גאָר, נו, אדרבא מיר געפעלט דאָ זעהר. ווייסט איהר, אייער שטעטיל איז אזא... אזא פאטריארכאלישע...

— איהר האט זיך געדארפט דורכ־פאָהרען ביי אונז הינטער דער שטאָדט, מיר האבען דאָ פראכטפאלע פלעצער... אי זיך צו באָדען, אי זיך צו שיפען און אזוי אויסצופאָהרען...

— אָ, געוויס, געוויס! — האט אויסגעשריען וואלאשין ציהענדיג דיא ווערטער. און אין זיין קול האט געקלונ־גען שפאָט און לאנגווייליגקייט.

זייער געשפרעך האט זיך ניט גע־בונדען, איז געווען שווער און ניט אינ־טערעסאנט. וואלאשין האט גענומען קו־קען אויף זארודינען און דעם זינען פון די בליקען האט פערשטאנען ניט נור דער אָפיציער, נור אפילו סאנין אויך וועל־כער האט זיי שטיל בעאָבאכטעט פון א ווינקעל.

דער געדאנק, אז וואלאשין וועט איהם אויפהערען צו בעטראכטען פיר א שארפזיניגען, פרעכען און ערפאָלגריי־כען העלד, האט גובר געווען איבער דיא בעהאלטענע מורא פאר לידא'ן, און נאָך אַן אונגעוויינליכער אנשטריינגונג האט ער זיך אָנגענומען מיט מוטה און גע־פרעגט:

— און וואו איז עפעס לידיא פע־טראָוונא?

מאריא איוואנאָוונא האט איהם אָנ־געקוקט פערוואונדערט און פיינדליך.

— וואָס איז דאָס דיין באַבעס דאגה וואו זיא איז, דו וועסט דאָך סאי וויא סאי מיט איהר ניט חתונה האבען!

— האבען געענטפערט דער אלטער'ס אויגען.

— איך ווייס ניט... ביי זיך אין צימער מכתמא — האט זיא קאלט ארויסגערעדט.

וואלאשין האט ווידער געוואָרפען אויף זארודין א בליק, וועלכער האט אָפען אויסגעדריקט:

— וואו איז זיא דאָרט, דיא לידקע דיינע, קען מען זיא ניט ארויסקריגען אהער אביסעל שנעלער, ווארום דיא אל־טע סקראנטע אינטערעסירט מיך ווייניג.

זארודין האט געעפענט דעם מויל און האט הילפלאָז א מאַך געטהאָן מיט דיא וואנצעס.

— איך האב געהערט אזוי פיעל גוטעס פון אייער טאָכטער — האט שצירענדיג מיט דיא צופוילטע ציינדלעך וואלאשין גענומען ריידען און האט זיך פריינדליך אויסגעבויגט מיט'ן גאנצען קערפער אין פאראויס און האט געריבען דיא הענד. — איך האָף צו האָבען דיא עהרע מיט איהר בעקאנט צו ווערען!...

מאריא איוואנאָוונא האט מיט'ן אויג געכאפט אן אויסדרוק אויף זארו־

דין׳ס פנים, און זיא האט אינסטינקטיוו פערשטאנען וואס אזוינס עס האט גע־קענט הערען פאר דער דאזיגער צופויל־טער, פרעכער מענשעלע וועגען איהר צארטער, קריסטאל־ריינער, אונשולדיג־היילינער לידא׳ן... דיזער געדאנק איז געוועזן אזוי שארף, אז ער האט אין איין רגע ארויסגערופען אין איהר פערוואונ־דעטען הארצען א געפיהל, אז אהגינג, אז לידא איז געפאלען, און דיא אלטע מא־מע איז צוטומעלט, צומישט געווארען און האט זיך מורא׳דיג דערשראקען.

— אויב מען וועט זיי ניט ארויס־יאגען פון דאנען — האט אין דיעזער מינוט א טראכט געטהאן סאנין — וועלען זיי נאך א סך צרות אנטהאן אי לידא׳ן אי נאוויקאוו׳ן....

— איך האב געהערט, אז איהר פאהרט אוועק? — האט ער פלוצים געפרעגט, קוקענדיג פארטראכט אויפ׳ן פאל.

זארודין האט זיך פערוואונדערט, וויא אזוי איז איהם אליין ניט איינגע־פאלען, אזא איינפאכער און בעקוועמער געדאנק.

— טאמער וואלט איך טאקע אויף א׳ן אמת׳ן גענומען ערלויבנים און אב־געפאהרען אויף א פאאר מאנאטען...— איז איהם דורכגעפלויגען א געדאנק אין מוח און זארודין האט שנעל געענט־פערט:

— יא, איך קלייב זיך טאקע... מען האט געדארפט אויסרוהען, זיך אבי־סעל איבערלופטערען... ווייסט איהר... מען קען פארשימעלט ווערען אויף איין פלאץ!

סאנין האט זיך פלוצים צולאכט. צי קאמיש איז געוועזן דער גאנצער גע־שפרעך, אין וועלכען קיין איין ווארט האט ניט אויסגעדריקט דאס, וואס דיא מענשען האבען געפיהלט און געדענקט. און הגם זיי האבען געוואוסט, אז קיינער גלויבט ניט אין זייערע רייד, האבען זיי פון דעסטוועגען ניט אויפגעהערט צו נארען איינער דעם אנדערן. און קוקענ־דיג אויף זיי האט סאנין זיך צולאכט און אויפ׳ן הארצען איז איהם געווארען עפעס מאדנע פריי און פרעהליך.

— א גליקליכע רייזע! — האט ער געזאגט דאס ערשטע וואס איז איהם געקומען אין קאפ.

און אין איין רגע האבען זיך אלע דריי מענשען אומגעביטען אזוי וויא פון אלעמען וואלט פלוצים אראבגעפא־לען דער שטרענגער קראכמאלענער קאסטיום. מאריא איוואנאוונא איז בלאס געווארען און האט זיך צוזאמענ־געצויגען, אין וואלאשינס אויגען האט א שיין געטהאן דער אויסדרוק פון א פייגען טירישען געפיהל און ער האט זיך גענומען פארזיכטיג ארומקוקען. און זארודין האט שטיל און ניט זיכער זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט. א לעבעדי־גע בעוועגונג האט אנגעפילט דאס גאנ־צע צימער.

— וואס זאגט איהר? — האט זארודין געפרעגט מיט א פארשטיקטער שטימע.

וואלאשין האט זיך דערשראקען און אום עס צו בעהאלטען, האט ער זיך שטיל צולאכט, זוכענדיג מיט זיינע שארפע, צושראקענע אויגלאך זיין הוט. ניט ענטפערענדיג זארודין׳ען, האט סא־נין מיט א פרעהליכען אבער בייזען שמייכעל אויפגעזוכט וואלאשינ׳ס הוט און עס איהם דערלאנגט.

— ווי זאל איך דאס פארשטעהן? וואס מיינט איהר דערמיט? — האט מיט פערצווייפלונג אויסגעשריען זארו־דין און האט זיך אין גאנצען פערלא־רען. — א סקאנדאל! — האט זיך דורכגעטראגען אין זיין פארגליווערטען מוח.

— איך מיין — האט געזאגט סא־נין — אז איהר זייט דא אין גאנצען אן איבעריגער, און איהר וועט אונז אלע־מען פערשאפען א סך פערגניגען, ווען איהר וועט זיך פון דאנען אבטראגען.

זארודין האט א טרעט געטהאן פאראויס. זיין פנים איז געווארן שרעק־ליך און דיא ווייסע צייהן האבען ארויס־געשטארצעט ווילד, וויא ביי א חיה.

— אה־אה.... אזוי גאר.... — האט ער ארויסגערעדט מיט א פאר־שטיקטען, ציטערענדיגען קול.

— ארויס פון דאנען, וואן! —

האָט מיט פּע־אַכטונג קורץ און שאַרף געענטפערט סאַנין.

און אין זיין קול האָט זיך דערהערט אַזאַ שטאַרקע, אַזאַ שרעקליכע וואָרנונג, אַז זאַרודין האָט אָבגעטראָטען, איז אַנשווינען געוואָרען, מאַכענדיג ווילד און משונה׳דיג מיט די אויגען...

— דער טייפעל ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס... האָט ניט הויך אַ בורטשע געטהאָן וואָלאָשין און האָט שנעל גענומען געהן צום טיהר, בעהאַלטענדיג דעם קאָפּ אין די פּלייצעס.

אין דער מינוט האָט זיך לידאַ בעוויזען אין טיהר.

קיינמאָל אין איהר לעבען, ניט פריהער און ניט שפּעטער, האָט זי זיך ניט געפיהלט אַזוי בעליידיגט, אַזוי ערניעדריגט. עפּעס וויא אַ נאַקעטע שקלאַפין, פיר וועמען מען האָט זיך צושלאָגען אויפ׳ן מאַרק, האָט זיא געפיהלט... אין ערשטען מאָמענט, ווען זיא האָט זיך דערוואוסט וועגען זארודינס מיט וואָלאָשינס בעזוך, האָט זיא גלייך פערשטאַנען דעם צוועק פון זייער קומען. און די בעליידיגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיא האָט זיך נעהרוועז צואווינט און איז אַנטלאָפען אין גאָרטען, צום טייך, מיט דעם אויפ׳ס נייע ערוואַכטען געדאַנק וועגען זעלבסטמאָרד.

— וואָס טהוט זיך דאָ?... שוינדזשע איז שוין גאָר קיין סוף ניטאָ! האָב איך דען בעגאַנגען אַזאַ שרעקליכען פאַרברעכען, אַז יעדער איינער וועט האָבען דאָס רעכט מיך צו בעשימפּפען און בעשמוצען...— האָט זיא אויסגעשריען מיט ווערטאָג, און פאַרבראָכען די הענד איבער׳ן קאָפּ.

אָבער אין גאַרטען איז געווען אַזוי העלל און ליכטיג, דער הימעל איז געווען אַזוי בלוי, דאָס וואַסער ביים ברעג האָט געבליטשטשעט אַזוי ריין און קלאָהר און דער הונד, דער פּאַקסטעריער מילל, דערזעהענדיג לידאַ׳ן האָט זיך מיט איהר אזוי דערפרעהט נאָכלויפענדיג נאָך איהר. אַז לידאַ איז געקומען צו זיך... זיא האָט זיך פּלוצים אינסטינקטיוו דערמאָנט, אַז פריהער זיינען אויך שטענדיג נאָכגעלאָפען נאָך איהר מענער און געקוקט אויף איהר מיט ברענענדיגע, פּרעכע אויגען און איהר איז דאָס ניט געווען אונאַנגענעהם. און אַ געפיהל פון שטאָלץ האָט אין איהר ערוואַכט.

— נו, וואָס איז — האָט זיא אַ טראַכט געטהאָן: — וואָס געהט עס מיך אָן, וואָס ער טראַכט פון מיר... איך האָב געוואָלט האָב איך איהם געליעבט און יעצט בין איך זיך מיט איהם פונאַנדערגעגאַנגען.... און קיינער, קיינער דאַרף קיין מאָל ניט וואַגען מיך צו פערראַכטען!...

און ענטשלאָסען, האָט זיא זיך אומגעקעהרט צוריק צום הויז און איז אַוועק.

אין טהיר האָט זיא זיך בעוויזען ניט אַזאַ, וויא עס זיינען געוואוינט געווען זיא צו זעהן פרעמדע מענשען. אַנשטאָט אַ הויכע מאָדערנע פּאָמפּאַדור, וויא זיא האָט אימער געטראָגען, האָט זיך יעצט אויף איהר רוקען געשלענגעלט אַ לאַנגער, דיקער, פראַכטפאָלער צאָפּ. אנשטאָט אַ רייכען, קונציגען קאָסטיום האָט זיא יעצט געטראָגען אַ לייכטע, איינפאַכע הויז־קליידעל, דורך וועלכען עס האָט זיך דורכגעזעהען איהר פרייער, וואונדער שעהנער קערפּער, און אין גאַנצען האָט זיא איצט אין איהרע איינפאַכע הויז זאַכען אויסגעזעהן מערקווירדיג ליעב, שעהן און אַנציהענד.

שמייכלענדיג מיט דעם בעזונדערן שמייכעל, וואָס האָט איהר עהנליך געמאַכט צו איהר ברודער, האָט לידאַ רוהיג איבערגעטראָטען דעם שוועל און האָט געזאָגט מיט אַ קלינגענדען, שעהנעם קול:

— און אָט בין איך אויך דאָ... וואוהין קלייבט איהר זיך?... וויקטאָר סערגייעוויטש וואַרפט דאָך אַוועק אייער היטעל!...

סאַנין איז אַנשווינען געוואָרען און ברייט פונאַנדערגעעפענט די אויגען, האָט נייגעריג און ענטציקט אָנגעקוקט די שוועסטער.

— וואָס איז דאָס פיר אַ נייעס?

— האָט ער אַ טראַכט געטהאָן.

עפּעס א מערקווירדיגע אינערליכע קראַפט, אי שטאַרק, אי ליעב, אי אונבעזיעגבאַר, אי יונגפרויליך צאַרט איז אין צימער אריין. ווי א חיה־צעהמעריך וואָלט אין א שטייג אריין פון צווישעטע חיות... די מענער זיינען פּלוצים געוואָרען ווייך און נאַכגעביג.

— לידא פּעטראָוונא, איך... איך... זעהט איהר — האָט גענומען שטאַמלען זאַרודין.

און ווי נור ער האָט גענומען רייד־דען, האָט אויף לידא'ס פּנים א שיין געטהאָן א רחמנות'דיגער און הילפלאָזער אויסדרוק. זי האָט שנעל אויף איהם א קוק געטהאָן און איהר האָט פּלוצים גענומען אונערטרעגליך וועהטהאָן. אַן עראינערונג פון פריהערדיגע גליקליכע מינוטען האָט אין איהר ערוואכט, און עס האָט זיך איהר מורא'דיג פאַרוואָלט אויף עפּעס צו האָפּען. דיזער פערלאַנג האָט אָבער גלייך אָבגעטראָטען פיר דעם שטאָלץ און דער נויטיגקייט איהם צו בעווייזען, וויפיעל ער אַליין האָט פערלוירען און ווי אַנציהענד שעהן זי איז נאָך אַלץ, ניט קוקענדיג אויף די ליידען און ערניעדריגונג, וועלכע ער האָט איהר פערשאַפט...

— איך וויל קיין זאַך ניט זעהן! — און כמעט צומאַכענדיג איהרע שעהנע אויגען אויף אַן אמת'ן האָט שטאָלץ און עטוואס טהעאַטראַליש ארויסגערעדט לידא.

וואלאשין האָט זיך גאָר דערפיהלט עפּעס מאָדנע. דיזע וואונדער־שעהנע מיידעל אין דעם איינפאַכען הויז־קלייד וואָס האָט קוים, קוים צוגעדעקט די פּראַכטפאָלע, צאַרטע און רייכע פאָרמען, האָט צו־וואַרעמט זיין גאַנצען וועזען. דער שאַרפער צינגעל האָט יעדע ווייַלע באַלעקט זיינע פערטריקענטע ליפּען, זיינע אויגען זיינען נאָך קלענער געוואָרען און דער גאַנצער קערפּער אונטער דעם פרייען זומערדיגען קאָסטיום האָט זיך אָנגעצונדען פון פיזישער בעגייסטערונג.

— טאָ שטעלט זשע פאַר דעם הערדן... — האָט געזאָגט לידא און א קעהר געטהאָן צו איהם איבערן פּלייצע איהרע גרויסע יונג־פרויליכע אויגען מיט די דונקעלע ברעמען.

— וואלאשין... פּאַוועל וואלאשין..

— האָט ארויסגעשטאַמעלט זארידין.

— און אזא פּארשוין איז געווען מיין געליעבטע! — האָט מיט א בערידמעמערישען געפיהל געגען וואלאשין'ן און מיט אמת'ער בעגייסטערונג געטראַכט זאַרודין, אין דערזעלבער צייט אָבער איז אויך וואַך געוואָרען דאָס בעוואוסטזיין אז זי איז פאַר איהם פערלאָרען, אויף אימער פערלאָרען.

לידא האָט זיך לאַנגזאַם אומגעקעהרט צו דער טהיר.

— מאַמע, דאָרט פרעגט מען אויף איך... — האָט זי געזאָגט.

— זיי וועלען זיך בעגעהן אָהן מיר מיר איז יעצט ניט... — האָט אַנגעהויבען מאַריא איוואַנאָוונא.

— איך זאָג... — האָט אונטערבראָכען לידא און אין איהר קול האָבען זיך פּלוצים דערהערט טרעהרען.

מאַריא איוואַנאָוונא האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון איהר אָרט. סאַנין האָט געקוקט אויף לידא'ן און די נאָזלעכער זיינע האָבען זיך פּאַנאַנדערגעבלאָזען ברייט און שטאַרק.

— מיינע הערען, קומט אין סאָד... דאָ איז צו הייס! האָט לידא זיך אָבגערופען און, ניט קוקענדיג, צו מען געהט נאָך איהר, איז זי ארויס אויפן באַלקאָן.

די מענער, ווי פערהיפּנאָטיזירטע האָבען זיך א לאָז געטהאָן נאָך איהר, אקוראט ווי זי וואָלט זיי געפּענטעט מיט איהר צאָפּ און געשלעפּט מיט געוואַלד נאָך זיך, וואָהין זי וויל נור... וואלאשין איז געגאַנגען דער ערשטער נאָך איהר, א בעגייסטערטער און א צורייצטער, פערגעסענדיג אַלעם אויף דער וועלט אויסער איהר.

לידא האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטער דעם שאָטען פון א לינדען־בוים אין א שאָקעל שטוהל און האָט אויסגעצויגען איהרע קליינע פיסעלעך אין געלע טופליעס אויף שוואַרצע. דינע, דורכזיכטיגע זאָקען. אין איהר זיינע, דאָכט

זיך ווִיא געזעסען צוויי נשמות: איינע, וואָס האָט זיך געמוטשעט פון שאַנד, בעליידיגונג און בענקעניש, און אַ צווייטע, וואָס האָט זיא געשטופּט אומיסטנע אַנצונעהמען פערשיעדענע אויפרייצענדע פּאָזעס, איינע פון דער אַנדערער שעהנער און בייגיגער... דיא ערשטע נשמה האָט געקוקט מיט פעראַכטונג און האַס אויף דיא מענער, אויף זיך אַליין און אויפן גאַנצען לעבען און דיא צווייטע נשמה האָט דאַכט זיך, וויא געשעפּצעט: וויז זיי, וויא שעהן דו ביסט... רייץ זיי אויף און נאַכדעם... אַ מכה, אַ מכה!...

— נו, פּאַוועל לוואָוויטש, וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט אויף אייך געמאַכט אונזער קליין שטעטיל? — האָט לידאַ זיך געווענדעט צו וואַלאַשין'ן און געזשמורעט מיט די אויגען ווי אַ קאַץ.

וואָלאשין האָט מיט אַן אימפּעט זיך אַ כאַפּ געטהאָן רייבען זיינע פינגער.

— אַזאַ מין איינדרוק, וויא אויף איינעם, וואָס שטויכט זיך אָן אין אַ ווילדען וואַלד אויף אַ פּרעכטיגע בלום!

— האָט ער געענטפערט.

און צווישען זיי האָט זיך פערבונדען אַ לייכטער געשפּרעך, וואָס איז דורכאויס געווען פאַלש און ניט אינטערעסאַנט. אַלעס, וואָס דער אויער האָט געהערט פון דעם געשפּרעך, איז געווען פאַלש. און אַלעס וועגען וואָס זיי האָבען פערשוויגען איז געווען אמת...

סאַנין האָט געשוויגען און האָט טאַקי געהערט יענעם אמת, וואָס זיי האָבען פערשוויגען... אָהן ווערטער און אָהן טענער האָט דער דאָזיגער אמת ארומגעפּויזעט איבער זייערע פּנים'ער, איבער זייערע הענד און פיס און אין דעם ציטערן פון זייערע שטימען...

לידאַ האָט געליטען. וואָלאשין האָט זיא מיט דיא אויגען געשלונגען. און זאַרודין האָט שוין געהאַכט אי זיא, אי סאַנין'ן, אי וואָלאָשין'ן, אי דיא גאַנצע וועלט, האָט געוואָלט אַוועקגעהן און איז ניט אַוועק. האָט געוואָלט עפּעס טהאָן, וואָס זאָל אויסדריקען זיין האַס, האָט אָבער גאָר נישט געטהאָן און גערויכערט אַ סיגאַרעט נאָך אַ סיגאַרעט. אין איהם האָט זיך מיט אַמאָל ערוועקט אַ משונה'דיגער פערלאַנג, אַרויסצושטעלען אָפען פאַר אַלעמען לידאַ'ן אַלס זיין געליעבטע.

— אַלזאָ, אייך געפעלט ביי אונז און איהר האָט ניט קיין חרטה, וואָס איהר האָט פערלאָזען פּעטערבורג? — האָט ווייטער געפרעגט לידאַ.

— פערקעהרט! — האָט וואָלאשין געענטפערט און מאַכענדיג אַ קאָקעטישע בעוועגונג מיט דיא הענד, האָט ער זיך איינגעגעסען מיט זיינע אויגען אין איהר ביוסט.

— נור אָהן פראַזען! — דאָט לידאַ זיך אָבגערופען און איהם אָבגעשטעלט מיט אַזאַ בעוועגונג מיט דער האַנד, וואָס איז געווען אי קאָקעטיש, אי בעפעהלענד. און ווידער האָט זיא דערפיהלט אין זיך דיא צוויי נשמות: איינע האָט אַרויסגערופען דיא פאַרב פון שאַנדע אויף איהר פּנים; דיא צווייטע האָט איהר געצוואונגען נאָך מעהר אַרויסצושטעלען איהר הויכען ביוסט פאַר דיא פרעכע אויגען פון וואָלאשין.

— דו האָסט דאָך אוודאי געמיינט אַז איך בין זעהר אונגליקליך... אַז איך בין דערשלאָגען!... טאַ זעה!... איהר זייט אַזעלכע, וועל איך אויך זיין אַזאַ!

— האָט זיא, וויינענדיג אין זיך, מיט'ן האַרצען גערעדט צו זאַרודינען.

— אַה, לידאַ פּעטראָוונאַ! — האָט מיט האַס זיך אָבגערופען זאַרודין

— ווער רעדט דאָ פראַזען! . . .

— איהר זאָגט עפּעס? — האָט קאַלט מיט גאָר אַן אַנדער טאָן געפרעגט לידאַ און זיך גלייך ווידער אומגעקעהרט צו וואָלאשינען.

— דערצעהלט מיר עפּעס וועגען דעם לעבען אין פּעטערבורג — האָט זיא זיך ווידער געווענדעט צו וואָלאשין.

— ביי אונז וווייסט מען דאָך גאָר ניט פין דעם ריכטיגען לעבען!

זאַרודין האָט בעמערקט וויא וואָלאשין האָט לייכט אַ שמייכעל געטהאָן אין זיין זייט, און ער האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז וואָלאשין וועט אי־ם שוין ניט גלויבען וועגען זיינע נאָהענטע פערהעלטניסע מיט לידאַ'ן.

— אהא, אזוי ? . . . גוט ! — האט ער מיט האס געטראכט.

— וועגען אונזער לעבען זאל איך אייך דערצעהלען ?...

און וואלאשין האט אנגעהויבען צו דערצעהלען. ער האט גערעדט לייכט און שנעל און געמאכט דעם איינדרוק פון א נארישער אפע, וואס פלאפלעלט עפעס אויף איהר אונפערשטענדליכער שפראך.

ער האט זיך אבגעשטעלט, אבגע־כאפט דעם אטהעם און, א קוק געטהאן מיט פערבארגענער האפנונג אויף לידא'ס פנים, אויף איהר ברוסט און אויף איה־רע ברייטע לענדען, האט ער צוגעלייגט:

— איך גיב אייך מיין עהרענוואָרט לידא פעטראָוונא, אז אונזער לעבען איז זעהר בלאס און לאנגווייליג... אבער ביז היינט האב איך אין כלל גערעכענט אז דאס לעבען איז לאנגווייליג, צו ביי אונז, צו אין דארף . . .

— אזוי גאר ! — האט לידא האלב צוגעמאכט דיא אויגען.

— דאס וואס מאכט דעם לעבען אינטערעסאנט, איז דיא פרוי! און דיא פרויען פון די גרויסע שטעדט... אך, ווען איהר וואלט זיי געזעהען!... און ווייסט איהר, איך בין איבערצייגט, אז אויב א מאן וועט עפעס ראטעווען דיא וועלט פון אונטערגעהן וועט עס זיין דיא שעהנקייט ! — האט אונערווארטעט א זאג געטהאן וואלאשין, מיינענדיג, אז זעהר א טיעפער שכל ליגט אין דעם דאָ־זיגען זאג זיינעם.

אויף זיין פנים איז וויא פערגלי־וועדט געוואָרען אן אונזיננינגער טהירי־שער אויסדרוק און ער האט גערעדט און גערעדט און געפלאפלעלט מיט א לויזער צונג און זיינע אלע ווערטער, און זיינע אלע געדאנקען האבען זיך געדרעהט ארום דיא פרויען, אקוראט וויא ער וואלט זיי אין זיין פאנטאזיע אויסגעטהאן איינע נאך דער אנדערער און וואלט זיי פער־גוואלדיגט...

און זארודין, בעמערקענדיג אט דעם דאזיגען אויסדרוק אויף זיין פנים, האט פלוצים דערפיהלט א ניט־דיימלי־כע אייפערזוכט. דיא פארבען אויף זיין פנים האבען זיך געביטען און ער האט ניט געקענט איינשטעהן אויף איין ארט און איז ארומגעגאנגען פון איין פלאץ אויפן אנדערן...

— אונזערע גרויס־שטאָדטישע פרויען זיינען אזוי עהנליך איינע אויף דיא אנדערע און זיינען אזוי פערקרי־פעלט געוואָרען ! . . . עס איז שווער צו געפינען איינע, וואס איז פעהיג ארויסצורופען ווירקליכע בעגייסטערונג פאר איהר שעהנקייט . . . ניט יענעם, ווייסט איהר, כפעציפישען געפיהל, מיין איך, נור טאקי דיא ריינע, דיא ווירקליכע בעגייסטערונג, וועלכע מען פיהלט פאר א סטאטוע אין דיא גרויסע שטעדט ! . . . אום צו געפינען אזא שעהנקייט, מוז מען קומען צו אייך אין שטעדטעל, וואו דאס לעבען איז נאך א פרישער באדען, וועלכער איז פעהיג ארויסצוגעבען דיא פראכטפול־סטע בלומען.

סאנין האט ניט וועלענדיג זיך א קראץ געטהאן אין נאקען און איבערגע־לייגט א פוס איבער א פוס.

— צי... זאלען דא דיא פראכטפולע בלומען וואקסען, אז עס איז ניטא, ווער עס זאל זיי דא פלי־קען ? — האט לידא זיך אבגערופען.

— אהא, אט וואוהין זיא צילע־וועט ! . . . — האט סאנין א טראכט געטהאן, פעראינטערעסירט.

איהם איז מורא'דיג אינטערע־סאנט געוועזען אט דער דאזיגער עדעל און גראבער מיש־מאשעדיגער שפיעלען פון געפיהלען און פערלאנגען, וואס ער האט דא געזעהען.

— וואס מיינט איהר ? — האט וואלאשין געפרעגט.

— איך מיין ערענסט ! אומ־שטיינס געזאגט, וואס פאר א העלדען עס פליקען דא אונזערע בלומען ! — האט זיך ביי לידא'ן ארויסגעריסען גאנץ ערענסט, טרויעריג און ריהרענד.

— איהר זייט אזוי אונבארעמ־הערציג צו אונז ! — האט זארודין זיך פלוצים ארייגעמישט.

— לידא פעטראָוונא איז גערעכט!

— האט מיט היץ אונטערגעכאפט וואָ־לאשין, האט זיך אבער גלייך פערכאפט

און זיך צושראָקען אומגעקוקט אויף זארודין'ען.

לידא האָט זיך צולאכט, און איה־רע ברענענדיגע אויגען, וועלכע האָבען זיך אָנגעצונדען מיט שאַנד און נקמה, האָבען זיך איינגעגעסען אין זארודין'ס פּנים. און וואלאשין האָט ווידער גע־נומען פלאַפּלען, און זיינע ווערטער האָבען זיך געשאָטען און געשפּרונגען, וויא א מחנה משונה'דיגע פערזעהעני־שען, דער רוח ווייכט, פון וואנען.

ער האָט שוין גערעדט וועגען דעם, אז דיא פרוי, וואָס האָט א שעהנעם קערפּער, קען זיך ווייזען אין גאס א נאַקעטע אין גאַנצען און דערביי וועט זיא ניט אויפוועקען אין דיא מענער קיין שמוציגע פערלאַנגען, און עס איז קענטיג געוועזן, אז ער האָט א שטאַר־קען חשק געהאַט, אז דיעזע פרוי זאָל זיין לידא און א נאַקעטע זאָל זיא זיך ווייזען ניט אַנדערש וויא פאַר איהם.

און לידא האָט געלאַכט, איהם איבערגעשלאָגען און אין איהר הויכען געלעכטער האָט אָבגעקלונגען שאַנד און טרעהרען פון בעליידיגונג און שמערצען.

עס איז געווען היים. דיא זונן האָט הויך און גלייך געקוקט אין סאָד אַריין, און דיא בלעטער פון דיא בוימער האָבען זיך שטיל, שטיל געשאָקעלט, אַקוראַט וויא זיי וואָלטען אויפגערעגט געווען פון זודיגע פערלאַנגען, וואָס זיינען נור אָב־געהאַלטען געווען פון א פוילען זיך. און אונטער זיי איז געזעסען א שעהנע, יונ־גע שוואַנגערע פרוי מיט פערבאָרגענע טרעהרען און ליידען, וועלכע האָט גע־וואָלט נקמה נעהמען פאַר איהר בעליי־דיגטע ליעבע און וועלכע האָט געפיהלט מיט שאַנדע און ווייטאָג אז דאָס גיט זיך איהר ניט איין . . .

און נעבען איהר איז געשטאַנען איין מאַנסביל, א שוועכלינג, א פייגלינג, וועל־כער האָט זיך געמוטשעט אין דיא קרעמ־פּפען פון ארויסגעוויזענער און בעהאַל־טענער ליידענשאַפט, און א צווייטער מאַנסביל, וועלכער האָט געליטען פון ער־נידריגענדען, אייפערזיכטיגען כעס...

פאַנין איז געזעסען אָן א זייט אין דעם ווייכען און גרינעם שאָטען פון דעם לינדרענבוים און האָט רוהיג געקוקט אויף זיי.

— נו, מען דארף געהן — האָט אויפן סוף ניט אויסגעהאַלטען זארודין.

עפּעס האָט ער, ניט וויסענדיג אַליין ווארום געפיהלט אין אַלעם: אין דעם געלעכטער, אין דיא אויגען, אין דעם ציטערן פון לידא'ס פינגער, פערבאָר־גענע פעטש פאַר איהם... און דער כעס אויף איהר, דיא אייפערזוכט צו וואָלאַ־שינען און דיא פיזישע בענקעניש נאָך איהר קערפּער, וואָס ער האָט פערלאָרען, האָבען איהם פערמאַטערט.

— שוין? — האָט לידא געפרעגט.

וואלאשין האָט זיך חן'עוודיג־זיס געזשמורעט, געשמייכעלט און האָט מיט א דין ציגגעלע ארומגעלעקט זיינע לי־פען . . .

— וואָס קען מען טהאָן... וויקטאָר סערגייאיטש פיהלט זיך ניט גוט הפּנים — האָט ער געזאָגט מיט איראָניע אין קול און זיך פאַרגעשטעלט אלס זיעגער.

זיי האָבען זיך גענומען זעגענען. ווען זארודין האָט זיך צוגעבויגט צו לי־דא'ס האַנד, האָט ער פלוצים א שעפּצע געטהאָן:

— זיי מיר געזונד! . . .

ער האָט אַליין ניט געוואוסט, פאַר־וואָס ער האָט עס געטהאָן, אָבער נאָך קיין מאָל האָט ער זיא אזוי ניט גע־ליעבט און אזוי ניט געהאַסט, וויא אין דיזער מינוט. און וויא אַלס ענטפער אויף זיינע ווערטער, האָט אין איהר נשמה א ציטער געטהאָן א טרויעריגער און צאַרטער פערלאַנגען, צושיידען זיך מיט איהם אָהן האַס און אָהן כעס פאַר דיא אַלע גליקליכע מינוטען, וואָס זיי האָבען איבערגעלעבט צוזאַמען. זיא האָט אָבער דערשטיקט אין זיך אָט דעם דאָזי־גען געפיהל און געענטפערט הויך און אָהן רחמנות:

— אדיע! . . . א גליקליכע רייזע!.. פּאַוועל לוואָוויטש, אייך בעט איך, אונז ניט צו פערגעבען! . . .

מען האָט געהערט, וויא וואלאשין האָט געזאָגט, אַוועקגעהענדיג, אומיכטיגע הויך:

— אָט דאָס איז א פרוי, זיא פאַר־

שיבור׳ס, וויא שאמפאניער ! . . .

זיי זיינען אוועק, און ווען זייערע טריט האבען זיך שוין מעהר ניט גע־הערט, האט זיך לידא אוועקגעזעצט אין טאקעל־שטוהל, אבער שוין ניט אזוי ווי פריהער, נור צונויפגעהויקערט און ציטערנדיג מיט׳ן גאנצען קערפער. שטילע טרעהרען האבען זיך געגומען גיסען איבער איהר פנים און זיא האט גע־וויינט שטיל, איינגעהאלטען.

און קוקענדיג אויף איהר, האט זיך סאנין מיט אמאהל דערמאנט אן דעם פערקלערטען בילד פון דער רוסישער מיידעל, מיט איהר רייכען צאפ, מיט איהר טרויעריגען לעבען און מיט איהרע באטיסטענע ארבעל מיט וועלכע זי ווישט פער׳גנב׳עט דיא טרעהרען, זי־צענדיג פריהלינג־צייט ערגעץ איבער אן אבגרונד פון א טייך... און מיט דעם זאס לידא מיט איהר הויכער פאמפא־דור און רייכע קליידער מיט שפיצען איז גאר ניט עהנליך צו יענעם אלט־פרענקי־שען בילד פון אן אונשולדיג מיידעל, האט זיא ארויסגערופען נאך מעהר רחמנות צו זיך.

— נו, וואס וויינסטו ? — האט זיך אבגערופען סאנין, איז צוגעגאנגען צו איהר און זי אנגענומען פאר א האנד.

— לאז מיך... וואס פאר א שרעק־ליכע זאך איז דאס לעבען — האט לי־דא ארויסגערעדט און צוגעבויגט זיך צו דיא קניע, האט זיא פערדעקט דעם פנים מיט דיא הענד. איהר וויכער צאפ האט זיך שטיל צונויפגעוויקעלט אויף איהר אקסעל און אראבגעגליטשט זיך אויף דער אנדער זייט.

— טפוי ! — האט סאנין א שפיי געטהאן מיט כעס : — נעהמט זיך דאס לעבען פון אזוינע נארישקייטען !...

— שוין זשע זיינען ניטא קיין אנ־דערע, קיין בעסערע מענשען ! — האט לידא ווידער ארויסגערעדט.

— זיכער ניט — האט סאנין א שמייכעל געטהאן — דער מענש איז הקעסליך פון נאטור אויס... ערווארט פון איהם קיין גוטעס, דאמאלס וועסטו ניט ליידען פון דיא שלעכטעס וואס ער וועט טהאן...

לידא האט אויפגעהויבען דעם קאפ און איהם אנגעקוקט מיט איהרע שעהנע פערוויינטע אויגען.

— און דו ערווארטעסט ניט קיין גוטעס פון דיא מענשען ? — האט זיא געפרעגט שוין אביסעל רוהיגער.

— געוויס ניט — האט געענטפערט סאנין — איך לעב אליין . . .

## 29טער קאפיטעל.

אויף מארגען איז דונקא, א באר־פוסע, מיט א פערגליווערטער אויסדרוק פון שרעק אין איהרע נארישע אויגען, געקומען צולויפען צו סאנין, וועלכער האט אין דיזער צייט געריינינגט אן אלטע אין כאד, און האט געזאגט :

— וולאדימיר פעטראוויטש, איין ווילען זעהן אפיצירען . . .

סאנין האט זיך ניט פערוואונדערט וואָרים צו אזוי האט ער ערווארטעט אז זארודין זאל איהם ארויספא־דערן אויף א דועל . . .

— זיי דארפען מיך זעהר נויטיג זעהן ? — האט ער אויף שפאס געפרעגט ביי דונקא׳ן.

אבער דונקא, וויא עס שיינט, האט געוואוסט וועגען עפעס, וואס איז געווען זעהר שרעקליך, אין זיא האט א קוק גע־טהאן איהם גלייך אין דיא אויגען ארייין מיט אונרוהיגען מיטגעפיהל.

סאנין האט אוועקגעשטעלט דעם גראב־אייזען ביים בוים, האט פערריכט דעם געדע־נעם פאס ארום זיך און, ווי־גענדיג זיך אין גאנג, וויא זיין געוואהנ־הייט איז געווען, איז ער אוועק אין הויז.

— עך, אידיאטען ! — האט ער מיט פערדרוס געטראכט וועגען זארו־דינען און זיינע סעקונדאנטען. דאס איז אבער ניט געווען קיין זידלעריי, נור זיין ערנסטע מיינונג וועגען זיי.

ביים טהיר פון הויז האט ער גע־טראפען לידא׳ן. זיא איז געשטאנע־דארט אויפן שוועל א בלייכע מיט אוי־גען וואס האבען אויסגעדריקט טיעפע ליידען. זיא האט א מאך געטהאן מיט דיא ליפען, האט אבער גאר ניט געזאגט. אין דיזער מינוט האט זיא זיך געפיהלט דיא אונגליקליכסטע און פערדארבענסטע פרוי אויף דער וועלט.

אין גאסט־צימער אויף א קרעבלא איז געזעסן זיין אלטע מאמע א דערשלאגענע. איהר פנים האט אויסגעזעהען אזוי אונגליקליך און דער קאם אויף איהר קאפ האט עפעס, וויא פון שרעק, זיך פערדרעהט אן א זייט אויף איהרע האר. זיא האט א קוק געטהאן אייף סאנין'ן מיט בעטענדע, צושראקענע אויגען, האט אויך א מאך געטהאן מיט דיא ליפען און גאר נישט געזאגט.

סאנין האט א שמייכעל געטהאן צו איהר, געוואלט איהר עפעס זאגען, האט זיך אבער מיישב געווען, אז מען דארף ניט, און איז אוועק ווייטער.

אין זאאל זיינען געזעסן טאנאראוו און פאן־דייץ און האבען געווארט אויף איהם. זיי זיינען ניט געזעסן, ווי געוויינליך, נור מיט דיא פיס אונטערגעקארטשעט און מיט דער ברוסט ארויסגעשטעלט, אקוראט וויא זיי וואלט מורא'דיג ניט אנגענעהם געווען אין זייערע ווייסע כאלאטען און אין שמאלע בלויע אנגעצויגענע הויזען.

ווען סאנין איז אריין, האבען זיי זיך לאנגזאם און אונענטשלאסען אויפגעהויבען פון זייערע ערטער און האבען, וויא עס איז קענטיג געווען, ניט געוואוסט, וויא צו פיהרען זיך ווייטער.

— גוט מארגען, מיינע הערען! — האט געזאגט סאנין און זיי דערלאנגט דיא האנד.

פאן־דייץ האט זיך א רגע געקווענקעלט, טאנאראוו אבער האט זיך פלינק און איבערטריבען פערנייגט פאר סאנין'ן און האט איהם אזוי פייערליך געדריקט דיא האנד, אז איהם, סאנין'ן האט זיך געווארפען אין דיא אויגען יענעמס אונטערגעגאלטער נאקען.

— נו, וואס וועט איהר עפעס זאגען גוטעס? — האט זיך סאנין אבגערופען, בעמערקענדיג טאנאראוו'ס בעזונדערע העפליכקייט און וואונדערנדיג זיך וויא געשיקט און זיכער מאכט דורך אט דער דאזיגער אפיציער דיא נארישע, פאלשע צערעמאניע.

פאן־דייץ דאט זיך אויסגעגלייכט און אויף זיין פערדישער פיזאנאמיע האט זיך צוגאסען א קאלטע מינע. און מערקווירדיג: ריידען גלייך און זיכער האט איצט גערעדט דער שטענדיגער שווייגענדער און שעהמעוודיגער טאנאראוו.

—אונזער פריינד, וויקטאר סערגייאיטש זארודין האט אונז בעהרט מיט זיין פערטרויען, צו פאדערן פון אייך אן ערקלעהרונג — האט ער געזאגט דייטליך און מיט א קאלטען טאן, אקראט וויא אינעווייניג אין איהם וואלט געזומען ארבייטען אן אנגעדרעהטע מאשינקע.

— אהא! — האט סאנין ארויסגערעדט מיט א קאמישער, כלומרשט וויכטיגער מינע.

— יא, — האט גערעדט טאנאראוו מיט אן איינגעשפארטען און פעסטען טאן, עטוואס ארונטערלאזענדיג זיינע ברעמען: — זארודין בעטראכט אייער האלטונג נעגען איהם פאר ניט זעהר...

— נו יא... איך פערשטעה... — האט איהם איבערגעשלאגען סאנין, פערלירענדיג מיט אמאל די געדולד: — איך האב איהם כמעט געגעבען אין האלז און נאקען... צו־וואס נאך דא דער „ניט זעהר"!....

טאנאראוו האט אנגעטהאן אויף זיך א כח, צו פערשטעהן עפעס, וואס האט זיך ביי איהם אין מוח געדרומישקעט, האט אבער ניט געקענט און גערעדט ווייטער:

— יא... ער פערלאנגט, איהר זאלט נעהמען אייערע ווערטער צוריק...

— יא, יא — האט איהם אונטערשטיצט דער לאנגער פאן־דייץ, ארומטאנצענדיג אויף זיינע לאנגע פיס, וויא א בוטשאן.

— וויא קען איך נעהמען מיינע ווערטער צוריק? א ווארט איז ניט קיין וואראביי, ארויסגעפלויגען, קען מען איהם ניט צוריקכאפען! — האט זיך אבגערופען סאנין, לאכענדיג מיט דיא אויגען.

טאנאראוו איז אנשווינען געווארען און האט איהם אריינגעקוקט גלייך אין דיא אויגען אריין.

— וואס פאר א שלעכטע אויגען

ער האָט! — האָט סאַנין אַ טראַכט געטהאָן.

— מיר זיינען ניט אויפגעלייגט צו הערען וויצען... — האָט בייז, אַקוראַט וויא ער וואָלט פּלוצלונג עפּעס פערשטאַנען, אַרויסגערעדט טאַנאַראָוו און איז רויט געוואָרען, וויא צונטער: — ווילט איהר נעהמען אייערע ווערטער צוריק, צו ניין?...

סאַנין האָט געשוויגען.

— אַ פאָרמאַלער אידיאָט! — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן, גענומען אַ שטוהל און זיך אוועקגעזעצט.

— איך וואָלט אפשר גענומען די ווערטער צוריק, אום צו פערשאַפען זאַרודין'ען דאָס פערגניגען און בערוהיגען איהם — האָט סאַנין געזאָגט ערנסט: — איבערהויפּט, ווען קיין שווערע מיה פאָדערט זיך ניט פאַר דעם... אָבער איך וועל עס ניט טהאָן, ווייל, ערשטענס, איז זאַרודין אַ דומער קערל און ער וועט מיינען, אַז איך האָב זיך פאַר איהם דערשראָקען און, צווייטענס, געפעלט מיר גלאַט ניט זאַרודין און צוליעב איהם צוריקנעהמען מיינע ווערטער לוינט זיך ניט...

— אַזוי... — האָט צווישען די צייהן מיט כעס אַרויסגערעדט טאַנאַראָוו.

פאָן-דייץ האָט צושראָקען אַ קוק געטהאָן אויף איהם און פון זיין לאַנגען פּרצוף איז פערשוואונדען דער לעצטער טראָפּען בלוט. זיין פּרצוף הייסט עס, איז געוואָרען געל און וויא פון האָלץ אויסגעהאַקט.

— אויף אַזאַ'ן אופן — האָט טאַנאַראָוו גענומען סטראַשען אויף אַ העכערען קול.

סאַנין האָט מיט אַ פּלוצימדינגען האַס אַ קוק געטהאָן אויף זיין שמאָלען שטערען און זיינע שמאָלע הויזען און האָט איהם איבערגעשלאָגען:

— נו און אַזוי ווייטער, אַזוי ווייטער... איך ווייס... נור, דאָס דאַרף איך אייך זאָגען, אַז שלאָגען זיך מיט זאַרודין'ען וועל איך ניט....

פאָן-דייץ האָט זיך מיט אַן אימפּעט אַ קעהר געטהאָן צו איהם. טאַנאַראָוו האָט זיך אויסגעגלייכט און, אַבנעהמענדיג אַ פּאָזע פון פעראַכטונג, האָט ער געפרעגט, ציהענדיג יעדע זילבע:

— וואַ—ר—רום?....

סאַנין האָט זיך צולאַכט, און זיין האַס איז אַזוי גיך פערשוואונדען, וויא עס איז געקומען.

— דערפאַר — האָט ער אַרויסגערעדט — ווייל, ערשטענס, וויל איך זאַרודין'ען ניט טויטען און, צווייטענס, וויל איך נאָך אַליין אויך לעבען...

— אָבער... האָט, קרימענדיג מיט די ליפּען, אָנגעהויבען טאַנאַראָוו ווידער.

— איך וויל ניט, און באַסטאַ! — האָט געזאָגט סאַנין, אויפהייבענדיג זיך פון'ם אָרט: — איך וועל אייך נאָך נעהמען ערקלערען וואַרום!... זעהט איהר, עס איז מיר זעהר נויטיג!.... איך וויל ניט, און פאַרטיג!...

אַ טיפע פעראַכטונג צו אַ מענשען, וואָס ענטזאָגט זיך צו שלאָגען אויף אַ דועל, האָט זיך ביי טאַנאַראָוו'ן צומישט מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אַז קיינער ניט אויסער אַן אָפיציער איז ניט פעהיג צו זיין אַזוי מוטהיג און אַנשטענדיג, אום זיך צו שלאָגען אויף אַ דועל. און דעריבער האָט ער זיך גאָר ניט פערוואונדערט, פערקעהרט, ער האָט זיך, דאַכט זיך, וויא דערפרעהט.

— נו, דאָס איז אייער זאַך — האָט ער געזאָגט, סטאַרענדיג זיך אויסצודריקען וואָס מעהר פעראַכטונג אין זיין קול: — איך מוז אייך אָבער וואָרנען...

— און דאָס ווייס איך אויך — האָט סאַנין זיך צולאַכט — אָבער איך ראַטה זאַרודין'ען, ער זאָל גאָר ניט פּרובען מיך בעליידיגען...

— וואָ-אָס? — האָט מיט אַ שמייכעל איבערגעפרעגט טאַנאַראָוו, נעהמענדיג פון פענסטער-געזימס זיין פוראַזשקע.

— איך מיין... האָט סאַנין גע-

ענטפערט — איך ראטה איהם, ער זאל מיך ניט טשעפען, אניט וועל איך איהם אזוי צוברעכען דיא ביינער, אז...

— הערט אויס! — האט זיך פלוצים ארויסגעכאפט פאן־דייץ. איך קען ניט ערלויבען... איהר מאכט חוזק!... און שוין־זשע פערשטעהט איהר ניט, אז ענטזאגען זיך פון א דועל איז... איז...

ער איז געווען רויט, וויא צונטער, און זיינע טעמפע אויגען האבען זיך נאריש און ווילד ארויסגעקאטשעט פון זייערע אויגען־לעכער און אויף זיינע ליפען האט זיך געשלענגעלט א ווייסער שוים פון כלינע...

סאנין האט נייגעריג אריינגעקוקט איהם אין מויל און געזאגט:

— און אזא מענש רעכענט זיך נאך פאר אן אנהענגער פון טאלסטאי'ן!

פאן־דייץ האט א בויג געטהאן מיט דעם קאפ און גענומען זיך טרויסלען.

— איך וועל אייך בעטען — האט ער גענומען קווויטשען, מוטשענדיג זיך פון דעם געדאנק, וואס ער שרייט אויף א גוט־בעקאנטען, מיט וועלכען ער האט נאך גאר ניט לאנג גערעדט וועגען פיעל וויכטיגע, אינטערעסאנטע פראגען: — איך וועל אייך בעטען ניט צו ריידען וועגען דעם... דאס האט ניט צו טהאן מיט דער זאך, צוליעב וועלכער מיר זיינען אהער געקומען!...

— נו, ניין — האט זיך סאנין אבגערופען — דאס האט שוין פיעל צו טהאן!.. טאלסטאי'ס א תלמיד און א דועל... עס גראמט זיך עפעס ניט!...

— און איך בעט אייך נאך אמאל — האט מיט א היסטערישען געשריי [illegible]עט שרייען פאן־דייץ, פערשפריצענדיג איהם אין גאנצען מיט זיין כליגע: — דאס איז שוין גאר... שוין גאר... מיט איין ווארט...

— געהט מיר צו אלע — האט סאנין זיך אבגערופען און זיך אבגערוקט פון דער שפריצענדיגער כליונע: — דענקט זיך וואס איהר ווילט, און זארודינען ניט איבער אז ער איז א דומקאפף!..

—איהר האט קיין רעכט ניט!—

האט זיך שיער ניט צוישמערט אויפן קויל פאן־דייץ.

— גוט, גוט... — האט טאנאראוו ארויסגערעדט — קומט, פאן־דייץ!

— ניין, איך געה ניט! — האט מיט זיין וויינענדיג קול געשריען פאן־דייץ און ארויסגעווארפען זיך מיט זיינע לאנגע הענד: — וויא וואגט ער?... דאס איז איינפאך.. דאס איז...

סאנין האט א קוק געטהאן אויף איהם, א מאך געטהאן מיט א האנד און איז אוועק.

— מיר ווערען טאקי אזוי איבערגעבען אונזער פריינד... האט איהם נאכגעשריען טאנאראוו.

— יא, יא, פערגעסט נור ניט — האט סאנין געענטפערט, ניט אומקערענדיג זיך, און איז פערשוואונדען.

אין גאנג האט ער געהערט, וויא טאנאראוו האט איינגערעדט פאן־דייץ'ן צו געהן.

— וואלאדיא — האט סאנין פלוצים דערהערט לידא'ס שטיל קול, וועלכע איז געשטאנען אין טהיר פון איהר צימער.

— וואס? — האט זיך אבגעשטעלט סאנין.

— קום אהער... איך דארף דיך.

סאנין איז אריין צו איהר אין צימער. דארט איז געווען האלב־פינסטער און גרין פון דיא בוימער, וואס זיינען געשטאנען געגען פענסטער און עס האט געשמעקט דארט מיט פערפיום, מיט פודרע און מיט פרוי.

— וויא אנגענעהם דא איז ביי דיר! — האט זיך אבגערופען סאנין, אבציהענדיג דעם אטהעם לייכט און לוידענשאפטליך.

זיא איז געשטאנען מיט'ן פנים צום פענסטער און אויף איהרע פלייצעס און נאקען האבען זיך וויך און שעהן אבגעטונקט דיא גרינע שאטענס פון'ם כאד.

— נו, וואס ווילסטו מיך זעהן?

— האט מיט א ווייך קול געפרעגט סאנין.

לידא האט געשוויגען און נאך אטהעמט שווער און נאכאנאנד.

— וואס איז דיר ? . .

— דו ווייסט ניט ... אויפ'ן דועלל ?

— האט זיא ארויסגערעדט מיט א פערשטיקטען קול, ניט אומקעהרענדיג זיך צו איהם.

— ניין, האט ער געענטפערט קורץ.

לידא האט געשוויגען.

— ווארום, לידא ?

איהר מארדע האט א ציטער געטהאן. און מיט איינמאל האט זיא זיך א קעהר געטהאן צו איהם און מיט א פערשטיקט קול, שנעל און ניט דייטליך האט זיא געזאגט :

— דאס קען איך ניט פערשטעהען.

— אה... — האט זיך פערקרימט סאנין — עס טהוט מיר לייד, וואס די קענסט עס ניט פערשטעהן !...

דיא שלעכטע און טעמפע מענשישע דומהייט, וואס ער האט געזעהען אויף שריט און טריט, אזוי וויא ביי דיא גוטע מענשען, אזוי ביי דיא שלעכטע, אזוי וויא ביי דיא שעהנע, אזוי ביי דיא העסליכע, — האט איהם דערעסען, פערמאטערט. ער האט זיך א קעהר געטהאן צו דער טיהר און איז אוועק.

לידא האט איהם בעגלייט מיט די אויגען, נאכדעם האט זיא זיך אנגעכאפט מיט ביידע הענד פאר'ן קאפ און האט זיך אריינגעווארפען אין בעט.

איהר לאנגער, דונקעלער צאפ, אזוי וויא א וויינער, פוכאווער עק, האט זיך שעהן צו־ווארפען איבער דער ווייסער רייגער דעקע. אין דיזער מינוט איז לידא אזוי שעהן געווען, אזוי שטארק און בייגעדיג, אז, ניט קוקענדיג אויף איהר פערצווייפלונג און טרעהרען, האט זיא אויסגעזעהען מערקווירדיג שעהן און יונג... אין פענסטער האט אריינגעקוקט דער גרינער סאד, פון דער זונן פערגאסען; דאס צימער האט אויסגעקוקט אזוי יום'טוב'דיג פרעהלאך, אבער לידא האט עס ניט געזעהן...

---

## דרייסיגסטער קאפיטעל.

עס איז געווען א וואונדער־שעהנער אבענד. דיא זונן איז שוין פארגאנגען, אבער עס איז נאך געווען ליכטיג און דיא לופט איז געווען מערקווירדיג ריין און פריש. עס איז געווען טרוקען, נור אין דיא גערטנער האט זיך אוועקגעלייגט א פרישער טהוי; דער שטויב האט זיך שווער אויפגעהויבען און איז א צייט לאנג געבליעבען שטעהן אין דער לופטען; עס איז געווען שטיקענד און קיהל אין דערזעלבער צייט. אלע קלאנגען האבען זיך פונאנדערגעטראגען לייכט און שנעל, וויא אויף פליגלען...

סאנין, אהן א היטעל, אין זיין ברייטען, בלויען אבגעבליאקירטען העמד איז אוועק איבער דער פארשטויבטער גאס, האט פארקירעוועט אין דעם לאנגען מיט קראפיווע בעוואקסענעם הינטער־געסעל, צו דעם הויז, וואו איוואנאוו האט געוואוינט.

איוואנאוו, אן ערנסטער, מיט ברייטע פלייצעס, מיט גלייכע, וויא שטרוי, האאר, איז געזעסען פאר'ן פענסטער, וואס איז ארויסגעקומען אין גארטען, און האט אנגעשאטען אין גילזעס טאבאק, פון וועלכע עס האט זיך פון א וויארסט ווייט געוואלט ניסען...

— גוטען אבענד — האט געזאגט סאנין און האט זיך אנגעשפארט אן פענסטער.

— גוטען אבענד.

— און מיך האט מען ארויסגערופען אויף א דועל — האט געזאגט סאנין.

— ס'איז א גוטע זאך ! — האט רוהיג געענטפערט איוואנאוו — ווער און פארוואס ?

— זארודין... איך האב איהם ארויסגעיאגט פון הויז, נו, האט ער זיך בעליידיגט.

— אזוי, ווייסטו, הייסט עס, זיך געהן שלאגען. — האט געזאגט איוואנאוו — גוט, איך וועל זיין דיין סעקונדאנט... איך וועל צוקוקען, וויא איהר וועט איינער דעם אנדערן אראבשיעסען דיא נאז.

— צו וואס... דער נאז איז א גאנץ אנשטענדיגער טהייל פון קערפער... איך וועל זיך ניט געהן שלאגען ! — האט לאכענדיג ערוויעדערט סאנין.

— דאס איז אויך גוט — האט

מאך געטהאן מיט'ן קאפ איוואנאוו — צו וואס דארף מען זיך שלאגען, עס איז א גאנצע איבעריגע זאך.

— יא, אבער מיין שוועסטער ליזא דענקט אנדערש וועגען דעם — האט א שמייכעל געטהאן סאנין.

— ווייל זיא איז א נאר! — האט מיט איבערצייגונג ערוויעדערט איוואנאוו — וויפיעל דומהייט עס ליעגט נאך איינגעווארצעלט אין יעדען מענשען.

ער האט אנגעשאטען דעם לעצטען סיגארעט און איהם גלייך פעררויכערט, דיא איבעריגע האט ער צוזאמענגעלייגט אין א לעדערנע פאפיראסניצע און אראבבלאזענדיג דיא טאבאק פון פענסטער־געזימס, איז ער ארויסגעקראכען דורך'ן פענסטער.

— וואס ווילען מיר איצט אנהויבען טהאן? — האט ער געפרעגט.

— לאמיר געהן צו סאלאוויטשיקען — האט פארגעשלאגען סאנין.

— אך לאז איהם צופריעדען — האט זיך א קרים געטהאן איוואנאוו.

— וואס איז דער מעהר?

— איך האב איהם ניט ליעב.. ער איז א צוקראכענע נשמה — האט איוואנאוו געזאגט.

— אה, ער איז ניט ערגער פון אנדערע — האט סאנין א מאך געטהאן מיט'ן האנד: — עס מאכט נישט... קום!...

— זאלען מיר געהען, עס איז מיין דאגה! — האט איינגעווילליגט איוואנאוו, ווי מיט אלעם, וואס סאנין פלעגט זאגען.

און זיי זיינען אוועק איבער'ן גאס, ביידע הויכע, שטארקע, מיט ברייטע פלייצעס און פרעהליכע שטימען.

סאלאוויטשיק איז אבער אין דערהיים ניט געוועזען. דיא שטוב איז געוועזען צוגעשלאסען. אויפ'ן הויף איז געוועזען שטיל, טויט, בלויז איין סולטאן האט געקלונגען מיט זיין קייט בייב שפייכלער און געבילט אויף דיא פרעמדע מענשען, וואס זיינען געגאנגען איבער'ן הויף.

— וויא עקעלדיג דא איז! — האט איוואנאוו ארויסגערעדט — קום בעסער אויפ'ן בולוואר!...

זיי זיינען אוועק, צומאכענדיג הינטער זיך דאס פערטעל. און סולטאן האט זיך נאך א פאר מאל א ריס געטהאן פון דער קייט, נאכדעם האט ער זיך אוועקגעזעצט נעבען זיין קאנורע און גענומען קוקען טרויעריג אויף זיין עלענדען הויף, אויפ'ן טויטען מיהל און אויף דיא ווייסע שמאלע און קרומע, אויסגעטראטענע וועגעלאך, וואס האבען זיך געדרעהט איבער דיא ניעדריגע, פערשטויבטע גראז.

אין שטאדטישען גארטען האט וויא געווענליך, געשפיעלט א קאפעלע מוזיק. אויפ'ן בולוואר איז געווען לופטיג און אנגענעהם. א גרויסער עולם האט געשפאצירט איבער דיא אלעען און דיא פרויען צווישען איהם אין זייערע העלע קליידער און היטעלאך האבען זיך וויא דיא כוואליעס בעוועגט הין און צוריק. דא זיך צוזאמענגיעסענדיג אין דונקעלען גארטען און דא ארויסקומענדיג נעבען זיינע שטיינערנע טויערען.

סאנין מיט איוואנאוו'ן אונטער'ן האנד זיינען דורכגעגאנגען דעם גארטען און שוין אויף דער ערשטער אלעע האבען זיי זיך אנגעשלאגען אויף סאלאוויטשיק'ן, וועלכער האט אן אומעדיגער מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ און דיא הענד אויף הינטען פערלייגט, ארומגעשפאצירט הינטער דיא ביימער.

— און מיר זיינען געווען ביי אייך — האט געזאגט סאנין.

סאלאוויטשיק האט צומישט א שמייכעל געטהאן און וויא א שולדיגער האט ער ארויסגערעדט:

— אך, ענטשולדיגט מיר... איך האב ניט געוואוסט, אז איהר וועט קומען... א ניט וואלט איך אויפגעווארט... ווייסט איהר, איך בין ארוים זיך א ביסעלע דורכצוגעהען...

דיא אויגען זיינען ביי איהם געווען

בליסטשענדיגע און אומעדיגע.

— קומט מיט אונז — האט פארטגעזעצט סאנין און האט איהם פריינדליך גענומען אונטער'ן ארעם.

סאלאוויטשיק האט מיט פרייד אויסגעבויגט זיין ארעם און זיך אנגעטהאן א פרעהליך פנים. ער האט גלייך ארצבגעצויגען דעם הוט אויף דער פאטילניצע און האט געמאכט אזא אנשטעל, וויא ער וואלט געטראגען ניט סאנין'ס האנד נור עפעס א זעלטענעם, טהייערען אוצר . . . און דער מויל זיינער האט געשמייכעלט און איז געוואָרען גרויס ביז דיא אויערען . . .

ארום דיא מוזיקאנטען מיט דיא רויטע, פון אנשטרענגונג, פנים'ער, וועלכע האבען געבלאזען אין זייערע גרויסע מעשענע טרובעס, געפיהרט פון קאפעלמייסטער, וואס איז געשטאנען אין מיטען צווישען זיי מאכענדיג מיט זיין שטעקעלע, איז געשטאנעי א גרויבער עולם קאנצעליאריע־שרייבערלאך, גימנאזיסטען, יונגע לייטלאך אין הויכע שטיוועל, און מיידלאך אין העלע קליידלאך, און איבער דיא אלעען, עפעס אזוי וויא אין אן ענדלאזער קאדריל איינס אנטקעגען אנדערען, האבען זיך געדרעהט און אויסגעמישט פערשיידען־פארביגע גרופען פון מיידלאך, סטודענטען און אפיציערען.

אנטקעגען איז אנגעקומען דובאווא מיט שאפראוו'ן און יוריע'ן. זיי האבען א שמייכעל געטהאן און זיך בעגריסט. סאנין, סאלאוויטשיק און איוואנאוו זיינען ארומגעגאנגען דעם גארטען ארום און ארום און האבען זיך ווידער אנגעטראפען מיט זיי. איצט איז צווישען זיי שוין געגאנגען קארסאווינא אויך. א הויכע, א גראציעזע אין א העלען קלייד. זיא האט נאך פון דערווייטענס א שמייכעל געטהאן צו סאנין'ען, וועלכען זיא האט שוין לאנג ניט געזעהען, און אין איהרע אויגען האט א שיין געטהאן אן אויסדרוק פון קאקעטישער פריינדליכקייט.

— וואס געהט איהר עפעס אליין — האט געפרעגט דיא אויסגעשטריקענטע און איינגעהויקערטע דובאווא — קומט בעסער מיט אונז . . .

— מיינע העררען, לאמיר זיך אומקעהרען אין א זייטיגער אלעע, ווארום דא איז אזא ענגשאפט . . . — האט פארגעשלאגען שאפראוו.

און דיא היבשע קופקע פריילכער יונגענד האט זיך פארקירעוועט אין דער האלב־פינסטערער שטילער און געדיכטער אלעע, און באלד האבען דארט גענומען הילכען זייערע פרעהליכע שטימען און זייער געלעכטער.

זיי זיינען אבגעגאנגען ביז'ן סאמע עק פון'ם סאד און האבען זיך שוין געוואלט אומקעהרען, ערשט פ'ן א זייטיגען וועג האבען זיך בעוויזען זארודין טאנאראוו און וואלאשין.

סאנין האט גלייך בעמערקט, אז זארודין האט ניט ערווארטעט אזא בעגעגעניש און איז צומישט געווארען. זיין שעהן פנים האט זיך וויא מיט א וואלקען בעצויגען און ער האט זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאנצען וואוקס.

טאנאראוו האט זיך אויך אנגעבלאזען.

— און דער דאזיגער לץ איז נאך אלץ דא! — האט זיך פערוואונדערט איוואנאוו, א ווינק טהאענדיג מיט די אויגען אויף וואלאשין'ען.

וואלאשין האט דערווייל דערזעהן קארסאווינע'ן און האט זיך איינגעגעסען אין איהר מיט דיא אויגען.

— ער איז נאך דא! — האט סאנין א לאך געטהאן.

דיעזען געלעכטער האט זארודין אנגענומען אויף זיין רעכנונג, און עס האט אויף איהם געמאכט דעם איינדרוק אזוי וויא ער וואלט א פאטש געקראגען . . .

ער האט זיך אנגעצונדען און, אזוי וויא פון אן אונגעוועהנליכער קראפט

אויסגעטראָגען, האָט ער זיך שנעל אַ לאָז געטהאָן צו סאנין'ען, בלישצענדיג מיט זיינע לאַקירטע שטיוועלאך.

סאנין האָט זיך אָבגעשטעלט און קוקענדיג ערענסט און אויפמערקזאם אויף אַ בייטשעל, וואָס זארודין האָט געהאַלטען אין זיין נערוועזער האַנד, האָט ער אויסגערעדט:

— וואָס ווילט איהר?

און בעת דעם האָט ער צורייצט געטראַכט:

— אַך, דוא דומער קערל, וואָס דוא ביזט! . . .

— איך דאַרף אייך זאָגען אַ פּאָאר ווערטער . . . האָט הייזעריג אַרויסגערעדט זארודין: — האָט מען אייך איבערגעגעבען מיין אויפפאָדערונג?

— יא, — האָט געענטפערט סאנין, און אַ דריק טהאָענדיג לייכט מיט דיא פּלייצעס, האָט ער מיט די אויגען געהיט זארודין'ס יעדע בעוועגונג, איבערהויפּט דאָס בייטשעל אין זארודין'ס האַנד . . .

— און איהר ענטזאגט זיך אָנצונעהמען מיין אויפפאָדערונג? — האָט זארודין אַרויסגערעדט העכער.

ער האָט שוין ניט דערקענט זיין אייגענעם קול. דערפיהלענדיג פּלוצים מיט שרעק אין זיינע פערשוויצטע פינגער דיא קאַלטע הענטעל פון דעם בייטשעל. ער האָט זיך אָבער שוין ניט געקענט בעהערשען. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, וויא אַלץ גאַרניט איז מיט אַ מאָל ניט געוואָרען קיין לופט צו אָטהעמען.

אַלע האָבען זיך אָבגעשטעלט און צוגעהערט זיך, פיהלענדיג, אַז עפּעס וועט געשעהען און ניט וויסענדיג, וויא אַזוי צו פערמיידען עס . . .

— מיינע הערען . . . האָט זיך אַריינגעמישט איוואַנאָוו און האָט אַ טראָט געטהאָן, וועלענדיג זיך שטעלען צווישען זארודין'ען און סאנין'ען.

— יא, איך ענטזאָג זיך אָנצונעהמען אייער אויפפאָדערונג — האָט מיט אַ מערקווירדיגער גלייכגילטיגקייט אַרויסגערעדט סאנין, און האָט שאַרף אָנגעקוקט זארודין'ען.

זארודין האָט שווער אָבגעכאַפּט דעם אָטהעם, אקוראט וויא ער וואָלט אויפגעהייבען אַ מורא'דיגע משא.

— איך פרעג ביי אייך נאָך אַ מאָל . . . איהר ענטזאגט זיך? — האָט ער נאָך העכער געפרעגט, און זיין קול האָט געקלונגען, וויא אַ מעטאַלענער.

— אַי, אַי . . . ער וועט איהם נאָך שלאָגען . . . אַך, וויא שלעכט . . . אַי, אַי! — האָט ניט געטראַכט, נור געפיהלט סאַלאָווייטשיק, און ער איז געוואָרען בלייך.

— וואָס ווילט איהר טהאָן . . . האָט ער גענוכיען מורמלען, אויסבייגענדיג זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער און פערשטעלענדיג מיט זיך סאנין'ען.

עס איז אַ ספק, אויב זארודין האָט איהם געזעהען, ווען ער האָט איהם גראָב אָבגעשטויסען פון'ם וועג. ער האָט נור געזעהען פאַר זיך סאנין'ס רוהיגע און ערענסטע אויגען.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט— האָט מיט דעם פריהערדיגען גלייכגילטיגען טאָן געענטפערט סאנין.

אַלעס האָט זיך דאַן גענומען דרעהען פאַר זארודין'ס אויגען און, הערענדיג הינטער זיך אַ גלאָף און אַ געשריי פון אַ פרוי, האָט ער מיט אַ געפיהל, וואָס איז ענהליך געווען צו דער פערצווייפלונג פון איינעם, וואָס וואַרפט זיך אַריין אין אַן אָבגרונד, צוזאַמענגעדריקט דאָס בייטשעל אין זיין האַנד און, פאַרמעסטענדיג זיך מיט איהם הויך איבער סאנין'ס קאָפּ, האָט ער מיט איהם אַ מאַך געטהאָן . . .

אָבער אין דעם זעלביגען מאָמענט האָט סאנין פלינק און קורץ, מיט אַ מורא'דיגער גבורה, אַ הייב געטהאָן זיינע מוסקוליסטע הענד און איהם אַ

פאהר געטהאן מיט'ן פויסט אין פנים אריין.

— אזוי! — האט זיך נים וועלענדיג ארויסגעריסען ביי איוואנאוו'ן.

זארודין'ס קאפ האט זיך א שאקעל געטהאן אן א זייט פון דעם זעץ און עפעס הייסעס און מוטנעס, וואס האט, וויא מיט שארפע נאדלען, געשטאכען איהם דיא אויגען און דעם מארך, האט איהם פערגאסען דעם מויל און דיא נאז.

— אב . . . האט זיך ביי איהם ארויסגעריסען א קרענקליכער און צושראקענער אויסגעשריי, און ארויסלאזענדיג דאס בייטשעל, איז ער געפאלען אויף דיא הענד, דער קאפ אהן א פוראזשקע, ניט זעהענדיג, ניט הערענדיג און ניט פיהלענדיג גאר נישט, אויסער דעם געדאנק, אז ער איז פערלארען נאך אט דעם דאזיגען סקאנדאל און אויסער א ברענעדיגען וועהטאג אין אויג.

אין דער שטילער, האלב דונקעלער אלעע האט זיך איפגעהויבען א מאדנער ווילדער טומעל.

אי, אי! — האט גענומען שרייען קארסאווינע, אנכאפענדיג זיך פאר די שלייפען און צומאכענדיג דיא אויגען פאר שרעק. יוריע, קוקענדיג מיט דעם זעלבען געפיהל פון שרעק און עקעל אויף זארודין'ען, וועלכער איז געלעגען אויף אלע פיער, האט זיך מיט שאפראוו'ן א ווארף געטהאן צו סאנין'ען. וואלאשין, פערלירענדיג זיינע פענסנע און פלאנטערענדיג זיך צווישען דיא קוסטען, האט ראפטאם גענומען לויפען פון דער אלעע, גלייך איבער דיא נאסע גראז. און זיינע ווייסע פאנטאלאנעס זיינען גלייך שווארץ געווארען ביז איבער דיא קניע. טאנאראוו האט פערשטעמט דיא צייהן און מיט ווילדע אויגען האט ער זיך א ווארף געטהאן אויף סאניז'ען, אבער איוואנאוו האט איהם א כאפ געטהאן פון הינטען פאר דיא פלייצעס און איהם א שלידער געטהאן צוריק.

— נישקשה, נישקשה, לאז איהם...

— האט מיט עקעל, שטיל, ביז און פרעהליך געזאגט סאנין, שטעהענדיג מיט ברייט־צושפרייטע פיס איז אטהעמענדיג שווער. פון שטערן האט ביי איהם געקאפעט שוויים.

זארודין האט זיך אויפגעהויבען, וואקלענדיג און מורמלענדיג עפעס אונפערשטענדליכע, רחמנות'דיגע טענער מיט זיינע ציטערענדיגע, פייכטע ליפען. און אין דיא דאזיגע טענער האט זיך גאר אונערווארטעט געהערט א מין סטראשונאק פאר סאניז'ען וואס האט אין דיעזער מינוט געקלונגען אזוי לעכערליך און אזוי העסליך.

דיא גאנצע לינקע באק אויף זארודין'ס פנים איז געוועזן פערשוואלען, די אויג פערלאפען און צוגעמאכט און פון מויל און נאז האט זיך געגאסען בלוט, דיא ליפען האבען געציטערט און ער אין גאנצען האט זיך געטרויסעלט וויא פון א קדחת. ער איז איצט גאר ניט געוועזן ענליך צו יענעם שעהנעם, גלענצענדען אפיציער וועלכען מען האט געזעהען מיט א קורצער צייט צוריק.

סאנינס מורא'דיגער קלאפ האט ווי מיט איין מאל אוועקגענומען פון איהם אלעס מענשישעס און האט איהם פערוואנדעלט אין עפעס רחמנות'דיגעס, העסליכעס און שרעקענדיגעס . . .

ניט דער פערלאנג צו אנטלויפען, ניט דער ווילען צו פערטהיידיגען זיך איז אין איהם איצט געוועזן. קלאפענדיג מיט דיא צייהן און ארויסשפייענדיג דאס בלוט פון'ם מויל, האט ער געוואלט אבקלאפען דעם זאמד פון זיינע קניע, עס איז איהם אבער שווער געוועזן איינצושטעהען אויף דיא פיס האט זיך א שאקעל געטהאן און איז ווידער געפאלען.

— וויא שרעקליך! וויא שרעק־

ליד ! — האט קארסאווינא געמורמעלט און זיך געסטארעט וואס גיכער צו פער־לאזען דעם פלאץ.

— קום — האט זיך סאניז געווענ־דעט צו איוואנאוו'ן, קוקענדיג אויף'ן הימעל, ווארום עס האט איהם אי גע־עקעלט צו קוקען אויף זארודיו'ען, אי ער האט אויף איהם רחמנות גע־האט.

— קומט, סאלאווייטשיק ! . . .

אבער סאלאווייטשיק האט זיך פון ארט ניט גערירט. ער איז געשטאנען און האט מיט ברייט אויסגעגלאצ־טע, אבגעשטארבענע אויגען געקוקט אויפ'ן זאמד, אויף זארודין'ס ווייסע אייפ'ן זאמד אויף זארודין'ס ווייסע כאלאט, וואס האט איצט אויסגעקוקט מאדנע שמוציג. און ער האט זיך אין גאנצען געטרויסעלט, און געמאכט נא־ריש מיט די ליפען.

איוואנאוו האט מיט כעס איהם א ציה געטהאן פאר א האנד, אבער סא־לאווייטשיק האט מיט אן אוננאטירלי־כער קראפט זיך א ריס געטהאן, האט זיך ארומגעכאפט מיט ביידע הענד ארום א בוים, אקוראט, וויא ער וואלט מורא געהאט, מען זאל איהם מיט געוואלד וואוהין אוועקשלעפען, און פלו־צים האט ער זיך צרוויינט איז געגומען שרייען:

— פארוואס האט איהר . . . צור־יואם !

— וויא העסליך דאס איז ! — האט יוריע ארויסגערעדט מיט א הייזעריג קול סאנין'ען גלייך אין פנים.

סאנין איז שוין אין גאנצען גע־קומען צו זיך און, קוקענדיג אויף זא־רודין'ען, האט ער מיט פעראכטונג א שמייכעל געטהאן און געענטפערט:

— יא, העסליך . . . אבער וואלט־רען געוועזן שעהנער, ווען ער זאל מיר א זעץ טהאן ?

ער האט א מאך געטאן מיט'ן האנד און איז שנעל אוועק איבער דער בריי־טער אלעע.

איוואנאוו האט מיט פעראכטונג א קוק געטהאן אויף יוריע'ן, האט פעררוי־כערט א סיגארעט און איז לאנגזאם אוועק נאך סאנין'ען.

ער האט אויף די גאנצע געשיכטע געקוקט מיט פעראכטונג.

— און וויא בייז און וויא נאריש א מענש קען זיין ! — האט ער ארויסגע־רעדט.

סאנין האט זיך אומגעקוקט אויף איהם, האט גאר נישט געזאגט און גע־נומען געהען שנעלער.

— אמת'ע חיות ! — האט מיט וועהטאג געטראכט יוריע, אוועקגעהענ־דיג פון'ם גארטען און ארומקוקענדיג זיך אהינטער.

דער גארטען איז געשטאנען אזוי וויא תמיד : דונקעל־פערטראכט און שעהן, אבער איצט, נאך דער געשיכטע, האט ער זיך אויסגעוויזען יוריע'ן עפעס מורא'דיג און נים אנגענעהם.

שאפראוו האט שווער און צומישט א זיפץ געטהאן און האט זיך אומגע־קוקט דורך זיינע ברילען אויף אלע זייטען, אקוראט וויא ער האט ערווארט־טעט, אז איצט קען מען זיך ריכטען פון אלע זייטען אויף אן אנפאל און קלעפ . . .

## 31טעם קאפיטעל.

זארודין'ן לעבען האט זיך מורא'דיג געענדערט. וויא לייכט און זארגלאז עס איז פריהער געווען, אזוי שווער און צרה'דיג האט זיך עס איהם איצט גע־מאהלען. אקוראט וויא זיין לעבען וואלט פון זיך ארונטערגעווארפען די ביז־אהעריגע פרעהליכע, ליכטיגע מאס־קע פון א ווילדער, מורא'דיגער סטראש־שידלע...

ווען טאנאראוו האט איהם אויף א דראשקע געפיהרט אהיים, האט זארודין זיך געכטארעט איינצורייידען, אז ער האט פיעל גרעסערע וועהטאגען, וויא

ער האט אויף אן אמת געהאט, אבי צו געפינען פאר זיך אן אויסרייד, צו האלטען די אויגען צוגעמאכט... ווארום עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז וויא נור ער וועט דיא אויגען עפענען, אזוי גלייך וועט ער דערזעהען דיא שאנד פון אלע זייטען, וואס וועט קוקען אויף איהם מיט טויזענדער אויגען, און וואס וועט זיך נאכיאגען נאך איהם מיט א בייזען געלעכטער, קרימענדיג זיך און שטעכענדיג מיט דיא פינגער גלייך איהם אין דיא אויגען אריין.

אין אלעם און אלעמען, אי אין דעם מאגערען רוקען פון דעם פוהרמאן, אי אין יעדען פערבייגעהער, אי אין דיא פענסטער פון דיא הייזער, אי אפילו אין טאנאראוו׳ס האנד, וואס האט איהם אונטערגעהאלטען ביי דער טאליע, האט זיך דעם צוהרג׳טען זארודין׳ען גע־חלום׳ט א שטומע אבער אן אפענע פער־אכטונג.

און דיעזעס געפיהל האט זארודין׳ען אזוי געמוטשעט, אז צייטענווייז פלעגט איהם טאקי אויף אן אמת ניט גוט ווער־רען. דעמאלט האט זיך איהם געדאכט, אז ער פערליערט דעם זינן און עס האט זיך איהם געוואלט שטארבען.

זיין מוח האט ניט געוואלט גלויי־בען, אז מיט איהם האט עטוואס אזוינס געטראפען און ער האט זיך צייטענווייז געפרעגט, אפשר איז עס א טעות, וועל־כען ער אליין פערשטעהט ניט... דאן איז ער ניט פערלארען, דאן... אבער רער פאקט איז געווען צו קלאר, קיין טעות האט דא ניט געקענט זיין, און איבער זיין נשמה האט זיך פערשפרייט א וואלקען פון פינסטערער פערצווייפ־לונג...

זארודין האט געפיהלט, אז מען האלט איהם אונטער. אז איהם טהוט וועה, אז דיא הענד זיינע זיינען פער־פיאטשקעט, אין בלוט איינגעריבט, און איהם איז אויסגעקומען מאדנע, וואס ער קען נאך פיהלען וואס עס איז, וואס ער קען נאך איבערהויפט לעבען נאך אזא סקאנדאל...

מאנכעסמאל, ווען דיא דראשקע האט זיך פערקירעוועט, האט זארודין עטוואס געעפענט אן אויג און דורך מוטנע טרערען האט ער דאן דערקענט בעקאנטע גאסען, הייזער, קלויסטערס, מענשען, אלעס איז געווען אזוי וויא תמיד, אבער איצט האט עס אלעס איהם אויסגעוויזען זעהר ווייט, פרעמד און פיינדליך.

די פארבייגעהער האבען זיך אבגע־שטעלט אין איהר נאכגעקוקט פערוואונ־דערט און זארודין האט דאן שנעל צוגע־מאכט די אויג, פערלירענדיג כמעט דעם זינן פון שאנד און פערצווייפלונג.

דער וועג האט זיך איהם אויסגע־וויזען לאנג, לאנג, אהן א סוף און עס האט זיך איהם אבגעדוכט, אז צו דיזער אבקומעניש וועט גאר קיינמאל קיין סוף ניט זיין.

— כאטשבע גיכער אהיים קומען!...

— האט ער א טראכט געטהאן פער־צווייפעלט, דא אבער האבען זיך איהם פארגעשטעלט דיא געזיכטער פון זיין דענשציק, פון דער בעל הבית׳טע פון זיין קווארטיר און פון זיינע שכנים, און דאן האט ער געטראכט, אז עס איז שוין בעסער צו פאהרען אזוי, צו פאהרען און פאהרען אהן א סוף און קיינמאל דיא אויגען ניט דארפען עפענען...

און טאנאראוו, שעהמענדיג זיך פאר זארודין׳ען, האט מיט אלע מעג־ליכקייטען זיך געכטארעט ארויסצו־ווייזען פאר יעדען פערבייגעהער, אז מיט איהם אליין האט דיא געשיכטע גאר נישט צו טהאן, אז צוהרג׳עט האט מען זארודין׳ען און ניט איהם. ער איז געווען רויט, מיט קאלטען שווייס בע־גאסען און צומישט.

אפריהער האט ער עפעס גערעדט, געקאכט זיך, געטרייסט זארודין׳ען.

אָבער נאָכדעם איז ער אנטשוויגען געוואָרען און נור אונטערגעטריבען דעם פוהרמאן דורך פערשצעמעטע צייהן.

נאָך דעם און נאָך זיין האנד, וויא אזוי זיא האָט אונטערהאלטען זארודין'ען, האָט ער, זארודין, פערשטאַנען זיינע געפיהלען. און דער געדאנק, אז ער, אָט דער דאָזיגער קליין מענשעלע טאנאראוו, וואָס האָט אימער געררעכענט פאר אן עהרע, צו האָבען זארודין'ען פאר א פריינד, אז אָט דער זעלביגער האָט איצט געקראָגען דאָס רעכט צו שעהמען זיך מיט איהם, האָט זארודין'ען נאָך קלאהרער בעוויעזען, אז ער איז פערלאָרען . . .

זארודין האָט אליין ניט געקענט אריבערגעהען דעם הויף און טאנאראוו און דער דענשיק, וואָס איז ארויסגעלאָפען אנטקעגען א צושראָקענער, האָבען איהם כמעט אויף דיא הענד אין הויז אריינגעטראָגען. צו עס זיינען געווען אנדערע מענשען אויף'ן הויף, האָט זארודין ניט געזעהען.

זיי האָבען איהם אוועקגעלייגט אויף א זאפע און האָבען ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן ווייטער, האָבען זיך נור נאריש געדרעהט ארום איהם, פערשאפענדיג איהם מיט דעם מורא'דיגע יסורים.

נאָכדעם האָט זיך דער דענשציק א כאַפּ געטהאָן, און א נעהם געטהאָן זיך ראפטאם צו דער ארבייט: האָט אריינגעטראָגען ווארימע וואסער, א האנדטוך און האָט פאוואליע אָבגעוואַשען זארודין'ען דעם פנים און דיא הענד.

זארודין האָט מורא געהאט צו קוקען אויף'ן סאָלדאט, מורא געהאט, כאָמער וועט ער דערזעהען אויף זיין פנים דעם אויסדרוק פון נקמה. אָבער אויף דעם דענשציק'ס פנים איז ניט געווען צו זעהען ניט קיין בייזע צופריעדענהייט און ניט קיין פעראכטונג, נור שרעק און רחמנות, וויא ביי אן אלטער, גוטער פרוי.

— וואו האָט איהר אזוי, וואשע בלאגאראדיע? . . . אך, דוא גאָט מיינער! וויא אזוי! — האָט ער אין דער שטיל גע'טענה'ט . . .

— נו . . . ניט דיין זאך! — האָט אויף איהם א געשריי געטהאָן טאנאראוו צווישען דיא צייהן, איז רויט געוואָרען און האָט זיך גלייך עפּעס אומגעקוקט אהינטער צומישט.

ער האָט אָבגעטראָטען צום פענסטער, ארויסגענומען א סיגארעט, האָט א קלעהר געטהאָן, צו מען מאָג רויכערן פאר זארודין'ען צו ניט און האָט איהם ניט פעררויכערט.

— זאָל מען רופען א דאָקטאָר?

— האָט דער סאָלדאט זיך אוועקגעשטעלט פאר איהם מיט דער האנד צום היטעל, וויא זיין געוואוינהייט איז געווען.

טאנאראוו האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען און איז געבליעבען שטעהען מיט נאריש־צושפּרייטע פינגער.

— אה . . . איך ווייס אליין ניט — האָט ער געענטפערט מיט גאָר אנאנדער טאָן און זיך ווידער אומגעקוקט.

זארודין האָט עס דערהערט און זיך דערשראָקען פון דעם געדאנק אליין, אז א דאָקטאָר נאָך אויך וועט זעהען זיין שאנד . . .

— מען דארף . . . קיינעם ניט!

— האָט ער מיט אן אוננאטירליך שוואך קול ארויסגערעדט, אלץ וועלענדיג זיך איינריידען, אז ער שטאַרבט.

איצט, ווען מען האָט איהם ארומגעוואשען, האָט זיין פנים שוין ניט אויסגעזעהען אזוי שרעקליך, נור צוקאליעטשעט און רחמנות'דיג.

טאנאראוו האָט מיט נייגעריגקייט א קוק געטהאָן אויף איהם פער'גנב'עט און האָט גלייך אָבגעקעהרט פון איהם דיא אויגען.

דיעזען כמעט אונבעמערקטען בליק האָט זארודין בעמערקט און וויא א מעסער האָט ער איהם ביים הארצען א שניט געטהאָן.

ער האָט פלוצים צוגעמאכט דיא אויגען און מיט א דינער, געבראָכענער שטימע האָט ער גענומען שרייען:

— לאַז . . . לאָזט מיך צו־רו ! . . .

טאַנאַראַוו האָט פון דער זייט, צו־שראָגען געוואָרפען אויף איהם א קרומען בליק און פּלוצ׳ים האָט ער א טראַכט געטהאָן בייז און מיט פעראַכטונג :

— שרייט נאָך ! . . . ער איז נאָך נערעכט ! . . .

זארודין איז אנטשוויגען געוואָרען, איז געלעגען, ניט א ריהרטהאַנדיג מיט קיין אבר און מיט פערמאַכטע אויגען. טאַראַנאַוו האָט שטיל א קלאַפּ געטהאָן מיט דיא פינגער אָן דעם פענסטער־געזימס, האָט זיך א ציה געטהאָן ביי דיא וואָנצעס, אומגעקוקט זיך ווידער אויף זארודין׳ען, אויף׳ן פענסטער און וויעדער אויף זארודין׳ען און האָט דערפיהלט א נודנעם, קאלטען פערלאַנג אוועקצוגעהען.

— טייפעל, עפּעס ניט אנגענעהם . . . סיידען ווארטען, ביז ער וועט אנטשלאפען ווערען ? — האָט ער מיט פיינדליכער בענקעניש געטראַכט.

אַזוי איז אוועק נאָך א פערטעל שטונדע, אָבער זארודין האָט זיך פון צייט־צו־צייט א ריהר געטהאָן. טאַנאַראַוו׳ן איז געוואָרען אזוי שווער און נודנע, אז ער האָט געפיהלט, ער ווערט דערשטיקט. אויף׳ן סוף איז זארודין געבליעבען ליגען אין גאַנצען שטיל.

— דאכט זיך, אז ער איז אנטשלאָפען געוואָרען ! — האָט טאַנאַראַוו ניט עהרליך א טראַכט געטהאָן, אומקוקענדיג זיך פער׳גנב׳עט — ער שלאָפט . . .

ער האָט זיך שטיל גענומען ארויסגנב׳ענען, קוים, קוים קלינגענדיג מיט זיינע שפּאָרען. זארודין האָט שנעל געעפענט דיא אויגען. אויף א סעקונדע האָט זיך טאַנאַראַוו אָבגעשטעלט, אָבער זארודין האָט שוין פערשטאַנען, וואָס ער האָט אין זינען און טאַראַנאַוו דאָס אויך פערשטאַנען, אז זארודין פערשטעהט אלעס. און דאָ איז צווישען זיי פאָרגעקומען עטוואָס, וואָס איז געווען אי מערקווירדיג־לעבעדיך, אי טראַגיש : זארודין האָט שנעל ווידער פערמאַכט דיא אויגען און האָט זיך געמאַכט, אז ער שלאָפט, און טאַראַנאַוו האָט זיך געסטארעט איינרייידען, אז יענער שלאָפט טאַקי, הגם ער האָט געזעהען, אז יענער מאַכט זיך כלומרשט שלאָפענדיג, ווייל יענער פערשטעהט איהם. ער האָט זיך אונגעשיקט אויסגעבויגט אויף דיא שפּיץ־פינגער און איז אזוי ארויסגעגאַנגען פון צימער, מיט א געפיהל פון א פעררעטהער, וואָס מען האָט ביי דער האנד געכאַפּט, ברענענדיג פון שאַנד.

דיא טהיר הינטער איהם האָט זיך שטיל פערמאַכט, און דיא פריינדשאַפט, וואָס איז ביז־אהער צווישען זיי געווען אזוי פעסט, איז מיט א מאָל פערשוואונדען אויף אייביג : אי זארודין, אי טאַנאַראַוו האָבען דערפיהלט, אז צווישען זיי איז שוין אלעס געענדיגט, אז זיי עקזיסטירען שוין ניט מעהר איינער פאר׳ן אנדערען . . .

אָבער טאַנאַראַוו האָט זיך מעהר שוין ניט געקימערט וועגען זארודין׳ס פריינדשאַפט. שוין באַלד וויא ער איז ארויס פון דעם צימער וואו זארודין איז געלעגען האָט ער פרייער אָבגעצויגען דעם אטהעם און ער האָט זיך גענומען פיהלען פריי און לייכט. אין צווייטען צימער האָט ער זיך א קעהר געטהאָן צו זארודין׳ס דענשציק, איילענדיג זיך און אומקוקענדיג זיך אויף אלע זייטען, אַקוראַט וויא ער וואָ׳ט געוואָלט אָב׳פטר׳ן אויף גיך זיין לעצטען חוב:

— הער אוים... איך געה אוועק... און טאָמער וואָס - ווען, זאָלסטו דאָס... פערשטעהסט ?

— צום דיענען, וואשע בלאגאראָדיע ! — האָט צושראָקען געענטפערט דער סאָלדאַט.

— אָט אזוי... דאָרט... דיא קאָמפּרעכען לייג איבער אָפּטער...

און מיט די דאָזיגע אונפערשטענדליכע ווערטער איז טאַנאַראַוו ארויס פון הויז אויף דער ברייטער, שטילער גאַס.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט און טאַנאַראַוו איז צופריעדען געווען, וואָס

דיא פערבייגעהער וועלען ניט זעהן זיין פלאמענדיג פנים.

— מען וועט נאך מיך אפשר אויף פערמישען אין דער דאזיגער מיאוסער געשיכטע — האט ער פלוצים מיט שרעק א טראכט געטהאן, פערקעהרענדיג זיך אויפן בולוואר. — אבער אייגענטליך, וואס האב איך מיט דעם צו טהאן? — האט ער זיך געוואלט בערוהיגען, כטא־רענדיג זיך צו פערגעסען, אז ער אליין האט זיך אויך א ווארף געטהאן אויף סאנין און אז איוואנאוו האט איהם אזא שטויס געטהאן צוריק, אז ער איז שיער, שיער ניט געפאלען.

— עך, דער רוח זאל עס נעהמען! א מיאוסע געשיכטע... — האט ער ווייטער געטראכט שוין מיט כעס אויף זא־רודינען — און שולדיג אין דעם איז נור אט דער דומקאפף!... ער האט זיך גע־דארפט פערפיהרען אט מיט אזוינע ברואים!... עך, טייפעל!...

און וואס מעהר ער האט געטראכט וועגען דעם, אלץ מעהר האט ער אויס־געגלייכט זיין ניט-הויכע פיגורקע, אלץ העכער האט ער פערריסען זיינע פלייצעס און אויסגעשטעלט זיין ברוסט, אזוי ווי ער וואלט דיא גאנצע וועלט געסטרא־פעט מיט זיין נקמה.

עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז יעדער פערבייגעהער לאכט פון איהם, און עס וואלט גענוג געווען פון איינעם דיא מינדעסטע אנצוהערעניש וועגען דער געשיכטע, ווי עטוואס, וואס איז אין איהם אנגעצויגען געווען אויף דער העכסטער מדרגה, וואלט געפלאצט, און ער וואלט ארויסגעכאפט זיין שווערד פון שייד און ארויפגעווארפען זיך אויף יענעם און צוהאקט יענעם אויף שטי־קער...

אבער פערבייגעהער זיינען געווען ווייניג און אפילו, דיא וואס זיינען יא געווען, האבען זיך אויך געאיילט, פער־שווינדענדיג, וויא דונקעלע שאטענס, ארום דיא פארקאנעס פון דעם פינסטערן בולוואר.

אין דער היים, נאכדעם וויא ער האט זיך שוין געהאט בערוהיגט, האט ער זיך ווידער דערמאנט אן דעם, וויא איוואנאוו האט איהם א שטויס געטהאן.

— פארוואס האב איך איהם ניט דערלאנגט אין מארדע?... איך האב גע־דארפט איהם אריינפאהרען גלייך אין מארדע!... א שאד, וואס דער שווערד איז ניט געווען ארונטערגעלאזען. איך וואלט איהם!... און קעשענע איז דאך ביי מיר געווען א רעוואלווער!... אט איז ער... איך האב דאך איהם געקענט דער־שיסען וויא א הונד, האָ?... איך האב גאר פערגעסען אויפן רעוואלווער...

געוויס האב איך פערגעסען, אניט וואלט איך איהם אויפ'ן ארט דערשאָ־סען, ווי א הונד!... הא? גוט, וואס איך האב פערגעסען: אז איך וואלט איהם דערשאסען, וואלט איך געהאט א משפט אויף זיך!... און עס קען נאך גאר זיין, אז עמיצער פון זיי האט אויך געהאט א רעוואלווער. און... דער טוי־פעל ווייסט, פארוואס און פאר־וואס איך וואלט נאך געליטען!... אזוי איז בע־סער... קיינער ווייסט ניט, אז איך האב א רעוואלווער געהאט ביי זיך און... יא אזוי איז בעסער!...

טאנאראוו האט פארזיכטיג או אומקוקענדיג זיך אויף אלע זייטען ארויסגענומען דעם רעוואלווער פון קע־שענע און איהם בעהאלטען אין ...ע שופלאד פון'ם טיש.

—היינט נאך דארף מען אריבער־געהען צום פאלקאווניק און איהם ער־קלעהרען, אז איך האב גאר נישט צ... טהאן אט מיט דער גאנצער געשיכטע — האט ער ביי זיך בעשלאסען און א קלוג געטהאן מיט'ן שליסעל פון שופלאד.

אבער נאך שטארקער פון אט דע... דאזיגען בעשלוס האט זיך אין איה... פלוצים א בעריהמטער פערלאנג ער... וועקט, געהן אין קלוב און דערצעהלע... אלעמען, ווי איינער, וואס האט אלי... בייגעוואהנט די גאנצע געשיכטע...

אין דעם העל־בעלויכטענעם מילי־טערישען קלוב, וועלכער איז געשטאנ... אין מיטען פינסטערען שטעדטעל, זיי... נען צונויפגעקומען אפיצירען און הא... בען אויפגערעגט גערעדט וועגען דע... סקאנדאל. זיי האבען שוין אלע גע... וואוסט, וואס עס האט געטראפען זא־

רודינ׳ען און האבען זיך אין הארצען נעפרעהט, וואס דיעזער אָפיציער, וועלכער האָט זיי אימער פערדונקעלט מיט זיין גלאַנץ און שיק, האָט געקראָגען אזא פּסק...

ווען טאַנאראָוו איז אריינגעקומען אין קלוב, האָבען זיי זיך אלע א וואָרף געטהאָן צו איהם מיט נייגיעריגקייט און ער, טאַנאראָוו, פיהלענדיג זיך דער העלד פון׳ם אבענד, האָט פאר זיי פאָרגעשטעלט די געשיכטע מיט אלע איהרע איינצעלהייטען. נאַטירליך ווענען דעם אז ער אליין האָט א גוטען שטויס געקראָגען, האָט ער פערגעסען צו דערצעהלען. אין זיין קול און אין זיינע דונקעלע, שמאָלע אויגען האָט זיך געפיהלט אן איינגעהאַלטען געפיהל פון נקמה: פאר דיא גאַנצע אונטערדריקונג פון זיין פריהערדיגען פריינד, פאר יענעמס שטאָלצע האלטונג געגען איהם, פאר יענעמ׳ס גרויסקייט האָט ער וויא נקמה גענומען איצט, דערצעהלענדיג ווידער און ווידער אמאָל, ווי זארודינ׳ען האָט מען צו׳הרג׳עט...

און אין דער זעלבער צייט איז זארודין געלעגען ביי זיך אין צימער אויף דער זאָפע עלענד און פערלאָזען פון דער גאנצער וועלט.

דער דענשציק זייגער, וואס האָט שוין פון עמיצען דערוואוסט דיא גאַנצע געשיכטע, האָט, מיט דעם פריהערדיגען רחמנות׳דיגען אויסדרוק אויפ׳ן פּנים פון א גוטער פרוי, אַנגעשטעלט דעם סאמאָוואר, איז אוועקגעלאָפען נאָך ווין, האָט ארויסגעטריעבען פון צימער זארודינ׳ס פרעהליכען הונד, וואס האט זיך שטארק דערפרעהט מיט דעם וואס זארודין איז אין דער היים. דאן איז ער אויף דיא שפּיעץ־פינגער ווידער אריין צום פריץ אין צימער.

—וואשע וויכאָקאָראָדיע.... איהר וואָלט אביבעלע ווין געטרונקען—האָט ער שטיל, קיים וואָס מען האט געהערט, ארויסגערעדט.

—הא ? וואס ? האָט זארודין געפרעגט. עפענענדיג און גלייך פערמאַכענדיג צוריק די אויגען, און דאן האט ער צוגעלעגט מיט א רחמנות׳דיג קול, קרימענדיג זיך און קוים ריהרענדיג מיט דיא פערשוואָלענע ליפּען:

—א שפּיגעל... אהער...

דער דענשציק האָט א זיפץ געטהאָן, צוגעטראָגען א שפּיעגעל צו זארודינ׳ען און איהם צוגעלייכטעט מיט א ליכט.

—נו, וואס איז דאָ־ט צו זעהען!

—האט ער א טראכט געטהאָן.

זארודין האָט א קוק געטאָהן אין שפּיעגעל און האט ניט ווילענדיג א קרעכץ געטאָהן. פון דעם דונקעלען שפּיגעל, וואס איז בעלייכטעט געווען פון א זייט, האָט אויף איהם ארויסגעקוקט א בלויליך—רויט און שווארץ פּנים מיט איין אויג פערגאָסען און פערשוואָלען און מיט איין זייט העללע וואָנצע, צו־דרעהט און צופּלאָנטע־ט.

— אה... נעהם אוועק!... — דאָט ער ארויסגעמורמעלט און מיט אמאָהל האָט ער זיך היכטעריש צוכליפּעט:

— וואסער... גיב!...

— וואשע וויסאקאראדיע, ווארום נעהמט איהר זיך אזוי דאָס לעבען! — האָט מיט רחמנות ארויסגערעדט דער דענשציק, צוטראָגענדיג צו זארודינען וואסער אין א קלעפּיגען גלאָז, וואָס האָט געשמעקט מיט קאלטען זיסען טהעע.

זארודין האָט ניט געטרונקען, האָט נור געפיהרט מיט דיא צייהן איבער׳ן ברעג גלאָז, פערגיסענדיג דאָס וואסער זיך אויף דער ברוסט.

— געה אוועק! — האָט ער ארויסגערעדט.

עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דער דענשציק איז דער איינציגער אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט אויף איהם רחמנות, אָבער דאָס ווארימע געפיהל פון דאַנקבארקייט צום סאָלדאט איז באַלד דערשטיקט געוואָרען פון א פיינליכען געפיהל פון בעליידיגונג, אז אפילו דער דענשציק קען אויף איהם איצט רחמנות האָבען...

דער סאָלדאט האָט גענומען פינטלען מיט דיא אויגען און, דערפיהלענדיג, אז אָט באַלד צו־וויינט ער זיך, איז ער ארוים אויפן גאניק, זיך

געזעצט אויף א טרעפ און, זיפצענדיג, האט ער גענומען גלעטען דעם הונד, וואס איז צוגעלאפען צו איהם, איבער'ן אייבען רוקען.

דער הונד האט איהם אוועקגעלייגט זיין פערסליונעטע מארדע אויף דיא קניע און געקוקט אויף איהם פון אונטען ארויף מיט זיינע דונקעלע, תם'עוואטע אויגען, וואס האבען, דאכט זיך, וויא עפעס דערצעהלט...

איבער'ן כאד האבען געפינקעלט בריליאנטענע שטומע שטערן. דעם סאלראט איז זעהר שווער געווארען אויפ'ן הארצען, אקוראט וויא ער וואלט א פארנעפיהל געהאט וועגען א מורא'דיגען אונגליק.

— נו, א לעבען! — האט ער ביטער א טראכט געטהאן און גענומען קלערען וועגען זיין דארף.

און זארודין איז אין דער זעלבער צייט געלעגען מיט'ן פנים צום ווענטעל פון דער זאפא, וויא א פערגליווערטער, ניט פיהלענדיג דעם נאסען, ווארימען האנטוך, וואס האט זיך אראבגערוקט אויף זיין פנים.

— א סוף, א סוף! — האט ער געטראכט, יאמערנדיג מיט'ן הארצען:— פון אלעס געווארען א סוף!... פון וואס א סוף?... פון אלעס, אלעס... פון'ם גאנצען לעבען!... פארוואס?... ווייל איך בין געשענ־עט.. ווייל... מען האט מיך צו'הרג'עט... וויא א הונד!... מיט'ן פויסט... אין פנים אריין!... אין פאלק פערבלייבען דיענען איז שוין אונמעגליך!...

און זארודין האט מערקווירדיג קלאהר זיך דערזעהען, ווי ער ליגט אויף אלע פיער אין מיטען אלעע א קליינציקער, א צומראטענער... און ווידער און ווידער האט ער איבערגעלעבט אט דעם דאזיגען מורא'דיגען מאמענט, וואס האט זיך אלץ קלאהרער און שרעקליכער געמאהלען פאר איהם... דיא מינדעבטע איינצעלהייטען פון אט דעם דאזיגען מאמענט האבען זיך געטראגען פאר איהם אזוי קלאהר און אזוי דייטליך, וויא פון עלעקטרישען ליכט בעלייכטעט.

— ווער האט מיך אויפגעהויבען?

— האט ער זיך געסטארעט ניט צו טראכטען, אומיכטנע פלאנטערנדיג זיינע געדאנקען: — טאנאראוו?... אדער יענער זשידעניאק, יענער אידליק, וואס איז געגאנגען מיט זיי?... טאנאראוו?... הא־א!... אבער ניט דאס איז דיא הויפטזאך... וואס דען?... דיא הויפטזאך איז, וואס מיין גאנץ לעבען איז פערלארען... וואס איך וועל אין פאלק איצט ניט קענען פערבלייבען.

זארודין האט זיך דערמאנט, וויא א געריכט פון אפיצירען, אין וועלכען ער אליין האט אנטהייל גענומען, האט פער'משפט צוויי עלטערע אפיצירען, פאמיליען פאטערס, זיי זאלען ארויסגעטריבען ווערען פון פאלק דערפאר, ווייל זיי האבען זיך ניט געוואלט שלאגען אויף א דועל.

— מיר וועלען זיי עס אויך פארשלאגען, איך זאל פון פאלק ארויסטרעטען... זיי וועלען עס מיר פארשלאגען העפליך, ניט געבענדיג אבער מיר דיא האנד. אט דיא זעלביגע מענשען, וועלכע... און קיינער פון זיי וועט שוין מעהר ניט האלטען פאר אן עהרע צו שפאצירען מיט מיר געארעמט איבער'ן בולוואר... קיינער וועט מיר שוין ניט מקנא זיין און קיינער וועט ניט נאכמאכען מיינע מינעס און מאניערען... אבער ניט דאס איז דיא הויפטזאך... נור די שאנד, וואס איך בין בעפלעקט, וואס איך בין געשענדעט, אט דאס איז דיא הויפטזאך! ווארום אבער געשענדעט? מען האט מיך געשלאגען? איז וואס: אין קארפוס פלעגט מען דאך מיך אויך אמאל שלאגען?... דער דיקער שווארץ האט מיר אמאל אזא זעץ געטהאן אז ער האט מיר א צאהן ארויסגעזעצט... פון דעסטוועגען גארנישט. מיר זיינען שפעטער געווארען שלום און זיינען פערבליבען, ביז מיר זיינען ארויס פון קארפוס, דיא בעסטע פריינד!... און קיינער האט אונז דערפאר ניט פעראכטעט!... ווארום זאל אין דעם פאל אויך ניט זיין אזוי? איז דען ניט אלץ איינס: דאן האט מען דאך מיך אויך צובלוטיגט... ווארום?...

און אויף דער דאזיגער פראגע, פול פערצווייפלונג, האט זארודין ביי זיך אין מוח קיין ענטפער ניט געקענט געפינען. ער האט נור געפיהלט, וויא עפעס א שווערע, טיעפע בלאטע האט איבער'ן קאפ איהם פערטרונקען און ער זינקט אין איהר אלץ טיעפער און טיעפער, ניט זעהענדיג און ניט פערשטעהענדיג ארום זיך גאר נישט.

— ווען ער וואלט איינגעוויליגט צו שלאגען זיך מיט מיר אויף א דועל און וואלט דאן פערוואונדעט מיין פנים מיט א קויל... וואלט מיר נאך מעהר וועה געטהאן און דער פנים וואלט נאך מעהר צוקאליעטשעט געווארען, דאן אבער וואלט קיינער מיך ניט פעראכטעט און אלע וואלטען מיטלייד מיט מיר געהאט... ווארום ניט איצט?... איצט האט מען מיר דעם פנים צוקאליעטשעט מיט א פויסט... איז דאך, הייסט דאך, דא אן אונטערשיעד צווישען א פויכט און א קויל?... פארוואס?... פארוואס?...

און זיינע געדאנקען האבען געארבייט, געשפרונגען איינער נאך'ן אנדערן, און אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה, וואס איז געוועזן אויסגעמוטשעט פון דיא ליידען, האט גענומען ארויסוואקסען עפעס נייעס, וואס איז, דאכט זיך, איהם בעקאנט געוועזן פון אמאהל און וואס איז דערשטיקט געווארען אין פערלויף פון זיין לייכטזיניגען, טומעלדיגען לעבען פון אן אפיציער.

— אט פאן־דייץ... ער האט מיט מיר זיך אמאל געשפארט וועגען דעם, אז מען קריגט א פאטש אין דיא לינקע באק, דארף מען אונטערשטעלען דיא רעכטע אויך... פון דעסטוועגען אז „יענער" האט זיך ענטזאגט פון דועל, איז ער דאן געקומען צו מיר און געשריען, אין געליארעמט, און געמאכט מיט דיא הענד: סמייטש, וויא אזוי האט יענער געוואגט זיך צו ענטזאגען פון א דועל!.. און, אייגענטליך, זיינען זיי שולדיג, וואס איך האב געוואלט שמייסען „יענעם" מיט'ן בייטשעל... און מיין גאנץ פערברעכען בעשטעהט אין דעם, וואס איך האב אויף יענעם זיך ניט גלייך אריינגעווארפען!... אבער דאס איז דאך אן אינזינן, אן אונרעכט!... און דאך בין איך געשענדעט... און אין פאלס ווייטער פערבלייבען איז מיר אונמעגליך.

זארודין האט פערצווייפעלט זיך אנגעכאפט פאר'ן קאפ און איהם גענומען שאקלען אויפ'ן קישען, צוהערענדיג זיך צום ווייטאג אין אויג. און פלוצים האט איהם גענומען שטיקען א מורא'דיגער כעס:

— איך וועל כאפען א רעוואלווער, וועל זיך א ווארף טהאן אויף „יענעם" און דערשיסען איהם... איין קויל נאך דער אנדערער... און ווען ער וועט פאלען, וועל איך איהם מיט דיא פיס דערלאנגען... גלייך אין פנים, אין דיא צייהן, אין דיא אויגען... טאפטשען, בריקען, אפרעכענען זיך מיט איהם!...

מיט א פייכטען שווערען קלאפ איז דער קאמפרעס ארונטערגעפאלען אויף דער ערד. זארודין האט צושראקען פאנאנדערגעעפענט דיא אויגען און האט דערזעהן דעם צימער דונקעל בעלייכטעט, א שיסעל וואסער מיט א נאסען האנדטוך און א שווארץ מורא'דיג פענסטער וואס האט געקוקט אויף איהם, וויא א שווארצע אויג.

— ניין, אלץ איינס... דאס וועט ניט העלפען! — האט ער א טראכט געטהאן מיט אומעכטיגער פערצווייפלונג. אלץ איינס, אלע האבען געזעהן, וויא מען האט מיר צושלאגען דעם פנים און וויא איך בין געלעגען אויף אלע פיער... א צושלאגענער, א צושלאגענער, מיט א צושלאגענער מארדע... פערפאלען, פערפאלען... איך וועל שוין קיינמאל מעהר ניט זיין גליקליך, קיינמאל ניט זיין פריי!...

און ווידער האט עפעס שארפעס און קלאהרעס איהם א שיין געטהאן אין מוח.

— בין איך דען אמאל יא געוועזן פריי?... איך געה דאך טאקי דערפאר איצט צו גרונד, ווייל מיין לעבען איז קיינמאל ניט געוועזן פריי, ווייל קיינמאל האט עס ניט בעלאנגט צו מיר... איך אליין וואלט דען געגאנגען אויף א דועל, וואלט דען זיך געווארפען אויף יענעם מיט'ן בייטשעל?... און מיך וואלט מען

ניט צושלאָגען אה אַלעס וואָלט געווען גוט און רוהיג... ווער האָט עס אויכגעטראַכט, אַז אַ בעליידיגונג מוז אָבגעוואַשען ווערן מיט בלוט? איך דאָך ניט! אָט האָב איך אָבגעוואַשען... פֿון מיר מיין בלוט... און וואָס?... איך וועל מוזען פֿערלאָזען דעם פֿאָלק!...

אַן אונמעכטיגער געדאַנק האָט זיך עפּרובט אויפהויבען און איז געפאַלען ווי אַ פויגעל מיט אונטערגעשניטענע פליגעל. און ווי זיין שכל האָט זיך ניט געדרעהט, איז ער אַלץ צוריקגעקומען צו דעם אויסגאַנג, אַז מען מוז אַרויסטרעטען פֿון פֿאָלק און — אַז זיין עהרע איז אויף אייביג פֿערלאָרען.

אַמאָל האָט זאַרודין געזעהען, ווי אַ פליג איז אַריינגעפאַלען אין שפּייעכץ און האָט זיך מיט אַלע קרעפטען געמאַטערט פֿון דאָרט אַרויסצוקריכען; אָבער נאָך איהר, קלעפּענדיג איהרע פיסלאַך, איהרע פליגעלאַך, שטיקענדיג און ווערגענדיג זיא, האָט זיך נאָכגעשלעפּט די העסליכע, און'ברחמנות'דיגע פליסיגקייט.... ס'איז קענטיג געווען, אַז פֿאַר דער פליג איז אַלעס געענדיגט, הגם זיא איז נאָך געקראָכען, געצויגען זיך מיט איהרע לאַפּקעלאַך און זיך געזוכט צו ראַטעווען... דעמאָלט ווען זאַרודין האָט עס געזעהען, האָט ער זיך אָבגעקעהרט מיט עקעל און איצט האָט ער עס אויך ניט קלאָר געדענקט, נור עפּעס אַזוי ווי דורך אַ חלום האָט ער זיך דערמאָנט אָן יענער אונגליקליכער פליעג. דערנאָך האָט זיך איהם, ווייזט אוים געדאַכט: ער האָט דערזעהען צוויי פויערים. זיי האָבען זיך געזידעלט און געשלאָגען און איינער האָט דערלאַנגט דעם אַנדערן איז אויער אַריין, און דער צווייטער אַ גרויער, אַן אַלטער איז געפאַלען... דערנאָך איז דער אַלטער אויפגעשטאַנען, אָפּגעווישט מיט'ן אַרבעל פֿון העמד דאָס בלוט, וואָס איז גערונען פֿון נאָז און האָט מיט איבערצייגונג אַרויסגערעדט: „אָט איז אַ ביסעל אַ נאַר!"

— אָט דאָס האָב איך וואו עס איז געזעהען אַמאָל! — האָט זיך דערמאַנט זאַרודין און שוין ביים פולען בעוואוסטזיין, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערזעהען דאָס האַלב־פינסטערע, אומעדיגע צימער און דאָס ליכט אויפ'ן טיש — דערנאָך האָבען זיי נאָך ביידע צוזאַמען געטרונקען אין שענק...

ער איז הפּנים ווידער צוטומעלט געוואָרען, ווייל דאָס ליכט מיט'ן צימער זיינען וואו עס איז פֿערשוואונדען געוואָרען... ער האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו טראַכטען, וואָס? האָט ער אַליין ניט געוואוסט. אין אַ ווייל"ע אַרום איז פֿון דער פינסטערניש אַרויסגעטראָטען דאָס צימער, דאָס ליכט אויפ'ן טיש און צוזאַמען מיט זיי זיינען איהם אויך קלאָר געוואָרען זיינע געדאַנקען.

— מען קען ניט לעבען מיט אַזאַ שאַנדע... הייסט עס, מען דאַרף שטאַרבען!... אָבער מיר ווילט זיך ניט שטאַרבען. און ווער וועט דערפֿון עפּעס האָבען? איך אודאי ניט! דיא רעפּוטאַציאָן? אָבער וואָס גערט מיר אָן דיא רעפּוטאַציאָן, ווען מען מוז שטאַרבען? אָבער מען דאַרף דאָך אַרויסטרעטען פֿון פֿאָלק... און וויא הויבט מען דערנאָך אָן צו לעבען?...

עטוואָס דונקעלעס, אונפֿערשטענדליכעס און פֿרעמדעס האָט זיך איהם פֿאָרגעשטעלט אין דער צוקונפֿט, און זאַרודין, אַ שוואַכער, אָהן קראַפֿט און אָהן מוטה האָט זיך גלייך דערפֿון ענטזאָגט... און אַזוי יעדעס מאָל, ווען דער ליידענשאַפטליכער פֿערלאַנג נאָך לעבען און גליק פֿלעגט ערוואַכען אין זאַרודינס האַרץ, פֿלעגט דער טומאַן אין זיין מוח ווערען אַלץ געדיכטער און ווידער און אָבער פֿלעגט ער בלייבען שטעהן פֿאַר אַ פֿוכטען און טיעפען אָפּגרונד.

דיא נאַכט האָט זיך גערוקט, אַ שווערע שטילקייט איז געשטאַנען הינטער'ן פענסטער, עפּעס אַזוי וויא אין דער גאַנצער וועלט האָט נור איין זאַרודין געלעבט און געליטען...

אויפ'ן טיש האָט געברענט דאָס ליכט און זיין פלאַם בלאַס און גלייך האָט זיך געצויגען אַרויף. זאַרודין האָט געקוקט אויפ'ן פייער מיט זיין אויג, וואָס האָט געבליטשעט פֿון פיבער און אויפרעגונג, און האָט נאָר נישט געזע־

העז, אין גאנצען איינגעוויקעלט אין א טומאן פון צופלאנטערטע און בייזע געדאנקען...

צווישען דעם טומאן פון עראינערונגען, געפיהלען און געדאנקען איז איינס געווען שארפער פון אלע איבעריגע און האט איהם, וויא מיט א מעסער געשניטען איבער'ן הארצען. דאס איז געווען דער טרויעריגער בעוואוסטזיין פון זיין פאלשטענדיגער איינזאמקייט. דארט האט געלעבט, זיך געפרייט, געלאכט און, מעגליך, אויך גערעדט וועגען איהם א גאנצע וועלט מענשען, און ער איז דא איינער אליין... אומזיסט האט זארודין געזוכט ארויסצורופען אין זיין זכרון איין בעקאנטען נאכ'ן אנדערען. אין זייערע גלייכגילטיגע און קאלטע פנים'ער האט ער נור געזעהען גייגעריגקייט און נקמה. דאן ערשט האט ער זיך דערמאנט אן לידא'ן.

זיא האט זיך איהם פארגעשטעלט אזא וויא ער האט זיא געזעהען דעם לעצטען מאל: מיט גרויסע, טרויעריגע אויגען, מיט אן אבגעצעהרטען קערפער אונטער א היימישער קאפטע און מיט א פונאנדערגעלאזענעם צאפ. און אויף איהר פנים האט זארודין גראד ניט געפיהלט קיין נקמה און פעראכטונג צו איהם. זיא האט געקוקט אויף איהם מיט א טרויעריגען פארוואורף און אין איהרע טרויעריגע אויגען האט ער געלייענט דאס, וואס ער האט געקענט האבען און וואס ער האט פערלארען... ער האט זיך דערמאהנט אן יענער סצענע, ווען ער האט זיך פון איהר אבגעזאגט אין דער פערצווייפעלטער מינוט פון איהר לעבען, און דאס האט איהם איצט דיא נשמה געריסען, וויא מיט אנגעברענטע צוואנגען...

— און זיא האט דאך דעמאלט, קען זיין, געליטען נאך מעהר, וויא איך איצט... און איך האב זיא אוועקגעשטויסען פון זיך... געוואלט אפילו זיא זאל זיך דערטרינקען, שטארבען!...

וויא צו דער לעצטער רעטונג, האט זיך זיין גאנץ וועזען איצט געצויגען צו איהר מיט א זודיגער בענקעניש נאך איהרער א לאסקע, נאך איהרען א גוט ווארט... אויף א מאמענט האט ער געגלויבט, אז מיט זיינע איצטיגע יסורים וועט ער קענען אויסקויפען זיין פערברעכען געגען איהר און דיא גאנצע אונזיניגע פערגאנגענהייט זיינע... אבער נור א מאמענט האט ער אזוי געגלויבט... באלד אבער איז איהם קלאהר געווען, אז לידא וועט שוין קיין מאל צו איהם ניט קומען, אז אלעס, אלעס איז שוין געענדיגט און פאר איהם האט גענומען שוועבען א טיעפער, טיעפער אבגרונד...

זארודין האט אויפגעהויבען א האנד, גענומען מיט איהר שטארק דריקען דעם קאפ און איז געבליבען ליגען, וויא א פערגליווערטער, מיט פערמאכטע אויגען און מיט צונויפגעשטעמטע ציינער... ער האט זיך געשטערעט ניט צו טראכטען, ניט צו הערען, ניט צו זעהען און ניט צו פיהלען. באלד אבער האט ער ארונטערגענומען דיא האנד פון'ם קאפ, אויפגעהויבען זיך און אנידערגעזעצט זיך. דער קאפ האט זיך ביי איהם געדרעהט, אין מויל האט געברענט, הענד און פיס האבען געציטערט. זארודין איז אויפגעשטאנען און שאקלענדיג זיך מיט א שווערען קאפ, וויא מיט בליי אנגעגאסען, האט ער זיך צוגעשלעפט צום טיש.

— אלעס פערלארען, אלעס... אי דאס לעבען, אי לידא, אי אלעס, אלעס!...

וויא א בליץ, האט א העלער געדאנק א שיין געטהאן אויף א מאמענט אין זיין מוח: ער האט פלוצים פערשטאנען, אז אין יענעם לעבען, וואס ער האט געהאלטען פאר פערלארען, איז גאר נישט געווען שעהנעס, גוטעס און אנגענעהמעס, אז אלעס איז אין יענעם לעבען געווען פערפלאנטערט, פערשמוצט און נאריש... אז א שעהנער זארודין, וואס האט א רעכט געהאט אויף דאס אנגענעהמע אין'ם לעבען, איז איינענטליך גאר אויך ניט געווען, נור א קערפער איז אין יענעם לעבען געווען, אן אונמעכטיגער, אויסגעלאסענער קערפער, וועלכער האט פריהער הנאה גע-

האט, פערגעניגען זיך געזוכט און איצט ליידעט ער וועהטאגען, יסורים און ערנידערונגען . . .

ווען דער חלום פון פערגעניגען איז פערשוואונדען, האט זארודין דערזעהען דעם נאקעטען בילד אין זיין וואהרען ליכט . . .

— מען קען ניט לעבען ווייטער— האט זארודין דייטליך א טראכט געטהאן — אום צו אנצוהייבען לעבען אויף דאס ניי, מוז מען ווארפען אלעס, מיט וואס מען האט זיך איינגעלעבט, מוז מען לעבען אנדערש, ווערען גאר אנאנדער מענש, און איך קען ניט, איך קען ניט ! . . .

זארודין איז צוגעלאפען מיט זיין שווערען קאפ צום טיש און, פון דער בייזער שיין פון'ם ליכט בעלייכטעט, וואס האט געציטערט ארויף און אראב ביי די ברעגעס פון'ם לייכטער, איז ער ווייא פערגליווערט געווארען . . .

## 32טער קאפיטעל.

אין דעם זעלבען אבענד, ווען עס האט פאסירט די געשיכטע מיט זארודינען, איז סאנין געקומען צו סאלאווייטשיק'ן א היים.

דער אידליק (יעווריטשיק) איז געזעסען דאן גאנץ אליין אויפ'ן גאניק פון זיין קווארטיר און געקוקט אויף דעם אונמוטהיגען פערלאזענעם הויף מיט די אויסגעטראטענע ווייסע וועגלעך און מיט די פערשטויבטע גראז.

פון די צונעשלאסענע שפייכלערס מיט גרויסע פערזשאווערטע שלעסער, פון די דונקעלע פענסטער פון'ם מיהל אין פון דעם גאנצען גרויסען. פערלאזענעם פלאץ, אויף וועלכען ווייא עס האט זיך אויסגעדאכט, דער טויט האט געהערשט זייט פיעל יאהרען, האט זיך געטראגען א שווערע מרה שחורה.

סאנין האט א קוק געטהאן אויף סאלאווייטשיק'ס פנים און איז נשתומם געווארען: דער פנים זיינער האט ניט געשמייכעלט און ניט געשצירעט מיט די ציינדעלעך, בכדי צו קאיוירען וויא אלע מאל, נור האט אויסגעקוקט טרויעריג און שטארק אנגעשטריינגט. פון די דונקעלע, אידישע אויגען האט מיט מורא און אויפגערעגט ארויסגעקוקט עפעס א געדאנק.

— אה, גוט'ן אבענד — האט ער גלייכגילטיג ארויסגערעדט און, א דריק געטהאן שוואך סאנין'ס האנד, האט ער זיך ווידער אומגעקעהרט מיט'ן פנים צום דונקעלען הימעל, אונטער וועלכען די שווארצע דעכער פון די שפייכלערס האבען אויסגעקוקט נאך שווארצער.

סאנין האט זיך אויך געזעצט אויפ'ן גאניק, פערדרייכערט א סיגארעט און האט געקוקט לאנג און שטיל אויף סאלאווייטשיק'ן אנשטויסענדיג זיך, אז אין איהם קומט פאר עפעס בעזונדערס.

— וואס טהוט איהר דא ? — האט סאנין אין א ווילע ארום איבערגעריסען דאס שווייגען.

סאלאווייטשיק האט לאנגזאם אנגעשטעלט אויף איהם זיינע אונמוטהיגע אויגען.

— איך האב דא... דער מיהל האט זיך אבגעשטעלט... איך האב געארבייט דא אין קאנטאר... דא וואב איך אויך געוואינט. אלע זיינען זיך צופאהרען און איך האב זיך אבגעשטעלט אליין...

— אייך איז ניט מורא'דיג צו וואינען דא אליין? — האט סאנין ווידער געפרעגט.

סאלאווייטשיק האט א ווייל געשוויגען.

— עך, אלץ איינס ! — האט ער דאן געענטפערט און שוואך א כאף געטהאן מיט דער האנד.

זיי זיינען ווידער אנשוויגען געווארען און אין דער ארומיגער שטילקייט האט זיך געהערט דאס קלינגען פון דער קייט אין דער הינטישער קאנורע אהינטער די שפייכלערס.

— מורא'דיג איז ניט דא... — האט אונערווארטעט הויך און ליידענשאפטליך פלוצים גענומען ריידען סאלאווייטשיק און זיך גענומען בעוועגען מיט'ן גאנצען קערפער: — ניט דא איז מורא'דיג, נור אט דא און אט דא !

ער האט אנגעוויזען אויפן שטערען און הארצען.

— וואס איז דער מעהר ? — האט כאנין רוהיג געפרעגט.

— הערט מיך אוים — האט נאך העכער און ליידענשאפטליכער זיך אבגערופען סאלאוויטשיק — אט האט איהר היינט א זעץ געטהאן א מענשען אין פנים און איהם צוקאליעטשעט... און איהר, קען זיין, האט איהם דאס לעבען צובראכען... איך בעט אייך, נעהמט ניט פאר אומגוט, וואס איך פרעג עס ביי אייך... איך האב פון דעם פיעל געטראכט... אט בין איך דא געזעסען אין נאכגעדאכט און מיר איז זעהר ניט גיט געווארען... איך בעט אייך, ערקלעהרט עס מיר ! . . .

אויף א רגע האט זיין געוויינליך האווערנד שמייכעל גענומען שפיעלען אויף זיין פנים.

— פרעגט וואס איהר ווילט, און איך וועל אייך אויף אלעס ענטפערן — האט א שמייכעל געטהאן כאנין — איהר דארפט ניט מורא האבען, טאביער וועט איהר מיך בעליידיגען... מיך קען מען ניט מיט אזוינע זאכען בעליידיגען... וואס איך טהו, דאס טהו איך... ווען איך זאל דענקען, אז איך האב א שלעכטע זאך געטהאן, וואלט איך עס אליין געזאגט...

— איך וויל אייך פרעגען — האט סאלאוויטשיק גענומען ריידען שטארק אויפגערעגט—האט איהר שוין א טראכט געטהאן, אז עס איז מעגליך, אז איהר האט אין גאנצען דער'הרג'עט זארודינען?

—איך בין כמעט זיכער אין דעם —האט סאנין געענטפערט — אזא מענשען, ווי זארודין'ען, בלייבט נאך אזא געשיכטע צו טהאן איינס פון די ביידע: ענטוועדער צו טויטען זיך, אדער מיך... מיך צו טויטען האט ער דורכגעלאזען דעם ריכטיגען מאמענט: מיך טויטען גלייך אויפ'ן ארט האט ער דאן ניט געקענט, ווייל ער איז געווען צו שטארק צוהרג'עט... און טויטען מיך שפעטער... אויף דעם וועט ביי איהם קיין מוטה ניט חאפען... בלייבט איהם איין זאך—מיט א קויל אין דעם אייגענעם שטערן!..

—און איהר זאגט זיך עס אב אזוי רוהיג! — האט מיט וועהטאג ארויסגערעדט סאלאוויטשיק.

—וואס הייכט „רוהיג“ — האט זיך אבגערופען סאנין — איך קען רוהיג ניט צוזעהען, ווי מען קוילעט א הוהן און דא איז פארט א מענש... צו שלאגען יענעם איז ניט אנגענעם. טאקי אמת: צו פיהלען אביסעל דעם אייגענעם כוח, איז אנגענעהם, און דאך איז עס זעהר מיאוס... מיאוס דערפאר, ווייל עס איז אזוי גראב ארויסגעקומען. אבער מיין געוויסען איז רוהיג... עס איז נור א צופאל: זארודין געהט צו־גרונד דערפאר, ווייל זיין גאנץ לעבען האט ער זיך געטראגען איבער אזא וועג, אויף וועלכען ער האט געמוזט אונטערגעהען. א חידוש איז ניט, וואס ער געהט אונטער, נור וואס די אנדערע, ווי ער, זיי אלע, געהען ניט אונטער !... מענשען לערנען זיך, ווי צו טויטען מענשען, וויא צו פאשען זייער אייגענעם גוף און פערשטעהען גאר ניט, וואס און צוליעב וואס זיי טהוען עס... דאס זיינען משוגעים, אידיאטען ! און אויב מען זאל ארויסלאזען משוגעים אויפ'ן גאס, וועלען זיי זיך אלע דיא העלזער איבערשניידען... וואס בין איך שולדיג, וואס מיר איז אויסגעקומען צו פערטהיידיגען זיך געגען א משוגענעם ?...

—אבער איהר האט איהם דער־הרג'עט ! — האט גע'טענה'ט סאלאוויטשיק זיינס.

—נו, דערפאר מאכט שולדיג דעם הערר גאט, פארוואס ער האט אונז צונויפגעפיהרט אויף אזא וועג, וואו עס איז ניט מעגליך געווען זיך צונעהן—האט סאנין געענטפערט מיט א שמייכעל.

—אבער איהר האט דאך איהם גע־

קענט אבהאלטען, פאר דיא הענד איהם אנכאפען ?...

סאנין האט אויפגעהויבען דעם קאפ.

—אין אזא צייט טראכט מען ניט —האט ער געענטפערט — און ווידער, וואס וואלט דאן געווען ? ווערליג וויא ער האט געלעבט, האט ער סוף כל סוף, געמוזט קריגען זיין שכר... אויביג האלטען איהם פאר דיא הענד וואלט איך דאך ניט געקענט...

סאלאוויטשיק האט מאדנע א מאך געטאהן מיט די הענד און געשוויגען.

די פינסטערניש האט אונבעמערקט זיך גערוקט פון אלע זייטען. ארום דיא שפיכלערס האבען זיך געקליבען מורא'דיגע שווארצע שאטענס, און צייטענווייז האט זיך געדאכט, אז דארט זאמלען זיך רעטזעלהאפטע, מורא'דיגע „עמיצערס". וואס זיינען געקומען אהער אויף א גאנצע נאכט צו פערברענגען דא אויף זייער געהיימניספאלען אופן... עס קען זיין, אז זייערע טריט, אהן דעם מינדעסטען גערויש, האבען געשראקען סולטאן'ען, ווארום ער איז מיט אמאהל ארויסגעקראכען פון זיין קאנורע און האט זיך אוועקגעזעצט, קלינגענדיג אונרוהיג מיט זיין קיים.

—עס קען זיין, אז איהר זייט גערעכט — האט מיט בענקעניש ארויסגערעדט סאלאוויטשיק: — שוין־זשע אבער האט אזוי געמוזט זיין... אפשר וואלט געווען בעסער, ווען איהר וואלט פון איהם צוגענומען דעם זעץ...

—וואס הייסט בעסער! — האט סאנין זיך אבגערופען — איבערטראגען א קלאפ איז קיינמאל ניט גוט! — צו־וואס... פאר־ווען ?...

—ניין, איהר הערט מיך בעסער אוים! — האט איהם אונטערבראכען מיט אן אימפעט סאלאוויטשיק און האט זאגאר אויסגעשטרעקט צו איהם די האנד מיט געבעט. — עס קען דאך זיין, אז עס וואלט געווען בעסער!...

—פאר זארודין'ען — געווים! — האט א שמייכעל געטאהן סאנין.

—ניין, און פאר אייך אויך... פאר אייך אויך... איהר טראכט זיך נור אריין!...

—אך, סאלאוויטשיק — האט מיט עטוואס פערדרום אין קול איהם איבערגעשלאגען סאנין: — דאס זיינען אלץ אלטע באבע־מעשות וועגען מאראלישען נצחון! נארישע, גראבע באבע־מעשות! דער מאראלישער נצחון בעשטעהט ניט אין דעם, וואס אז מען קריגט א פאטש אין איין באק, זאל מען אונטערשטעלען די צווייטע, נור אין דעם, וואס מען זאל בלייבען גערעכט פאר דעם אייגענעם געוויסען... און ווי אזוי אט די דאזיגע גערעכטיגקייט פאר דעם אייגענעם געוויסען ווערט דערגרייכט, איז אלץ איינס—דאס ווענדעט זיך שוין אין גאנצען אן דעם צופאל אן דיא אומשטענדען... עס איז ניטא אויף דער וועלט עטוואס שרעקליכערעס, ווי דיא שקלאפעריי... און דער שרעקליכסטער סארט שקלאפעריי איז דיא ווען דער מענש טראגט איבער א פערזענליכע פערגוואלדיגונג, אים נאמען פון עטוואס, וואס שטעהט כלומר'שט העכער פון איהם...

סאלאוויטשיק האט זיך מיט א מאל אנגעכאפט פאר'ן קאפ, אבער דעם אויסדרוק אויף זיין פנים האט מען ניט געקענט בעמערקען אין דער פינסטערניש.

— ביי מיר איז א שוואכער מוח — האט ער ארויסגערעדט מיט וועהטאג אין קול — איך קען גאר נישט פערשטעהען און איך וויים ניט, וויא אזוי מען דארף לעבען! . . .

— וואס דארפט איהר דא וויסען? לעבט, וויא א פייגעל פליהט: וויל דער פייגעל א מאך טהאן מיט זיין רעכטען פליגעל, טהוט ער עס; דארף ער ארומגעהען א בוים, געהט ער ארום . . .

— אבער איך בין דאך ניט קיין

פײנעל, נאָר אַ מענש! האָט מיט אַ נאַיװער ערנסטקײט אַרױסגערעדט סאָלאָװײטשיק.

סאַנין האָט זיך צולאַכט, און זײן פרעהליכער מענערשער געלעכטער האָט פרעהליך און געזונד אָבגעקלונגען אין אַלע װינקלאַך פון דעם פינסטערען, פער־לאָזענעם הױף.

סאָלאָװײטשיק האָט אַ שאָקעל גע־טהאָן מיט׳ן קאָפּ.

— נײן — האָט ער אַרױסגערעדט מיט טרױער אין קול — דאָס זײנען נור גלאַט אַזױ װערטער . . . און װיא צי לעבען זײט איהר ניט אימשטאַנד מיך אױסצולערנען! קײנער איז ניט אימשטאַנד אױסצולערנען, װיא צו לע־בען! . . .

— דאָס איז אמת, װיא צו לע־בען קען קײנער ניט אױסלערנען דעם צװײטען: צו לעבען איז אױך אַ קונסט, צו דעם דאַרף מען אױך האָבען טאַלענט. און װער עס האָט ניט קײן טאַלענט צו דעם, דער געהט אָדער אַלײן צו גרונד אָדער טרײבט זײן לע־בען צו גרונד — האָט סאַנין געענט־פערט.

— אָט איהר רעדט זיך אַזױ רוהיג, אַקוראַט װיא איהר װאָלט אַלעס גע־קענט און געװאוסט . . . זײט איהר אָבער . . . איך בעט אײך, װערט נור ניט בײז אױף מיר . . . זײט איהר אָבער אַלע מאָל געװעזען אַזעלכער? . . . איך מײן, אָט אַזאַ רוהיגער? — האָט מיט ברענענדיגער נײגעריגקײט גע־פרעגט סאָלאָװײטשיק.

— נו, נײן — האָט סאַנין אַ שאָ־קעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ — אמת, אין מיר איז אַלע מאָל געװען אַ סך רוהיג־קײט, אָבער עס זײנען געװען צײטען, װען איך האָב אױך דורכגעלעבט פער־שײדענאַרטיגע ספקות. עס איז גע־װען אַ צײט, װען איך אַלײן האָב אױך ערנסט גע׳חלומ׳ט װעגען דעם אידעאַל פון אַ קריסטליכער אָרדנונג אין׳ם לע־בען . . .

סאַנין איז אַנשװיגען געװאָ־רען און האָט זיך פערטראַכט, און סאָ־לאָװײטשיק האָט אױסגעצױגען די האַלז און געקוקט אױף איהם, אַקוראַט װיא ער האָט ערװאַרטעט צו הערען פון איהם עפּעס זעהר טיעפּעס און װיכטי־געס.

— בײ מיר איז אַ מאָל אַ חבר געװען אַ שטודענט פון מאַטעמאַטישען פאַקולטעט איװאַן לאַנדע. דאָס איז געװען אַ מערקװירדיגער מענש, מיט אַן אײזערנעם װילען, און אַ קריסט ניט נור מיט זײן איבערצײגונגען, נור — מיט זײן נאַטור . . . װען מען האָט איהם געשלאָגען, האָט ער זיך ניט פערטהײדיגט, האָט זײנע שונאים מוחל געװען, יעדען מענשען האָט ער גע־האַלטען פאַר זײן ברודער, האָט ניט געקוקט אױף דער פרױ, װיא אױף אַ נקבה . . . איהר געדענקט סעמיאַ־נאָװן?

סאָלאָװײטשיק האָט אַ מאַך גע־טהאָן מיט׳ן קאָפּ: יאָ. דאָס, װאָס סאַנין האָט איהם איצט אָנגעהױבען צו דערצעהלען, איז פאַר איהם געװען זעהר װיכטיג: אין דער בעקאַנטער אומגעבונג, צװישען בעקאַנטע מענ־שען האָט זיך פאַר איהם פּלוצים אױס־געמאָהלט אַ בילד, װעגען װעלכען ער האָט ניט געהאַט קײן דײטליכע פאָר־שטעלונג, אָבער װעלכעס עס האָט איהם צי זיך געצױגען, װיא דאָס פײערל פון אַ ליכט ציהט צו זיך דאָס זומער־פײ־געלע אין אַ פינסטערער נאַכט . . . ער האָט זיך אין גאַנצען אָנגעצונדען מיט אױפמערקזאַמקײט און ערװאַרטונג.

— אָט װאָס עס האָט געטראָפען... סעמיאַנאָװ׳ן איז דאַן געװען זעהר שלעכט. ער האָט געװאױנט אין קרים און געלעבט פון אַ לעקציאָן. מיט אַ מאָל איז סעמיאַנאָװ, פיהלענדיג דעם אָטהעם פון דעם טױט, אַרײנגעפאַלען אין אַ פערצװײפעלטע לאַגע. לאַנדע האָט זיך דערװאוסט װעגען דעם און, פערשטעהט זיך, אַז ער האָט גלײך בעשלאָסען איהם צו העלפען. קײן געלד האָט ער ניט געהאַט, לײהען האָט איהם קײנער ניט געליהען, װײל אַלע האָבען געקוקט אױף איהם, װיא אױף

א „הייליגען”, אדער ריכטיגער : וויא אויף א „קרענק”. ווייכט איהר וואס ער האט געטהאן ? ער איז אוועק צו־פוס א מהלך פון טויזענד וויארסט בכדי צו קריגען געלד פאר סעמיאנאוו'ן... און . . . אויפ'ן וועג ערגעץ איז ער פערלארען געגאנגען . . . ער האט אויף אזא אופן אוועקגעלייגט זיין לע־בען פאר זיין מיטמענשען . . .

— און איהר, זאגט מיר, איך בעט אייך ! — האט זיך אנגעצונדען מיט התלהבות סאלאווייטשיק : — און איהר אנערקענט אט דעם מענשען?

— פון איהם האט מען א סך גע־רעדט אין זיין צייט — האט פערטראכט געענטפערט סאנין — מאנכע האבען איהם גאר ניט געהאלטען פאר א קריסט און אויף דעם גרונד האבען זיי איהם ניט אנערקענט ; אנדערע האבען איהם געהאלטען פאר א פשוט'ן „קרענק” און דערצו נאך פאר אן איינגעשפארטען ; און ווידער אנדערע האבען איהם ניט אנערקענט אויף דעם גרונד, וויל ער האט ניט געקעמפפט, ניט געווען קיין נביא, האט ניט געזיעגט, נור, פער־קעהרט, האט ארויסגערופען צו זיך א גלייכגילטיגקייט פון אלע זייטען . . . איך אבער קוק אויף איהם גאנץ אנ־דערש. דאן בין איך געווען אין גאנ־צען אונטער זיין איינפלוס . . . איך בין אזוי געווען אונטער זיין איינפלוס, אז איין מאהל האט א סטודענט מיר ארייגעפארען אין מארדע . . . א פריהער האט מיר דאס בלוט א מיש גע־טהאן אין קאפ, איך האב שוין . . . אבער לאנדע איז דערביי געווען און גראד האב איך א קוק געטהאן אויף איהם . . . איך ווייס ניט, וואס אין מיר איז דאן פארגעקומען, אבער איך בין אויפגעשטאנען און, ניט זאגענדיג קיין ווארט, האב איך דעם צימער פער־לאזען . . . נו, נאכדעם האב איך מיט דעם זיך נאריש גרויס געהאלטען און צו דעם סטודענט האב איך געשטיקט אין זיך א מורא'דיגען האס... גאנץ צופעליג איז מיר שפעטער קלאהר גע־ווארען, אין וואס פאר א פאלשע לא־גע איך געפין זיך. א צוויי וואכען בין איך דאן ארומגעגאנגען, וויא א צומיש־טער. נאכדעם האב איך זיך אויפגע־הערט צו גרויס האלטען אט מיט דעם דאזיגען זאגענאנטען „מאראלישען נצחון” און דעם סטודענט יענעם האב איך ביי דער ערשטער געלעגענהייט צו־בראכען אזוי גוט דיא ביינער... צווי־שען מיר און לאנדע'ן איז דאן פארגעקו־מען א ריס. איך האב קלאהרער גענו־מען קוקען אויף זיין לעבען און האב דערזעהען, וויא שרעקליך אומגליקליך און ארים זיין לעבען איז !

— אה, וואס רעדט איהר ! — האט געשריען סאלאווייטשיק — איהר קענט זיך דען פארשטעלען דאס רייכ־טהום פון זיינע איבערלעבעצען ?

— אט דיא דאזיגע איבערלעבע־צען זיינען געווען פערשיעדענע : דאס גליק פון זיין לעבען איז בעשטאנען אין דעם וואס ער האט יעדען אומגליק מקבל באהבה געווען. און זיין רייכטהום — אין דעם, וואס ער האט זיך ענטזאגט פון יעדען מין רייכטהום אין לעבען. דאס איז געווען א פאנטאסט, וועל־כער האט אלעס איבערגעטראגען, אין נאמען פון עפעס, וואס איז איהם אליין ניט געווען קלאהר — האט גע־רעדט סאנין.

— אוי, איהר ווייסט גאר ניט, וויא איהר מוטשעט מיך ! — האט סא־ווייטשיק אויסגעשריען און פערבראכען דיא הענד.

— אבער זייט איהר היסטעריש, סאלאווייטשיק ! — האט סאנין פער־וואונדערט בעמערקט. — איך האב, דאכט זיך, קיין בעוונדערעס אייך ניט געזאגט . . . אדער האט דיא פראגע איי אייך אזוי אנגעווייטאגט . . .

— זעהר אנגעווייטאגט, זעהר ! — האט סאלאווייטשיק אויסגעשריען :

— אט איך זיץ איצט און טראכט, און טראכט, און דער קאפ טהוט מיר וועה... שוין זשע איז דאס אלעס נור א טעות ! איך פיהל זיך, וויא אין א פינסטערן צימער . . . און קיינער קען מיר ניט אנווייזען וואס צו טהאן ! . . זאגט מיר, צו וואס לעבט א מענש ? . .

— צו וואס? דאס ווייסט קיינער

ניט — האט סאנין געענטפערט.
— שוין־זשע קען מען ניט לעבען
פאר די צוקונפט — האט סאלאוויי־
טשיק אויסגעשריען מיט וועהטאג —
אום די קומענדיגע דורות זאלען כאטש
לעבען אין א גאלדענער צייט...

— קיין גאלדענע צייט קען קיין
מאל ניט קומען. ווען מען וואלט גע־
קענט אויסבעסערען די צייט אום דעם
לעבען אט גלייך, כהרף עין, וואלט
עס דאן געווען א גאלדען גליק, אבער
דאס קען ניט זיין! די אויסבעסע־
רונג געהט איבער אונבעמערקטע טרעפ־
לאך, און דער מענש זעהט נור דאס
איבערגעטראטען טרעפעל און דאס אנ־
דערע, וואס קומט גלייך נאך דעם...
מיר מיט אייך האבען ניט געלעבט דאס
לעבען פון די רוימישע שקלאפען אדער
פון דער ווילדער, שטיינערנער צייט
און דערפאר טאקי קענען מיר ניט
פיהלען דאס גליק פון אונזער קולטור;
אזוי וועט אין יענער גאלדענער צייט
דער מענש ניט פיהלען דעם אינטער־
שייד צווישען זיין לעבען און דעם פער־
גאנגענעם לעבען פון זיין פאטער, וויא
זיין פאטער האט ניט געפיהלט דעם
אונטערשייד צווישען זיין לעבען און
זיין זיידען'ס, און וויא זיין זיידע —
פון זיין עלטער־זיידענס...
— קומט אויס, אז דער מענש
וועט קיין מאל ניט פיהלען קיין פולען
גליק? אז די אלע חלומות אונזערע
זיינען ניט מעהר, וויא פוסטע חלומות?
אז עס איז גאר נישט ניטא ניט אין
דער פערגאנגענהייט, ניט אין דער גע־
גענווארט און ניט אין דער צוקונפט?
— איך דענק: גאר נישט —
האט געענטפערט סאנין.
— נו, און אייער לאנדע? אט
האט איהר דאך אליין...
— איך האב ליעב געהאט לאנ־
דע'ן — האט ערענסט געזאגט סאנין —
אבער ניט דערפאר, ווייל ער איז גע־
וועזען אזא, נור דערפאר, ווייל ער איז
געוועזען עהרליך, ווייל ער האט זיך אויף
זיין וועג ניט אבגעשטעלט פאר קיינע
שטערונגען, סיי לעבערליכע און סיי
געפעהרליכע... פאר מיר האט לאנ־
דע געהאט א ווערטה אן און פאר זיך,
אלס א פערזענליכקייט און מיט זיין
טויט איז פערשוואונדען אויך זיין
ווערטה.
— דענקט איהר ניט, אז אזוינע
מענשען פארעדלען דאס לעבען? האי־
בען אזוינע מענשען נאכפאלגער, הא?
— האט סאלאווייטשיק געפרעגט.
— ערשטענס, צו־וואס דארף מען
פארעדלען דאס לעבען? צווייטענס,
א לאנדע קען קיין נאכפאלגער ניט שאי־
פען. מען מוז געבארען ווערען א לאנ־
דע! יעזוס אליין איז געווען ערהאבען,
די קריסטען אבער זיינען נישטיג, האי־
בען פערוואנדלט אן ערהאבענע ריינע
אידעע אין א טויטע פארמע...

סאנין איז מיעד געווארען צו ריי־
דען און איז אנשוויגען געווארען. סאלאי־
ווייטשיק האט אויך געשוויגען. עס
האט געשוויגען אלעס ארום, נור די
פינקלענדיגע שטערענדלאך אויבען הא־
בען, דאכט זיך, וויא זיך געסוד'עט איי־
נער מיט'ן אנדערען...
פלוצים האט סאלאווייטשיק עפעס
ארויסגעשעפצעט און זיין שעפצען איז
געווען אזוי זאנדערבאר און מורא'דיג.
— וואס איז דער מעהר? — האט
סאנין א ציטער געטהאן און געפרעגט.
— זאגט מיר — האט סאלאוויי־
טשיק ארויסגעמורמעלט, — זאגט
מיר, וואס דענקט איהר...

ווען א מענש ווייסט ניט, וואס צו טהאן,
וואוהין צו געהען, און טראכט אלץ און
טראכט, און ליידעט, ליידעט און אלעס
זעהט איהם אויס אזוי מורא'דיג און
ניט פערשטענדליך... צו איז ניט בע־
סער פאר אזא מענשען צו שטארבען?..
— וואס מיינט איהר — האט, אנ־
כמורענדיג זיך אין דער פינסטער, גע־
זאגט סאנין, פיהלענדיג דייטליך און

שארף דאס, וואס האט זיך צו איהם
אונבעמערקט געצויגען פון דעם איד־
ליק'ס פינסטערע נשמה. — צו ליידען
האט טאקי קיין זינן ניט. אייביג וואס

ביי וסיי קיינער ניט לעבען. עס לוינט זיך צו לעבען נור דעם, וואס זעהט אין דעם פאקט אליין פון לעבען פערגעניגען; אבער פאר יענע, וואס ליידען, איז דיא בעסטע זאך שטארבען.

— איך האב מיר אויך אזוי געראכט! — האט מיט קראפט אויסגעשריען סאלאוויטשיק און פלוצים האט ער קאנוואולסיוו א כאפ געטאן סאנין'ס האנד.

עס איז געווען שטארק פינסטער און אין דער פינסטערניש האט סאלאוויטשיק'ס פנים אויסגעזעהען וויס, וויא ביי א בר מינן'ען, און זיינע אויגען האבען געקוקט, וויא לעדיגע, שווארצע לעכער.

— איהר זייט א טויטער מענש — האט מיט אונרוהע אין זיין נשמה געזאגט סאנין, אויפהייבענדיג זיך פון ארט: — און איך מוז צוגעבען, אז פאר א טויטען איז דער קבר דער ריכטיגסטער ארט... אדיע!...

סאלאוויטשיק האט, ראכט זיך, איהם ניט געהערט און איז געזעסען פערגליווערט, וויא א שווארצער שאטען, מיט א טויט־וויים פנים. סאנין האט געשוויגען, געווארט נאך א ווילע און איז דאן שטיל אוועק. ביים טויער האט ער זיך ווידער אבגעשטעלט און זיך צוגעהערט. ארום איז געווען שטיל. שאט — שטיל און סאלאוויטשיק'ס שווארצער שאטען אויף גאניק האט זיך צונויפגעגאסען מיט דעם ארומיגען חושך. אן אונאנגענעהם, טרויעריג פארגעפיהל האט זיך א צאפעל געטהאן אין סאנין'ס הארצען.

— אלץ איינס — האט ער א טראכט געטהאן — אזא לעבען איז ניט בעסער ווי דער טויט... און ניט היינט — איז מארגען...

ער האט זיך שנעל א קעהר געטהאן און, אויפעפענדיג דיא טויער מיט א סקריפ, איז ער ארויס אויף דער גאס.

אויפ'ן הויף איז, וויא פריהער, געווען שטיל.

ווען סאנין איז צוגעגאנגען צום בולוואר, האט ער פון ווייטען דערהערט אונרוהיגע, מאדנע טענער.

עמיצער, טאפשענדיג הילכיג מיט דיא פיס, איז שנעל געלאפען אין דער פינסטערניש פון דער נאכט און האט געטענה'עט, צי געוויינט.

סאנין האט זיך אבגעשטעלט. דיא שווארצע פיגור איז געלאפען אין דעם חושך אלץ נעהענטער און נעהענטער צו איהם, איז אנגעלאפען אויף איהם, און סאנין'ען איז עפעס ווידער מורא'דיג געווארען.

דער מענש, וואס איז געלאפען, האט זיך אויף א רגע אבגעשטעלט, און סאנין האט דערזעהען א צושראקען, גערויש פנים פון א סאלדאט.

— וואס איז דער מעהר? — האט סאנין געפרעגט מיט אן אונרוהיג קול.

אבער דער סאלדאט האט עפעס ארויסגעמורמעלט און איז אוועקגעלאפען ווייטער, הילכיג טאפשענדיג מיט די פיס איבער דיא שטיינער פון בולוואר און טענה'ענדיג צי וויינענדיג אויפ'ן קול.

דיא נאכט און דער חושך האבען באלד דעם סאלדאט פערשלונגען.

— דאס איז דאך זארודין'ס דענשציק! — האט זיך סאנין דערמאנט, און מיט אמאל האט א פעסטער רויטער געדאנק דייטליך און רונד זיך אויסגעגאסען אין זיין מוח:

— זארודין האט זיך דערשאסען!...

סאנין האט דערפיהלט א לייכט קעלט אויף זיינע שלייפען. ארום א מינוט האט ער געקוקט אין דעם פינסטערען פנים פון דער נאכט און עס האט זיך געדאכט, אז צווישען איהם, דער הויכען שטארקען מענשען, און דער פינסטער נאכט, קומט פאר א קורצער און מורא'דיגער, שטומער קאמפף...

דאס שטעדטיל האט געשלאפען.

דיא טראטוארען האבען אויסגעקוקט וויס, דיא ביימער שווארץ און דיא דונקעלע פענסטער פון דיא הייזער האבען געקוקט טעמפ, אבהיטענדיג דיא אנגעשטרענגטע שטילקייט.

פלוצים האט כאנין א טרויסעל געטהאן דעם קאפ, א שמייכעל געטהאן און א קוק געטהאן פאר זיך מיט פעסטע אויגען.

— ניט איך בין אין דעם שולדיג ! — האט ער הויך ארויסגערערט... — מיט איינעם מעהר, מיט איינעם ווענייגער — אלע איינס !...

און איז אוועק אין פאראויס, בעוועגענדיג זיך, וויא א לאנגער שאטען, אין דעם חושך פון דער נאכט...

אזוי שנעל וויא מען ווערט געוואהר אין יעדער קליין־שטעדטעל פון אלעס, וואס דארט פאסירט, אזוי האט מען זיך אויך דא גלייך דערוואוסט, אז צוויי מענשען האבען זיך גענומען דאס לעבען אין איין אבענד, כמעט אין איין צייט.

יוריען האט וועגען דעם צו וויסען געגעבען איוואנאוו, קומענדיג צו איהם ביי טאג. ווען יענער האט זיך געהאט נור וואס צוריקגעקעהרט פון א לעקציאן און האט זיך געזעצט מאהלען ליאלעס בילד. זיא האט פאזירט אין א לייכטער העלער בלוזקע, מיט א נאקעטער העלזעל און ראזאווע הענטעלאך, וואס האבען זיך דורכגעזעהען דורך'ן ארבעל. דיא זונן האט אריינגעשיינט אין צימער און איהרע גאלדענע שטראהלען האבען געפינקעלט ארום ליאלעס קאפ, אויף איהרע געקרויזטע האאר, און זיא איז אין גאנצען איצט געווען אזא יונגיקע, א רייניקע און א פרעהליכע, אזוי וויא א גאלדענע פויגעלע.

— א גוטען — האט געזאגט איוואנאוו. אריינגעהענדיג, און האט א ווארף געטהאן דעם הוט אויף'ן טיש.

— א . . . נו, וואס וועט איהר עפעס זאגען נייעס ? — האט געפרעגט יוריע מיט א פריינדליכען שמייכעל.

יוריע איז איצט געווען זעהר גוט אויפגעלעגט. ער האט זיך געפיהלט אי צופריעדען, אי פרעהלאך דערפון, וואס ער האט שליסליך דאך געקראגען א לעקציאן און וועט שוין מעהר ניט ליגען ביים טאטען אויף'ן קארק. נור וועט שטעהען אויף זיינע אייגענע פיס. און אויך פון דער נאהענטקייט פון דער גליקליכער און שעהנינקער ליאלא.

— נייעס איז דא פיעל — האט געזאגט איוואנאוו מיט אן אונבעשטימטען אויסדרוק אין זיינע גרויע אויגען — איינער האט זיך דערווארגען, דער צווייטער דערשאסען און דעם דריטען טייוואלים געכאפט, אום ער זאל זיך ניט ארומשלעפען !

— ס'הייסט ? — האט זיך פארוואונדערט יוריע.

— דעם דריטען האב איך אליין פון זיך צוגעלייגט, צוליעב עפעקט, עס זאל בעסער קלינגען, און צוויי האבען ווירקליך . . . היינט ביינאכט האט זיך זארודין געשאסען, און איצט, זאגט מען, האט סאלאווייטשיק זיך אויפגעהאנגען. אט !

— עס קען ניט זיין ! — האט אויסגעשריען ליאלא, אויפשפרינגענדיג, אין גאנצען א ווייסע, א ראזאווע און א גאלדענע, מיט הערשראקענע און נייגעריגע אויגען.

יוריע האט מיט נייגעריגקייט און שרעק אוועקגעלייגט דעם פינזעל און איז צוגעגאנגען צו איוואנאוו'ן.

— איהר מאכט ניט קיין שפאס ?

— אז אך און וועה צו אזא שפאס!

— האט א מאך געטהאן מיט'ן האנד איוואנאוו.

אזוי וויא אלע מאל, האט ער זיך געסטארעט אנצונעהמען א פילאזאפישען, גלייכגילטיגען אויסדרוק, ס'איז אבער קענטיג געווען, אז איהם איז אויך קאלעמוטנע און ניט אנגענעהם.

— פארוואס האט ער זיך געשע־מען? דערפאר וואס כאנין האט איהם א זעץ געטהאן? און כאנין וויים דערפון? — האט אין איין אטהעם גע־פרעגט ליאליא, שלעפענדיג איוואנאוו'ן פאר'ן לאץ.

— ס'שיינט אזוי... כאנין ווייםט נאך פון נעכטען אבענד — האט געענט־פערט איוואנאוו.

— נו, און וואס זאגט ער? — האט גים ווילענדיג געפרעגט יוריע.

איוואנאוו האט א דריק געטהאן מיט דיא פלייצעס. איהם איז שוין ניט איין מאל אויסגעקומען זיך צו שפא־רען מיט יוריען ווענען כאנין'ען און איהם האט עס דערעסען.

— גארנישט... ס'איז עפעס זיין ראגה, וואס? — האט ער געענטפערט גראב און מיט פערדרוס אין קול.

— ער איז דאך אבער דיא אורזא־כע! — האט באמערקט ליאליא, מא־כענדיג א וויכטיגע מינע.

— טא איז וואס, נו!... ווער האט יענעם געהייסען קריעכען. כא־נין איז ניט שולדיג. עס איז טאקע זעהר טרויעריג, אבער שולדיג אין דעם איז נור זארודין'ס נארישקייט.

— נו, ס'איז נאך ניט אין גאנצען אזוי אויך, דיא אורזאכע ליגען דא פיעל טיעפער — האט ערווידערט יו־ריע א ביסעל אנגעבלאזען: — זארו־דין האט געלעבט אין א געוויכען קרייז...

— און טאקע דערפאר וואס ער האט געלעבט אין אזא אידיאטישען קרייז, און וואס ער האט זיך אונטער־געווארפען צו זייערע רעגעלען, זאגט עדות, אז ער אליין איז אויך געווען א אידיאט, א נאר! — האט געזאגט אי־וואנאוו און האט א מאך געטהאן מיט דיא פלייצעס.

יוריע האט פארשוויגען און האט גענומען רייבען דיא פינגער. איהם איז אונאנגענעהם געווען צו ריידען ווע־גען דעם געשטארבענעם אין אזא טאָן, כאטש ער האט אליין ניט געוואוסט פארוואס.

— נו, זאל זיין אזוי... זארו־דין — איז נאך מעהר אדער ווייניגער פערשטענדליך, אבער סאלאווייטשיק... ווענען איהם וואלט איך עס קיין מאל ניט געטראכט! — האט ליאליא גע־נומען רעדען אונזיכער אויפהייבענדיג הויך איהרע ברעמען — פארוואס האט ער עס געטהאן?

— ווער קען עס וויסען — האט גע־זאגט איוואנאוו — ער איז שטענדיג געווען עפעס א צודרומשקעטער...

אין דער צייט זייגען מיט א מאל אנגעקומען ריאזאנצאוו און קארסאווי־נא. זיי האבען זיך געטראפען ביים טויער און פון באלקאן האט זיך גע־הערט דיא הויכע, פארוואונדערטע שטימע פון קארסאווינא'ן און דער פרעהליכער, שפאסהאפטער קול פון ריאזאנצעוו'ן, וועלכען ער פלעגט אי־מער אנגעהמען ווען ער האט גערעדט מיט יונגע, שענע פרויען.

— אנאטאלי פאוולאוויטש קוקט פון „דארט" — האט מיט אן אויסדרוק פון נערוועזען אינטערעס געזאגט קאר־סאווינא, אריינגעהענדיג דיא ערשטע אין צימער.

ריאזאנצעוו איז אריינגעקומען לא־כענדיג, וויא אימער, און האט אין גאנג פארוויכערט א פאפיראס.

— נו, געשעפטען! — האט ער געזאגט אנפילענדיג דאס גאנצע צימער מיט זיין שטימע, מיט געזונדקייט און מיט זעלבסטבעוואוסטער פרעהליכקייט.

— אויף אזא אופן וועט ביי אונז אין שטאדט באלד קיין יונגער ניט בלייבען!...

קארסאווינא האט זיך שווייגענדיג אוועקגעזעצט און איהר שעהנער פנים איז געווען צוטראגען און צומישט.

— נו, לאזט הערען — האט געזאגט איוואנאוו.

— נו, יא — האט אנגעהויבען צו דערצעהלען ריאזאנצעוו, אויפהויבענדיג די בּרעמען, אזוי ווי א ליאליא און נאך אלין לאכענדיג אבער שוין ניט אזוי פרעהליך ווי פריהער. — איך בין נור וואס ארוים נעבּען פון קלוב, פלוצלונג א סאלדאט לויפט ... זייער עקסעלענץ, זאגט ער, האבען זיך געשאסען ... איך כאפּ אן איזוואשציק און לויף אהין ... איך קום צופאהרען, ערשט דארט איז שוין כמעט דער גאנצער פאלק ... ער ליעגט אויף'ן בעט, צו־וואָרפען, פונאנדערגעשפּיליעט ...

— און וואו האט ער זיך געשאסען?

— האט נייגעריג געפרעגט ליאליא.

— אין שלייף ... די קויל האט דורכגעקלאפּט דעם מוח, אט דא ... און האט זיך אבגעקלאפּט אן באלקען ...

— פון א ברוינינג? — האט געפרעגט יוריע.

— יא, פון ברוינינג ... א העסליכעס בילד. די גאנצע וואנד איז פארשפּריצט געווארען מיט מארך און בלוט ... און ביי איהם איז נאך דער פּנים אזוי אויך גענוג צוקאליעטשעט... יא! ... ער האט איהם נישקשה'דיג ארייגעפאהרען! ...

און זיך ווידער צולאכט, האט ריאזאנצעוו א דריק געטהאן מיט די פּלייצעס.

— ער איז א שטארקער מאנסביל!

— נישקשה פון א בחור! —האט צופריעדען א מאך געטהאן מיט'ן קאפּ איוואנאוו.

— עס איז העסליך! — האט יוריע געזאגט און זיך א טרייסעל געטהאן פון עקעל.

קארסאווינא האט אויף איהם ניט כמעלא א קוק געטהאן.

— נאך מיין מיינונג נאך איז ער ניט שולדיג — האט זיא באמערקט:

— ער האט דאך ניט געקענט ווארטען ביז זארודין וועט איהם ...

— יא ... — האט זיך ריאזאנצעוו אונבעשטימט א קרים געטהאן: — אבער, אט אזוי שלאגען! ... מען האט דאך איהם פארגעשלאגען א דועל ...

— וואונדערבּאר! — האט מיט ענטריסטונג א מאך געטהאן מיט די פּלייצעס איוואנאוו.

— אך, וואס מאכט עס אוים ... א דועל — איז א נארישקייט — האט זיך פארטראכט אבגערופען יוריע.

— געווים — האט שנעל אונטערגעכאפּט קארסאווינא.

יוריע'ן האט זיך געדוכט, אז זיא פרעהט זיך מיט דער געלעגענהייט צו רעכטפערטיגען סאניו'ן און איהם איז דערפון געווארען אונאנגענעהם.

— דאך, פון דעסטוועגען, אזוי...

— יוריע האט געוואלט זאגען עטוואס, וואס זאל זעהר ערנידריגען סאניו'ען, האט אבער ניט געפונען קיין פּאסענדע ווערטער.

— אזוי, איז ווילד, טהיריש! — האט איהם אונטערגעזאגט ריאזאנצעוו.

יוריע האט א טראכט געטהאן, אז ריאזאנצעוו אליין איז אויך ניט ווייט אוועק פון א זאטער חיה, ער האט אבער פארשוויעגען און איז זאגאר געווען צופריעדען ווען ריאזאנצעוו האט פארפיהרט א שטרייט מיט קארסאווינא'ן. בעשולדיגענדיג סאניו'ען מיט הארטע און שטרענגע ווערטער.

קארסאווינא האט געכאפּט אן אייבדרוק אויף יוריעס פּנים און האט פערשטאנען, אז איהם איז אונאנגענעהם, וואס זיא פארטהיידיגט סאניו'ען. און זיא איז אנשוויעגען געווארען, הגם אין דער טיעפעניש פון איהר נשמה איז איהר זעהר געפעלען געוועזען סאנינ'ס קראפט און מוטה. אלעס וואס ריאזאנצעוו האט גערעדט וועגען קולטור, מענשליכקייט און יושר האט זיך איהר

אויסגעדרוקט פאלש און ניט אם פלאץ. און גראדע אזוי וויא יוריע, האט זיא א טראכט געטהאן, אז ניט ער, ריאזאנצעוו, האט געדארפט דערפון רעדען.

אבער איוואנאוו איז אין כעס געווארען און גענומען זיך שפארען.

— א קליינינקייט אביסעל! א הויבע שטופע פון קולטור, וואס ערלויבט אבצושיעסען ביי א מענשען דיא נאז, אדער איהם ארייןרוקען אין בויך אן אייזערנעם שטעקען!...

— און מיט'ן קולאק אין פנים פארפאהרען איז בעסער?

— יא, נאך מיין מיינונג איז עס בעסער! וואס איז א קולאק? א קולאק קען ניט פארשאדען! דער פנים ווערט אביסעל געשוואלען און דערנאך גארנישט... פון א קולאק קומט דעם מענשען קיין אומגליק ניט ארויס...

— דיא זאך איז דאך אבער ניט אין דעם!

— טא אין וואס דען? — האט, מיט פעראכטונג קרימענדיג מיט דיא ליפען, געזאגט איוואנאוו: — נאך מיין מיינונג נאך דארף מען זיך איבערהויפט ניט שלאגען... אויף וואס פאר א כפרה דארף מען דאס! אבער אויב זיך שוין שלאגען, איז וועניגסטענס אזוי, אז מען זאל זיך איינער דעם אנדער'ן ניט מאכען פאר א קאליקע!... דאס איז, ריכט זיך, גאנץ איינפאך.

— ער האט איהם שיעור אן אויג ניט אויסגעזעצט! — האט מיט איראני באמערקט ריאזאנצעוו — א שעהנער ביישפיעל פון „ניט מאכען פיר קאליקעס".

— אן אויג, נו, אודאי... געוויס, א מענש אהן אן אויג איז א קאליקע. פון דעסטוועגען לעבען קען מען אהן אן אויג אויך, אבער א קויל, אז עס כאפט זיך אריין אין דיא קישקעס, דאן העלפט שוין קיין זאך ניט... אנטקעגען א קויל אין בויך איז א בלינדע אויג א גארנישט... וועניגסטענס שטארבט מען דערפון ניט!...

— און דאך האט זארודין זיין לעבען אנגעווארען!

— נו, דאס האט ער שוין אליין געוואלט.

יוריע האט אונזיכער געציפט זיין בערדעל.

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת — האט ער גענומען ריידען און איהם אין אנגענעהם געוועזן, וואס ער וועט קענען זיין אפען־הערציג: — פאר מיר פערזענליך איז דיעזע פראגע ניט קיין געלייזטע... און איך וויס ניט, וויא איך אליין וואלט געהאנדעלט אויף סאנינ'ס פלאץ. זיך שלאגען אויף א דועל איז געוויס נאריש, אבער זיך צו שלאגען אט אזוי מיט דיא קולאקעס, איז ניט בעזאנדערס שעהן!...

— אבער וואס זאל פארט טהאן דער, וועמען מען צווינגט דערצו? — האט געפרעגט קארסאווינא.

יוריע האט אומעדיג א מאך געטהאן מיט דיא פלייצעס.

— אויף וועמען עס איז אן אמת'ער רחמנות, דאס איז אויף סאלאווייטשיקען — האט שווייגענדיג א ווייל בעמערקט ריאזאנצעוו, נור זיין זעלבסטצופריעדענער, פרייליכער פנים האט זיך ניט געפאסט צו זיינע ווערטער.

און פלוצים האבען זיך אלע דערמאנט, אז קיינער האט אפילו ניט געפרעגט וועגען סאלאווייטשיק'ן און אלעמען איז אויף אמאל געווארען אונבעקוועם, ניט אנגענעהם.

— ווייסט איהר, וואו ער האט זיך געהאנגען? הינטער'ן שפייכלער, נעבען דער הינטישער קאנורע... האט אראבגעלאזען דעם הונד פון קייט און — זיך געהאנגען....

אין איין צייט האט ביי קארסאווינא'ן און יוריען אבגעקלונגען אין דיא אויערען א דינער קול: „סולטאן! סולטאן!"

און ריאזאנצעוו האט פארגעזעצט:

— ער האָט געלאָזען אַ צעטעלע. איך האָב עס זאָגאַר איבערגעשריבען... עס איז דאָך אַ מענשליכער דאָקומענט. ניט אמת, וואָס?

ער האָט אַרויסגענומען פון אַ זייטיגער קעשענע אַ קליין ביכעלע.

— צו וואָס זאָל איך לעבען, אַז איך ווייס אַליין ניט, וויא אַזוי מען דאַרף לעבען. אַזעלכע מענשען, וויא איך, קענען די מענשען קיין גליק ניט ברינגען — האָט איבערגעלעזען ריאַזאַנצעוו און איז גאַנץ אונערוואַרטעט אַנשוויעגען געוואָרען.

אין צימער איז געוואָרען שטיל, שטיל, אַזוי וויא אימעצענס אַ טרויעריגער בלאַסער שאָטען וואָלט פערביי־געשוועבט. קאַרסאַווינאַס אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט גרויסע טרערען, ליאַלאַ איז אויפגערעגט רויט געוואָרען און יוריע האָט קראַנקהאַפט אַ שמייכעל געטהאָן און איז אַבגעגאַנגען צום פענסטער.

— דאָס איז אַלעס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען — האָט ריאַזאַנצעוו צוגעזעצט.

— וואָס נאָך ווילט איהר? — האָט ערווידערט קאַרסאַווינאַ מיט ציטערענדע ליפען.

איוואַנאָוו איז אויפגעשטאַנען און, געהמענדיג פון טיש דיא שוועבעלאָך, האָט ער אויסגעבורטשעט:

— אַ גרויסע נאַרישקייט, דאָס איז אמת!

— וויא שעהמט איהר זיך ניט! — האָט זיך צוקאָכט קאַרסאַווינאַ.

יוריע האָט מיט עקעל בעקוקט זיינע לאַנגע, גלייכע האָאַר און האָט זיך אָבגעקעהרט.

— נו, יאָ... אָט האָט איהר זיך באַלאָווייטשיק — האָט ווייטער מיט אַ פריידליכען פייערל אין דיא אויגען אַ כאָך געטהאָן מיט דיא האַנד ריאַזאַנצעוו — איך האָב איהם אימער בעטראַכט אַלס אַ — אַ פּאַסקודניאַק, ענטשולדיגט פאַר דעם אויסדרוק, אַ זשידאָטשעק, און גאָר! און ער, נאָ דיר! האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט גאָר ניט געפּאַסט פאַר אונזער זינדיגע וועלט... עס איז ניטאָ קיין העכערע ליעבע, וויא דיא, ווען אַ מענש איז בערייט אָוועקצולייגען זיין אייגען לעבען פיר דאָס לעבען פון זיינע מיטמענשען!..

— נו, לאָמיר זיך הענקען, אַז ער האָט עס אָוועקגעגעבען ניט פאַר זיינע מיטמענשען... — האָט ערווידערט איוואַנאָוו.

— און וואָס ברעכט ער זיך נאָך!...

ער איז דאָך אַליין ניט מעהר, וויא אַ חיה! — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן און מיט האַס און פעראַכטונג קרום אַ קיק געטהאָן אויף ריאַזאַנצעווס, רייגעס, זאַטען פּנים און אויף זיין ושילעס, וואָס איז געפאַלען אין פאַלטען אויף זיין גאָר נישקשה'דיגען בייכעל.

— דאָס איז אַלץ איינס... יעדענפאַלס פיהלט זיך דאָ אַ פערלאַנגען... אַ הייסע נשמה... — האָט געטענה'עט ריאַזאַנצעוו.

— עס איז שוין גאָר ניט אַלץ איינס! — האָט איינגעשפּאַרט ערוויערט איוואַנאָוו און דיא אויגען זיינען ביי איהם געוואָרען שלעכטע, בייזע — אַ צוקראָכענע נשמה איז דאָס און גאָר!

זיין מערקווירדיגער האַס צו סאָלאָווייטשיקען האָט אונאַנגענעהם געווירקט אויף אַלעמען. קאַרסאַווינאַ איז אויפגעשטאַנען און זיך זעגנענדיג מיט יוריען, האָט זיא פערטרויט צו איהם אַ שעפּצע געטהאָן:

— איך געה אוועק... עס עקעלט מיר איינפאַך פון איהם!...

— יאָ — האָט אַ שאָקעל געטהאָן יוריע מיט'ן קאָפּ — ער איז עפּעס כאָדנע האַרט־הערציג!...

נאָך קאַרסאַווינאַ'ן זיינען אוועק ליאַליאַ מיט ריאַזאַנצעוו'ן. איוואַנאָוו האָט זיך פערטראַכט, האָט שווייגענדיג אויסגערויכערט אַ פּאַפּיראָס, געוואָרפען

א בייזען בליק אין ווינקעל פון צימער און איז אויך אוועק.

געהענדיג איבער'ן גאס, האט ער, וויא זיין געוואהנהייט איז געווען, געמאכט מיט דיא הענד און געטראכט צודייצט און בייז:

— יענע פערד בצורת אדם מיינען דאך, אז איך פארשטעה ניט דאס, וואס זיי פארשטעהען! מערקווירדיג!... חייסען, וויים איך, וואס זיי פיהלען בעסער, וויא זיי אליין... איך וויים גאנץ גוט, אז עס איז ניטא קיין העכערע ליעבע, וויא ווען דער מענש אפפערט מיט זיך פיר זיינע נאהענטע, אבער זיך אויפצוהענגען דערפאר, וואס מען האט ניט געקענט קאווירען דיא מענשען, דאס איז שוין... א גרויסע נארישקייט!

און איוואנאוו האט זיך גענומען דערמאנען א גאנצע רייהע פון געלעזענע ביכער, פריהער פיר אלעמען אן דער ביבעל, און האט דארט גענומען זוכען יעם געדאנק, וואס זאל איהם ערקלעהרען כאלאווייטשיקס האנדלונג אזוי ווי איהם האט זיך געוואלט. און די ביכער האבען געפאלגט, האבען זיך געעפענט אויף יענע זייטלאך, וועלכע זיינען איהם נויטיג געווען און מיט א טויטער צונג האבען זיי גערעדט, וואס ער האט געדארפט. זיין געדאנק האט געארבייט אנגעשטרענגט און האט זיך אזוי צוזאמענגעפלאכטען מיט דיא געדאנקען פון די ביכער, אז ער אליין האט שוין ניט געקענט אבטהיילען, וואו ער אליין טראכט און וואו ער דערמאנט זיך אויף דאס, וואס ער האט אמאל געלעזען.

אהיים געקומען, האט ער זיך געלעגט אויפ'ן בעט, האט אויסגעצויגען דיא לאנגע פיס און האט אלץ געטראכט ביז ער איז איינגעשלאפען געווארען. און אויפגעוואכט האט ער, ערשט שפעט, שפעט ביינאכט.

### 34טער ארטיקעל.

ווען אונטער דיא טענער פון מוזיק, האט מען געפיהרט זארודין'ען צו זיין איביגער רוה, האט יוריע פון פענסטער ארויסגעקוקט אויף דער אומעדיגער און שעהנער פראצעסיאן, אויף דעם שווארצען פערד, דעם טרויער־מארש, און דיא אפיצערסטע פוראזשקע, וואס איז פאר'יתום'ט געלעגען פון אויבען אויף דער טרונע. עס זיינען געווען א סך בלומען, אומעדיג פארטראכטע פרויען און שעהנע, ריהרענדע מוזיק, און אין אבענד פון יענעם טאג איז יוריען געווארען בעזאנדערס טרויעריג אויפ'ן הארצען.

פארנאכט האט ער לאנג ארומגעשפאציערט מיט קארסאווינאן, האט געזעהען דיעזעלבע וואונדערשעהנע, פארליעבטע אויגען און דעם פראכטפאלען קערפער, וואס האט זיך געצויגען צו איהם, אבער אפילו מיט איהר איז איהם אויך געווען שווער.

— וויא מערקווירדיג און שרעקליך איז דער געדאנק — האט ער גערעדט, קוקענדיג פאר זיך מיט אנגעשטרענגטע, דונקעלע אויגען: — אז אט יענער זארודין איז שוין מעהר ניטא... עס איז געווען אן אפיציער, אזא שעהנער, א פרעהליכער, א זארגלאזער און עס האט זיך געדוכט, אז ער וועט זיין שטענדיג... אז דער שרעק פון לעבען מיט זיינע צרות, מיט דעם צווייפעל און טויט כען גאר פיר איהם ניט עקזיסטירען... אז פיר איהם האט דאס אלעס גאר קיין זין, קיין בעדייטונג ניט... און דא נור איין טאג, און דער מענש איז צודריקט, דערשטיקט, צו אש געווארען, האט איבערגעלעבט עפעס א שרעקליכע דראמע און — ער איז שוין מעהר ניטא, און וועט שוין קיינמאל, קיינמאל מעהר ניט זיין!... און דיא פוראזשקע זיינע ליעגט זיך פון אויבען אויף זיין טרונע...

יוריע איז אנשוויגען געווארען און האט פינסטער א קוק געטהאן אויף דער ערד. קארסאווינא איז געגאנגען נעבען איהם, האט אויפמערקזאם גע־

הערט זיינע רייד און האט מיט איהרע שעהנע ווייסע הענד געפיהרט איבער דיא שפיצען פון איהר ווייסען שירעם. זיא האט ניט געטראכט פון זארודין׳ען און מיט איהר גאנצען רייכען קערפער האט זיא זיך געפרעהט פון יוריעס נאהענטקייט. נור וועלענדיג איהם צו־ליעב טהאן, האט זיא געמאכט א טרויע־ריגע מינע און האט זיך כלומרשט אויפ־גערעגט.

— עס איז געווען א זעהר טרויערי־גער בילד!... — האט זיא געזאגט — און דיא מוזיק איז נאך אויך אזא!

— איך בעשולדיג ניט כאנין׳ען! — האט זיך פלוצים ארויסגעריסען ביי יוריען. — ער האט ניט געקענט האנד־לען אנדערש. דער גאנצער אומגליק בע־שטעהט דא אין דעריו, וואס דיא וועגען פון צוויי מענשען האבען זיך אזוי צו־זאמענגעטראפען, אז אדער איינער, אדער דער צווייטער האבען געמוזט אב־מיטען דעם וועג... שרעקליך איז דאס וואס דער צופעליגער זיעגער זעהט ניט דעם שרעק פון זיין נצחון... האט אב־געווישט א מענשען פון דעם פנים פון דער ערד און — איז נאך גערעכט...

— יא, גערעכט... געווים... — האט געזאגט קארסאווינא, הערענדיג נור דיא לעצטע פאר ווערטער, זיא איז אין גאנצען אבגעלעבט און איהר ביוסט האט זיך גענומען בעוועגען.

— ניין... און איך זאג, אז דאס איז שרעקליך! — האט יוריע זיא אונ־טערבראכען מיט א געפיהל פון האס און אייפערזוכט, א קוק טהוענדיג פון דער זייט אויף איהר און איהר בעלעב־טען געזיכט.

— אבער פארוואס? — האט ניט דרייסט געפרעגט קארסאווינא און איז געווארען שרעקליך צומישט. און עפעס מיט א מאל זיינען איהרע אויגען פאר־לאשען געווארען און איהרע באקען האבען זיך אנגעצונדען.

— דערפאר, ווייל פאר אן אנדער מענשען, וואלטען עס געווען די גרעסטע שמערץ דער צוויפעל... אונבעשטימט־קייט... פון אזא זאך מוז דאך פארקומען א קאמפף אין דער נשמה, א שווערער, א שרעקליכער קאמפף, און ער גארנישט, ווי ניט איהם מיינט מען דאס!... עס טהוט מיר זעהר לייד, זאגט ער, אבער עס איז ניט מיין שולד!... אזוי וויא דיא גאנצע פראגע וואלט דא געווען אין דער שולד אדער אין דעם רעכט!...

— טא אין וואס דען? — האט שטיל און אונזיכער געפרעגט קארסא־ווינא, אראבלאזענדיג ניעדעריג דעם קאפ. ס׳איז קענטיג געווען, אז זיא האט מורא איהם אריינצוברייגען אין כעס.

— איך ווייס ניט אין וואס, אבער קיין ווילדע חיה טאר א מענש ניט זיין, ער האט קיין רעכט ניט דערצו — האט הארט און מיט וועהטאג אין קול אויס־געשריען יוריע.

זיי זיינען נאך לאנג געגאנגען שווייגענדיג. קארסאווינא האט געליטען דערפון, וואס זיא האט זיך דערווייטערט פון יוריען, און האט אויף אן אויגענ־בליק פערלארען יענע בעזונדערע, ווארי־מע און הערצליכע צוגעבונדענקייט, וואס זיי ביידע האבען געפיהלט אייגער צום אנדערן אין דער לעצטער צייט. יוריע ווידער האט געפיהלט, אז זיין ערקלעהרונג איז ארויסגעקומען צו דערעהט, ניט קלאהר און ער האט געלי־טען אי פון דעם שווערען טומאן אויפ׳ן הארצען אי פון געקריינקטער אייגענ־ליעבע.

ער איז שנעל אוועק אהיים, אי־בערלאזענדיג דיא מיידעל אן אונבע־פריעדיגטע, א דערשראקענע און בע־ליידיגטע.

יוריע האט געזעהען, וויא צומישט און בעליידיגט זיא איז געווארען, נור דאס האט איהם עפעס מאדנע הנאה גע־טהאן, אזוי וויא ער וואלט געוואלט

אויסלאזען צו דער געליעבטער מיידעל זיין פערביטערט בעליידיגט הארץ.

און געקומען אהיים, איז איהם געווארען אונערטרעגליך שווער.

ביין קאפער האט ליאליא דערצעהלט, אז ריאזאנצעוו האט געזאגט, אז דיא קינדער פון מיהל, זעהענדיג ווי מען נעהמט אראב סאלאוויטשיקען פון טריק, האבען איבער'ן פארקאן אריבערגעשריען:

— דער זשיד האט זיך דערווארגען! רער זשיד האט זיך דערווארגען!...

ניקאלאי יעגאראוויטש האט געלאכט און געצוואונגען ליאליאן איבער־ציחזר'ען.

— אט אזוי — „דער זשיד האט זיך דערווארגען!"...

יוריע איז אוועק צו זיך אין צימער, האט זיך געזעצט פארריכטען דיא פעהלערען אין זיין שילערס ביכעל און האט מיט א ביטערען האס א טראכט געטהאן:

— וויפיעל טהירישע ווילדקייט עס איז נאך דא אין דיא מענשען!... צי קען מען דען ליידען און אפפערען מיט זיך פאר אזעלכע טעמפע, נאריִשע, גראבע חיות!...

נור דא האט ער זיך דערמאנט, אז מען דארף ניט בעשולדיגען און האט זיך פערשעהמט פאר זיין פארביטערקייט.

זיי זיינען ניט שולדיג... — האט ער זיי גענומען פארענטפערען — זיי ווייסען אליין ניט, וואס זיי טהוען!...

— נור צו זיי ווייסען יע, צו זיי ווייסען ניט, חיות זיינען זיי פארט... ווילדע, בייזע חיות!... — האט ער ווייטער געטראכט, האט זיך אבער געכמארעט דאס ניט צו באמערקען און גענומען זיך דערמאהנען אן סאלאווייטשיקען.

— וויא איינזאם און עלענד איז דער מענש: אט האט געלעבט דיעזער אונגליקליכער סאלאוויטשיק און האט געטראגען אין זיין ברוסט א גרויס, ליעבענדעס הארץ, וואס האט געליטען און געבלוטעט פאר דער גאנצער וועלט און איז בערייט געווען אויף יעדער אפפער... און קיינער, קיינער... אפילו איך אויך ניט... — האט איהם א געדאנק א שטאך געטהאן אין מוח — האבען איהם ניט בעמערקט, האבען איהם ניט אבגעשאצט, פארקעהרט מען האט איהם כמעט פעראכטעט! און פאר וואס? ווייל ער איז ניט אימשטאנד געווען, אדער האט ניט געקענט אויסדריקען, וואס ער האט געפיהלט, ווייל ער איז געווען אביכעל צו בעוועגליך און האט אביסעל דערעכען. — אבער אין דיעזער בעוועגליכקייט, אין דיזען דערעכען האט זיך דאך אויסגעדריקט זיין הייסער פערלאנגען זיך צו דערנעהענטערן צו אלעמען, אלעמען העלפען און צופריעדענשטעלען... ער איז געווען א הייליגער און מיר האבען איהם געהאלטען פאר א נאר!

דער געפיהל פון שולד געגען סאלאוויטשיקען האט אזוי גענומען מאטערן זיין נשמה, אז ער האט געווארפען די ארבייט און גענומען ארומגעהן איבער'ן צימער אין גאנצען בעהערשט פון דונקלע, קראנקהאפטע און שווערע געדאנקען. דערנאך האט ער זיך געזעצט ביי'ן טיש, האט גענומען די ביבליע און האט זי אויפגעעפענט. ער האט איבערגעלעזען יענע שטעלען, וועלכע ער האט געלעזען אפטער, וויא אלע אנדערע אין דער ביבליע און דערפאר זיינען טאקע יענע בלעטלאך געווען צוקנייטשט און צודרעהט.

„צופעליג זיינען מיר געבארען געווארען און שפעטער וועלען מיר זיין, אזוי ווי גארניט געווען; דער אטהעם אין אונזערע נאזלעכער איז—פארעך און דאסווארט — איז א פונק אין די באוועגונגען פון אונזער הארצען.

„ווען דאס לעבען וועט אויסגעלאשען ווערען, וועט אונזער קערפער זיך

פערוואנדלען אין שטויב. און דער גייסט וועט זיך צו שטרויען, ווי שי־מערע לופט...

„און אונזער נאמען וועט מיט דער צייט פארגעסען ווערען און קיינער וועט ניט דערמאהנען די טהאטען אונ־זערע. און דאס לעבען אונזערס וועט פארגעהען, ווי א וואלקען און וועט צו־שטרויט ווערען ווי א טומאן, א צוטרי־בענער פון דיא ווארימע שטראהלען פון זיער זונן.

„ווארום דאס לעבען אונזערס — איז ניט מעהר, ווי דאס וואנדלען פון א שאטען, און עס איז ניטא קיין צוריק פון טויט. ווארום דארט איז אויסגע־לעגט א זיעגעל און קיינער קעהרט זיך ניט אום צוריק.“

יוריע האט ווייטער ניט געלעזען, ווייל דארט האט זיך גערעדט דערפון, אז עס האט קיין זינן ניט צו טראכטען וועגען טויט, אז דער מענש דארף הנאה האבען פון לעבען ווי ער האט הנאה פון זיין יוגענד. דיזע געדאנקען זיינען איהם געווען פרעמד, ער האט זיי ניט געקענט פאריסטעהען און זיי האבען זיך יעצט איבערהויפט ניט געפאסט צו זיינע טרויעריגע און קראנקהאפטע גע־דאנקען.

— ווי אמת דאס איז, ווי שרעקליך.. און מען קען דאס בשום אופן ניט אויס־מיידען! — האט ער געטראכט וועגען דעם, וואס ער האט נור וואס געלעזען און האט זיך געבטארעט פארצושטע־לען זיך, ווי אזוי זיין גייסט וועט זיך צושטרייען נאך׳ן טויט, און האט ניט געקענט.

— עס איז שרעקליך! אט זיץ איך דא, א לעבעדיגער, מיט א דורשט נאך לעבען און גליק, און לייען מיין אונ־פערמיידליכען טאדטעס - אורטהייל און קען אפילו ניט פראטעסטירען!..

דיזען געדאנק האט יוריע פיעל, פיעל מאל דורכגעטראכט און האט איהם אויך געלעזען אין פערשיעדענע ביכער... ער האט אבער איינגעזעהען, אז דיזער געדאנק איז שוואך און איינ־זייטיג און דאס האט איהם נאך מעהר צומישט און פארמאטערט.

יוריע האט זיך אנגעכאפט מיט ביידע הענד פאר די האר און מיט פערצווייפלונג אויף דער נשמה האט ער זיך גענומען ווארפען אהער און אהין, ווי א פארוואונדעטע חיה אין א שטייג. מיט פארמאכטע אויגען און א שרעקליכער מיעדקייט אין זיין אויס־געמאטערטען הארצען, האט ער זיך צו עפעס עמיצען געווענדעט. און געווענ־דעט האט ער זיך מיט בימערקייט, נור אהן קראפט, מיט א האס, אבער א טעמ־פען, מיט א געבעט, אין וועלכען ער האט זיך אליין ניט געוואלט מודה זיין..

— וואס האט דיר געטהאן דער מענש, וואס דו לאכסט זיך אזוי פון איהם אויס? פארוואס האסטו, אויב די ביסט דא, זיך בעהאלטען פון איהם? וואס האסטו געמאכט אזוי, אז אויב איך וואלט אפילו געגלויבט אין דיר, וואלט איך ניט געגלויבט אין מיין איי־גענעם גלויבען? און ווען דו זאלסט מיר אפילו ענטפערען, וואלט איך דאן ניט געגלויבט, אז דאס ביזטו, און ניט איך אליין, אדער מיין פאנטאזיע! אויב איך בין געדעכט אין מיין פערלאנג צו לע־בען, טא פאר וואס נעהמסטו ביי מיר אוועק דאס רעכט, וואס דו אליין האכט מיר געגעבען! אויב דיר זיינען נויטיג אונזערע ליידען, — גוט, אויך רעכט!.. מיר וואלטען געליטען, אוים ליעבע צו דיר! אבער מיר ווייסען ניט אפילו וואס איז נויטיגער — דער בוים אדער מיר, מענשען...

— פאר דעם בוים אפילו איז דא א האפנונג! אפילו אן אבגעהאקטער קען ער לאזען ווארצלען, קען ער ווי־דער אויפבליהען און אפלעבען און דער מענש שטארבט און ווערט פארשוואונ־דען! . . . אט לייג איך זיך און שטעה מעהר ניט אויף און קיינער וועט קיי־

מאל ניט וויסען וואס מיט מיר האט פאסירט . . . עס קען זיין, איך וועל ווידער לעבען, אבער איך וויים עס ניט . . . ווען איך זאל וויסען, אז אין מיליאנען, מילארדען יאהרען ארום וועל איך ווידער לעבען, וואלט איך דאן אלע דיזע יאהר-הונדערטע רוהיג און געדולדיג געווארט אין דער אייביגער פינסטערניש . . .

ער האט ווידער גענומען לע-זען.

„וואס קומט ארויס דעם מענשען פון דאס גאנצע פראצע זיינע, וואס ער פראצעוועט אונטער דער זונן.

„א דור קומט, א דור פארגעהט, און דיא ערד בלייבט אייביג אין אלע אייביגקייטען . . .

„עס געהט אויף דיא זונן, און עס פארגעהט דיא זונן און היילט זיך צו דעם ארט איהרען, פון וואנען זי געהט אויף.

„עס הייבט זיך אויף דער ווינד אין צפון און געהט אריבער אין דרום און דרעהט זיך און דרעהט זיך אין זיין גאנג, און עס קעהרט זיך אום דער ווינד אין זיינע אייגענע זיג-זאגען.

— „וואס עס איז געוועזן, דאס וועט זיין; וואס עס איז געטהאן געווארען, דאס וועט געטהאן ווערען. — און עס איז ניטא קיין נייעס אונטער דער זונן!

„עס איז ניטא קיין געדעכעניש פון דיא, וואס זיינען פריהער געוועזן און עס וועט ניט בלייבען קיין געדעכעניש פון דיא, וואס וועלען שפעטער קומען . . .

„איך קהלת, בין געווען א קעניג . . . — האט הויך און זאגאר הארט ווידערהאלט יוריע מיט א איהם אליין אונפערשטענדליכער ביינקעניש — נור ער האט זיך דערשראקען פאר זיין אייגענעם קול און האט זיך ארומגעקוקט: צי האט עמיצער ניט געהערט? דערנאך האט ער גענומען א בויגעלע פאפיער און האלב אונבעוואוסט געטריעבען פון אן אינערליכען פערלאנגען האט ער אנגעהויבען שרייבען דאס, פון וואס ער האט דיא לעצטע צייט אלץ אפטער און אפטער געטראכט:

— „איך הויב אן דיזען צעטעל, וואס דארף זיך ענדיגען מיט מיין טויט" . . .

— פוי, וויא העסליך דאס איז! — האט ער מיט עקעל געזאגט און א שמייס געטהאן דאס פאפיער אזוי, אז עס איז אראבגעפלויגען פון טיש און זיך לייכט דרעהענדיג אין לופטען, איז עס געפאלען אויף'ן פאדלאגע.

— אט סאלאוויישיק, דער קליינטשינקער, רחמנות'דיגער סאלאווישיק האט ניט געזאגט, אז עס איז העסליך, נאכדעם, וויא ער האט זיך איבערצייגט, אז ער קען דאס לעבען ניט פארשטעהען . . .

יוריע האט ניט באמערקט, אז ער שטעלט זיך אלס מוסטער א מענשען וועמען ער אליין רופט אז א קליינטשינקען און א רחמנות'דיגען . . .

— נו, מילא... אויך איך. פיה- אז פריהער אדער שפעטער וועל איך ענדיגען אזוי וויא ער . . . ווארום קיין אנדער אויסוועג איז ניטא . . . פארוואס איז ניטא? דערפאר אפשר..

אבער דא האבען זיך זיינע געדאנקען צומישט, זיינען צופלאנטערט געווארען, און אויף דער נשמה איז איהם נאך שווערער געווארען.

— נארישקייטען, אלץ נארישקייטען! — האט מיט כעס און אין דער הויך געזאגט יוריע.

דיא לאמפ האט שוין במעט אין גאנצען געהאלטען ביים אויסגעהען. א שוואך, טונקעל פייערעל האט נאך געטוקעט און זיין בלאבער שיין איז געפאלען אויף יוריעס קאפ, וועלכער האט זיך אבגעטהיילט פון דער פינסטערניש פון צימער.

— פארוואס בין איך ניט גע-

שטארבען נאך דאן, ווען איך בין געווען א קינד און האב געקריינקט אויף א לונגען ענטצינדונג ? וויא גוט עס וואלט מיר יעצט געווען, וויא רוהיג . . .

און אין דעם זעלבען מאמענט האט זיך יוריע'ן פארגעשטעלט, אז ער איז טאקע דאן געשטארבען און האט זיך אזוי דערשראקען, אז אלעם אין איהם איז פארגליווערט געווארען.

— הייסט עס, אז איך וואלט אפילו ניט געזעהען דאס ביבעל, וואס איך האב געזעהען ? . . . ניין, דאס איז נאך שרעקליכער . . .

יוריע האט א טרייסעל געטהאן מיט'ן קאפ און איז אויפגעשטאנען.

— אט אזוי קען מען משוגע ווערען...

יוריע איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט איהם א שטויס געטהאן, אבער דער לאדען, וואס איז געווען צוגעמאכט מיט אן אייזערנער שטאנג, האט ניט נאכגעלאזען. יוריע האט גענומען א בלייפעדער און האט אזוי לאנג מיט איהם געשטורכעט, ביז ער האט אראבגעשלעפט דעם שטאנג.

פון אויסען האט זיך דערהערט א שווערער קלאנג, דער לאדען האט זיך לייכט און שטיל אויפגעמאכט. יוריע האט געווארפען א טעמפען בליק אויף'ן הימעל, וואו עס האט זיך שוין געלייטערט אויף טאג.

דער פריה־מארגען איז געווען א ריינער און א פרישער. דער בלאס־בלויער הימעל האט זיך שטארק גערויטעלט פון איין זייט. דיא שטערען זיינען בלאס געווארען און האבען זיך אויסגעלאשען; דער גרויסער, צארט־בלויער און עפעס אזוי וויא א קריסטאלענער מארגענשטערען האט שטיל געשיינט מיט א העללען, פייכטען גלאנץ איבער דעם אויפגעהענגענען טאג. א שארפער, קאלטער ווינטעל האט א ציה געטהאן פון מזרח זייט, און דער ווייסער פריה־מארגעדיגער נעבעל איז פון איהם צושוואומען געווארען און האט זיך אוועקגעלייגט אויף'ן טונקעלגרינעם גראז, אויף דיא בלומען און אויף דיא ווייסע ליליען, וואס זיינען געווען אזוי פיעל ביי'ן ברעג פון וואסער... דער דורכזיכטיגער, בלויער הימעל האט זיך אין גאנצען באדעקט מיט העללע, ליכטיגע וואלקענדלאך; איינציגע און גאר בלאסע שטערענדלאך האבען אונבעמערקט געזונקען און זיינען פערשוואונדען געווארען אין דער אונענדליכער בלויקייט. פון טייך האט זיך אלץ געצויגען א פייכטער, ווייסליכער טומאן, פאסענווייז איז ער פאמעליך געשוואומען איבער'ן קאלטען, טיעפען וואסער, האט זיך געצויגען צווישען די בוימער אין דער פייכטער גרינער טיעפקייט פון'ם גארטען, וואו עס איז נאך געלעגען א לייכטער, דורכזיכטיגער שלייער פון דער נאכט. אין דער פייכטער לופט, האט זיך געדוכט, איז געשטאנען עפעס א מאדנער זילבערנער קלאנג...

אלעם ארום איז געווען אזוי שעהן און שטיל, אזוי וויא דיא פארליעבטע ערד, אין גאנצען ענטבלויזט, פול פון גליקליכען ערווארטען, וואלט זיך געגרייט צו עמפפאנגען דיא ליכטיגע זונן, וועלכע איז נאך ניט אויפגעגאנגען, אבער וועמעס אבשיין, א ליכטיגער און ראזאווער, האט שוין געציטערט אין דער לופטען.

יוריע האט זיך געלייגט שלאפען, אבער דאס ליכט האט איהם געשטערט, דער קאפ האט וועה געטהאן און פאר דיא אויגען האט זיך עפעס געדרעהט, געטאנצט...

## 35טער קאפיטעל.

גאנץ פריה, ווען דיא זונן איז נאך געשטאנען נידעריג און האט געשיינט העל און ליכטיג, זיינען איוואנאוו און סאנין ארויס פון שטאדט.

אונטער דיא שטראהלען פון דער זונן האט דער טהוי געבליטשטשעט און געפינקעלט, וויא א פייער'ל און אין שאטען האט דיא גראז, באדעקט מיט טהוי אויסגעזעהען גרוי. פון ביידע זייטען וועג, אונטער דיא מאגערע אלטע ווערבעס, האבען זיך שוין געשלעפט אין מאנאסטיר דיא פרומע גאט־בעטער און גאט־בעטערקעס און זייערע ווייסע און

רויטע טיכלאך, דיא לאפטשעס, דיא קליידלאך און קאלירטע העמדער האבען זיך אין עפעס א מאדנעם מיש־מאש געמישט פאר דיא אויגען. אין מאנאסטיר האט מען געקלונגען, און דער קלאנג, אין דער פריהמארגעדיגער פרישקייט געבאדען, האט געקלונגען מערקווירדיג העל און ריין אין דער ארומיגער וויסטעניש, אויף'ן וועג האט הארט און אבגעריסען געקלונגען א גלעקעל פון א וועגעל, און עס האבען זיך געהערט דיא גראבע געשעפטמעסיגע שטימען פון דיא גאטבעטער.

— מיר האבען זיך צו פריה ארויסגעקליעבען! — האט באמערקט איוואנאוו.

סאנין האט לעבעדיג און פרעהליך געקוקט ארום זיך. — מיר'ן אויפווארטען — האט ער געזאגט.

זיי האבען זיך אוועק געזעצט אונטער א פארקאן, אויף'ן הוילען זאמד און האבען מיט גרויס הנאה גענומען רויכערען.

די בויערן, וואס זיינען געגאנגען אין שטאדט אריין, הינטער זייערע וועגען, האבען זיך אויף זיי ארומגעקוקט, די פרויען און מיידלאך, וועלכע האבען זיך געטרייסעלט אין די לעדיגע וועגען, האבען עפעס מאדנע געלאכט און אנגעוויזען אויף זיי איינע דער אנדערער מיט פרעהליכע, לאכעדיגע אויגען. איוואנאוו האט זיי ניט געשענקט קיין ברעקעל אויפמערקזאמקייט אבער סאנין האט זיך מיט זיי גע'חכמה'ט, געלאכט און דער גאנצער וועג האט זיך אנגעפילט מיט א פרעהליכען און הילכענדען, ווייבערשען געלעכטער.

אין דער לופט האט גענומען שטיקען...

צום סוף האט זיך אויפ'ן בריקעל פון וויינשענק, וואס האט זיך געפונען אין א ווייסען הייזעל מיט א העל גריינעם דאך, בעוויזען דער בעל הבית, א הויכער מאן אין א וועסט. גנעצענדיג און קלאפענדיג מיט דיא שליסלען, האט ער געעפענט די טהיר. א דארף'ס פרוי אין א רויטען טיכעל האט זיך אריינגערוקט נאך איהם.

—אן אנהויב האט מען שוין דארט געמאכט! — האט ארויס גערעדט איוואנאוו: — שום, יעצט. געהט עס?

זיי זיינען אוועק און געקויפט שנאפס, און ביי דער זעלבער דארפ'ס־פרוי אין רויטען טיכעל האבען זיי איינגעהאנדעלט פרישע גרינע אוגערקעס.

—דו, פריינד, ביזט א מענש א גביר! — האט בעמערקט איוואנאוו ווען סאנין האט ארויסגענומען זיין טייסטער.

—דאס איז אן אויפגאב! — האט זיך צולאכט סאנין — מיין מאמע שטעהט עס אפילו גאר ניט אן, אבער איך האב ביי איהר ניט געפרעגט און זיך פארדונגען אלס שרייבער צום פערזיכערונגס אגענט... און מיט איין מאל האב איך זיך ערווארבען אי קאפיטאל אי דער מאמעס כעס.

—נו, און יעצט, מארש! — האט געזאגט איוואנאוו, ווען זיי זייינען ווידער ארויס אויפ'ן וועג.

—יא־א... און וויא וואלט זיין, אז מיר זאלען נאך די שטיוועל אויך אויסטהאן?

— געהט עס! . .

זיי האבען זיך ביידע אויסגעטהון און זיינען אוועק בארפוס. די נאקעטע פיס זיינען טיעף אריין אין דעם ווייכען און ווארימען זאמד און האבען זיך אנגענעהם אויסגעגלייכט נאך די ענגע אויסשוערע שטיוועל. דער ווארימער זאמד האט זיך דורכגעשאטען צווישען דיא פינגער, אבער האט ניט געריעבען, נור געצערטעלט די פיס.

—גוט! — האט געזאגט סאנין מיט פערגניגען.

דיא זונן האט געברענט אלץ שטארקער און שטארקער. זיי זיינען אוועק מיט'ן וועג. דיא ווייטקייט, א בלויע און א דורכזיכטיגע האט זיך פארלארען ערגעץ אויף יענער זייט וועג. אויף דיא כלופעס, וואס זיינען געשטאנען פון ביידע זייטען האט געהודעט דער טעלעגראף און איבער דעם דינעם דרעטעל פון אויבען זיינען זיך רוהיג געזעסען לאסטאצקעס. פארביי האט זיך דורכ־

מעטראגען א פאסאזשיר־צוג מיט בלויע, געלע און גרינע וואגאנעס. אין די פענסטער און אויף די פלאטפארמען האבען זיך געזעהען פארשלאפענע, צו־קנייטשטע פנים'ער. אויף גאר דער לעצטער פלאטפארמע זיינען געשטאנען צוויי מיידלאך, אין העלע היטעלאך, מיט פרישע, פון דער אין דער פריהע־דיגער לופט, פנים'ער. זיי האבען פאר־וואונדערט און איינגעשפארט נאכגע־קוקט די צוויי פרעהליכע, בארפוסע מענער. סאנין האט צו זיי געלאכט און האט אונטערגעטאנצט אויף'ן זאמד, ארויסשטעלענדיג זיינע הוילע פיאטעס. דערנאך האט זיך גענומען ציהען א פעלד, וואו די גראז איז געווען א געדיכטע און א פייכטע און דא איז אויך געווען אנגענעהם און פרעהליך צו טרעטען מיט די בארפוסע פיס.

— אוי א מחיה,— האט געזאגט אי־וואנאוו.

— שטארבען דארף מען ניט — איז סאנין געווען איינפערשטאנדען.

איוואנאוו האט פון דער זייט אויף איהם א קוק געטהאן: איהם האט זיך געפעס אויסגעדוכט, אז דערביי דארף סאנין זיך דערמאנען אויף זארודין'ען, כאטש עס איז שוין אוועק א היבשע צייט, זייט ער איז געשטארבען. אבער סאנין האט, וויא עס שיינט, זיך אויף קיינעם ניט דערמאנט און דאס איז גע־ווען מאדנע, אבער עס איז געפעלען גע־ווארען איוואנאוו'ען.

נאך'ן פעלד איז ווידער אוועק א וועג, מיט דיזעלבע וועגלאך, מיט די פויערים און די לאכעדיגע דארפ'ס־פרויען. דערנאך האבען זיך דערזעהען בוימער און עס האט זיך בעוויזען דאס בליסטשענדיגע וואסער און דער מא־נאסטיר אויפ'ן בארג, איבער וועלכען עס האט, וויא א גאלדענער שטערן, געבליטשעט א צלם.

אויפ'ן ברעג זיינען געשטאנען שיפלאך פון פערשיעדענע פארבען. און עס זיינען געזעסען פויערים און ווא־טען מיט קאלירטע העמדער, ביי זיי האבען סאנין און איוואנאוו גענומען א שיפעל, נאכדעם, וויא זיי האבען אפגע־רעדט אויף שפאס, מיט זיי לאנג און פרעהליך געדונגען זיך.

איוואנאוו האט זיך געזעצט ביי די רודער און דאס שיפעל האט לייכט און שנעל גענומען שווימען ארום ברעג, דא אין דער ליכטיגקייט און דא אין שאטען איבערלאזענדיג הינטער זיך שמא־לע, אבער גלייכע פאסען פון זילבער־ווייסע כוואליעס... איוואנאוו האט שנעל און גוט גערודערט מיט אפטע און גלייכע בעוועגונגען, פון וועלכע דאס שיפעל האט זיך געטרייסעלט און האט זיך אויפגעהויבען, וויא א לעבעדיגע. מאנכעס מאל האבען די וועסלעס מיט געוויש פארטשעפעט די צווייגלאך ביים ברעג און זיי האבען זיך לאנג און פערטראכט געשאקעלט איבער דער טונ־קעלער טיעפעניש... סאנין האט מיט פערגניגען שטארק אנגעדריקט אויפ'ן רודער און האט פארקירעוועט דאס שיפעל אין שמאלען דורכגאנג צווישען די קוסטעס, וואו עס איז געווען טיעף, פייכט, קיהל און טונקעל. דאס וואסער איז דא געווען ריין און קלאהר און אויף א גאנצען קלאפטער ארום האבען זיך געזעהען די געלע שטיינדלאך און די רויט־שופענדיגע פישלאך, וועלכע האבען גאנצע סטאיעס־ווייז געשוואומען הין און צוריק.

— דא, איז דער בעסטער פלאץ — האט געזאגט איוואנאוו און זיין קול האט פרעהלאך אבגעקלונגען אונטער די טונקעלע צווייגען.

דאס שיפעל איז מיט א לייכטען כקריפען צוגעקומען צו די געדיכטע גראז ביים ברעג, פון וואנען עס איז אוועקגעפלויגען א קליין, שטיל פייגע־לע, און איוואנאוו איז ארויסגעשפרונ־גען אויפ'ן ברעג.

— אויף דער ערד לעבט דער מענש!

— האט ער גענומען זינגען מיט א מעכטיגער באס־שטימע, פון וועלכער עס האט אבגעקלונגען אין דער ארומיגער לופט.

סאנין איז לאכענדיג ארויסגעשפרונגען נאך איהם און טרעטענדיג ביז די קניע אין פייכטען, געדיכטען גראז איז ער ארויפגעפאלען אויפ'ן ברעג.

— מען קען גאר בעסערס ניט געפינען! — האט ער אויסגעשריען.

— מען דארף גאר ניט זוכען: אונטער דער זונן איז אומעדום גוט... — האט געענטפערט איוואנאוו און גענומען ארויסשלעפען פון שיפעל שנאפס, אוגערקעס, ברויט און א פעקעלע מיט פארבייסען.

ער האט עס אלעס איבערגעטראגען אויף א קליין, ווייך בערגעלע אונטער א סטואל פון א גרויכען בוים און האט עס פונאנדערגעלייגט אויפ'ן גראז.

— אט אזוי זעטיגט זיך דער מענש — האט ער געזאגט.

— און ער איז גליקליך — האט געענטפערט סאנין.

— ניט אין גאנצען — האט ערוויעדערט איוואנאוו מיט א געמאכטען פערדרוס: — די גלעזעל האבען מיר פערגעסען.

— פוי — האט פרעהליך געזאגט סאנין — נו, נישקשה, מיר וועלען אליין מאכען...

און וועגען קיין זאך ניט געטראכט, נור הנאה געהאט פון דער זונן־שיין, די גרינס און פון זיינע אייגענע פלינקע און גראציעזע בעוועגונגען, איז ער ארויפגעקראכען אויף א בוים און אויסגעקליבען א גרין, יונג צווייגעלע, האט ער איהם גענומען אבשניידען מיט א מעסערעל.

דאס צווייגעל האט א קנאק געטראן און איז אראבגעפאלען אויפ'ן גראז. סאנין איז אראבגעשפרונגען פון בוים און גענומען שניצען פון צווייג א גלעזעלע, סטארענדיג זיך ניט איבערצופיהרען די קארע. דאס גלעזעל איז ארויסגעקומען א גלייכע און א שעהנע.

— דוא, ברודער, איך דענק זיך אויכצובאדען שפעטער — האט געזאגט איוואנאוו, בעטראכטענדיג אויפמערזאם זיין ארבייט.

— דאס איז א גוטע זאך — האט סאנין פרעהליך איינגעשטימט, האט א שפיעל געטהאן מיט'ן מעסערעל און הויך אין דער לופט א ווארף געטהאן דאס פארטיגע גלעזעל.

זיי האבען זיך געזעצט אויפ'ן גראז און האבען מיט אפעטיט גענומען טרינקען שנאפס און עסען די גרינע, שמעקעדיגע און זאפטיגע אוגערקעס.

— איך קען ניט! — האט געזאגט איוואנאוו — ס'הארץ פאלט ביי מיר ארויס!

ער האט ניט געקענט שווימען און זיך שנעל אויסטהוענדיג, איז ער אריינגעקראכען אין וואסער, אין א ניט טיעפען דורכזיכטיגען ארט, וואו עס האט זיך לייכט געזעהען דער געלער, גלייכער זאמדיגער דעק.

— או־ו־ף, וויא גוט... — האט ער געזאגט אונטערטאנצענדיג און ווארפענדיג ווייט פון זיך דאס בליסטשענדיגע וואסער.

סאנין האט ניט הייל(ע)נדיג זיך אויסגעטהאן, איז אריינגעלאפען אין וואסער, איז אונטערגעשפרונגען, האט טיעף אבגעצויגען דעם אטהעם און גענומען שווימען איבער'ן טייך.

— וועסט דערטרונקען ווערען — האט געשריען איוואנאוו.

— איך וועל זיך ניט טרינקען — האט פרעהליך לאכענדיג און פלעשצענדיג אין וואסער, זיך אבגערופען סאנין...

זייערע פרעהליכע שטימען האבען זיך הויך און מיט פרייד געטראגען איבער'ן העלען טייך און דעם גרינעם פעלד.

דערנאך זיינען זיי ארויסגעקראכען און נאקעטע זיך גענומען קייקלען אין ווייכע, פרישען גראז.

— גוט, א מחיה!... — האט געדרעדט איוואנאוו אומקעהרענדיג צו דער זון זיין ברייטען רוקען, אויף וועלכען עס האבען נאך געבליסטשעט קליינע טראפענס וואסער — לאמיר דא אויפשטעלען צוויי ביידלאך...

— צום טייפעל מיט זיי!... — האט אויסגעשריען פרעהליך סאנין: — אהן ביידלאך איז אויך גוט, דיא אלע אכען האבען שוין לאנג דערעבען!

איוואנאוו איז אויפגעשפרונגען, האט גענומען דריגעווען מיט דיא פיס, מארפענדיג זיי ארויף און ארויף, אהין און אהער.

— א גוט, א גוט! טריק־בריק!

— האט ער אויסגעשריען, טאנצענדיג עפעס א משונה׳דיגען טאנץ.

סאנין, זיך קייקלענדיג פון געלעכטער, האט זיך געשטעלט אנטקעגען איהם און גענומען מאכען דיא זעלבע שנצען מיט דיא פיס.

זייערע נאקעטע קערפערס האבען געבליסטשעט אונטער דער זון און זייערע מוסקולען האבען זיך פלינק און שטארק באוועגט אונטער דער אנגעצויגענער הויט.

— או־ו־ך — האט א פארסאפעטער שווער אבגעצויגען דעם אטהעם איוואנאוו און האט זיך צוריק אוועקגעזעצט.

סאנין האט נאך א ווילע געטאנצט אליין. דערנאך האט ער זיך איבערגעקעהרט קאזאלקע איבער׳ן קאפ.

— דוא, קום אהער, אז ניט טרינק איך אוים דעם גאנצען שנאפס — האט צו איהם א געשריי געטהאן איוואנאוו.

זיי האבען זיך אנגעטהאן, האבען געענדיגט עסען זייערע אוגערקעס און האבען אויסגעטרונקען דעם שנאפס.

— יעצט וואלט ניט געשאדט א ביסעל קאלטע ביער... — האט טרויעריג געזאגט איוואנאוו.

— לאמיר פאהרען.

— געהט עס.

און איבעריאגענדיג איינער דעם אנדערען, זיינען זיי אראבגעלאפען פון ברעג צום שיפעל און האבען זיך שנעל אוועקגעזעצט.

— עס פארעט — האט געזאגט כאנין, זיך זשמורענדיג א גליקליכער אויף דער זון און האט זיך אויסגעצויגען אויף׳ן דעק פון שיפעל.

— עס וועט געהען א רעגען — האט זיך אבגערופען איוואנאוו — אבער קערעווע דאך דיא שיפעל... טייפעל הוא!...

— דאס קענסטו אליין, נישקשת, עס וועט דיר ניט שאדען — האט ער ווידערט סאנין.

איוואנאוו האט א שפריץ געטהאן אויף איהם מיט דער וועסלע און דיא העלע, דורכזיכטיגע וואסער־טראפען שיינענדיג אויף דער זון זיינען זיך צופלויגען אין אלע זייטען, וויא ברילאנטען.

— א דאנק דיר פאר דעם אויך — האט געזאגט סאנין.

ווען זיי זיינען פארבייגעפאהרען איינעם פון דיא קליינע, גרינע איינדלען, האבען זיי פלוצים דערהערט פרעהליכע קוויטשערייען, א פליושקען זיך און א קלינגענדיגען, פרעהליכען פרויען־געלעכטער. דער טאג איז געווען א יום־טוב׳דיגער און פון שטאדט זיינען א סך מענשען ארויסגעפאהרען שפאצירען און באדען זיך.

— מיידלאך באדען זיך — האט געזאגט איוואנאוו.

— קום, לאמיר א קוק טהאן — האט געענטפערט סאנין.

— מען וועט דערזעהען.

— ניין, מיר וועלען זיך דא אבשטעלען און געהען שטיל צווישען דיא בוימער...

— אך, כאפט זיי דער גוטער...

— האט ליכט רוים־ווערענדיג געזאגט

איוואנאוו.

— קו—ם.

— ס'איז עפעס ניט שעהן — האט מיט שפאס א מאך געטהאן מיט דיא פלייצעס איוואנאוו.

— פארוואס ?

— ווייל . . . ווייל זיי זיינען דאך מיידלאך. ס'איז עפעס ניט . . .

— בהמה דוא — האט געזאגט סאנין לאכענדיג — זעהען ווילט זיך דאך ? . . .

—יא, אויב עס איז דא . . . אויב דיא מיידעל . . .

— נו, טא קום . . .

— אך, לאז אב . . .

—פוי—האט געזאגט סאנין — עס איז ניטא קיין איין מאן, וואס זאל ניט וועלען זעהען א שעהנע נאקעטע פרוי . . . און אפילו אזא איז ניטא, וועלכער זאל כאטש איין מאל אין לעבען ניט האבען געזעהען . . .

— דאס איז אפילו אן אמת — האט צוגעגעבען איוואנאוו — און דאך . . . אויב אבער דוא דיינקסט, אז אזוי דארף זיין, וואלסטו געדארפט געהען אפען ניט פארשטעלטערהייד, און דוא בעהאלסט זיך גאר ! . . .

— עך, ברודער, אזוי איז פיעל אינטערעסאנטער — האט פרעהליך געזאגט סאנין.

— יא, מען קען ניט זאגען, הנאה האט מען דערפון . . . אבער דוא, בעסער האלט זיך איין . . .

— צוליעב דער אונשולד, וואס ?...

— נו, זאל זיין צוליעב דעם...

— ניט זאל זיין, ווייל צוליעב קיין אנדער זאך דארף מען זיך דאך ניט איינהאלטען.

— זאל זיין אזוי . . .

— נו . . . ביי אונז איז דאך אבער שוין דיעזע אונשולד לאנג ניטא . . .

— ווען דאס אויג פארפיהרט דיך, רייס איהם ארויס — האט געזאגט איוואנאוו.

— ניט פלאפעל קיין נארישקייטען.

וויא יוריע — האט זיך צולאכט סאנין : — גאט האט דיר געגעבען אויגען צו וואס זאלסטו זיי רייסען.

איוואנאוו האט שמייכלענדיג א מאך געטהאן מיט דיא פלייצעס.

— אט אזוי, ברודער, איז דאס שוין

— האט געזאגט סאנין, קירעווענדיג דיא שיפעל צום ברעג : — אט זעהכטו, ווען דוא, קוקענדיג אויף א שעהנע נאקעטע פרוי, וואלסט געקענט בלייבען רוהיג, און עס זאל ביי דיר ניט ארויסרופען קיין שום פערלאנג, דאן וואלסטו ווירקליך געוועזען אן אונשולדיגער מענש . . . און איך, דער ערשטער, וואלט דיך בעוואונדערט . . . כאטש איך וואלט דיר ניט נאכגעטהאן, און עס איז זעהר מעגליך, אז איך וואלט דיר אוועקגעפיהרט אין א שפיטאל . . . אבער אויב דאס אלעס איז אינעווייניג אין דיר פאראן און עס רייסט זיך ארויס און דוא האלטסט עס איין, וויא א הונד אויף'ן קייט, דאן — איז דיין גאנצע אונשולד א גראשען ניט ווערטה ! . . .

— נו, יא, אבער, ווען דער מענש זאל זיך ניט איינהאלטען, וואלט ער אנגעטהאן גרויסענע צרות . . .

— וואס צרות, ווען צרות ? ווען דיא תאוה ברענגט אפילו יא א מאל אי אומגליק, איז אויך ניט זיא אליין אין דעם שולדיג . . .

— נו, נו, ניט דרשן אזוי פיעל. ניט דרשן, ברודער !

— איז וואס, געהסטו ?

— וואס דען, מיין נשמה איז א ראזינקע, וואס ? . . .

— א פערד ביסטו אט וואס . . .

גיעה שטילער ! — האט שמייכלענדיג געזאגט סאנין.

זיי זיינען כמעט אויף אלע פיער דערקראכען אויף'ן שפעקעדיגען גראז צווישען דיא געדיכטע צווייגען.

— זעה, קוק, ברודער ! —האט מיט

ענטציקונג געזאגט איוואנאוו.

עס האבען זיך געבאדען פרייליינס, דאס האט מען געקענט זעהען פון דיא קאלירטע וויסטען, קליידער און היכעלאך, וואס זיינען געווען צוליגט איף׳ן גראז.

איינגע פון זיי זיינען געווען אין וואסער. האבען זיך געפליושקעט, געשפריצט און דאס וואסער האט ליעבליך ארומגענומען זייערע צארטע רונדע פלייצעס, דיא הענד און דיא ברוסטען. איינע, א הויכע א שלאנקע, אין גאנצען א פערגאסענע פון דער זון, פון דאס זיא האט אויסגעזעהען דורכזיכטיג, ראזאווע און צארט, איז אין איהר גאנצען וואוקס געשטאנען אויף׳ן ברעג און האט געלאכט מיט א פרעהליכען, גליקליכען געלעכטער.

— אך! — האט זיך ארויסגעריסען ביי סאנין׳ן אן אויסגעשריי פון אמת׳ער בעגייסטערונג.

איוואנאוו האט צושראקען גענומען ריכען צוריק.

— וואס איז געשעהען?

— שטיל . . . דאס איז קארסאווינא!

— ווירקליך? און איך האב איהר גים דערקענט . . . אבער וואס פיר א שעהנהייט זיא איז! — האט הויך געזאגט סאנין.

— הם, יא, — האט געזאגט איוואנאוו שמייכלענדיג מיט עפעס א בעזונדערען צורייצטען שמייכעל.

אין דיעזער צייט האט מען זיי דערהערט, און עס קען זיין, אז מען האט זיי אויך דערזעהען. עס האט זיך דערהערט א געשריי, א געלעכטער, און קארסאווינא, א דערשראקענע, א ביינזאמע האט זיך אווארף געטהאן זייר אנטקעגען און האט זיך פלינק אבגעטונקט אין דעם דורכזיכטיגען וואסער, איבער וועלכען עס איז נאר פארבליעבען איהר שעהנער ראזאווער פנים מיט דיא בליטשענדיגע אויגען.

סאנין און איוואנאוו, איילענדיג און פלאנטערנדיג זיך אין דיא צווייגען, גליקליכע און אויפגערעגטע האבען גענומען לויפען צוריק.

— א, גוט!... ס׳איז גוט צו לעבען איף דער וועלט! — האט געזאגט סאנין; זיך פרעהליך אויסגלייכענדיג און האט אין דער הויך גענומען זינגען.

הינטער די גרינע בוימער האט זיך נאך לאנג געהערט דער שנעלער, שעהנער, כיעוודיגער און פרעהליכער געלעכטער פון דיא פרויען, וועלכע האבען זיך אי געשעהמט, אי זיך געפיהלט גליקליך.

— עס וועט זיין א שטורעם — האט געזאגט איוואנאוו א קוק טהאן׳דיג איף׳ן הימעל, ווען זיי האבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו רער שיפעל.

דיא בוימער זיינען שוין דונקעל געווארען און א שאטען האט שנעל באדעקט דעם גרינעם פעלד.

— כאפ דיא פיס, ברודער, און לויף . . .

— וואוהין? וועבט שוין פון רעגען ניט אנטלויפען — האט פרעהלעך אויסגעשריען סאנין.

א וואלקען איז שטיל און אהן ווינד צוגעקומען אלץ נעהענטער און נעהענטער און האט שוין יעצט אויסגעזעהען ווי א בלייענער. אלעם ארום איז אנשוויעגען געווארען און אין דער לופטען איז געווארען אי שמעקעדיגער אי טונקעלער.

— מיר וועלען אויסגעווייקט ווערען, אזוי נישקשה׳דיג — האט געזאגט איוואנאוו — לאמיר כאטש פארדייבערען פון צרות!

א שווארצער פייערל האט זיך אנגעצונדען, און זיין שווארצע, געלע שיין האט אויסגעזעהען עפעס אזוי מאדנע אונטער דער בלייענער כמארע, וואס האט זיך געטראגען אין דער לופטען. א גרויסער טראפען האט זיך אנגעקלאפט אן שיפעל, א צווייטע האט א

קאפּ געטהאָן סאנין'ען אויפ'ן נאָז: און פּלוצים האט א קלאפּ געטהאָן איבער דיא בלעטער און גענומען רוישען איבער'ן וואסער. אלעס איז מיט אמאל פינסטער געוואָרען, און א רעגען האט א גאָס געטהאָן, וויא פון אן עמער פארהילכענדיג אלע קלאנגען מיט זיין וואונדערבארען וואכערדיגען קלאנג.

— אפילו דאס איז אויך גוט — האט געזאגט סאנין א פּיהר טהאענדיג מיט דיא פּלייצעס, צו וועלכע עס האט זיך גלייך צוגעקלעבט דיא נאסע העמד.

— ס'איז ניט שלעכט, מען קען ניט זאגען — האט געענטפערט איוואנאוו, נור געזעסען איז ער, וויא א נאסער האהן.

דער הימעל האט זיך ניט אויפגעלייטערט, אבער דער רעגען איז באלד קלענער געוואָרען און האט יעצט שוין שוואך געקאפּעט אויף דיא נאסע גרינס, אויף דיא מענשען און אויפ'ן וואסער. ארום איז געווען פינסטער און ערגעץ ווייט, הינטער'ן וואלד האט אויפגעבליצט דער בליץ.

— נו, וואס הערט זיך... פאהרען מיר אהיים? — האט געזאגט איוואנאוו.

— מיר איז אלץ איינס, פון מיינעט וועגען, זאל זיין אהיים.

זיי זיינען ארויסגעפאהרען אין מיטען וואסער, איבער וועלכען עס האט נידעריג און שווער זיך גערוויכערט א שווערער בלייענער וואלקען. עס האט געבליצט אלץ אפטער און אפטער און פון דאנען האט זיך געזעהען, וויא דיא בייזע פייערן פון דיא בליצען שפּאלטען דעם שווארצען הימעל. דער רעגען האט אין גאנצען אויפגעהערט, אין לופטען איז געוואָרען טרוקען, עס האט זיך אבער נאך געפיהלט דער שטורעם. שווארצע, צושויבערטע פייגלאך זיינען שנעל פארבייגעפלויגען, זיך האלטענדיג גאנץ נידעריג איבער'ן וואסער. די בוימער זיינען געשטאנען טונקעלע, אונבעוועגליכע און האבען זיך לייכט אבגעטהיילט פון דעם גרויען, בלייענעם ארום.

— אורו־ך — האט איוואנאוו שווער אבגעצויגען דעם אטהעם.

ווען זיי זיינען געגאנגען איבער'ן נאסען זאמד איז מיט אמאל אלעס פינסטער און שטיל געוואָרען.

— עס וועט באלד ווידער א גאס טהאָן!...

דיא וואלקענס האבען זיך געדרייבערט אלץ נידעריגער און נידעריגער ארויפלאזענדיג זיך כמעט אויפ'ן סאמע ערד.

און פּלוצים האט ווידער מיט א נייער קראפט א ריס געטהאָן א ווינד, דיא בלעטער האבען זיך גענומען דרייהען אין א ווירבעל און דער גאנצער הימעל איז צושפּאלטען געוואָרען מיט שרעקליכען טראסק, א בליץ און א קנאקען פון א לאנג אנהאלטענדען דונער.

— אה — הא — הא! — האט א געשריי געטהאָן סאנין זיך כטארענדיג איבערצושרייען דיא צורייצטע נאטור וואס האט יעצט אנגעפילט דיא לופט מיט בעטויבענדע טראסקערייען... אבער זיין שטימע איז פארשטארבען און ער אליין אפילו האט זיא ניט געהערט.

ווען זיי זיינען ארויס אין פעלד, איז שוין געוואָרען אין גאנצען פינסטער נור ווען עס האט געבליצט, האבען זיך פון דער פינסטערניס אבגעטהיילט זייערע טונקעלע געשטאלטען, טרעטענדיג אין גלאטען זאמד. אלעס ארום האט געשלאפען און געטראסקעט.

— א — א — א!... — האט ווידער א געשריי געטהאָן סאנין.

— וואס? — האט מיט אלע קרעפטען געשריען איוואנאוו.

עס האט א בליץ געטהאָן און ער האט דערזעהען סאנינס פּנים, א גליליכען מיט בליטשענדיגע אויגען.

קיין ענטפער האט איוואנאוו ניט

נעהערט. ער אליין האט אביסעל מורא געהאט פאר'ן שטורעם.

ווען עס האט ווידער א בליץ געטאן האט סאנין פיהלענדיג מיט יעדען נערוו אין זיך לעבען און קראפט, צושפרייט דיא הענד און מיט דער גאנצער ברוסט האט ער לאנג און הויך און גליקליך גענומען שרייען אנטקעגען דעם דונער, וואס האט זיך מיט א הורהא, מיט א קלאפען און טומעל געקייקעלט איבער'ן הימעל...

## 36טער קאפיטעל.

דיא זונן האט געשיינט, וויא אין פריהלינג, דאך האט אין דער נאטור זיך געפיהלט דער הערבסט.

יוריע, אן אומעדיגער, האט לאנג־זאם שפאציערט אין גארטען און מיט גרויסע פארטראכטע אויגען געקוקט ארום זיך — אויפ'ן הימעל, אויף דיא געלע און גרינע בלעטער, אויף דיא שטיי־לע סטעזשקעס אזוי וויא ער וואלט אלעס געזעהען צום לעצטען מאל און וואלט זיך בעמיהט עס גוט, גוט איינצוזאפען אין זיך און עס קיין מאל ניט פערגעסען.

עפעס א מין טרויעריגקייט האט ארומגעכאפט זיין הארץ און האט איהם געדריקט, געדריקט.

צו איז דאס געווען דיא יוגענד און איהר יונגעס גליק, וועלכעס ער האט ניט גענומען, און עס וועט זיך שוין קיין מאל ניט ווידערהאלען; צו איז דאס געווען א בענקעניש נאך דער בע־וועגונג, וואו ער איז א געוויסע צייט גע־שטאנען אין רעכטען מיטען, ער אליין האט עס ניט געוואוסט, ווי אזוי עס איז געקומען, וואס ער איז איצט געשטאנען אין גאנצען פון וויטען, האט ער אליין ניט פערשטאנען. איינס נאר איז איהם געווען קלאהר און אין דעם איז ער גע־ווען זיכער, אז אינעווייניג אין איהם זיינען דא פארבארגענע קרעפטען, שטארק גענוג איבערצוקעהרען גאנצע וועלטען... און א פערשטאנד האט ער א טיעפערען און ברייטערען, וויא ווער עס איז אויף דער גאנצער וועלט. פון וואנען ביי איהם האט זיך גענומען אזא זיכערקייט, האט יוריע אליין ניט גע־קענט זאגען און ער וואלט זיך געשעהמט אין דער הויך צו ערקלעהרען וועגען דעם אפילו זיין נאהענטסטען פריינד. אבער דיא זיכערקייט איז אין איהם געווען אפילו דאן, ווען ער האט גוט געפיהלט, אז ער ווערט גלייך מיעד און אז פיעלעס וואגט ער ניט צו טהאן און קען נור טראכטען וועגען לעבען שטע־הענדיג פון וויטען...

— עך, וואס מאכט עס אויס... נארישקייט און גאר... און פיעלייכט איז עס טאקע דאס שעהנסטע און קלוגסטע צו שטעהען פון וויטען און בעטראכטען, וויא אנדערע מענשען לע־בען — האט געטראכט יוריע און גענו־מען געהען צו הויז.

איהם איז געווארען צו אומעדיג אין דער רוהיגער שטילקייט פון העלען טאג, וואו עס האבען זיך קלאהר גע־הערט דיא אייגענע געדאנקען און וואו עס האט זיך צופיעל געפיהלט דער לאנג־זאמער, אבער בעשטימטער גאנג פון דער צייט.

— אט לויפט ליאלא — האט גע־זאגט יוריע צו זיך אליין דערזעהענדיג עטוואס ראזאוועס און פרעהליכעס, וואס איז שטיפענדיג פארביי־געלאפען צווישען דיא געלע און גרינע קוסטעס. — וויא גליקליך איז ליאליא!... זיא לעבט זיך, וויא א שמעטערלינג מיט דעם היינ־טיגען טאג, זיא דארף קיין זאך ניט... אך, ווען איך וואלט געקענט אזוי לע־בען!...

נור דיעזע געדאנקען האט נור פון אויבען בעריהרט זיין מוח. זיין שכל, זיין בייגקעניש, זיין ליידען און טראכ־טען, פון וועלכע ער האט אזוי מורא'דיג געליטען, האבען זיך יוריען אויסגעוויי־זען פאר אזא אונגעוואוינליכע זעלטענ־הייט, אזא טהייער איצר, אז זיך דער־מיט צו בייטען אויף ליאליאס איינפאך

כעו. שמעטערלינג־לעבען וואלט געווען אומבעגליך.

— יוריא, יוריא — האט מיט איהר קליינגענדיגער שטימע א געשריי געטהאן ליאליא, כאטש זיא איז שוין געווען דריי טריט פון איהם און אין גאנצען אויפבליהענדיג מיט א שטיפערישען שמייכעל, האט זיא איהם דערלאנגט א שמאלע, ראזעווען קאנווערט.

— פון וועמען? — האט עפעס דערשמעקענדיג אונפרייגדליך געפרעגט יוריע.

— פון זינאטשקא קארסאווינא — האט פייערליך און געהיימניספול ארויסגערעדט ליאליא און דערביי איהם א סטראשע געטהאן מיט א פינגער.

יוריע איז שרעקליך רויט געווארען. איהם האט זיך געדאכט, אז אין דעם איבערגעבען דורך דער שוועסטער צעטעלאך אין ראזאווע קאנווערטען מיט דעם גערוך פון פארפיום איז דא עטוואס נארישעס, קאמישעס און ער אליין דער גליקליכער ערהאלטער פון דיא צעטעלאך, איז אזוי נישקשה'דיג לעכערליך. ער האט זיך פלוצים מיט א מאל צוזאמענגעדריקט, א פערשעמטער און א בייזער... און ליאליא, געהענדיג מיט איהם ביין זיים, האט מיט יענער סאונדערער בעגייסטערונג, מיט וועלכער אלע סענטימענטאלע שוועסטער נעהמען אן אנטהייל אין זייערע געליבטע ברידערס חתונות, גענומען ריידען וועגען דעם, אז זיא האט זעהר ליעב קארסאווינא'ן און איז זעהר צופריעדען און וועט זיין נאך גליקליכער, ווען זיי וועלען הייראטען.

דאס אונגליקליכע ווארט „הייראטהען" האט א זעץ געטהאן יוריען אין קאפ, זיין פנים האט זיך בארעקט מיט א געדיכטען רויטען פארב און אין דיא אויגען האט אויפגעבליצט א בייז, שלעכטע פייערל.

א קליינשטעדטעלדיגער ראמאן מיט ראזאווע צעטעלאך, מיט א שוועסטער א פארטרויטע, מיט א גנוזעצליכער חתונה, א הויז־ווירטהשאפט, א ווייב און קינדערלאך — איז ענטשטאנען פאר זיינע אויגען אין יענער קלעגליכער, ווארבעדיגער און העסליכער געשטאלט, פאר וועלכע ער האט געציטערט מעהר, וויא פאר אלעם אין דער וועלט.

— אך, לאז צופריעדען, איך בעט דיך... וואס איז דאס פאר א נארישקייטען! — האט ער זיך כמעט מיט האס אבגעטשעפעט פון ליאליא'ן און עס איז ארויסגעקומען אזוי גראב, אז ליאליא האט זיך בעליידיגט.

— וואס ברעכסטו זיך... ביזט פארליעבט, איז וואס איז דארט אזוינס! — האט זיא, אנשטעלענדיג דיא ליפעלאך געזאגט און אונבעוואוסט מיט דעם אינסטינקט פון א פרוי, טרעפענדיג אין סאמע רעכטען צו־ווהעטאגטען ארט, האט זיא צוגעזעצט: — איך פערשטעה ניט צו וואס איהר קרימט פון זיך עפעס אונגעוואוינליכע העלדען!

זיא האט א מאך געטהאן מיט איהר שלעפע און, פארעכטליך ארויסווייזענדיג איהרע העלע זאקען, איז זיא אוועק אין הויז, וויא א בעליידיגטע פרינצעסין.

יוריע האט זיא בייז בעגלייט מיט זיינע שווארצע הארטע אויגען, איז נאך רויטער געווארען און האט צוריסען דעם קאנווערט.

— יוריע ני־קאלאיעוויטש — אויב איהר ווילט און קענט, קומט היינט אין מאנאסטיר. איך וועל דארט זיין מיט דער טאנטע. זיא בייכטעט און פערלאזט ניט דיא קירכע, און מיר איז לאנגווייליג און עס ווילט זיך וועגען פיעלעם מיט אייך איבערריידען. קומט, עס קען זיין, אז עס איז ניט רעכט פון מיר אייך צושרייבען, נור איהר זאלט פון דעסטוועגען קומען."

פארגעסענדיג אן אלעם וואס ער האט פריהער געטראכט האט יוריע מיט עפעס א מאדנער אויפרעגונג און פרייד איבערגעלעזען דעם צעטעלע. אין איין קורצער פראזע האט זיך מיט אמאל העל און דייטליך דערפיהלט דיא יונגע, ריינע אונשולדיגע מיידעל, צוטרויליך און

נאאיוו ענטדעקענדיג איהר ליעבעס־גע־הײמנים. אזוי וויא זיא וואלט שוין גע־קומען א קראפטלאזע, א שרעקעדיגע, א ליעבענדע און קען שוין מעהר ניט קעמפפען, זיא וויס ניט וואס עס וועט געשעהן און גיט זיך איבער אין גאנצען אין זיינע הענד... דיא אונערוואַרטעטע נאהענטקייט פון סוף האט ארומגע־כאפט יוריעס גאנצען וועזען און האט אנגעפילט מיט א ציטערען און פערלאנ־גען זיין גאנצען קערפער.. אזוי נאהענט און אונפערמיידליך האט ער דערפיהלט אין זיין כאכט דיא חן'עוודיגע מיידעל, וועלכע שעהמענדיג זיך, ענטבלויזט צום ערשטען מאל איהר ריינעם רייצענדען קערפער... האט דערפיהלט דעם גערוך פון פרויען־האאר אין דיא דערשראקע־נע, גליקליכע אויגען מיט דיא ליכטיגע טרערען אין זיי...

ער האט פרובירט איראניש א שמייכעל טהאן, עס איז אבער גארנישט ארויסגעקומען, אלעס איז פערטרונקען געווארען אין א דורשטיגען פערלאנגען נאך גליק... און יוריען האט זיך אויס־געוויזען, אז אזוי וויא א פויגעל האט ער זיך אויפגעהויבען העט־הויך איבער דיא שפיצען פון דיא בוימער, אין דער בלויער מיט זון פארגאסענער הימעלס ־רוים...

און א גאנצען טאג איז איהם אויף'ן הארצען געווען אזוי ליכטיג, אזוי גוט און אין קערפער האט ער געפיהלט אזוי פיעל קראפט, אז יעדע באוועגונג זיינע האט איהם פערשאפט אמת'ן פערגני־גען.

פארנאכט האט ער גענומען א דראזשקע, אום ניט צו געהן איבער'ן זאמד, און איז אוועקגעפאהרען אין מא־נאסטיר, זיך אונבעוואוסט שעהמענדיג פאר דער גאנצער וועלט און שמייכלענ־דיג צו איהר אין דערזעלבער צייט.

געקומען צום ברעג, איז ער ארויף אויף א שיפעל און א געזונטער, פאר־שוויצטער בויער האט איהם שנעל אוועקגעפיהרט צום בארג.

יוריע האט נאך אליין ניט געקענט פארשטעהן, וואס אויגענטליך ער לעבט איבער. און נור ערשט דאן, ווען דיא שיפעל איז ארוים אויף'ן ברייטען וואַ־סער און פאר איהם איז ענטפלעקט גע־ווארען דער טייך אין זיין גאנצע־שעהנקייט און איהם האט א הויך גע־טהאן אין פנים דאס פרישע, פייכטע וואסער־לופט, האט דאן ערשט יוריע קלאהר פארשטאנען, אז ער איז גליקליך און, אז דאס גליק האט איהם געבראכט יענער נאאיווער, ראזאווער קאנווערט...

— נו, וואס איז עס דען אויגענט־ליך ניט אלץ איינס ?... — האט זיך יוריע גענומען טרייסטען — זיא לעבט אין אזא וועלטעל... א קליינשטעדטיגער ראמאן ? נו, זאל זיין א ראמאן...

שורשענדיג און לעקענדיג דיא ברעגעס פון דער שיפעל איז פארביי־געלאפען דאס וואסער און דער גרינער בארג מיט זיין בעזונדערן אטהעם, פול דונקעלקייט און פייכטקייט איז שנעל אויסגעוואַקסען אנטקעגען. עס האט א כקריפע געטאהן דער זאמד, עס האט א קלאפ געטהאן א כוואליע, וואס האט זיך א לאז געטהאן נאך דער שיפעל און האט זיך גלייך אבגעקלאפט צוריק. יו־ריע איז ארויסגעקראכען פון שיפעל, האט צומישט געגעבען דעם שיפער א האלבען רובעל און האט זיך געלאזט געהן ארויף.

איבער'ן וואלד האט זיך שוין פער־שפרייט א שטילער אבענד און זיינע שאטענס האבען זיך צושפרייט וויים הינטער'ן בארג. פון דער ערד האט זיך אויפגעהויבען אפאר'חלום'טע פייכט־קייט, דיא געלע בלעטער זיינען פארלא־רען געגאנגען אין דער דונקעלקייט און דער וואלד האט ווידער אויסגעזעהען, וויא א זומערדיגער, א גרינער און א געדיכטער... דיא טאפאלעס זיינען גע־שטאנען גלייכע און שטרענגע, וויא צו א פרומען געבעט, און צווישען זיי, אזוי ווי ביינאכטיגע שאטענס, זיינען ארומ־געגאנגען לאנגע שווארצע מאנאכען. אין טיר פון מאנאסטיר האבען געצאנקט קליינע פייערלאך.

—אה, א גוטען אבענד, סווארא־זשיטש! — האט עפעס אימיצער א גע־שריי געטהאן פון הינטען.

יוריע האט זיך פלינק אומגעקוקט און דערזעהען שאפראוו'ן, סאניו'ען, איוואנאוו'ן און פיאטער איליאיטש'. זיי זיינען אלע אין איינעם געגאנגען איבער'ן הויף אין א פרעהליכע, טורמעלדינע קופע. דיא שווארצע מאנאכען האבען זיך אונרוהיג אויף זיי ארומגעקוקט. אפילו די טאפאלען־בוימער האבען אזוי וויא פארלוירען זייער פרומע אונבעוועגליכקייט, צוטומעלט פון דעם פלוצלום'דיגען רויש און בעוועגונג.

—און מיר זיינען געקומען אהער צו פארברייננגען! — האט געזאגט שאפראוו, צוגערענדיג צו יוריען, פאר וועלכען ער האט געמאט גרויס דרך ארץ און ארייגקוקענדיג איהם אין דיא אויגען מיט זיינע רונדע ברילען.

— כ'איז א גוטע זאך — האט געצוואונגען ארויסגעבורטשעט יוריע.

— פיעלייכט וועט איהר אויך צושטעהען צו אונז? — האט צוגעגעבענדיג צו איהם נאך נעהענטער גענומען בעטען שאפראוו.

— נייז, איך דאנק, ווירקליך... איך בין דא ניט אליין — האט זיך ענטזאגט יוריע און זיך אונגעדולדיג גענומען אבציהען.

— נו, וואס מאכסטו פאר אן אנשטעל! — האט ערווידערט איוואנאוו מיט עטוואס גראבער גוטמוטהיגקייט, כאפענדיג איהם אונטער'ן האנד. — קום!

יוריע האט זיך עטוואס אונפריינדליך איינגעשפארט און זיי ביידע האבען קאמיש געשלעפט איינער דעם אנדערען אין פערשיעדענע זייטען.

— מיין עהרען־ווארט, איך קען ניט!... שפעטער וועל איך פיעלייכט אריינגעהען... — האט אלץ געשריען און געטענה'ט יוריע, וועכען עס האט זיך אויסגעדאכט, אז דער לעכערליכער שלעפען איהם איז ניט אם פלאץ און פאר איהם, יוריען, איבערהויפט ערניעדריגענד...

— נו, אויך רעכט... — האט גאר ניט בעמערקענדיג, איהם אבגעלאזען איוואנאוו — מיר וועלען אלזא אויף אייך ווארטען... קומט אריין!

— גוט, גוט...

זיי זיינען אוועק לאכענדיג און כאכענדיג מיט דיא הענד, און עס איז ווידער געווארען שטיל, רוהיג, וויא צו א געבעט. יוריע האט אראבגענומען די פוראזשקע און מיט א געמישטען געפיהל פון שפאט און מורא איז ער אריין אין קלויסטער.

באלד וויא ער איז אהין אריין, האט ער אין דער דונקעלהייט דערזעהען קארסאווינא'ן אין איהר כארער בלוזע און רונדער, שטרויענער הוט, אין וועלכער זיא האט אויסגעקוקט וויא א גימנאזיסטקע. דאס הארץ האט זיך אין איהם א צאפעל געטהאן און דיעזער צאפעל איז עהנליך געווען אי צו דעם שרעק פון א פויגעל אי צו דעם ציטערען פון א קאץ, איידער זיא טהוט א שפרינג

אלעס אין איהר האט זיך איהם אויסגעוויזען עפעס מאדנע ליעב און געשמאקפול — אי איהר בלוזע, אי איהר הוט, אי דיא שווארצע האאר, וואס זיינען פערלוירען געווען אין א שווערען קנופ פון הינטען אויף איהר ווייסער האלז, אי דאס אויסזעהען איהרעס וויא א גימנזיכטקע, וואס האט צוגעגעבען א בעזונדערען חן דיעזער הויכער, פולער, געוואוקסיגער מיידעל.

זיא האט דערפיהלט יוריע'ן, האט זיך אומגעקוקט און איהרע דונקעלע אויגען, וואס זיינען פערבליעבען ערנכט האבען אין זיך אבגעטונקט א צושראקענע פרייד.

—גוט'ן אבענד! — האט ער געזאגט שטיל, אבער דאך צו הויך פיר דעם פלאטץ און ער האט ניט געוואוכט צו מעג ער איהר דא געבען די האנד צו ניט.

דיא גאטבעטערקעס, וואס זיינען געשטאנען ניט ווייט, האבען זיך אויף זיי ארומגעקוקט און יוריע איז צומישט

געווארען פון שווארצע, צוקנייטשטע פנים׳ער. ער איז רויט געווארען און קארסווינא, פיהלענדיג זיין צומישטקייט האט א שמייכעל געטהאן און האט איהם א סטראשע געטהאן מיט איהרע שעהנע, פארליעבטע אויגען. יוריע האט אויך א שמייכעל געטהאן און איז פארשטארבען אין ערווארטונג.

קארסאווינא האט מעהר אויף איהם ניט געקוקט און האט זיך אפט גע׳צלם׳ט, אבער יוריע האט דיא גאנצע צייט געוואוסט, אז זיא פיהלט נור זיין אנוועזענהייט און דאס האט צווישען זיי געבילדעט עפעס א געהיימען בונד, פון וועלכען עס האט געקלאפט דאס הארץ און אלעס ארום האט אויסגעזעהן געהיימניספאל און וואונדערבאר.

דיא דונקעלע קירכע מיט איהרע אזוי מאדנע זינגענדיגע און בעטענדיגע שטימען, מיט איהרע צאנקענדע פייערלאך, מיט דיא שווערע זיפצען און דיא שווערע טריט ביים ארייגאנג — האט געקוקט אויף יוריען מיט וויכטיגע שטרענגע אויגען, און צווישען דער פינסטערער און שטרענגער שטילקייט האט ער דייטליך פערנומען דאס קלאפען פון זיין פרייען, לייכטען און גליקליכען הארצען.

ער איז געשטאנען שטיל, האט געקוקט אויף איהר ווייסע האלז אונטער דיא שווארצע האאר, אויף איהר דינע, ביינענדיגע טאליע און איהם איז געווען אזוי גיט, אזוי גוט... און דאן האט זיך איהם געוואלט אז אלע זאלען זעהען, אז כאטש ער גלויבט דא אין קיין זאך ניט — ניט אין דעם זינגען, ניט אין בעטען און ניט אין דיא פייערלאך — דאך פיהלט ער צו זיי אלעמען אזא גוטמוטהיגע פריינדשאפט. און יוריע אליין האט בעמערקט וויא גליקליך ער פיהלט זיך און וויא ווייט ער איז פון דאס פערצווייפעלטע ביינקעניש, וואס האט נאך היינט אין דער פריה אנגעפילט זיין הארץ.

— הייסט עס אלזא, אז מען קען זיין גליקליך? — האט ער זיך אליין געפרעגט און גלייך געענטפערט: — יא, געוויס! אלע מיינע פריהערדיגע געדאנקען וועגען לעבען און טויט זיינען טאקע גאנץ ריכטיגע, אבער דאך קען מען זיין גליקליך... און איך בין אויך גליקליך א דאנק יענער וואונדערבארער מיידעל, וועלכע איך האב נאך ניט לאנג גאר ניט געקענט...

יוריען איז איינגעפאלען א קאמישער געדאנק וועגען דעם, אז אמאל ווען זיי* ביידע זיינען נאך קינדער געווען, האבען זיי זיך פיליייכט בעגעגענט זיך צוזאמען געשפיעלט און דערנאך זיך פאנאנדערגעגאנגען ניט טראכטענדיג אפילו דערפון, אז אמאל וועלען זיי זיין איינער פאר׳ן אנדערען דאס טהייערסטע אויף דער וועלט, זיי וועלען ליעבען איינס דאס אנדערע, און זיא וועט זיך פאר איהם אויסטהאן!

דער לעצטער געדאנק איז איהם געקומען אין קאפ גאנץ אונערווארטעט און יוריע האט זיך פערשעהמט און איז דערזעלבער צייט דערפיהלט אזוי גוט, אז ער איז אין גאנצען רויט געווארען און האט א צייט לאנג מורא געהאט אויף איהר א קוק צו טהאן.

און זיא, אין גאנצען ענטבלויזט איז דיא געדאנקען, איז געשטאנען פאראויס א ליעבליכע און א ריינע אין איהר גרויער בלוזע און רונדער הוט און האט תפילה געטהאן אהן ווערטער, אז ער זאל זיא ליעב האבען אזוי צארט, אזוי לייגענשאפטליך וויא זיא איהם.

איהם האט זיך הפנים אויך איבערגעגעבען איהר שטיל פרום געבעט, וייל דער שמוציגער געדאנק איז וואו עס איז פערשוואונדען, און ביי יוריען אויף דער נשמה איז געווארען שטיל און ריין.

און טרערען פון ליעבע און גליק האבען זיך שטיל ארויסגעקייקעלט פון יוריעס אויגען. ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט דערזעהען דעם הייליגען בילד ארומגערינגעלט פון דיא פייערלאך פון א סך ליכט און איבער

איהם דעם צלם און מיט א לאנג פאר־
געפּענעטע פרומען און ערענסטען געפיהל,
האט ער אין זיינע געדאנקען אויסגע־
שריען:

— רבונו של עולם, אויב דוא ביזט
דא, מאך, אז דיעזע מיידעל זאל מיך
ליעבען, און איך זאל זיא אימער ליעבען
אזוי וויא יעצט.

ער האט זיך אליין פערשעהמט פאר
זיין תפילה און האט א שמייכעל געטהאן.

— קומט — האט שטיל, כמעט
שעפּצענדיג איהם גערופען קארסאווינא.

זיי זיינען שטיל ארויס פון קירכע,
זיינען צוזאמען דורכגעגאנגען דעם ארומ־
געצאהמטען פלאץ און דורך דער אלטער
גארטענטירעל זיינען זיי ארויסגעקומען
ביין אבגרונד... דא איז קיינער ניט
געווען און דיא אלטע ווייכע וואנט האט
זיי אבגעטהיילט פון אלע מענשען. צו
זייערע פיס, ביין אבגרונד האבען זיך
בעוועגט דיא דעמבעס, און ווייט פון
אונטען האט געבליסטשעט א גלייכער,
שעהנער טייך, וויא א גלאז...

זיי זיינען צוגעקומען צום סאמע
ברעג פון אבגרונד און האבען זיך אב־
געשטעלט, ניט וויסענדיג, וואס צו טאן.
זיי האבען זיך פאר עפּעס געשראקען
און ניט געוואגט. און עס האט געשיינט,
אז קיינמאל וואלט ביי זיי ניט גע־
כאפּט קיין קראפט און מוטה עפּעס צו
זאגען און טהאן... נור קארסאווינא
האט אויפגעהויבען דעם קאפּ און עפּעס
נאר אונערוואהרטעט און איינפאך
האט פאסירט אזוי, אז איהרע ליפּען
האבען נעטראפען זיינע... קארסאווינא
איז בלאס געווארען, האט זיך א טרייד־
העל געטהאן און אלעם אין איהר איז
פארשטארבען... און יוריע האט זיא
שווייגענדיג ארומגענומען און האט
צום ערשטען מאל דערפילט אין זיינע
הענד א ווארימען, בייגעדיגען קערפּער.
ארום איז געווארען שא־שטיל און זיי
האט זיך געדאכט, אז דיא גאנצע וועלט
איז פערשטארבען אין דיעזער פייער־
ליכער שטילקייט.

פלוצים האט זיך קארסאווינא
ארויסגעריסען, האט א שמייכעל געטהאן
און גענומען לויפען צוריק שעפּצענדיג:

— דיא מוהמע וועט זיך כאפּען,
אז איך בין ניטא... ווארט אויס... איך
קום באלד... — און איז אוועק.

ער האט זיך געזעצט אויפ'ן גראז
און האט א פיהר געטהאן מיט'ן האנד
איבער דיא האאר.

— וויא נאריש דאס איז און וויא
גוט! — האט ער שמייכלענדיג גליק־
ליך גענומען טראכטען און פערמאכט
דיא אויגען. ער האט א דריק געטהאן
מיט דיא פלייצעס, וויא ער וואלט אין
דיעזער מינוט זיך ענטזאגט פון אלע
זיינע פריהערדיגע ספקות, פון דיא
ליידען אין דיא טיעפע געדאנקען...

קארסאווינא איז צוגעלאפען צום
גארטען־טירעל און האט זיך אבגע־
שטעלט. דאס הארץ האט ביי איהר גע־
קלאפּט און דער פּנים האט געברענט.
זיא האט פעסט צוגעדריקט איהר האנד
צו דער לינקער ברוסט און האט זיך
אויף א ווייל אבגעשטעלט.

דערנאך האט זיא אויפגעהויבען
איהרע שעהנע אויגען, האט זיך עפּעס
כאדנע ארומגעקוקט און שטיל א זיפץ
געטהאן. זיא האט אויפגעהויבען דיא
שלעפע פון איהר שווארצע קליידעל און
מיט לייכטע פלינקע טריט גענומען לוי־
פען איבער'ן וועג צום גאסט־הויז צו,
שרייענדיג פון ווייטענס צו איהר אל־
טער טאנטע, וואס האט זיא ערווארט
אויפ'ן בריקעל:

— איך גאה, מוהמע, איך גאה!...

## 34טעם קאפּיטעל.

יוריע איז נאך אלץ געזעצען נע־
בען אבגרונד און געווארט... ער האט
יעצט פון קיין זאך ניט געקענט טראכ־
טען, האט נור געפיהלט, וויא עס ציהען
זיך אז דיא נערווען אין זיין קערפּער

און דיא מוסקעלען ווערען שטייף און הארט, עפּעס אזוי וויא אלעס אין איהם וואלט זיך געגרייט צו עפּעס, וועגען וואס ער האט אפילו ניט געוואגט צו טראכטען... ער האט נאך אלץ געפיהלט דיא ערשטע בעריהרונג פון איהר יונגען, נאך צוגעדעקטען קערפּער און פון דיא פרישע, האלב אפּענע ליפּען און מיט שרעק האט ער געזאגט צו זיך אליין:

— אט באלד קומט זיא ווידער!...

דאס הארץ האט זיך געצאפּעלט און דער קערפּער האט זיך אנגעשטרענגט אלץ מעהר און מעהר און איז געווארען שטארק, פריש און דרייסט.

און ווען ער האט דערהערט פלינקע טריט, האט ער ניט אומקעהרענדיג זיך, גלייך געוואוסט, אז דאס איז זיא, און איז געבליעבען א פערציטערטער פון ליעבע, פון פערלאנגען און שרעק פאר דעם קומענדען מאמענט...

קארסאווינא איז צוגעקומען און האט זיך אבגעשטעלט און עס האט זיך געהערט איהר שווערער פארסאפּעטער אטהעם.

און פלוצים, דערפיהלט א פריידיגע זיכערקייט, אז ער וועט טהאן אלעס, אלעס... האט זיך יוריע מיט אמאל אומגעקעהרט, האט זיא א כאפּ געטהאן אין זיינע ארעמס און דריקענדיג זיא צו זיך שטארק און פרעך, האט ער זיא אוועקגעטראגען איבער'ן גראז אונטען...

— מיר פאלען! — האט שטיקענדיג זיך פון גליק און שאנדע, געשעפּצעט קארסאווינא.

ווידער האט יוריע געדריקט אין זיינע הענד איהר קערפּער, און זיא האט זיך איהם אויסגעוויעזען דא גרויס און פארמען־רייך, וויא א פרוי, און דא קליין און שוואך וויא א קינד. דורכ'ן קלייד האט זיין האנד דערפיהלט איהרע פיס און יוריע איז צומישט געווארען. האט זיך דערשראקען...

אונטען, אונטער דיא ביימער, איז געוועזען פינסטער, יוריע האט אראבגעלאזען דאס מיידעל אויפ'ן גראז און האט זיך געזעצט נעבען איהר און ווייל דער פלאץ איז געוועזען א אויסגעבויגטער, האט אויסגעזעהען, אזוי ווי זיי וואלטען געלעגען איינער נעבען אנדערען. פאר דער שוואכער שיין, וואס האט זיך דורכגעריסען צווישען דיא ביימער, האט יוריע געפונען איהרע ליפּען און האט זיי גענומען זייגען שטארק און לאנג...

איין מאמענט האבען זיי זיך אין גאנצען פערגעסען און זיי האט בעהערשט נור דיא שטארקע, מעכטיגע טהירישע ליידענשאפט...

קראסאווינא האט זיך ניט געוועהרט האט נור געציטערט, ווען יוריעס הענד האבען מיט מורא און פרעך בעריהרט איהרע פיס, אזוי וויא קיינער האט נאך ניט בעריהרט...

— דוא ליעבסט מיך? — האט זיא געפרעגט און דאס שעפּצען פון איהרע ציטערענדע ליפּען, וואס מען האט אין דער פינכטער ניט געזעהען, איז געוועזען עפּעס אזוי מאדנע, וויא דער געהיימניספאלער קלאנג פון וואלד.

און פלוצים האט זיך יוריע מיט שרעק געפרעגט:

— וואס טהו איך?...

אין דעם ברענענדען מוח איז מיט אמאל אלעס קלאהר געווארען... און אלעס ארום איז געווארען בלאס און פּוסט...

זיא האט באלד געעפענט דיא ווייס געווארענע אויגען, האט זיך א ציה געטהאן צו איהם מיט א שטומער, אונרוהיגער פראגע... נור פלוצים האט זיא אויך געווארפען ארום זיך א פלינקען, ברייטען בליק, האט דערזעהען זיין פּנים און זיך און אן אנגעצונדענע פון חרפּה פון אונערטרעגליכער שאנדע, האט זיא זיך שנעל פארריכט דאס קלייד און זיך אוועקגעזעצט...

מאַרנע געדאַנקען האָבן יעצט געאַרבייט ביי יוריען אין קאָפּ און האָבן איהם געמאַטערט און געפּלאָגט. אָב־שמעלען זיך יעצט איז געווען אונמעגליך, דאס האט זיך איהם אויסגעוויזען קאָמיש און לעכערליך. און ער האט ווידער פּרובירט זי וואַרפען אויפ'ן גראַז... זי האט זיך געוועהרט, האָט זיך פערטהיידיגט און עס איז אַרויסגעקומען א קאָמישער, נאַרישער, לעכערליכער און רעסליכער קאַמפּף... און זיי ביידע האָבען געפיהלט די לעכערליכקייט, די אונאַמירליכקייט און האָבען זיך ביידע געפּלאָגט...

ער האט זי איינגעלאָזען. א ווײלע האט געהערשט א שווערער שווייגען און פּלוצים האָט ער גענומען ריידען:

—פאַרגיט מיר... איך... איך בין משוגע...

זיא האט געשוויעגען און האט געאָטהעמט שווער, שווער.

און יוריע האָט פאַרשטאַנען, אז ניט דאס האט ער בעדאַרפט זאָגען, אז דערמיט האָט ער זי נאָך מעהר בעליידיגט. ער האט זיך בעגאָסען מיט א קאַלטען שווייס. און ווידער האָט זיין צונג כּמעט אָהן זיין ווילען גענומען ריידען וועגען זיינע געפיהלען צו איהר, וועגען זיינע געדאַנקען און צווייפעל, מיט וועלכע ער איז אימער געווען פול. אָבער דערעם איז געווען יעצט ניט אם פּלאַץ, ניט אינטערעסאַנט און האט געקלונגען אוננאַטירליך, געמאַכט, פאַלש... און ער האט מיט א מאָל אָבגעבראַקט, איז אַנשוויעגען געוואָרען און האט דערפיהלט נור איין פערלאַנג, אז זי זאָל אוועקגעהן און אזוי צו אזוי זאָל אויפהערען דיעזע שווערע, לעכערליכע און אונערטרעגליכע לאַגע זיינע...

הכּנים, אז זיא האט עס דערפיהלט, אָדער אפשר האט זי אויך איבערגעלעבט דאס איינענע. אויף א מאָמענט האט זי איינגעהאַלטען דעם אָטהעם און האט אויסגעשעפּצעט מיט מורא און געבעט:

—מיר איז צייט אהיים... איך וועל געהן...

—וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? — האָט זיך געפרעגט יוריע און א קעלט איז אריבער זיין לייב.

זיי זיינען אויפגעשטאַנען און האָבען ניט געקוקט איינער אויפ'ן אַנדער'ן. מיט דער לעצטער אַנשטרענגונג אומצוקעהרען דאס פריהערדיגע, האָט יוריע זי שוואַך ארומגענומען. און פּלוצים האָט זיך ביי איהר ערוועקט עטוואס מוטערליכעס. עפּעס אזוי ווי זי וואָלט דערפיהלט, אז זיא איז שטאַרקער פון איהם — האט זיך דאס מיידעל צאַרט און זאַנפט צו איהם צוגעדריקט און איהם אריינגעקוקט גלייך אין די אויגען, האָט א שמייכעל געטהאָן מיט איינמונטערנדען, גוטען שמייכעל.

—צום ווידערזעהען... קומט מאָרגען צו מיר.

זיא האט איהם א קוש געטהאָן אזוי צאַרט און שטאַרק, אז ביי יוריע'ן האָט זיך פאַרדרעהט דער קאָפּ און א געפיהל פון אַנבעטונג צו איהר האָט דערוואַרעמט זיין צוריסענע נשמה...

ווען זי איז אוועק, האָט יוריע זיך נאָך לאַנג צוגעהערט צו דעם גערויש פון איהרע טריט, דערנאָך האָט ער אויפגעזוכט זיין פּוראַזשקע און זיך גענומען געהן אין גאָכט־הויז, אויסמיידענדיג דעם וועג מיט וועלכען עס איז אוועק קאַרסאַווינא.

—נו, וואס — האָט ער געטראַכט טרעטענדיג אין דער פינסטער — ניט שוין! זשע איז נויטיג געווען צו בעשמוצען, צו פאַרפּאַטשקען דיעזע ריינע, אונשולדיגע, הייליגע מיידעל... ענדיגען אזוי, ווי עס וואָלט געענדיגט יעדער לומפּ אויף מיין פּלאַטץ?... זאָל זי געהען געזונדערהייט... דאס וואָלט געווען העסליך, און איך דאַנק גאָט, וואס איך בין ניט פעהיג געווען אויף עפּעס

אזוינס!... נײן, דאס איז צו העסליך, מיט אמאל, אהן ווערטער, ווי א ווילדע חיה! — האט ער שוין יעצט געטראכט מיט א אמת'ן עקעל וועגען דעם, וואס האט נאך גאר ניט לאנג איהם אנגע־פילט מיט אזוי פיעל גליק און קראפט.

אבער אינוועניג אין איהם האט עפעס געצויגען, האט זיך געריבען, האט געקלאגט און געיאמערט און איהם איז גאנצען אנגעפילט מיט א מורא'דיגער בײנקעניש...

—צו דען טויג איך פאר'ן לעבען?... האט ער זיך געפרעגט אין א פלוצים'די־גער פארצווייפלונג...

## 38טער קאפיטעל.

אין דעם ברייטען קארידאר פון דעם גאסטהויז נעבען מאנאסטיר, האט געשמעקט מיט ברויט, מיט טהעע און מיט די ריחות פון מאנאסטיר. א פליג־לער, געזונדער מאנאך האט גע־שלעפט א גרויסען סאמאוואר.

—פאטערל — האט געפרעגט יוריע אביסעל פארשעהמט פאר דעם נאמען— ביי אייך דארף דא זיין א קאמפאני פון שטאדט?

—דאס איז אין דעם זיבענטען נא־מער —— האט גלייך געענטפערט דער מאנאך, אזוי ווי ער וואלט ערווארטעט דיעזע פראגע — זייט אזוי גוט אהער אויף דעם באלקאנטשיק...

יוריע האט געעפענט די טהיר פון זיבענטען נומער. אין דעם גרויסען צי־מער איז געווען פינסטער און עס איז געשטאנען א געדיכטער רויך פון טא־באק. הינטער'ן טהיר אויפ'ן באלקאן איז געווען ליכטיג און עס האבען געקלונגען פלאשען, און זיך בעוועגט, געשריען און געלאכט מענשען.

—דאס לעבען איז א אונהיילבארע קראנקהייט! — האט דערהערט יוריע שאפראווס קול.

—א נאר ביזטו, אן אונהיילבארער! —האט געענטפערט איוואנאוו אין דער הויך — ער. זאל דיך דער טייפעל... ס'געהערט אביסעל פראזען!

ווען יוריע איז אריין, האבען איהם אלע צוגענומען מיט צופריעדענע און שיכור'ע קולות. שאפראוו איז אויפגע־שפרונגען. האט שיעור ניט אראבגע־שלעפט דעם טישטוך און, מיט ביידע הענד דריקענדיג יוריעס האנד, האט ער בארליעבט גענומען פלאפלען.

—גוט, וואס איהר זייט געקומען! אויף עהרען־ווארט, גוט!

יוריע האט זיך געזעצט צווישען סאר־ניז'ען און פעטער איליטש'ען און זיך ארומגעקוקט. דער באלקאן איז געווען העלל בעלויכטען מיט צוויי לאמפען און א לאנטערנע און ס'האט זיך אויסגע־דאכט, אז הינטער דעם בעלויכטענעם פלאטץ אויפ'ן באלקאן שטעהט אן אונ־דורכדרינגליכע, שווארצע וואנד.

אויף'ן פייער זיינען פון וואלד גע־פלויגען פליעגעלאך און שמעטערלינגען; האבען זיך געדרעהט, געפאלען און זיך וויעדער אויפגעהויבען און שטיל גע־קראכען איבער'ן טיש, שטארבענדיג מיט אן אונזיניגען, שמערצליכען, פייערדי־גען טויט.

יוריע האט אויף זיי געקוקט און איהם איז געווארען אומעדיג.

אזוי זיינען מיר מענשען אויך —האט ער א טראכט געטאהן — מיר יאגען זיך אייך צום פייער, צו יעדער נייער אי־דעע, וואס גיט א בלישץ פאר אונז, מיר דרעהען זיך און שלאגען זיך ארום איהר ביז מיר שטארבען אין גרויס שמערצען. אינז דוכט זיך, אז די אידעע איז דער אויסדרוק פון דעם אלגעמיינעם גליק און דאס איז גאר ניט מעהר, ווי א בלאקערן פון אונזער אייגענעם מארך...

—נו, מאכען מיר לחיים? — האט פריינדליך געפרעגט סאנין, אייגבויגענ־דיג צו איהם די פלאש.

—יא — האט זיך אבגערופען יוריע טרויעריג און דערביי געטראכט, אז

עס איז גאר דאס בעסטע, וואס פאר איהם איז נאך פארבליעבען צו טהון.

זיי האבען א קלאפ געטהאן מיט דיא גלעזער און האבען אויסגעטרונקען.

דער שנאפס האט זיך יוריע'ן אויסגעוויזען העכליך, עפעס וויא א הייסער, ביטערער סם המות און מיט א עקעלדיגען ציטערען אין גאנצען קערפער, האט ער זיך א ציה געטהאן צום פארבייסען. אבער דאס פארבייסען האט אויך געהאט דעם העסליכען טעם און איז אין האלז ניט געקראכען.

— ניין, וואס עס זאל מיט מיר ניט זיין . . . דער טויט, דיא קאטארגע . . . אבי אנטלויפען פון דאנען . . . — האט געזאגט צו זיך אליין יוריע — און אויגענבליק, וואוהין לויפט מען? . . . איבעראל איז דאס זעלבע און פון זיך קען מען ניט אנטלויפען . . . ווען דער מענש ווערט העכער פאר'ן לעבען, וועט איהם דאס לעבען קיין מאל און אין קיין פלאץ ניט בעפרידיגען . . . אין א קליין שטעדטעלע צו אין פעטערסבורג . . . ס'איז אלץ איינס . . . אלץ איינס! . .

— נאך מיין מיינונג איז דער מענש אן און פיר זיך — א גארנישט! — האט הויך געשריען שאפראוו.

יוריע האט א קוק געטהאן אויף זיין נארישען און לאנגווייליגען פנים און האט א טראכט געטהאן, אז אזא מענש איז ווירקליך — א גארנישט . . .

— דער אינדיווידואום איז א נול! . . . נור דיא מאסע, דיא גרויסע מאסע, איז א קראפט! . . .

— אין וואס בעשטעהט דיא קראפט? — האט בייז געפרעגט איוואנאוו, זיך אנלעגענדיג מיט ביידע הענט אן טיש — אין דעם קאמפף מיט דער היינטיגער הערשאפט? יא!... אבער אין דעם קאמפף פאר דעם אייגענעם, פערזענליכען גליק, וואס קען דיא מאסע אויפטהאן? . . .

— נו, יא . . . איהר זייט אן „איבער מענש" . . . איהר דארפט האבען עפעס א בעזונדערען, א פערזענליכען גליק, אבער מיר, פראסטע מענשען, רעכענען, אז אין קאמפף פיר דאס אלגעמיינע גליק וועלען מיר געווינען אויך אונזער אייגענעם גליק . . . אין דעם זיעג פון דער אידעע איז דאס אמת'ע גליק! . . .

— און ווען דיא אידעע איז א פאלשע?

— דאס איז אלץ איינס — האט געזאגט שאפראוו — מען דארף נאר גלויבען . . .

— שפיי זיך אוים אויף אזעלכע זאכען — האט מיט פעראכטונג באמערקט איוואנאוו.

יוריע האט עפעס מיט א מאדנעם האס א קוק געטהאן איהם אין פנים, וועלכער איז געווען בלאס און פארשוויצט פון דעם אויסגעטרונקענעם שנאפס.

— אין וואס בעשטעהט דאס גליק נאך אייער מיינונג נאך? — האט ער געפרעגט, קרימענדיג מיט דיא ליפען.

— געוויס ניט אין דעם, אז מען זאל דעם גאנצען לעבען קלאגען און אויף יעדען טריט און שריט זאל מען זיך פרעגען: אט האב איך א נאס געטהאן . . . האב איך עס בעדארפט טהאן? . . . האט עס קיינעם ניט געשאדעט? האב איך דערמיט ערפילט מיין פפליכט צו דער מענשהייט?....

יוריע האט אין איוואנאוו'ס קאלטע בייזע אויגען דערזעהען א האס צו זיך און ער האט א ציטער געטהאן, טראכטענדיג, אז יענער האלט זיך פאר קליגער און וויל דא פון איהם אבלאכען.

— דאס איז אבער ניט קיין פראגראמע — האט ער געזאגט, זיך קרימענדיג נאך מעהר און מיט יעדען שטריך פון זיין געזיכט אויסדריקענדיג פעראכטונג.

— און איהר דארפט אונבעדינגט א פראגראמע? . . . וואס איך וויל, וואס איך קען, דאס טהו איך! — אט, האט איהר א פראגראמע! . . .

— א שעהנע פראגראמע! האט זיך געקאכט שאפראוו, נור יוריע האט נור א מאך געטהאן מיט דיא פלייצעס

און האָט אומיסטנע גאָרניט געענטפערט.

א ווײַלע האָבען זיי געטרונקען שווײַגענדיג, און דערנאָך האָט יוריע זיך אומגעדרעהט צו סאנין'ען און גענומען ריידען, ניט קוקענדיג אויף איוואנאוו'ן, אָבער מײַנענדיג נור איהם. איהם האָט זיך געדאכט, אז ער וועט זאָגען עטליכע קלוגע ווערטער, וועלכע וועלען אויסדריקען זײַנע געדאנקען אזוי, אז קיינער וועט זיי ניט קענען אָבלייקענען.

אָבער נאָך גאָר אין אָנהייב פון זײַנע רייד וועגען דעם, אז א מענש מוז האָבען א גאָט און אז עס פאַסט איינער, מוז גלייך בעשאַפען ווערען אַן אנדערער, האָט איוואנאוו איהם אונטערבראָכען.

— מיר האָבען דאָס שוין געהערט!

— האָט ער געזאָגט.

יוריע האָט פאַרשוויגען און האָט פאַרטגעזעצט צו ענטוויקלען זײַנע געדאנקען.

שאפראוו האָט איהם געהערט מיט בעגייסטערונג. סאנין דאָט געשמייכעלט און איוואנאוו האָט געקוקט פון דער זייט און אויף יעדער געדאנק, וואָס האָט זיך יוריען אויסגעוויזען אָריגינעל, ניי און טיעף, האָט ער מיט פעראכטונג בעמערקט:

— און דאָס האָבען מיר שוין אויך געהערט!

יוריע איז געוואָרען א צוקאָכטער.

— נו, ווייסט איהר, מיר האָבען אויך „געהערט" !... ס'איז ניטאָ קיין גרינגערע זאַך, ווי ווען מען האָט ניט א געגנער וואָס צו ענטפערען, זאָל מען זאָגען „געהערט"...

איוואנאוו איז בלאַס געוואָרען, דיא אויגען זײַנען ביי איהם געוואָרען נאָך בייזער, שלעכטער.

— עס קען זײַן — האָט ער מיט אָפענעם שפּאָט געזאָגט — אז מיר האָבען ניט געהערט: ניט פון טראגישע געדאנקען, ניט פון דער אומעגליכקייט צו לעבען אָהן א גאָט און ניט פון דעם הוילען מענשען אויף דער הוילער ערד... ע־עך! עפּעס נייעס וואָלט איהר אויסגעטראכט!......

יוריע איז בלאַס געוואָרען... און האָט זיך א הויב געטהאָן.

דאן האָט זיך סאנין ארײַנגעמישט.

— לאָזט עס צופריעדען, מײַנע העררן... וויא איז אײַך ניט לאַנגווייליג! מען קען דאָך ניט האָבען א מענשען דערפאַר, וואָס ער דענקט ניט, וויא איך...

— דאָ איז ניט דער געדאַנק, נור דיא פאלשקייט! — האָט א שטאָך געטהאָן איוואנאוו: — עס ווילט זיך איהם ווייזען, אז ער דענקט שאַרפער און טיעפער, וויא מיר אַלע...

— וואָס פאר א רעכט האָט איהר, אזוי צו ריידען? פאַר וואָס עפּעס איך און ניט איהר ווילט...

— הערט אויף! — האָט הויך און געביטעריש א געשריי געטהאָן סאנין: — אויב איהר ווילט זיך שלאָגען, טאָ געהט ביידע אין דרויסען און שלאָגט זיך וויפיעל איהר ווילט... איהר האָט קיין רעכט ניט אונז צו צווינגען אויסצוהערען אייערע אונזיניגע קריגערייען!...

איוואנאוו און יוריע זײַנען אַנטשוויגען געוואָרען. ביידע זײַנען געווען רויט, אויפגערעגט און האָבען זיך געסטאַרעט ניט צו קוקען איינער אויף'ן אַנדערען. א צייט לאַנג איז געווען שטיל און אונבעקוועם. דאן האָט איינער פון דיא נעכטיגע גענומען זינגען:

„עס קען זײַן, אויף א שטומען
בערגעל
וועט מען אויסשטעלען דיא
שטילע
טרונע פון רוסלאנד'ען..."

— זיי רוהיג... מען וועט שוין ריכטיג אין דער צייט אויסשטעלען...

— האָט א רעווע געטהאָן איוואנאוו.

— פונקטליך געטרויעגען — האָט דער זינגער בעמערקט, אָבער דאָט אויפגעהערט צו זינגען און, אָנגיסענדיג יוריע'ן א גלאָז שנאַפּס, האָט ער זיך צו יענעם געווענדעט:

— נו, האַקט אריין! וואָס טויג אײַך אזוי פיעל דאָס טראַכטען?

— עך, מאַמע, זאָל דאָס אַלעס געהען! — האָט יוריע אַ טראַכט געטהאָן און האָט אויסגעטרונקען דעם שנאַפּס אין איין אָטהעם.

און, מערקווירדיג, אין דער זעלבער רגע האָט ער דערפיהלט אַ זודיגען פערלאַנג, אַז איוואַנאָוו זאָל זעהען אָט יעם דאָזיגען העלדענטהאַט זיינעם און זאָל קריעגען פאַר איהם דרך ארץ. ווען דאָס וואָלט אַזוי געווען, וואָלט יוריע פערהאַלטען זיך צו איהם דאַן פריינדליך, זאָגאַר מיט ליעבע, אָבער איוואַנאָוו האָט גאָר ניט געקוקט אין זיין זייט, און יוריע, אָנבלאָזענדיג זיך, האָט גענומען גיעסען אין זיך און גיעסען דעם שנאַפּס...

— בראַוואָ, יורי ניקאָלאַיעוויטש, ביי גאָט! — האָט שאַפּראָוו אויסגעשריען, אָבער יוריע האָט זיך פערשעהמט פאַר שאַפּראָוו'ס לויבען איהם...

און פערכלינענדיג זיך מיט דעם שנאַפּס, וואָס האָט איהם אַ זעץ געטהאָן אין מויל און נאָז און שווידערענדיג אין גאַנצען פון פהיזישען עקעל, האָט יוריע לאַנג ניט געקענט קומען צו זיך און געטאַפּט מיט די הענד דאָס פערבייסען אויפ'ן טיש, געוואָלט עס אין מויל אריינגעהכען און האָט עס צוריק צוועקגעלייגט, אַזוי עקעלדיג איז איהם אַלעס געווען.

דער קאָפּ האָט זיך ביי איהם געדרעהט, די פייערלאַך פון די לאַמפּען און די לאַנטערנעס האָבען געטאַנצט פאַר זיינע אויגען און זיין זעהנקראַפט איז מאָדנע אָבגעשוואַכט געוואָרען. אַלעס, וואָס איז געווען נאָהענט צו זיינע אויגען, האָט זיך איהם אויסגעוויעזען שניידענדיג העל און וואָס ווייטער — האָט זיך איהם אויסגעוויעזען פינסטער און די שטימען אַרום האָבען אויך עפּעס געקלונגען אונגעוועהנליך: אי בעטויבענדיג, אי ביזן האָט זיך ניט געקענט פונאַנדערקלייבען, וועגען וואָס זיי ריידען. און יוריע האָט געפיהלט נור איין זאַך, אַז ער איז שיכור און מען דאַרף ווייטער טרינקען.

דערווייל איז סאַנין אויפגעשטאַנען פון אָרט און אויף זיין פּנים, וואָס איז איצט אויך געווען רוהיג ווי אַלעמאָל, האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט אַ לאַנגווייליגקייט.

ער האָט אַ געגעץ געטהאָן און אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד.

ער האָט לאַנגזאַם פערדרויכערט אַ ציגאַרעט און איז אַוועק צום טהיר.

ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן הויף פון גאַסט הויז און די בלויע נאַכט האָט ווייך און פריש אַרומגענומען זיין צוהיצטען קערפּער.

די לבנה האָט ווי אַ גאָלדענע איי אַרויסגעשוואַכען פון הינטער'ן וואַלד און זיין פערכישופ'טע שיין האָט געשוועבט איבער דער ערד. הינטער'ן גאָרטען, פון וועלכען עס האָט זיס געשמעקט מיט פלוימען און באַרען, האָט זיך דונקעל געזעהען אַנאַנדער געביידע פון אַ צווייטען גאַסט-הויז מיט איין פענסטער, וואָס איז געווען העל באַלויכטען און וועלכע האָט אַרויסגעשיינט דורך גרינע ביימער אויף סאַנין'ען.

אין דער פינסטער האָט זיך דערהערט אַ שלאַפּען פון באָרוועסע פיס, וואָס איז געווען ענליך צו דעם שלאַפּען פון די לאַפּקעס פון אַ חיה, און באַלד האָט סאַנין ניט דייטליך דערזעהען די געשטאַלט פון אַ אינגעלע.

— וועמען דאַרפסטו? — האָט סאַנין געפרעגט.

— די באַרישניא קאַרסאַווינא, די לעהרערין — האָט מיט אַ דין קול'כעלע געענטפערט דער באָרוועסער אינגעל.

— וואָס דאַרפסטו איהר? — האָט סאַנין געפרעגט, דערמאָנענדיג זיך ביי דעם נאָמען קאַרסאַווינא, ווי זי איז געשטאַנען אויפ'ן ברעג, אַ נאַקעטע, אין גאַנצען פערגאָסען מיט אַ שיין צו פון איהר יוגענד, צו פון דער העלער זון.

— איך האָב זיי אַ צעטעלע געבראַכט — האָט דער אינגעל געענטפערט.

— אהא!... זיא איז מסתמא אין יענעם גאסטהויז... לויף אהין!...

דער אינגעל האט זיך א ווארף געטהאן, וויא א חיהלע, און איז באלד פערשוואונדען אין דער פינסטערניש הינטער דיא קוכטען.

און סאנין איז לאנגזאם אוועק הינטער איהם, אטהעמענדיג מיט דער גאנצער ברוסט דיא וויא האניג געדיכטע לופט פון׳ם גארטען.

ער איז צוגעגאנגען צו דער געביידע און האט זיך אוועקגעשטעלט געגען דעם בעלויכטענעם פענסטער און גאנצע פאסען ליכט האבען זיך אוועקגעלייגט אויף זיין פערטראכטען רוהיגען פנים.

פאר דער שיין פון פענכטער האבען דייטליך ארויסגעטראטען גרויכע, שווערע ווייסע בארען פון דער דונקעלער גרינקייט.

סאנין האט זיך אויסגעצויגען אויף דיא שפיצפינגער און האט ארונגעריכען א באר פון א בוים.

פלוצים האט זיך איהם אין דיא אויגען געווארפען קארסאווינע, וועלכע איז געשטאנען אין דעם בעלויכטענעם פענסטער.

זיא איז געשטאנען צו איהם מיט׳ן פראפיל, אין איין העמד, מיט א רונדער פלייצע, איבער וועלכען, וויא אייף ווייכען אטלעס, עס האבען ארומגעפויזעט העלע פינטלאך פון דעם ליכט. זיא האט צוטראגען געקוקט ארונטער און, וויא עס איז קענטיג געווען, האט זיא געטראכט און דאס, וועגען וואס זיא האט געטראכט, האט געוועקט אין איהר אי פרייד, אי בקשה, ווארום איהרע אויגען-ליעדער האבען געציטערט און איהרע ליפען האבען געשמייכעלט. סאנין׳ען האט איבערהויפט איבערראשט איהר שמייכעל: אין איהם, אין דעם שמייכעל, האט געציטערט עפעס זעהר צארטעס און ליידענשאפטליכעס, אזוי וויא דיא מיידעל וואלט געשמייכעלט אנטקעגען א נאהענטען, הייס-באגעהרטען קוש.

ער איז געשטאנען און געקוקט ארומגעכאפט פון א געפיהל, וואס איז שטארקער געווען פון איהם. און קארסאווינע האט אין דער זעלבער צייט געטראכט וועגען דעם, וואס איז פארגעקומען אין איהר הארצען און זיא האט זיך פיינליך געשעהמט און אזוי פיינליך זיך געפרעהט.

— גאטעניו — האט זיא מיט עפעס אן אונגעוועהנליך־ריינעם געפיהל, פון וועלכען עס ווייסט אפשר א פאנאנדערגעבליהטע בלום, זיך געפרעגט : — שוין־זשע בין איך אזא אויכגעלאסענע ? . . .

און מיט דער טיעפסטער פרייד, האט זיא צום הונדערטען מאל זיך דערמאהנט אן יענעם אונפערשטענדליך זיסען, אלעס בעטויבענדיגען פערגעניגען, וואס זיא האט היינט איבערגעפיהלט מיט יוריע׳ן צום ערשטען מאל.

— ליעבער, ליעבער — דאט זיא געברענט און געצויגען זיך צו איהם אין איהרע געדאנקען, און סאנין האט ווידער בעמערקט, וויא איהרע אויגענליעדער האבען געציטערט און איהרע ליפען האבען געשמייכעלט.

אן דער עקעלדיגער און נארישער סצענע, וואס איז שפעטער צווישען זיי פארגעקומען, האט דיא מיידעל זיך ניט געוואלט דערמאהנען. עפעס א געהיימער געפיהל האט זיא ניט געלאזט זיך אן דעם דערמאהנען.

מען האט אנגעקלאפט אין איהר טהיר.

— ווער איז דארט ? — האט קארסאווינע געפרעגט, אויפהייבענדיג דעם קאפ, און סאנין האט דייטליך דערזעהען איהר ווייסען, צארטען און שטארקען האלז.

— איך האב א צעטעלע געבראכט — האט געקוויטשעט דער אינגעל פון יענער זייט טהיר.

קארסאווינע האט איהם דיא טהיר געעפענט. א בארפוסער, פערבלאטיגט ביז דיא קניע, איז דער אינגעלע אריין און גלייך ארונטערגעריסען דאס היטעל פון׳ם קאפ.

— דיא בארישניא האט געשיקט — האט דער אינגעלע געזאגט.

— זינאטשקא — האט צו קארסאווי-נאַ געשריעבען דובאווא :— אויב דוא קענסט, קום היינט אין שטאָרט. דער אינספעקטאר איז געקומען צו פאהרען און מארגען אין דער־פריה וועט ער זיין ביי אונז. עס איז ניט גוט, אז ער זאל זיך ניט טרעפען.

— וואס איז געשעהן ? — האט גע-פרעגט דיא אלטע טאנטע.

— גיוטא רופט מיך. דער אינספעק-טאר איז געקומען — האט פארטראכט געענטפערט קארסאווינא.

דער אינגעל האט א קראַץ געטאהן מיט איין פוס די אנדערע און געזאגט:

— זיי האבען אנגעזאגט, אז איהר זאלט למען השם קומען.

— וועסטו געהן — האט געפרעגט די מוהמע.

— וויא אזוי וועל איך אליין געהן... ס'איז אזוי פינסטער.

— דיא לבנה איז אויפגעגאנגען — האט זיך ארייגגעמישט דער אינגעל — מען קען גוט זעהן, אלץ קען מען זעהן.

— מען דארף געהן — האט אונענט-שלאסען געזאגט קארסאווינא.

— געה, אז ניט קענסטו נאך האבען אונאנגענעהמליכקייטען.

— נו, איד'ל געהן — האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ דיא מיידעל.

זיא האט זיך פלינק אנגעטאהן, האט צוגעשפיעליעט דאס היטעלע און איז צוגעגאנגען צו דער מוהמען.

— צום ווידערזעהן, מוהמע.

— צום ווידערזעהן, קינדעלע, געה געזונדערהייט.

— און דוא וועסט געהן מיט מיר ? האט קארסאווינא געפרעגט ביי דעם אינגעל.

דער אינגעל איז צומישט געווארען און זיך גענומען קראצען אין פאטילני-צע.

— איך בין געקומען צו דער מאמוליע. זיא איז דא ביי דיא מאמעס אין וואש שטוב.

— טא ווי זאל איך אליין געהן, גרי-שא ?

— נו, קומט — האט געזאגט דער אינ-געל ענטשלאסען, א טרייסעל טהאענדיג אונצופריעדען מיט דיא האאר.

זיי זיינען ארויס אין גארטען. און די דונקעל־בלויע נאכט האט ווייך און פאר-זיכטיג ארומגעכאפט דיא מיידעל.

— וויא גוט עס שמעקט — האט זיא געזאגט און א געשריי געטאהן, זיך אנ-קלאפענדיג אן פאנ'ן'ען.

— דאס בין איך — האט ער זיך לא-כענדיג אבגערופען.

קארסאווינא האט איהם אין דער פינסטער דערקאנגט א האנד, וואס האט זיך נאך געטרייסעלט פון שרעק.

— האסט געזעהן, וואס פאר א שרע-קעדיגע ! — האט זיך פארוואונדערט גרישקא.

דיא מיידעל האט זיך פארשעהמט צולאכט.

— מען זעהט גאר ניט — האט זיא זיך פארענטפערט.

— וואוהין געהט איהר עס ?

— אין שטאָרט. מען האט געשיקט נאך מיר.

— איינע אליין ?

— ניין, מיט איהם... ער איז מיין קאוואליר.

— איך בין א קאוואליר ! — האט מיט פערגניגען איבערגעזאגט גרישקא, קלא-פענדיג מיט דיא פיסלאך.

— און וואס טהוט איהר דא ? — האט געפרעגט קארסאווינא.

— מיר טהוען דא שיכור'ען — האט אין געלעכטער ערקלעהרט סאנין.

— ווער איז דער „מיר" ?

— שאפראוו, סווארואזשיטץ, איווא נאוו...

— אזוי, יוריע ניקאלאיעוויטש איז אויך מיט אייך ? — האט זיא, רויט-ווע-רענדיג אין דער פינסטער געפרעגט.

איהר איז געווען עפעס אזוי מוראדיג און אנגעגעהן אנצורופען אין דער הויך דיעזען נאמען, אזוי וויא אריינצוקוקען אין אן אבגרונד

— יא, וואס איז ?

— אט, אזוי. איך האב איהם געטראפען... האט נאך מעהר רויטה ווערענדיג, געזאגט דיא מיידעל — נו צום ווידערזעהן!

סאנין האט פריינדליך געדריקט דיא אויסגעצויגענע האנד.

— ווייסט איהר וואס ? איד'ל אייך אריבערפיהרען אויפ'ן אנדערען ברעג. צו וואס זאלט איהר זיך שלעפען ביי דער נאכט צופוס אזוי ווייט.

— ניין, צו וואס זאלט איהר זיך בעמיהען — האט מיט א מאדנער שעמעווודיגקייט געזאגט דיא מיידעל.

— זאל ער אייך אריבערפיהרען אויפ'ן שיפעל, געהן מיט'ן וועג איז זעהר שווער ס'איז שמוציג און נאס. איהר וועט זיך איינפאטשקען — האט מיט אן אווטאריטעטנעם טאן ערווידערט דער בארפוסער גרישקא.

— נו, גוט... און דו קענסט יעצט געהן צו דיין מאמען.

— און איבער'ן פעלד וועט איהר זיך ניט מורא האבען געהן אליין ? — האט געפרעגט גרישקא.

— איד'ל זיא בעגלייטען ביזן שטאדט — האט באמערקט סאנין.

— און אייערע פריינד ? — האט געפרעגט קארסאווינא.

— זיי וועלען דא פארברייגען ביז טאג, און אויסער דעם האבען זיי מיר שוין גענוג דערעסען.

— נו, אויב איהר זייט אזוי גוט... — האט זיך צולאכט קארסאווינא — געה, גרישא.

— א גוטע נאכט פרייליין...

דער אינגעל האט זיך ווידער עפעס אזוי וויא בעהאלטען אין דיא קוסטעס און קארסאווינא מיט סאנינען זיינען געבליעבען אליין

— גיט מיר אייער האנד — האט פארגעשלאגען סאנין — אז ניט וועט איהר נאך ארפאלען פון בארג...

קארסאווינא האט איהם דערלאנגט דיא האנד און האט דערפיהלט זיינע הארטע, וויא אייזען מוסקעלען, וואס האבען זיך באוועגט אונטער דער דינעם העמד. ניט ווילענדיג שטויסענדיג זיך אין דער פינסטער און יעדער ווילע פיהלענדיג דיא שטייפקייט און ווארעמקייט פון דיא קערפערס איינס פונ'ם אנדערען, זיינען זיי דערגאנגען איבער'ן וואלד צום טייך. אין וואלד איז געווען פינסטער, חושך, און עס האט זיך אויסגעדאכט, אז עס איז ניטא קיין ביימער נור איין געדיכטע, מיט ווארימקייט אטעמענדע, שווייגענדע פינסטערניש...

— אי, וויא פינסטער !

— ס'מאכט נישט — האט איהר אין אויער שטיל געזאגט סאנין, און זיין שטימע האט עפעס מאדנע א ציטער געטהאן: ביי דער נאכט האב איך דעם וואלד נאך מעהר ליעב... אין ביינאכטיגען וואלד פארליערען דיא מענשען זייערע געוואוינליכע פנים'ער און ווערען געהיימניספולער, דרייסטער און אינטערעסאנטער....

דיא ערד האט זיך געשאטען אונטער זייערע פיס און זיי האבען זיך מיט אלע קרעפטען איינגעהאלטען, אום ניט צו פאלען.

און פון דיעזער פינסטערניש, פון דעם אנקלאפען זיך אן זיין שטארקען, ווארימען, מענליכען קערפער, און פון דער נאהענטקייט מיט א מענשען, וועלכער איז איהר אימער שטארק געפעהלען געווען, האט דיא מיידעל פלוצים דערפיהלט עפעס אן אונבעקאנטע אונרוהיגקייט, אן אויפרעגונג, וואס האט זיא אלץ מעהר און מעהר באהערשט. אין דער פינסטער איז זיא מעהר פעררויטיגט געווארען און איהר האנד האט גענומען ברענען כאנין'ס האנד. דיא מיידעל האט אפט געלאכט און איהר

געלעכטער איז געווען א הויכער און א קורצער.

אונטען איז געווארען ליכטיגער, און איבער'ן וואסער האט שוין העל און רוהיג געשיינט די לבנה. עס האט געשמעקט מיט פרישקייט און פייכטקייט פון'ם גרויכען טייך, און דער טונקעלער וואלד האט פינסטער און געהיימניספול אבגעטראטען אהינטער...

— וואו איז אייער שיפעל?

— אט איז עס...

דאס שיפעל האט דייטליך ארויסגעטראטען אויף דעם גלאטען, העלען שפיגעל פון'ם וואסער. אין דער צייט, וואס סאנין האט אנגעטשעפעט די וויעסלעס צום שיפעל איז קארכאווינא לייכט אריבערגעגאנגען צום רודער און זיך געזעצט. און פלוצים, מיט איין מאל איז זיא געווארען א פאנטאסטישע, בעלויכטען פון דער זילבערנער לבנה, וואס האט זיך אבגעשפיגעלט אין דאס קלאהרע וואסער. סאנין האט א שטוים געטהאן דאס שיפעל און איז אין איהר אריינגעשפרונגען. דאס שיפעל האט זיך מיט א שטילען גערויש א גליטש געטהאן איבער'ן זאמד, האט א קלאפ געטהאן דאס וואסער און איז ארויס אין טייך, איבערלאזענדיג הינטער זיך לאנגע גלייכע כוואליעס.

— גיט מיר, איך וועל פיהרען דאס שיף — האט געזאגט קארסאווינא נאך אלץ אונטער דעם איינפלוס פון אן אונבעקאנטען, אויפגערעגטען געפיהל — איך האב ליעב אליין...

— נו, זעצט זיך — האט א לאך געטהאן סאנין, שטעהענדיג אין מיטען שיפעל.

זיא איז ווידער פארבייגעגאנגען פארביי איהם איבער די ביינקלאך, א לייכטע און א בייגיגע, קוים־קוים בעריהרענדיג מיט די שפיצען פון איהרע פינגער זיין אויסגעצויגענע האנד. און ווען זיא איז פארבייגעגאנגען, האט סאנין פון אונטען געקוקט אויף איהר און פאר זיין פנים האט זיך א טראג געטהאן איהר ברוסט מיט דעם גערוך פון פארפיום און פון א יונגען, פרישען פרויען קערפער...

זיי זיינען אוועקגעשוואומען. דער בלויער הימעל מיט דער פארטראכטער לבנה האבען זיך אבגעשפיגעלט אין קלאהרן־וואסער און ס'האט זיך אויסגעדאכט, אז דאס שיפעל טראגט אין דער לופטען... קארסאווינא איז געזעסען גלייך, האט שוואך באוועגט מיט די וויעסלעס, שפריצענדיג מיט דעם וואסער און אויסשטעלענדיג די ברוסט פאראויס. סאנין איז געזעסען ביים רודער, האט געקוקט אויף איהר, אויף איהר ברוסט, וואו עס וואלט אזוי גוט געווען אוועקצולעגען דעם ברענענדיגען קאפ, אויף די רונדע און ביינעדיגע הענד, וועלכע וואלטען אזוי שטארק און אזוי צארט געקענט ארומנעהמען ארום האלז, אויף דעם קערפער, פול צארטקייט און יוגענד, צו וועלכען מען האט אזוי ווילד און היים און גאנץ זיך געקענט צודריקען... די לבנה האט געשיינט אויף איהר ווייכען פנים מיט די שווארצע ברעמען און די בלישצענדיגע אויגען, האט געפויזעט איבער איהר ווייסער קאפטע ביים ברוסט, איבער'ן קלייד און די פולע קניע...

און עפעס האט פאסירט מיט סאנין'ען אזיינס, וואס האט איהם אליין צרמישט, עפעס אזוי וויא ער וואלט אלץ ווייטער און ווייטער געשוואומען מיט איהר אין א פאר'כישופ'טען לאנד, ווייט פון מענשען, פון פערשטאנד און פון קלוגע, געשטעלטע, מענשליכע געזעצען...

— וויא גוט עס איז היינט — האט געזאגט קארסאווינא, זיך ארומקוקענדיג ארום זיך.

— יא, כ'איז גוט — האט שטיל געענטפערט סאנין.

פלוצים האט זיא זיך צולאכט.

— עפעס ווילט זיך אין אזא נאכט אריינווארפען די הוט אין וואסער

אריין און פינאנדערפלעכטען דעם צאפ...
— האט זיא געזאגט שטארק הינגעריכען.
— נו, פלעכט פונאנדער — האט געזאגט סאנין נאך שטילער.
נור זיא האט זיך פלוצים פארשעהמט און איז אנשווייגען געווארען.
און ווידער האבען אין דער מיידעלס נשמה גענומען שוועבען עראינערונגען, ארויסגערופען פון דער שטילקייט און ווארעמקייט פון דער וואונדערשעהנער נאכט, עס האבען אבגעלעבט פאר איהר דיא טעגען, וועלכע זיא האט נאך אזוי ניט לאנג איבערגעלעבט מיט יוריען און איהר איז געווארען אי שעהמעוודיג, אי גוט צו קוקען ארום זיך. איהר האט זיך געדאכט, אז סאנין מוז געוויס וויסען וואס עס טהוט זיך ביי איהר אויף דער נשמה, און דערפון איז איהר געפיהל געווארען נאך רייכער, נאך אינטערעסאנטער...
און אונבעוואוסט פאר איהר אליין, האט פלוצים אין איהר ערוואכט א פערלאנגען איהם צו געבען אן אנצוהערעניש, אז זיא איז ניט אימער אזא שטילע, שעהמעוודיגע מיידעל, אז זיא קען זיין און איז גאר אן אנדערע. אי נאקעט, אי פרעך, אי הייס ליידענשאפטליך.... און פון ריזען אונבעוואוסטען אבער שטארקען פערלאנגען איז איהר געווארען אי פרעהליך, אי הייס...
— איהר קענט שוין לאנג יוריע ניטקאלאיעוויטש'ען? — האט זיא געפרעגט מיט א ציטערענדען קול, פיהלענדיג א שטארקע בעדירפניס זיך א גליטש צו טהאן איבער'ן אבגרונד.
— ניין — האט געענטפערט סאנין — ווארום פרעגט איהר?
— אט, אזוי.... ניט אמת, ער איז א וואוילער, א קלוגער מענש?
אין איהר שטימע האט געקלונגען במעט קינדערשע מורא, עפעס אזוי וויא זיא וואלט זיך אויסבעטלען א מתנה פון אן עלטערען מענשען, וועלכער קען זיא אי א גלעט טהאן, אי בעשטראפען.
סאנין האט מיט א שמייכעל אויף איהר א קוק געטהאן און געענטפערט:
— יא.
קארסאווינא האט נאך'ן קול פערשטאנען אז ער שמייכעלט און איז רויט געווארען.
— ניין, ערנסט... ער איז אזא מאדנער... אזא... ער האט ווארשיינליך פיעל געליטען... — האט זיא מיט מיה דערערדט.
— עס קען זיין, אז ער איז אן אונגליקליכער — איז אמת — האט איינגעשטימט סאנין. — און איהר האט רחמנות אויף איהם?
— געוויס — האט מיט א געמאכט נאיווען טאן אריינגערעדט קארסאווינא.
— נו, יא, דאס איז פערשטענדליך... נור איהר פארשטעהט מאדנע דאס ווארט „אונגליקליכער..." אט, איהר דענקט, אז א גייסטיג אונבעפרידיגטער מענש, וועלכער שטעלט זיך אויף יעדער זאך אב מיט פארציטערטע געדאנקען, איז ניט פראכט אן אונגליקליכער שוועכלינג, נור עפעס א בעזונדערער, העכערער און זאגאר שטארקער מענש! דאס איבינע אנאליזירען, וועגען און מעסטען יעדען געדאנק, געפיהל און האנדלונג, דאכט זיך אייך, איז א שעהנער שטריך, וועלכער גיט דעם מענשען דאס רעכט זיך צו האלטען בעסער פיר אנדערע, וועלכער גיט איהם א רעכט ניט אזוי פיעל אויף מיטלייד, וויפיעל אויף אכטונג און ליעבע...
— טא, וויא דען? — האט נאיוו געפרעגט קארסאווינא.
זיא האט נאך קיינמאל אזוי פיעל ניט גערעדט מיט סאנין'ען, דערפאר האט זיא אבער שטענדיג געהערט פון איהם, ווי יונגע, א קלוגען, אייגענטהימליכען מענשען, און אליין האט זיא אין זיין נעגענווארט געפיהלט עטוואס נייעס אינטערעסאנטעס און אייפרעגענדעס.
סאנין האט זיך צולאכט.
— ב'איז געווען א צייט ווען דער מענש האט געלעבט, וויא א חיה, נים אבגעבענדיג זיך קיין רעכענונג פאר וואס און וואס ער טהוט און וואס ער פיהלט. דערנאך איז געקומען א צייט פון בעוואוסטזיניגען לעבען און דער ערשטער שטאפעל פון דעם איז געווען אן אבשאצונג פון אלע געפיהלע, בעדירפניסען

און פערלאנגען. אויף דיזען שטאפעל שטעהט אויך יוריע סוואראזשיץ, דער לעצטער אנהייגער פון א צייט, וואס האט זיך אליין איבערגעלעבט און מוז יעצט לאזען פאלען פאר א מעהר ענטוויקעלטער ועגענווארט. יוריע האט אבער שטארק איינגעזייגט אין זיך אלע האקען פון זיין צייט און זיי האבען איהם פאר'סמ'ט ביז אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון זיין נשמה... פאר איהם עקזיסטירט גאר דאס לעבן ניט, אלעס, וואס ער טהוט איז ביי איהם אונטערווארפען אונטער א שטארקער אונטערזוכונג, איז עס גוט אדער שלעכט?... און דיזע אונטערזוכונג טרייבט ער געוואוינליך ביז אויף'ס לעבערליכסטער. אריינגעהענדיג אין דער פארטהיי, טראכט ער, צו איז ניט אונמער זיין ווירדע צו שטעהען אין דיא רייהען מיט אלע אנדערע און ארויסגעהענדיג פון דער פארטיי מוטשעט ער זיך צו איז ניט ערניעדריגענד צו שטעהען פון ווייטענס ב.ן אזא גרויסע, אלגעמיינע באוועגונג.... אייגענטליך זיינען אזעלכע מענשען בארא א כף... זיי זיינען אין דער מעהר־צאהל... יוריע סווארא־זשיטץ איז נאך מיט דעם אן אויסנאהמע, וואס ער איז ניט אזוי נאריש, וויא די אנדערע און דער קאמפף מיט זיך אליין קומט ביי איהם ארויס ניט אזוי לעכערליך, מאנכעס מאל איז ער זאגאר טראגיש.. א נאוויקאוו, צום ביישפיעל, ווערט נור פעט פון זיינע ליידען און צווייפעל, וויא אן אקס אין שטאל, אבער סוואראזשיטץ טראגט ווירקליך אין זיין ברוסט שפעם אן אונגליק...

כאנין האט זיך פלוצים אבגעשטעלט. ויין אייגענער הויכער קול און דיא איינפאכע אלטעגליכע ווערטער האבען פארטרייבען דעם ביינאכטיגען בישוף, אוז איהם האט עס גענומען באנג טהאן. ער איז אנשוויגען געווארען און גענומען קוקען נור אויף דער מיידעל, אויף איהרע שווארצע ברעמען, אויף'ן ווייסען פנים, און אויף איהר הויכען בוזעם.

— איך פערשטעה ניט— האט ניט זיכער גענומען הויידען דיא מיידעל — איהר רעדט איי פון יוריע ניקאלאיעוויטש'ען, אזוי וויא ער אליין וואלט געווען שולדיג אין דעם, וואס ער איז אזא און ניט קיין אנדערער... ווען דער מענש קען זיך ניט בעפריעדיגען מיט'ן לעבען, הייסט עס, אז ער איז העכער

— א מענש קען ניט זיין העכער פון דעם לעבען — האט זיא אונטערבראכען סאנין — ער אליין איז נור א קליינער טהייל פון איהם... אונבעפרידיגט קען ער זיין, אבער דיא אורזאכען פון דיעזער אונבעפרידיגקייט ליעגען אין איהם אליין. ער קען נעבאך פראסט ניט, אדער וואגט ניט צו נעהמען פון דעם רייכטהום פון לעבען, אזוי פיעל, וויעפיעל עס איז ווירקליך נויטיג פאר איהם.. מאנכע מענשען זיצען אין געפענגניס דאס גאנצע לעבען און אנדערע האבען

מורא ארויסצופליהען פון שטייג, אין וועלכער זיי זיינען אזוי לאנג אבגעזעסען... דער מענש איז עטוואס גאנצעס אזוי לאנג וויא דער קערפער מיט'ן גייסט זיינען צוזאמען. דיא נאטירליכע צושטערונג פון קערפער און גייסט קומט ארויס פון דעם אנקומען פון טויט, נור מיר אליין צושטערען עס אפט מיט א משונהדיגער וועלט־אנשויאונג...

דיא פערלאנגען פון קערפער האבען מיר געשטעמפעלט, רופען עס אן טהיריש און שעהמען זיך דערמיט... דיא שוואכערע צווישען אונז בעמערקען עס ניט און שלעפען א לעבען אין קייטען אבער דיא שטארקערע, דיא וואס פערשטעהען, אז אזא אנשויאונג איז פאלש, נאריש און לעכערליך און דאך פיהלען זיי זיך אויך געבונדען — דיא זיינען אמת'ע מארטירער: דיא צודריקטע קראפט אין זיי רייכט זיך ארויס, דער קערפער בעט פריידען און מאטערט זיי. דאס גאנצע לעבען בלאנדזען זיי ארום טאפענדיג, כאפען זיך אן פאר יעדער שטרייעלע אין דער פארמע פון א גייסטיגען אידעאל און צום סוף הייבען זיי אן מורא האבען פאר'ן לעבען, זיי בענקען, זיינען

אונבעפרידיגט און דאך האבען זיי מורא צו פיהלען...

— יא, יא... — האט מיט אן אונערווארטעטער קראפט זיך אבגעררפען קראסאווינא.

א מאסע געדאנקען, נייע און אינערווארטעטע, האט זיך לייכט א הויב געטהאן אין איהר קאפ.

זיא האט געקוקט ארום זיך מיט בליסטשענדיגע אויגען און די מעכטיגע, וואונדערשעהנע קראפט, וואס איז געווען צוגאסען אי איבער דעם שטילען אומבעוועגליכען טייך, אי אין דעם פינסטערען וואלד, אי אין דער טיעפקייט פון דעם בלויען הימעל מיט דער פארטראכטער לבנה, האט געפונען אן אבקלאנג אין איהר נשמה. דער מיידעל האט בישטענדיג געוויז גענומען בעהערשען א געפיהל, וועלכער איז איהר שוין געווען בעקאנט, וועלכען זיא האט אי געליעבט אי פאר איהם מורא געהאט... דאס איז געווען יענער געפיהל, וואס שטרעבט צו קראפט, צו בעוועגונג און גליק...

— מיר חלום'ט זיך אלץ יענע גליקליכע צייט — האט שווייגענד א ווילע, ווידער גענומען ריידען סאנין — ווען צווישען דעם מענשען און זיין גליק וועט קיין זאך ניט שטעהן, ווען דער מענש וועט פריי און אהן מורא זיך איבערגעבען, צו אלע מעגליכע פערגעניגענס...

— נו, און וואס וועט דאן זיין? ווידער בארבאריזם?

— ניין, יענע עפאכע, ווען די מענשען האבען געלעבט נור קערפערליך איז געווען ווילד, גראב און ארעם, אונזערע ווען דער קערפער איז אין גאנצען אונטערווארפען דעם גייסט און שפיעלט גאר קיין ראלע ניט — איז נאריש, אונזיניג און שוואך. אבער דיא מענשהייט האט ניט אומזיסט געלעבט: זיא האט אויסגעארבייט נייע בעדינגונגען פון לעבען, אין וועלכע עס וועט ניט זיין קיין פלאץ ניט פאר בארבאריזם און ניט פאר ענטזאגונג...

— זאגט נור, און דיא ליעבע... ווי פערפליכטעט? — האט אונערווארטעט געפרעגט קארסאווינא.

— ניין, דיא ליעבע לעגט ארויף אויפ'ן מענשען שווערע פליכטען, נור צוליב אייפערזוכט, און אייפערזוכט איז א פראדוקט פון שקלאפעריי. יעדע שקלאפעריי בעשאפט בייזעס, שלעכטעס... מענשען דארפען הנאה האבען פון דער ליעבע אהן מורא און פערבאט, און אהן בעגרענצונגען... און דאן וועלען דיא פארמען פון ליעבעברייטער ווערען... און דאס לעבען וועט ווערען אן אומענדליכע קייט פון צופעלע, אונערווארטעטע פאסירונגען און בעגעגעניששען...

— און איך האב דאן פאר קיין זאך ניט מורא געהאט! — האט מיט שטאלץ א טראכט געטאהן דיא מיידעל, און פלוצים, אזוי ויא צום ערשטען מאל האט זיא דערזעהען סאנין'ען.

ער איז געזעסען ביים רודער, א שטארקער, מיט דונקעלע, פון דער נאכט און דער לבנה, אויגען, און דיא ברייטע פלייצעכ זיינע זיינען געווען אונבעוועגבאר, אזוי ויא אייזערנע.

קארכאווינא האט זיך אין איהם שטארק איינגעקוקט, מיט עפעס א בעזאנדערען אינטערעס. און פלוצלונג האט זיא גענומען טראכטען, אז פאר איהר שטעהט א גאנצע וועלט פון קראפט, געפיהל און מעגליכקייט, און איהר האט זיך פלוצלונג פערוואלט דיעזע וועלט בעריהרען...

— ער איז אן אינטערעסאנטער חברה־מאן! — האט זיך שטיפעריש דורכגעטראגען ביי איהר אין קאפ. זיא האט זיך פערשעהמט צולאכט פאר זיך אליין, אבער עפעס א מאדנע אויפרעגונג האט ארומגעכאפט איהר גאנצען קערפער און זיא האט זיך נערוועז א טרייסעל געטאהן.

און, וואהרשיינליך, האט ער דערפיהלט, וואס עס געהט אין איהר פאר, וויל ער האט גענומען אטהעמען שטארקער און שנעלער.

דיא וועסלעס, זיך פערטשעפענדיג אן דיא צווייגען פון א שמאלען דורכ־

פאהר, זיינען קראפטלאז ארויסגעפאלען פון דער מיידעל'ס האנד און אינוויינינג אין איהר איז אויך עפעס אזוי ווי איינגעפאלען.

— איך קען ניט... דא איז שווער..

— האט זיא מיט א הייזעריגער שטימע וויא א שולדיגע, ארויסגערעדט און איהר שטימע האט שטיל און זינגענדיג אבגעקלונגען אין דעם פינסטערען און שמאלען דורכפאהר, וואו עס האט זיך שוואך געהערט דאס פליעכטשען פון וואסער.

סאנין איז אויפגעשטאנען און איז אוועק צו איהר.

— וואוהין געהט איהר — האט מיט אן אונפערשטענדליכען שרעק געפרעגט דיא מיידעל.

— גיט, איך'ל...

דיא מיידעל איז אויפגעשטאנען און האט געוואלט אריבערגעהן צום רודער. דאס שיפעל האט זיך גענומען וויגען, אזוי וויא זיא וואלט אוועק פון אונטער דיא פיס, און קארסאווינא האט זיך ניט ווילענדיג אנגעכאפט אן סאנין'ען, איהם א שטארקען שטויס טהאנדיג מיט איהר הויכען, שטארקען בוזים... און אין דעם זעלבען מאמענט, כמעט ניט פערשטעהענדיג, אליין ניט גלויבענדיג אין דער מעגליכקייט דערפון, האט דיא מיידעל מיט אן אונבעוואוסטער בעוועגונג איינגעהאלטען אויף א ווילדע דיעזע בעריהרונג, אזוי וויא זיא וואלט זיך צוגעדריקט צו איהם.

אין איין מאמענט האט ער מיט זיין גאנצען וועזען דערפיהלט דיא בעצויבערענדע נאהענטקייט פון דער פרוי און זיא האט אויך מיט איהר גאנצען וועזען פערשטאנען זיין געפיהל, האט דערפיהלט דיא גאנצע קראפט פון זיין פערלאנגען און איז פער'שכור'ט געווארען אליין, נאך פריהער, וויא זיא האט פערשטאנען, וואס זיא טהוט...

— אה — האט פערוואונדערט און בעגייסטערט זיך ארויסגעריסען ביי סאנין'ען און ער האט זיא א כאפ גענומען אזוי שטארק און פייערדיג, אז זיא, איבערגעבויגט זיך אהינטער, איז געבליבען ליעגען וויא אין לופטען און האט זיך אינסטינקטיוו אנגעכאפט פאר איהר אראפגעפאלענער הוט און האאר.

דאס שיפעל האט זיך א וויעג גענומען שטארקער און דיא כוואליעס מיט א צושראקענעם געפילדער זיינען זיך צולאפען צו דיא ברעגעס.

— וואס טהוט איהר! — האט זיא מיט א שוואכען פרויען קול ארויסגעשריען. — לאזט... אום גאטעס ווילען!... וואס טהוט איהר!... — האט זי מיט א פערשטיקטען שעפצען ארויסגערעדט נאך א קליינעם, צושראקענעם שווייגען, רייסענדיג זיינע אייזערנע הענד. אבער סאנין האט מיט גוואלד, מיט מורא'דיגער קראפט, כמעט צוקוועטשענדיג איהר שטייפע ברוסט, געדריקט דיא מיידעל צו זיך, און איהר האט דער אטהעם פערכאפט, און אלעס, וואס איז געשטאנען זיי אין וועג, איז וואוהין פער'שוואונדען....

ארום איז געווען פינסטער, אין א זיסער גערוך פון וואסער און גראז, און א מאדנע קעלט און היץ, און א שווייגען... און קארסאווינע, פערלירענדיג פלוצלונג איהר ווילען און קראפט, האט אראפגעלאזען דיא הענד און איז געלעגען, ניט זעהענדיג און ניט טראכטענדיג גאר נישט, אונטערווארפענדיג זיך א פרעמדען מענערשען ווילען און קראפט מיט א ברענענדיגען וועהטאג און מיט א פייגליכען פערגניגען...

אבער באלד איז זיא געקומען צו זיך און האט פערשטאנען.... זיא האט דייטליך דערזעהען דיא ליכטיגע פינטלאך פון דער לבנה־שיין איבער'ן שוואר־צען וואסער און דאס, אז זיא ליעגט האלב אויסגעצויגען אין שיפעל, אי סאנין'ס פנים מיט מאדנע אויגען, אי דאס, אז ער האלט זיינע הענד ארים איהר קערפער, אזוי וויא זיא וואלט געוועזן זיינע, און אז איהר נאקעטע קניע רייבט זיך אן א וויעכלא.

דעמאלט האט זיא זיך שטיל און אהן אויפהער פאנאנדערגעוויינט, האט זיך אבער ניט ארויסגעריסען פון סאנין'ס הענד אבגעבענדיג זיך איהם ווייטער.

און אין איהרע טרעהרען איז געוען אי דער טרויער וועגען עפּעס, וואָס איז פערלאָרען אויף אייביג, אי מורא, אי רחמנות צו זיך, אי אַ שוואכע צערטליכקייט צו איהם, וואָס האָט ארויסגעשטראָכט פון דער טיעפענים פון איהר יונגען קערפּער....

דאָס שיפעל האָט זיך שטיל אוועקגעטראָגען איבער אַ ברייטערען פּלאַץ, וואָס איז עטוואָס בעלייכטעט געווען, אין האָט זיך געוויעגט איבער דעם דונקעלען, פערכישוף׳טען וואסער, איבער וועלכען מיט אַ שטילען, אייביגען מורמלען עס האָבען זיך געיאָגט די כוואַליעלאך.

סאַנין האָט זי גענומען אויף די הענד און זי אוועקגעזעצט צו זיך אויף די קניע. און קאַרסאַווינא איז געזעסען פערלאָרען און הילפלאָז, ווי אַ קליין קינד.

אזוי ווי דורך אַ חלום האָט זי געהערט, ווי ער בערוהיגט איהר און ווי ער זאָגט איהר „דו“, און זיין קול איז פול מיט צערטליכקייט, ליעבע און דאַנקבאַרקייט.

— איך וועל זיך נאָכדעם דערטרינקען! — האָט זי ניט דייטליך געטראַכט, צוהערענדיג זיך צו זיינע ווערטער, און אַזוי ווי זי וואָלט זיך פאַר עמיצען געזוכט צו פערענטפערן, וואָס האָט איהר די פראַגע געשטעלט:

— וואָס האָסטו געטאָן און וואָס וועסטו איצט טהאָן?

— וואָס זאָל איך איצט טהאָן?

— האָט זיך פּלוצלונג אונערוואַרטעט ביי איהר ארויסגעריסען.

— מיר וועלען זעהען — האָט געענטפערט סאַנין.

זי האָט געוואָלט ארונטערקריכען פון זיינע קניע, אָבער ער האָט זי צוגעצויגען צו זיך און די מיידעל האָט זיך ניט געוועהרט און איז געבליבען ווייטער זיצען. איהר אַליין איז עפּעס אויסגעקומען מאָדנע, וואָס זי פיהלט ניט צו איהם ניט קיין כעס און ניט קיין עקעל.

שפּעטער, ווען קאַרסאַווינע האָט זיך דערכאַפּט אין דער נאַכט, האָט זיך דאָס אַלעס איהר אויסגעוויזען, ווי אַ חלום.

אַלעס ארום האָט געשוויגען און פייערליך פינסטער האָט געקוקט די נאַכט, אזוי ווי זי וואָלט אין זיך פערבאָרגען דעם סוד.

דער חושך פון ברעג און וואַלד האָט געקוקט אויף זיי מיט טיעפע, געהיימניספאָלע אויגען. און זי האָט קיין קראַפט און קיין ווילען ניט געהאַט, צו דערמאָנען זיך אָן דעם, אַז זי ליעבט אַנאַנדערן און אָבצושטויסען דעם... זי האָט זיך ניט געוועהרט, ווען ער האָט זי ווידער גענומען קושען און כמעט אונבעוואוסט האָט זי זיך אונטערוואָרפען דעם נייעם זודיגען פערגניגען, מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגען, טראָגענדיג זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אין נייער, איהר ביז אַהער אונבעקאַנטער, פערכישופטער וועלט, פון העכסטען פערגניגען.

צייטענווייז האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי זעהט, הערט און פיהלט גאָר נישט, אויסער זיינע בעוועגונגען, צו וועלכע זי האָט זיך איינגעהערט מיט געמישטען געפיהל פון בושה און מעכטיגער נייגעריגקייט...

אַ שרעקליכע פערצווייפלונג האָט מיט אַ מין קעלט ארומגעכאַפּט איהר האַרץ און האָט איהר אונטערגעזאָגט שוואַכע און מורא׳דיגע געדאַנקען.

— עס איז שוין אַלץ איינס, אַלץ איינס... — האָט זי גערעדט צו זיך אַליין, און אַ געהיימע נייגעריגקייט, וואָס האָט זי אין גאַנצען באַהערשט, האָט עפּעס אזוי ווי געוואָלט וויסען, וואָס נאָך קען מיט איהר טהאָן דיזער נאָהענטער און דאָך אַזאַ פרעמדער, אַזאַ פיינדליכער און אַזאַ שטאַרקער מענש.

דערנאָך ווען ער האָט זי אָבגעלאָזען, און גענומען פיהרען דאָס שיפעל, האָט קאַרסאַווינא, האַלב ליגענדיג, פערמאַכט די אויגען, זיך סטאַרענדיג ניט צו טראַכטען און האָט אויפגעציטערט פון יעדער בעריהרונג פון זיין האַרטער און יעצט אזוי בעקאַנטער האַנד, וואָס

האט זיך גלייך באוועגט איבער איהר ברוסט.

דאס שיפעל איז מיט א שטילען סקריפען צוגעקומען צום ברעג. קארסאַ־ווינא האט געעפענט די אויגען.

ארום זיינען געווען פעלדער, דאס וואסער און א ווייסער טומאן, די לבנה האט געשיינט בלאס און ניט העל, ווי א גייסט, וואס פארשווינדעט פאר'ן שיין פון טאג. עס איז געווען ליכטיג און די לופט איז געווען דורכזיכטיג. א שנייי־רענדיגער ווינטעל האט זיך געטראגען אין לופטען.

— זאל איך דיך בעגלייטען ? — האט שטיל געפרעגט סאנין.

— ניין, איך'ל אליין... — האט גע־ענטפערט קארסאווינא.

סאנין האט זי אויפגעהויבען אויף די הענד און זי ארויסגעטראגען פון שיפעל, פיהלענדיג צו איהר א ברענענ־דיגע ליעבע און א דאנקבארע צערטליכ־קייט. ער האט זי פעסט צוגעדריקט צו זיך און אוועקגעשטעלט אויף ד'ערד.

קארסאווינא האט זיך געשאקעלט אויף די פיס און ניט געקענט איינ־שטעהען.

— דו שעהנהייט ! — האט געזאגט סאנין מיט אזוי פיעל געפיהל, ליעבע, ליידענשאפט און מיטלייד, אזוי ווי זיין גאנצע נשמה וואלט זיך געריסען צו איהר.

זי האט א שמייכעל געטאהן פון אונבעוואוסטען שמאלין.

סאנין האט זי אנגענומען פאר ביידע הענד און זי צוגעצויגען צו זיך.

— גיב מיר א קוש !

— עה, יעצט איז שוין אלעם איינס.. און פארוואס איז ער אזא רחמנות'דיגער און אזא ליעבער ?... אלץ איינס, בעסער ניט טראכטען...— האט זיך דורכגע־טראגען אין קארסאווינא'ס קאפ און זי האט איהם א לאנגען און צערטליכען קוש געטהאן אין די ליפען.

— נו, זיי געזונד... — האט זי א

שעפטצע געטהאן צומישט, ניט וויסענ־דיג, וואס זי רעדט.

— ליעבע, טהייערע, זיי ניט בייז אויף מיר... — האט מיט שטילען געבעט געזאגט סאנין.

דערנאך, ווען זי איז אוועק, זיך טרייסלענדיג און פלאנטערענדיג אין איהר לאנגען קלייד, האט סאנין לאנג און אומעדיג איהר נאכגעקוקט. און איהם האט וועה געטהאן פאר יענע אומזיסטע ליידען, וועלכע זיינען געווען פאר איהר אנגעגרייט, פאר יענע ענוים, וואס זי וועט מוזען אריבערטראגען און איבער וועלכע, ווי ער האט גערענקט, זי וועט זיך ניט קענען אויפהויבען.

איהר פיגור איז פערשוואונדען גע־ווארען אין טומאן אנטקעגען דעם אויפ־געהענדיגען פריה־מארגען. סאנין איז מיט קראפט ארייגעשפרונגען אין שי־פעל, און אונטער די קרעפטיגע און זיגרייכע קלעפ פון די וועסלעס, האט דאס וואסער טומלענדיג און פרעהליך גענומען זיך בולקען. אויף א פלאץ, וואו דאס וואכער איז געווען ברייט און טיעף, צווישען דעם ווייסען, בעוועגלי־כען טומאן און דעם אינדערפריהעדיגען הימעל, האט סאנין א ווארף געטהאן די וועכעלס האט א שפרונג געטהון, זיך אויסגעצויגען אין זיין גאנצען וואוקס און מיט אלע קרעפטען הויך און פריידיג א געשריי געטהאן.

דער וואלד און דער טומאן האבען אבגעלעבט און איהם געענטפערט מיט דעם זעלבען לאנגען פריידיגען און אב־שטארבענדען געשריי...

## 39טער קאפיטעל.

אזוי ווי זי וואלט געקראגען א שטארקען קלאפ אין קאפ, איז קארסא־ווינא גלייך איינגעשלאפען, און נאך א קורצען און שווערען שלאף האט זי גאנץ פריה זיך אויפגעכאפט, אין גאנצען א קראנקע און א קאלטע, ווי א מת. עס האט אויסגעזעהען, אז די פערצווייפ־לונג אין איהר איז ניט געשלאפען. און

ניט אויף איין מינוט האָט זיא גענקענט
פארגעסען, וואָס מיט איהר איז געשעהן.
זיא האָט שאַרף געקוקט ארום זיך און
האָט שווייגענדיג און אויפמערקזאַם בע־
טראכט יעדע קלייניגקייט, עפּעס אזוי
וויא זוכענדיג, וואָס עס האָט זיך אומגע־
ביטען פון נעכטען אָן.

אָבער ליכטיגע און רוהיגע האָבען
געקוקט אויף איהר דיא הייליגע בילדער
פון ווינקעל אי דיא פענסטער. אי דאָס
מעבעל אי דער העלער קאָפּ פון איהר
פריינדין דובאָווא, וועלכע האָט געשמאָק
געשלאָפען אויף דער צווייטער בעטעל.
אַלעס איז געווען אייכּאַך, וויא איטער,
און נאָר איהר ארימע קלייד, א צו־
קנייטשטע, א צודרעהטע, וואָס האָט זיך
געוואַלגערט אויף אַ שטוהל, האָט עפּעס
דערצעהלט...

דורך דער רויטקייט, וואָס דער
שלאָף האָט ארויכגערופען אויף קארבא־
ווינא'ס פּנים, האָט אלין דייטליכער און
דייטליכער גענומען ארויסטרעטען דיא
טויטע בלאַסקייט, און איהרע שוואַרצע
ברעמען האָבען זיך אָנגעזעהען אזוי גע־
נוי, עפּעס אזוי וויא איהר פּנים וואָלט
וויעדער בעלויכטען געוואָרען פון דער
ליכטיגער לבנה.

און מיט אַ מערקווירדיגער קלאָהר־
קייט האָט אין איהר קראַנקען מוח ער־
וואַכט אלעס, וואָס זיא האָט איבערגע־
לעבט... און העלער פון אלעס, וויא זיא
איז פארטאָג געגאַנגען איבער נאָך פער־
שלאָפענע גאַסען פון פאָר־שטאָדט. דיא
זונן, וואָס האָט זיך נור וואָס בעוועגען
איבער דיא דעכער און פארקענס, וואָס
זיינען גרוי געווען פון טהוי, האָט גע־
לויכטען בלענדענד העל און אָהן רחמנות
פון צווישען דיא פערמאַכטע לאַדענס,
אזוי וויא דורך פאַרזשמורעטע אויגען
האָבען געקוקט אויף איהר דיא פיינדלי־
כעפענכטער פון דיא קליינבירגעליכער
הייזער, און די איינצעלנע, פריהע פאַר־
ביינעהער האָבען זיך אויף איהר ארומ־
געקוקט. און זיא איז געגאַנגען אונטער
דער אין דער־פריהעדיגער זונן, זיך
פלאָנטערענדיג אין דער שלעפּע פון איהר
לאַנגען קלייד און האָט קוים איינגעהאל־
טען אין דיא הענד איהר גרינע פלו־
שענע ביימעלע. איז געגאַנגען וויא אַ
פארברעכערין, ארום די פארקענס, מיט
וואַנקענדע טריט...

ווען אין דיזער מינוט, וואָלט זיך
איהר וועג בעוויזען אָן עולם מענשען
מיט אָבענע מיילער, מיט ברענענדיגע
אויגען און וואָלט זיא בעגלייט מיט אַ
געלעכטער, מיט שפּאָט און מיט שמו־
ציגע, העסליכע ווערטער, וואָלט איהר
שוין געווען אלץ איינס, און זיא וואָלט
אלץ געגאַנגען פאָראויס, וואַנקענדיג
אונטער דיא קלעפּ און זלזולים, אָהן אַ
צוועק, אָהן א זינן מיט א מורא'דיגער
ביינקעניש אין דער צוריסענער נשמה...

נאָך אין פעלד זייענדיג, ווען עס
זיינען פארשטאָרבען אין טומאַן דיא
שטאַרקע קלעפּ פון דיא וועסעלם איבערן
וואַסער, האָט קראַכאָווינא פלוצים בע־
גריפען, וואָס פאַר אַ שווערע, שווערע
משא עס איז ארויפגעוואָרפען געוואָרען
אויף איהרע יונגע, ביינעדיגע פרויען־
פלייצעס און אַ טיעפע פערצווייפלונג
האָט ארומגעכאַפּט איהר הארץ, איהר
נשמה און איהר גאַנץ לעבען, זיא האָט
אַ געשריי געטהאָן, האָט ארויסגעלאָזען
איהר ביימעלע פון דיא הענד אין פייכ־
טען זאַמד און האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן
קאָפּ.

און פון דעם מאָמענט אָן, האָט זיא
שוין צו זיך אליין ניט געהערט און קיין
אייגענעם ווילען האָט זיא שוין מעהר
ניט געהאַט.

וויא אַ שווערע שיכרות האָט זיא

זיך דערמאָהנט אָן דער נעכטיגער נאַכט.
עס איז געווען עטוואָס אונגעוועהנליכעס
משוגע׳ — אינטערעסאַנטעס, עטוואָס,
וואָס האָט ארומגעכאַפּט דעם גאַנצען
מענשען מיט אַזאַ קראַפט, וויא זיא
האָט נאָך קיין מאָל ניט געפיהלט...
און דאָך, יעצט איז אונמעגליך געווע־
צו בעגרייפען, וויא אזוי דאָס האָט פאַ־
סירט, און וויא האָט זיא געקענט פאַר־
געסען זיך אזוי ווייט, אַז זיא זאָל
פארגעסען יעדע שאַנדע, דעם פער־

שטאנד און יענעם שטארקען, היייליגען געפיהל צו יוריען, וואס האט, דאכט זיך אנגעפילט איהר גאנצע הארץ, איהר גאנץ לעבען...

מיט א בענקעניש, וואס האט צו־ריסען איהר הארץ, איז קארסאווינא ארויסגעקראכען פון אונטער דער דעקע און זיך שטיל בעוועגענדיג, האט זיא זיך גענומען אנטהאן, פיהלענדיג, וויא ביי דער קלענסטער בעוועגונג פון דור־באוו'ען וועט איהר דאס בלוט פער־פיהלט אין דיא אדערען...

דערנאך האט זיא זיך געזעצט ביים פענסטער און האט מיט אנגעשטרענגטע אונבעוועגליכע אויגען גענומען קוקען אין גארטען, אויף דיא גרינע און געלע בוימער פייכטע פון דעם פריהמארגע־דיגען טהוי.

איהרע געדאנקען זיינען געוועזען פינס־טערע און האבען זיא געטראגען, וויא א שווארצער רויך אונטערגעכאפט פון ווינד. ווען איביצער וואלט געקענט פונ־אנדערעפענען איהר נשמה און דארט לעזען, וויא אין א בוך וואלט ער זיך דערשראקען...

און דער הימעל פון דער יונגער, שטארקער, ליידענשאפטליכער מיידעל איז פארוואלקענט געווארען, און כמא־רעס, שווארצע, פינסטערע, האבען פאר־שטעלט פון איהר דיא ליכטיגע זונן. דער געדאנק וועגען זעלבסטמארד איז ארויס־געקראכען פון צווישען אלע איבעריגע פערצווייפעלטע געדאנקען קלאהר אין שארף און א נאגענדע בייינקעניש נאך דער ריינער און היייליגער ליעבע צו יו־ריען, וועלכע איז יעצט שוין אויף איי־ביג פארלארען, האט געריסען דאס הארץ וויא מיט צוואנגען. ערגער פון אלעמען איז אבער געוועזען דער שרעק, דיא מאד־נע מורא, וואס זיא האט יעצט געפיהלט פאר אלע מענשען, אי בעקאנטע, אי אונ־בעקאנטע...

דא איז איהר אין קאפ איינגעפא־לען צו געהן צו יוריע'ן, פאלען איהם צו דיא פיס, וויינען און דערנאך אוועק־געהן וואו עס איז אויף אייביג. און דא האט זיא צודריקט. דער שרעק צו זעהן יוריען און עס האט זיך געוואלט שטאר־בען ניט אראבגעהענדיג פון דיזען ארט, איינפאך אויפהערען צו לעבען, און דא האט גאר דורכגעשוועבט א געדאנק, אז מען קען נאך אלעס ווידער גוט מאכען, אז נעכטיגע נאכט עקזיסטירט גאר ניט, אז עס קען גאר ניט מעגליך זיין אז נעכ־טען זאל האבען עפעס פאסירט, אבער וויא א ווילדער געשריי האט זיך אין דער נשמה דורכגעטראגען דיא עראינע־רונג פון דער איינענער נאקעטקייט, ווע־גען דער שווערקייט פון דעם מענליכען קערפער, און וועגען דעם מאמענטאנעם ברענענדיגען געפיהל... און א צומישטע, א פערטויבטע פון דעם גרויסען אונ־פערמיידליכען אומגליק, האט זיך קאר־סאווינא אראבגעלאזען אויפ'ן פענסטער געזימס, אהן האפנונג, אהן קרעפטען און געדאנקען.

דערווייל האט זיך דובאווא אויפ־געכאפט און זיא האט שוין געהערט א באוועגונג און פארואונדערטען געשריי פון דער פריינדין.

— א, דו ביזט שוין אויפגעשטא־נען ?.. אט דאס איז גאר אן אונגעוועהנ־ליכע פאסירונג !...

פארטאג, ווען קארסאוויני איז גע־קומען, האט דיא פערשלאפענע פריינדין זיא נור געפרעגט :

— וואס ביזטו עפעס אזוי צור־דרעהט ?

און ניט ווארטענדיג אויף אן ענט־פער, איז זיא גלייך ווידער איינגע־שלאפען. יעצט האט זיא אבער דער־פיהלט, אז עפעס איז ניט וויא עס דארף זיין, און אין איין העמד, א בארפוסע, איז זיא צוגעגאנגען צו דער חבר'טע.

— וואס איז מיט דיר ? ביזט געזונד ? — האט זיא פריינדליך און בעזארגט, ווי אן עלטערע שוועסטער, גע־פרעגט.

קארסאווינא האט זיך צונויפגע־קארטשעט, וויא זיא וואלט ערווארט א קלאפ. אבער איהרע ראזעווע ליפען הא־בען א פאלשען שמייכעל געטהאן און איהר האט זיך געדאכט, אז א פרעמדע

שטימע האָט עפּעס צו פרעהליך געענטפערט.

— געווים בין איך געזונד. איך האָב איינפאך ניט אָנגעהויבען שלאָפען.

אָט אזוי איז ארויסגעבראכט געוואָרען דער ערשטער ליגען און פון דער פריהערדיגער פרייער, שמאָלצער און דרייסטער מיידעל איז ניט געבליבען אפילו קיין שפור. יענע איז געווען גאָר אַן אַנדערע און יעצט איז געוואָרען ווידער אַן אַנדערע און דיזע אַנדערע איז פאַלש, פייג און שמוציג. ווען דובאווא האָט זיך ארומגעוואשען און זיך אָנגעטהאָן, האָט קארסאווינא פאר'גנב'עט אויף איהר געקוקט און איהר חבר'טע האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַזאַ ליכטיגע, אַזאַ ריינע און זיא אַליין אַ דונקעלע, אַ פערפּאַטשקעטע, וויא אַ צודריקטער וואָרים. דער געפיהל איז געווען אזוי שטארק, אַז אַפילו יענער סהייל פון צימער אין וועלכען דובאווא איז געשטאַנען, האָט זיך קארסאווינא'ן אויסגעוויזען העל און ליכטיג פערגאָסען פון דער זונן און איהר ווינקעל איז געווען פינסטער און חושך, אָהן איין שטראהל פון דער ליכטיגער זונן. קארסאווינא האָט זיך דערמאָנט וויפיעל העכער זיא האָט זיך געהאַלטען פון דער עלטערער, פערוועלקטער חבר'טע, זייענדיג אַליין אין רעכטען מיטען פון איהר בליהענדער יוגענד, שעהנהייט און ריינקייט און דיא ביינקעניש אינעווייניג, אין איהר, האָט געוויינט אויף דעם וואָס זיא האָט אויף אויביג פערלאָרען, געוויינט מיט בלוטיגע טרעהרען...

נור דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען אינעווייניג, אויסערליך אָבער איז קארסאווינא געווען רוהיג, זאָגאָר פרעהליך. זיא האָט אָנגעטהאָן אַ שעהנע בלויע קלייד, אַ הוט, האָט גענומען אַ שירעם און מיט איהר געוועהנליכען גאַנג איז זיא אַוועק אין שוהלע. דאָרט איז זיא אָבגעווען ביז מיטאָג און דערנאָך געקומען צוריק אַ היים.

אויף'ן וועג האָט זיא געטראָפען לידא סאנינא'ן.

זיי ביידע, שלאַנקע, יונגע און שעהנע פרויען, זיינען געשטאַנען בעליכטענע פון דער זונן, האָבען געשמירבעלט מיט זייערע ליידענשאַפטליכע ליפּען און געערדט פון נאַרישקייטען, אָבער ביי לידא'ן אין הארצען האָט זיך ערוועקט אַ קראַנקהאַפטער האַס צו דער גליקליכער און זאָרגלאָזער מיידעל, און קארסאווינא האָט מקנא געווען דעם גליק, צו זיין אַזאַ שענע, אַזאַ פרעהליכע, אַזאַ פרייע, וויא לידא.

און זיי ביידען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ ליגט אַ שרעקליכע אונגערעכטיגקייט.

— איך בין דאָך בעסער פון איהר, מאָ ווארום קומט איהר צו זיין אַזוי גליקליך און מיר צו זיין אַזוי אונגליקליך? — האָט זיך אונבעוואוסט בעוועגט ביי זיי אַ געדאַנק.

נאָך מיטאָג האָט קארסאָווינא גענומען אַ בוך, זיך געזעצט ביים פענסטער און ווידער גענומען גלייכגילטיג און אונבעוועגליך קוקען אויף דאָס ליכט און דיא וואָרעמקייט פון גאַרטען וואָס האָט אויסגעלעבט דיא לעצטע זומערדיגע טעג.

די שאַרפע פערצווייפלונג איז אריבער און אויף איהר נשמה האָט זיך אַוועקגעלעגט אַ גלייכגילטיגע מיעדקייט.

— נו, איז וואָס... בין איך פערלאָרען, רעכט אויף מיר... איך וועל שטאַרבען! האָט זיא אַפּאַטיש ארויסגערעדט.

סאנין איז אָנגעקומען. קארסאווינע האָט איהם בעמערקט פריהער, וויא זיא האָט איהם בעמערקט.

ער איז דורכגעגאַנגען דעם סאָד אַ הויכער, אַ רוהיגער, אומקוקענדיג זיך אויף אַלע זייטען און טאַפּענדיג מיט דיא הענד דיא צווייגלאַך פון דיא ביימער, אזוי וויא ער וואָלט זיי אָבגעגעבען שלום עליכם.

אָבגעוואָרפען זיך אַהינטער און צודריקענדיג דעם בוך צו דער ברוסט, האָט קארסאווינע ווילד געקוקט אויף איהם, ביז סאנין איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום פענסטער.

— גוט מארגען! — האט ער געזאגט און דערלאנגט איהר דיא האנד.

און איידער זיא האט נאך צייט געהאט אויפצוהייבען זיך פון ארט און קומען צו זיך פון דעם מישמאש פון איהרע געדאנקען און געפיהלען, האט סאנין וויעדערהאלט מיט א לאסצענדריגען טאן:

— איך זאג אייך: גוט מארגען!...

און אין זיין קול איז עטוואס געווען אזוינס, וואס האט אוועקגענומען ביי קארסאווינען דיא מעגליכקייט א געשריי צו טהאן, אוועקגעהען פון איהם און פערליערענדיג איהר ווילען, האט זי שטיל אויסגערעדט:

— גוט מארגען...

און ענטפערענדיג איהם, האט זיא דערפיהלט, אז ער איז שטארקער פון איהר, אז ער קען טהאן מיט איהר, וואס ער וויל.

סאנין האט זיך אנגעשפארט אן דעם פענסטער־געזימס און געזאגט:

— קומט ארויס אויף א מינוט אין סאד, איך דארף מיט אייך עפעס רייד.

קארסאווינע האט זיך אויפגעהויבען און אין גאנצען אין דער מאכט פון עפעס א מאדנער קראפט, האט זיא ניט געוואוסט, וואס זיא דארף טהאן, וואוהין געהן און וויא אזוי...

— איך וועל דארט ווארטען אויף אייך — האט סאנין בעמערקט.

זיא האט א מאך געטהאן צו איהם מיט'ן קאפ, שעהמענדיג זיך פיינליך דערפאר, וואס זיא ענטפערט איהם.

סאנין איז אוועק מיט א לאנגזאמען רוהיגען גאנג, און קארסאווינא האט מורא געהאט איהם נאכצוקוקען. עטליכע סעקונדען איז זיא געשטאנען אונבעוועגליך, צוזאמענדריקענדיג פעסט דיא הענד. דערנאך האט זיא פלוצלום גענומען זיך ארומדרעהען און אויפהויבענדיג דיא קלייד, עס זאל זיין בעקויעמער צו געהען, איז זיא ארויס פון הויז.

דיא גאלדענע שיין פון דער זון און דיא געלע בלעטער האבען דורכגעדרונגען דעם גאנצען גארטען. נאך פון וויטען האט קארסאווינא דערזעהען סאנין'ען שטעהענדיג אויף א סטעזשקע. ער האט געשמייכעלט צו איהר און פון זיין בליק איז זיא פארשעהמט געווארען און עס איז איהר שווער געווען צו געהן. איהר האט זיך געדאכט, אז דאס קלייד דעקט זיא שוין ניט גענוג צו, אז זיא בעהאלט איהר ניט פון סאנין'ען און ער זעהט יעדען שטריך, יעדע בעוועגונג פון דעם נאקעטען קערפער איהרען, וועלכער איז איהם אזוי גוט בעקאנט. און א געפיהל פון הילפלאזיגקייט און שאנדע איז אזוי אויסגעוואקסען אין איהר, אז קארסאווינא האט זיך גענומען שרעקען פאר'ן שיין און דעם גארטען. זיך קוים האלטענדיג אויף דיא פיס און נערווען הײלענדיג איז זיא צוגעגאנגען און זיך אוועקגעשטעלט אזוי נאהענט, אום ער זאל זיא ניט קענען זעהען אין גאנצען פון קאפ ביז דיא פיס.

דאן האט זיא סאנין אנגענומען פאר דיא הענד, האט זיא אוועקגעשלעפט אין א געדיכטען פלאץ פון גארטען, וואו דיא ביימער האבען זיך צוזאמענגעפלאכטען און דארט האט ער זיא אוועקגעזעצט צו זיך אויף דיא קניע אליין זיצענדיג אויף א פיען פון א עפעל־בוים.

פון דער זייט האט זיך געזעהען איהר איינגעהויקערטער צארטער פראפיל און דיא רונדע פלייצע, א וויכע און א צארטע נעבען זיין ברייטע און שטארקע ברוסט, אבער דאך האט עס עפעס מאדנע גוט געפאסט איינס מיט דאס אנדערע. פיהלענדיג א שטארקע פארגעטערונג צו איהר שעהנהייט און עפעס אזוי וויא זיך בוקענדיג פאר איהר, האט זיך סאנין איינגעבויגען און האט שטיל א קוש געטהאן איהר לייבטע

קלייד דורך וועלכע עס האט זיך דורכגעזעהען איהר צארטער ווארעמער קערפער. קארסאווינא האט זיך א טרייסעל געטהאן, האט זיך אבער ניט אבגערוקט. ער האט זיא בעהערשט מיט זיין קראפט און געוואגטהייט — זיא איהם מיט איהר צארטקייט און שעהנהייט. און זיי ביידע האבען מורא געהאט איינער פאר'ן אנדער'ן. כאנין האט איהר געוואלט זאגען פיעלע צערטליכע, בערוהיגענדע ווערטער, אבער איהם האט זיך געדאכט, אז ביי דעם ערשטען קלאנג פון זיין שטימע, וועט זיך קארסאווינא אויפהיבען און וועט אוועקגעהען, און ער האט געשוויגען. דיא מיידעל האט געהערט זיין אנגעשטרענגטע, נערוועזען אטהעם.

— וואס וויל ער... וואס וועט ער טהאן?... — האט זיא געטראכט פארגעהענדיג פון שרעק און שאנדע — ניט שוין־זשע ווידער... ניין... איך'ל זיך אויסרייסען, אנטלויפען!...

— זינאטשקא — האט אויפ'ן כוח געזאגט סאנין, און דער קלאנג פון זיין שטיכע, וואס האט אייסגערופען איהר נאמען, איז געווען עפעס אזוי מאדנע און אזוי צערטליך.

קארסאווינא האט פון דער זייט, אויף איין מאמענט איהם א קוק געטהאן אין פנים און האט געטראפען זיינע אויגען, וואס האבען מיט בעגייסטערונג און מורא געקוקט אויף איהר אזוי נאהענט, אז זיא האט זיך דערשראקען. זיך דערשראקען א; אין דערזעלבער צייט דערפיהלט, אז ער איז גאר ניט אזא שרעקליכער, אז יעצט האט ער מעהר מורא פאר איהר, וויא זיא פאר איהם. עטוואס, וואס איז ענליך צו מיידעלשער נייגעריגקייט, האט זיך א ריהר געטהאן ערגעץ אין א ווינקעלע פון איהר נשמה, און איהר איז פלוצים געווארען לייכטער אין זיא האט זיך שוין מעהר ניט געשעהמט, וואס זיא זיצט ביי איהם אויף דיא קניע....

— איך וויים ניט — האט גערעדט סאנין — עס קען זיין, אז איך בין זעהר שולדיג געגען אייך און איך האב ניט געדארפט אהער קומען... נור איך האב אייך ניט געקענט פארלאזען אזוי... מיר ווילט זיך אזוי, אז איהר זאלט מיך פערשטעהן... און זאלט ניט פיהלען צו מיר קיין עקעל און האסס!.. וואס האב איך געזא'ט טהאן? עס איז געווען אזא מאמענט, ווען איך האב דערפיהלט, אז צווישען אונז זיינען אלע שטערונגען פערשוואנדען געווארען... און אויב איך וועל דורכלאזען דיעזען מאמענט, וועט ער זיך קיין מאל, קיין מאל אין מיין לעבען ניט אומקעהרען... איהר וועט פארבייגעהן און איך וועל שוין קיין מאל ניט איבערלעבען דעם אונגעהויערען הערגניגען, דעם גליק, וועלכען איך קען איבערלעבען.... און איהר זייט אזא שעהנהייט... אזא יוגענד....

קארכאווינא האט געשוויגען. עס איז נאר רויט געווארען איהר דורכזיכטיגער אויער, א האלב צוגעדעקטער מיט האאר און עס האבען געציטערט איהרע אויגען־לעדעלאך.

און סאנין האט ווייטער שטיל גערעדט. מיט ניט קלאהרע און ציטערנדע ווערטער האט ער איהר דערצעהלט וועגען דעם גרויסען גליק, וואס זיא האט איהם געגעבען, וועגען דעם, אז דיעזע נאכט וועט בלייבען אויף אימער אין זיין לעבען, וויא א וואונדערבארע מעשה'לע. און נאך זיין קול נאך האט מען געקענט הערען, אז ער ליידעט פון דער אונמעגליכקייט איהר עפעס צו ערקלעהרען אזוי, אז זיא זאל ניט זיין מעהר אומעדיג. אז זיא זאל ווידער ווערען פרעהליך, פרעהליך און גליקליך דערמיט, וואס זיא האט עטוואס געגעבען און עטוואס גענומען פון לעבען...

— אט איהר ליידעט, און געסטערן אין געווען אזוי גיט!... — האט ער גערעדט — אבער דיעזע ליידען קומען דאך ארויס נור דערפון, וואס אונזער לעבען איז אזוי העסליך אוועקגעשטעלט געווארען, ווייל די מענשען האבען אליין אוועקגעשטעלט א פרייז פאר זייער אייגען גליק... ווען אבער מיר וואלטען אנדערש געלעבט, וואלט דיעזע נאכט אין

אונזער בײדענס נערװעזע געבליבען, װיא אײנע פון דיא בעסטע, דיא טהײערסטע און אינטערעסאנטעסטע פאסירונגען, װעלכע מאכען דאס לעבען אזוי רײך, אזוי טהײער!....

— יא, װען! — האט געזאגט קארסאװינא און האט אונבעשטימט א שמײכעל געטהאן.

עפעס אזוי װיא דיא זונן װאלט פלוצים אויפגעהערט װיא דיא פויגעלאך װאלטען געזונגען און דאס גראז זיך בעװעגט. אזוי ליכטיג און װארעם איז געװארען אויף דער נשמה פון איהר שמײכעל. װעלכער האט אויף אײן מאמענט װי עדער אויפגעװעקט דיא פריהערדיגע פרעהליכע, גליקליכע און געװאגטע מײדעל. דאס איז אבער געװען אויף אײן סעקונדע און דיעזע סעקונדע איז גלײך אװעק...

פלוצים האבען אין קארסאװינא׳ס נשמה אויפגעלעבט צוריסענע בילדער פון איהר צוקינפטיגען לעבען. זיא האט פאר זיך דערזעהען דיא לײדען, דיא צרות, דעם שפאט און פעראכטונג פון פרעמדע און אײגענע מענשען און אפשר — אפשר אויך דיא שאנדע... און א פינסטערע מורא האט ארויסגעכאפט איהר הארץ און האט ארויסגערופען א טיפען האס.

— געהט, פערלאזט מיך! האט ארויסגערעדט קארסאװינא, בלאס װערענדיג מיט פארשצעמטע צײהן און מיט א האסטיגען אויסדרוק אויפ׳ן פנים, עפעס אזוי װיא זיא װאלט זיך מיט איהם אבגערעכענט פאר דעם פריהערדיגען שמײכעל, און א שטוים מאהענדיג איהם פון זיך, איז זיא אויפגעשטאנען.

א שװערער געפיהל פון מאכטלאזיגקײט האט באהערשט סאנין׳ען. ער האט דערפיהלט, אז מיט קײנע װערטער קען מען איהר ניט טרײסטען, אז איהר צוקונפט איז װירקליך א טרויעריגע, אז פאר איהר זײנען אנגעגרײט צרות, שאנדע און ארימקײט. זיא האט געהאט א רעכט צו זײן אין כעס און פערצװײפעלט. און אז עס איז ניט אין זײן מאכט אין אײן מינוט איבערצומאכען דיא גאנצע װעלט, אום אראבצונעהמען פון איהרע שװאכע פלײצעס דיא שװערע ביטערע לאסט, װאס איז דארט ארויסגעפאלען גאר אהן איהר שולד.., פאר יענע פרײד און גליק, װאס זיא האט איהם פערשאפט מיט איהר יונגער שעהנהײט װעט זיא מוזען לײדען, לײדען, לײדען... אויף אײן מאמענט איז בײ איהם געבוירען געװארען א געדאנק איהר פארצושלאגען צו הײראטהען, אבער עטװאס האט איהם דערפון אבגעהאלטען. ער האט דערפיהלט, אז דאס איז קלײנליך און ניט דאס דארף מען האבען.

— עה, — האט סאנין א טראכט געטהאן — זאל דאס לעבען געהן מיט איהר גאנג!

און זיא איז געשטאנען ניט װײט מיט אראבגעלאזענע הענד, דעם קאפ מיט דיא רײכע שעהנע האאר אראבגעלאזען און האט װעגען עפעס געטראכט.. און א טיעפער קנײטש האט דורכגעשניטען איהר װײסען, קלאהרען מײדעלשען שטערען...

— איך װײס — האט גענומען רײדען סאנין — אז איהר ליעבט יוריע סװאראזשיטש׳ען... עס קען זײן, אז דערפאר לײדעט איהר מעהר פון אלעמען.

— איך האב קײנעם ניט ליעב!

— האט מיט בײנקעניש ארויסגעשעפצעט קארסאװינא, צוזאמענדריקענדיג דיא הענד קראנקהאפט, ביז װעהטאג.

אויף איהר פנים האט מיט שארפע שטריכען, אזוי װיא א פיזישער װעהטאג, זיך אויסגעדריקט אי דער בעװאוסטזײן פון שולד געגען יענעם, װעמען ער האט דערמאהנט אי הילפלאזע פערצװײפלונג.

אין דערװײלע איז אין איהר נשמה אויפגעשטאנען און זיך בעװעגט, װיא א זײל פון רויך, א ריזיג-גרויסע, מורא׳דיגע פראגע, אין װעלכער, װיא

איינגעשלאָסען דער גאנצער שרעק און די גאנצע לעזונג פון דעם, וואס איז פארגעקומען . . .

— וויא אזוי קען מען עס צו־זאמענבינדען — האט אהן ווערטער גע־טראכט קארסאווינא : — איך ליעב יאך יוריע'ן, און יעצט ליעב איך איהם אזוי, אז דיא הארץ ווערט צוריסען . . . ביי דעם געדאנק, אז איך וועל ניט זיין פאר איהם דיא ריינע, דיא איינ־ציגע, וויא איך בין געווען, ווערט אלעס ארום מיר אויסגעלאָשען, וויא פאר'ן טויט, און דאך . . .

דער געדאנק וועגען סאנין'ען האט קיין פנים ניט געהאט : עס איז נאר געווען אן עראינערונג וועגען א ווילדער הראפט, וועגען א שרעקליכען פערגני־גען, וואו דיא ליידען האבען זיך צו־זיפגעגאסען מיט דעם פערלאנג פון נאך א ענגערער, נאך א טיעפערע נאָ־הענטקייט, און מינוטענווייז האט זיך געוואלט צו ווערען פארמוטשעט ביז'ן טויט. דערנאך איז געקומען א ליכטיגע און שטילע עראינערונג וועגען אן אונגעוועהנליכע צערטליכקייט, און יעזט לעצטע עראינערונג האט ווייכער געמאכט דאס הארץ.

— איך בין אליין שולדיג ! — האט קארסאווינא געזאגט צו זיך אליין:

— איך בין א העסליכע, צולאזענע באַ־שעפעניש !

און איהר האט זיך פארוואלט וויי־נען, חרטה האבען, שלאגען מיט א רימען אבער דעם זעלבען ווייסען און פראכטפולען קערפער, וועלכער איז געווען שטארקער און גובר געווען איבער דעם שכל, דער ליעבע און דעם איינענעם בעוואוסטזיין.

איין מאמענט האט אויסגעזעהען, אז זיא וועט ניט איבערטראגען דיעזען שרעקליכען געפיהל, אז עס וועט צו־רייסען איהר הארץ און זיא וועט שטאר־בען. נור באלד איז ער שוואכער גע־ווארען און עס איז פארבליעבען נור אן האפנונגסלאזע שטילע טרויעריגקייט.

דאן האט סאנין מיט א בעזונ־דערם דיהרענדען געבעט געזאגט :

— געדענקט מיך ניט צום שלעכ־טען . . . איהר זייט נאך אלץ אזוי וואונדערשעהן און וועט ראסזעלבע גליק געבען א געליעבטען מענשען, וויא איהר האט מיר געגעבען . . . און מעהר, נאך, פיעל, פיעל מאל מעהר . . . און איך האב אייך קיין בייזעס ניט געוואונ־שען, איך האב נאר געוואלט איהר זאלט זיין זעהר, זעהר גליקליך . . . און איך וועל אייך אימער געדענקען אזוי, וויא איהר זייט געווען נעכטען. זייט געזונד . . . און ווען איהר וועט זיך נויטהיגען אין מיר — רופט מיך . . . איך וואלט אייך מיין לעבען אבגעגע־בען, ווען איך וואלט געקענט !

קארסאווינא האט שטיל אויף איהם א קוק געטהאן.

— און פיעלייכט וועט אלעס ארי־בערגעהען ! — איז איהר דורכגעלאפען אין קאפ און אויף איין אויגענבליק האט זיך אויבגעוויעזען, אז אלעס איז גאר־ניט אזוי שרעקליך און שווער . . . א ווײלע האבען זיי ביידע געקוקט גלייך אין דיא אויגען איינער דעם אנדערען און אין דיעזער צייט איז עטוואס גר־טעם ארוים פון דער סאמע טיעפעניש פון זייערע הערצער און האט זיך פאר־איינינגט, עפעס אזוי וויא זיי וואלטען פלוצים געווארען נאהענטע פריינד און וואלטען זיך דערוואוסט פון עפעס, פון וואס קיין אנדער לעבעדיגער מענש טהאר ניט וויסען און וואס וועט אי־בערלאזען אין זייערע נשמות א וואר־מע און ליכטיגע עראינערונג אויף אי־מער.

— נו . . . זייט געזונד ! — האט ארויסגערעדט קארסאווינא.

פרייד און צערטליכקייט האבען בעלויכטען סאנין'ס פנים. זיא האט איהם דערלאנגט דיא האנד, נור עס איז עפעס אויסגעקומען אזוי, אז זיי האבען זיך געקושט, איינפאך און וואַרעם, וויא א ברודער מיט א שוועס־טער.

ווען סאנין איז אוועק, האט איהם קארסאווינא בעגלייט ביז צום טויער און האט לאנג, פארטראכט און אומעטיג איהם נאכגעקוקט. דערנאך איז זיא שנעל אוועק אין גארטען און זיך געלעגט

אויף'ן גראז, אונטערלעגענדיגביידע הענד אונטער'ן קאפ.

דיא אויגען פערמאכט, אהן געדאנקען און אהן געפיהלען, איז קארסאווינא געלעגען, וויא א פארשטארבענע . . . אינעווייניג, אין איהר האט געטליעט א בלאסער פונק פון האפנונג, אז אלעס, אלעס וועט פאריבער געהן און ווידער וועט זיא זיך אויפהויבען און ארויסגעהען אין לעבען א פרעהליכע, א יונגע, א דרייסטע פרויענצימער, פאר וועלכער דאס לעבען עפענט אלעס, וואס איז אין איהר דא גוטעס און גליקליכעס . . .

דער פינסטערער געדאנק וועגען יוריע'ן, וועגען דעם צו מען דארף פאר איהם ענטדעקען איהר געהיימניס, צו ניט, האט זיך ביסלעכווייז אנגערוקט מראגענדיג מיט זיך נייעם שרעק, שאנדע און פערצווייפלונג, נור קארסאווינא האט איהם שנעל פארטריעבען און געזאגט צו זיך אליין:

—מען דארף וועגען דעם ניט טראכטען . . . מען דארף ניט!

און איז ווידער געבליעבען ליגען א פארשטארבענע אין ערווארטונג.

## 38טער קאפיטעל.

אין יענעם טאג איז יוריע אויפגעשטאנען שפעט, אין א זעהר דריקענדען געמיטהס־צושטאנד, מיט א שלעכטען טעם אין מויל און א שטעכעדיגען וועהטאג אין דיא שלייפען. אין אנדויב, האט ער זיך ניט געקענט דערמאהנען אויף קיין זאך. דערנאך האט ער זיך גענומען דערמאהנען, וויא שאפראוו און פעטער איליטש פאלענדיג פון דיא פיס פון שיכרות, זיינען אוועק אין א נומער שלאפען. און ער מיט איוואנאוו'ען זיינען נאך א צייט לאנג פארבליעבען זיצען אויף'ן באלקאן, ניט באמערקענדיג דעם ליכטיגען מיט זונן פארנאכטנעם הימעל איבער זיך, דיא גרינע פעלדער און דעם בליסטשעדיגען, קלאהרען טייך פאר זיך . . .

זיי האבען זיך געשפארט און איוואנאוו האט בעוויעזען יוריע'ן, אז אזוינע מענשען, וויא ער, טויגען ניט פאר'ן לעבען, אז זיי וואגען ניט צו ציי נעהמען דאס, וואס זיי דארפען אום גליקליך צו זיין און דערפאר איז אם בעסטען פאר זיי, ווען זיי טראגען זיך אפ אויף יענער וועלט און לאזען נאך זיך קיין זכר ניט . . . יוריע האט זיך עפעס דאס מאל ניט בעליידיגט, ער האט מיט שאנדע זיך דערמאהנט אויף דעם, וואס ער האט פריהער איבערגעלעבט מיט קארסאווינא און איהם האט זיך זעהר פארוואלט וועגען דעם דערצעהלען זיין שיכור'ן פריינד, האט זיך אבער איינגעהאלטען און האט דערצעהלט זאכען, וואס האבען זיך אלץ געדרעהט ארום דיעזער פאבירונג. נור איוואנאוו איז געוועזן אזוי שיכור, אז ער האט קיין זאך ניט בעמערקט, און יעצט האט זיך יוריע'ן זעהר געוואלט גלויבען, אז איוואנאוו האט גארנישט פארשטאנען . . .

דערנאך איז איוואנאוו אויך אוועק און יוריע איז געבליעבען אליין. ער איז געזעסען מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ און האט זיך געפיהלט, וויא דיא גאנצע וועלט וואלט איהם פארלאזען.

דערנאך האט זיך איוואנאוו צוריקגעקערט און צוזאמען מיט איהם, איז געקומען סאנין, וועלכער האט געוועזן וואו־עס־איז פארפאלען געווארען. ער איז געוועזן פרעהליך און אין גאנצען אויסגעניכטערט, און האט עפעס מאדנע אי פריינדליך אי שפאטיש געקוקט אויף יוריע'ן. דערנאך האט זיך יוריע דערמאהנט, וויא זיי זיינען מיט'ן שיפעל געפאהרען אהיים, און דערנאך געגאנגען איבער דעם גלייכען זאמד. יעצט האט איהם דער קאפ שטארק וועה געטהאן און עס האט איהם געגודעט.

— דער טייפעל וויים, וואס פאר א שווינעריי! — האט א טראכט געכהאן יוריע — עס דאט מיר מעהר ניט געפעהלט וויא שיכרות . . .

און מיט עקעל אראבגעווארפען פון זיך דיעזע אלע ערינערונגען, וויא בלאטע וואס קלעבט זיך צו צו דיא פיס, האט יוריע גענומען זיך פארטיעפען אין

אויף איין אויגענבליק איז פאר איהם אויפגעשטאנען דער וואלד, דיא טיעפע אונבעוועגליכע פינסטערנייש אונטער דיא בוימער, דער ווייסער, קיהלער קערפער פון א פרוי מיט פארמאכטע אויגען און דער ברענענדיגער פערלאנג, וואס איז דערגאנגען ביז משוגעת.

דיעזע ערינערונג האט אנגעפילט זיין גאנצען קערפער מיט א ליידענשאפטליכען ציטערען און וויעדער האט ער איבערגעלעבט אין אלע איינצעלהייטען דיא סצענע צווישען איהם און קארסאווינא'ן וויא זיא איז געווען אין וואלד.

מיט א שרעקליכער אנשטריינגונג האט ער אונטערדריקט אין זיך דעם ליידענשאפטליכען געפיהל און זיך געצוואונגען צו טראכטען, אז ער האט געהאנדעלט אזוי, וויא ער האט געדארפט האנדלען.

— עס וואלט געווען נידערטרעכטיג פון מיר, ווען איך וואלט זיך בענוצט מיט איהר הינרייסונג!

אבער איז פאר איהם אויפגעשטאנען א נייע פראגע:

— וואס טהוט מען ווייטער?

אין צווישען דיא פערשיעדענע געדאנקען און פערלאנגען איז איהם קלאהר געווארען איינס:

— מען מוז אלעס איבעררייסען!.. זיא קריעגען, זיך מיט איהר אנשפיעלען און זיא אוועקווארפען, קען איך ניט... איך בין ניט אזא מענש, איך פיהל צו טיעף פרעמדע ליידען, אום אז איך זאל קענען וועמען עס איז פערשאפען צרות. און חתונה האבען?...

אפילי דער ווארט אליין האט איהם טיעף בעליידיגט, ניט ער מיט זיינע גרויסע און טיעפע געדאנקען פאסט זיך פאר א קליינבירגערליכען פאמיליע־לעבען מיט א ווייב, קינדערלאך און א ווירטהשאפט.

— הייסט עס, אז מען דארף זיא פארשטויסען פון זיך, אוועקגעהען!

ווי דאס העכסטע גליק, וואס געהט אוועק אויף אימער, וויא דער פערלוסט פון גאנצען לעבען, האט א שיין געטהאן פאר איהם דיא געשטאלט פון דער מיידעל, וואס האט זיך אלץ ווייטער און ווייטער פון איהם אבגערוקט. עפעס אזוי וויא אבזאגענדיג זיך פון איהר, האט ער זיא ארויסגעריסען פון סאמע הארצען, און נאך איהר האבען זיך געצויגען בלוטיגע אדערן און האבען איהם אנגעמאכט שרעקליכע וואונדען. אלעס ארום איז פינסטער געווארען, אויף דער נשמה איז געווארען פוסט און שווער, און אפילו דער קערפער אליין איז אויך שוואכער געווארען.

— אבער איך ליעב דאך זיא!

— האט צו זיך אליין א געשריי געטהאן יוריע — וויא קען דאס זיין, אז איך אליין, מיט מיינע אייגענע הענד, זאל צוררייסען מיין אייגען גליק!... דאס איז משוגע, ווילד, נאריש!...

— נא וואס דען?... „הייראטהען"?

און וויעדער האט ער זיך פארשעהמט פאר דיעזען געדאנק און עס איז איהם געווארן אומעדיג, זעהר אומעדיג...

ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט לאנג און אהן א צוועק געקוקט אין גארטען, וואו דיא סטעזשקעס זיינען געוועזן פארשאטען מיט געלע און רויטע בלעטער, און נאך בלעטער זיינען אלץ אבגעשטארבען, זיינען אבגעפאלען פון דיא בוימער און, זיך שטיל דרעהענדיג אין לופטען, זיינען זיי אהן גערויש ארונטערגעפאלען אויף ד'ערד. טויטע, געלע פארבען האבען זיך צוליגט אומעדום, עס זיינען אבגעשטארבען דיא בלעטער, עס זיינען אבגעשטארבען מיליארדען פליגעלאך, וואס האבען געלעבט נור פון ליכט און ווארעמקייט, און דאס אלעס איז געשטארבען פאר דער שטילער און רוהיגער שיין פון טאג.

יוריע האט ניט געקענט פארשטעהן דיעזע רוהיגקייט, און דער ליכטיגער

מיט האט ארויסגערופען אין זיין נשמה א שווערע פארביטערטקייט.

— אט . . . איין טהייל פון דער נאטור שטארבט אב און דער צווייטער שיינט זיך רוהיג און פרעהליך עפעס אזוי וויא יום טוב'דיג ! — האט ער געטראכט בייז און פיל מיט גאל.

און הינטער'ן פענסטער איז געשטאנען דער גאלדענער גארטען, נאך'ן גארטען דיא טייך, וועלכע האט אבגעשפיעגעלט אין זיך דעם גרינלעך־בלויען אסיענדיגען הימעל, און נאך'ן טייך זייגען געווען פעלדער, וועלדער, ברעגעס און שטילע סטעזשקעס . . .

## 39טער קאפיטעל

יוריע איז נאך אלץ געשטאנען ביים פענסטער און געטראכט :

העריבסט . . . שוין איז העריבסט... דערנאך וועט זיין ווינטער, שנעע . . . דערנאך פריהלינג, זומער, וויעדער העריבסט . . . ווינטער . . . פריהלינג, זומער . . . און אזוי אהן סוף ! און וואס וועל איך דעמאלט טהאן, דאסזעלבע, וואס יעצט ? — האט מיט ביינקענייש א לאך געטהאן יוריע — אין בעסטען פאל וועל איך אבגעטעמפט ווערען און וועל גאר אויפהערען צו טראכטען. און דערנאך דאס עלטער און דער טוידט !

און אין זיין קאפ האבען זיך גענערטען טראגען בילדער פון זיי קינדהייט, פון דער יוגענד, פון דיא ערווארטונגען און האפנונגען מיט וועלכע ער איז שטענדיג געווען פול. ער האט זיך דערמאהנט, אז ער האט שטענדיג אויף עפעס געווארט, אויף עפעס גרויסעס, אונגעוועהנליכעס, אינטערעסאנטעס, און האט געקוקט אויף דעם, וואס ער דאט געטהאן אין יענע מינוט, וויא אויף עפעס פארבייגעהענדעס, וויא אויף א זאך, וואס מען טהוט אויף דערווייל . . . און אזוי, ווארטענדיג אויף שפעטערע גליקען, איז ביי איהם צוועק דיא יוגענד, דיא בעסטע, אינגסטע בליהענדסטע יאהרען . . .

און אין יוריעס מוח האבען זיך גענומען מאהלען העלדענטהאטען, אייניהעלדישער פון דאס אנדערע, אבער יעדע פון זיי האט איהם געקוקט אין פנים מיט דיא אויגען פון טוידט. ער האט צוגעמאכט דיא אויגען און האט גאנץ דייטליך דערזעהען א בלאסען פריהמארגען אין פעטערסבורג און איבער די פייכטע דעכער פון דיא הייזער הייבט זיך אויף א הויכע, הויכע תליה . . . אדער א פארווילדעטער פנים מיט ווילדע אויסגעשטעלטע אויגען האלט א רעוואלווער און צילעוועט זיך גלייך אין דיא שלייפען . . . און דא פיהלט ער וויא מיט א שווערער נאגאיקע שלאגט מען איהם איבער'ן פנים, איבער'ן רוקען . . . און איבער'ן נאקעטען הינטען . . .

דיא העלדען־טהאטען זיינען בלאס געווארען, זיינען וואו עס איז פארשוואונדען און אויף זייער פלאץ איז געקומען דער בעוואוסטזיין, אז דאס זיינען אלעס קינדערשע פאנטאזיען, נארישקייטען.

— צו וואס פאר א טייפעל וועל איך אוועקלייגען מיין איך, מיין לעבען דערפאר, אז דיא ארבייטער פון צוויי און־דרייסיגסטען יאהר־הונדערט זאלען ניט האבען קיין מאנגעל אין שפייז און אין געשלעכטליכען פארקעהר !... כאפט זיי דער טייפעל, אי דיא ארבייטער, אי דיא ניט ארבייטער פון דער גאנצער וועלט ! . . .

און יוריע האט וויעדער דערפיהלט עפעס א מין כעס, א בייזקייט אויף אלעם ארום, אויף דער גאנצער וועלט.

— נעחי וואלט מיך עמיצער גע־הרג'עט . . . אונערווארטעט, פון הינטען, אזוי אז איך זאל גאר ניט פיהלען מיין טויט . . . — פו, וואס פאר א נארישקייטען מיר קריכען אין קאפ !

— האט פויל א טראכט געטהאן יוריע

— און פארוואס זאל דאס טהאן אימיצער אנדערש און ניט איך אליין ? ניט שוין זשע בין איך ווירקליך אזא שוואכלינג, אז ביי מיר וועט ניט כאפען קיין קרעפטען צו מאכען א סוף צו מיין לעבען אפילו דאן, ווען איך בין איבערצייגט, אז דאס לעבען פער־

שפּאַט נור ליידען ? . . . שטאַרבען דאַרף מען אַלץ איינס, פריהער, שפּעטער, וועט מען דאָך מוזען שטאַרבען . . .

דאָ האָט זיך יוריע פאַרקרימט און האָט מיט שפּאָט און פעראַכטונג וועגען זיך אַליין געטראַכט:

— ניין, ברודער, דאָס זיינען אַלץ פּוסטע רייד! . . . צו טראַכטען ביזטו אַ גרויסער העלד, און וויא עס קומט צו טהאָן . . . דאָרט איז ניטאָ דיך! . . .

— מען דאַרף פּרוּבירען! . . . — האָט ער ווייטער געטראַכט — אַט אַזוי, ניט ערענסט . . . אויף שפּאַס נור! . . . ניט אויף אַן אמת... פון נייגעריגקייט וועגען! . . . — האָט ער צוגעזעצט עפּעס אַזוי וויא ער וואָלט זיך פאַר וועמען עס איז ענטשולדיגט.

עס איז געווען זעהר שווער און ניט שעהן אַרויסצונעהמען דעם רעוואָלווער פון טיש-קעסטעל, און עס האָט גע'שראַקען דער נאַרישער געדאַנק, אַז היינט ביי נאַכט, אויפ'ן בולוואַר זאָלען זיך ניט דערוויסען דובאָוואַ, שאַפּראָוו, סאַנין און מעהר פון אַלץ קאַרסאַווינאַ וואָס פיר אַ נאַרישע, קינדערשע פּראָבעס ער מאַכט מיט זיך אַליין.

פערגנב'עט אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין קעשענע איז יוריע אַרויס אויפ'ן באַלקאָן אין גאָרטען. אויף דיא טרעפּלאַך זיינען אויך געלעגען פערטריקענטע, געלע בלעטלאַך, וויא מתים. יוריע האָט זיי אָנגעריהרט מיט דעם שפּיץ פון זיין שוך, האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט צו דעם שוואַכען גערויש און האָט גענומען פייפען אַ לאַנגע, טרויעריגע מעלאָדיע.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צוקלאָגט? — האָט אין שפּאַס געפרעגט ליאַליא, מיט אַ בוך און אַ שירעם פאַרבייגייענדיג פון גאָרטען אין הויז. זיא איז בענאַנגען צום טייך זעהען מיט ריאַזאַנצעווען און האָט זיך צוריקגעקעהרט אַ פרישע און אַ גליקליכע פון זיינע קושען. קיינער האָט זיי ניט געשטערט צו זעהען זיך ווען און וואו זיי האָבען געוואָלט. אַבער אין געהיים, אין דער פּוסטקייט און שטילקייט פון דעם אָבגעלאָזענעם גאָרטען איז געווען עטוואָס אָנציהענדעס, עטוואָס שאַרפעס, פון וואָס די קושען זיינען געוואָרען הייסער ליידענשאַפטליכער און האָבען געוועקט אין ליאַליא'ן נייע פערלאַנגען...

— עפּעס אַזוי, וויא דו וואָלסט דיין יוגענד בעגראַבען — האָט זיא צוגעזעצט פערבייגעהענדיג.

— נאַרישקייטען! — האָט בייז ערווידערט יוריע און פון דער מינוט אַז האָט ער דערפיהלט דעם אָנקומען פון עפּעס, וואָס איז געווען שטאַרקער פון איהם אַליין.

וויא אַ פערפאָלגטע חיה, האָט ער זיך גענומען מאַטערען און זוכען זיך אַ אָרט. אויפ'ן הויף האָט ער איהם ניט געפונען, דאָרט האָט איהם אַלעס אויפגערעגט און יוריע איז אַוועק צום טייך אין וועלכען עס האָבען געשוואומען געלע בלעטער. ער האָט אַריינגעוואָרפען אין טייך אַ טרוקענעם צווייגעל און האָט לאַנג צוגעקוקט, וויא עס בולבעט זיך דאָס וואַסער אין יענעם אָרט און ציטערען דיא שווימענדיגע בלעטער. דערנאָך איז ער ווידער אַוועק צום הויז וואו דיא לעצטע רויטע בלומען האָבען זיך אַזוי שאַרף אָבגעטהיילט פון פערוועלקטע און געל געוואָרענע בייטען... יוריע איז אַ ווײַלע געשטאַנען נעבען זיי און איז וויעדער אַוועק אין מיטען פון גאָרטען.

דאָרט איז שוין אַלעס געווען געל, נור איין גרויסער, גרינער בוים, אַ דעמב האָט מיט שטאָלץ נאָך איינגעהאַלטען זיינע גרינע קליידער. אויפ'ן ביינקעל, אונטער'ן דעמב, איז געזעצען און זיך געוואַרעמט אויף דער זונן, אַ גרויסע, געלע קאַטץ.

יוריע האָט אומעדיג און צערטליך גענומען גלעטען דיא קאַץ און האָט דער-

פיהלט, אז טרעהרען שטיקען איהם אין האלז.

— פארלארען דאס לעבען, דאס גאנ־צע לעבען פארלארען . . . . — האט ער מעכאניש ווידערהאלט דיא ווערטער, וועלכע האבען איהם אויסגעזעהען אהן זין, אבער האבען געשניטען איבער'ן הארצען, וויא מיט א מעסער.

— אבער דאס איז דאך אלעס נאר־רישקייטען ! . . . פאר מיר איז נאך רא א גאנץ לעבען אין פאראוים . . . איך בין דאך אין גאנצען זעקס־און־צוואנציג יאהר אלט ! — האט ער אין געדאנקען א געשריי געטהאן, אויף איין מאמענט זיך בעפרייענדיג פון דעם טור־מאן, אין וועלכען ער האט זיך גע־שטיקט, וויא א פליג אין שפינוועבס.

— עך, ניט דאס איז דער עיקר וואס מיר איז נור זעקס־און־צוואנציג יאהר. און ניט דאס וואס דאס לעבען איז נאך אין פאראוים ! . . . —האט ער א מאך געטהאן מיט'ן האנד — טא אין וואס דען ?

פלוצלונג איז ארויסגעשוואומען א געדאנק וועגען קארסאווינא'ן, וועגען רעם, אז נאך נעכטיגער, העסליכער סצענע וועט ניט מעגליך זיין זיך מיט איהר צו טרעפען און זיך ניט טרעפען איז אונמעגליך.

דיא קאץ האט אויסגעצויגען דעם רוקען און גענומען מיאקען. יוריע האט איהר אויפמערקזאם אנגעקוקט און גע־נומען געהען הין און צוריק.

— דאס לעבען האט דערעסען ! . . . ס'איז אומעטיג . . . שלעכט . . . און אייגענטליך, איך ווייס אליין ניט וואס... נור ס'איז בעסער דער טוידט פון אזא לעבען ! און מיט קארסאווינא'ן זיך זעהען קען איך שוין ניט . . . פאר קיין פאל ניט, נאך דעם וואס צווישען אונז האט פאסירט . . .

עס האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז זיא איז אוועק פון איהם, אוועק אויף אימער.

עס איז געווען איין מאמענט, ווען ער האט געפיהלט איהר נאהענטקייט, דיא נאהענטקייט פון א פרוי . . . און יעצט איז זיא אוועק און וועט זיך שוין קיין מאל ניט אומקעהרען . . .

און יוריע האט פלוצים דערזעהען דאס גאנצע בילד פון זיין צוקינפטיגען בלאסען, קאלטען לעבען. ניט קיין ליכטיגקייט, ניט קיין פינסטערניש : פוסט, בלאס און לאנגזאם — לאנג־זאם ! . . .

— בעסער דער טוידט ! . . .

טרעטענדיג שווער, מיט אן עמער וואסער אין האנד, איז פארבייגעגאנגען דער קוטשער. אין עמער זיינען גע־שוואומען טויטע געלע בלעטער. אויף'ן באלקאן פון הויז, וואס האט זיך גע־זעהען צווישען דיא צווייגען, איז ארויסגעקומען דיא דיענסט־מיידעל און האט געקוקט אויף יוריע'ן עפעס ריי־דענדיג. יוריע האט לאנג ניט פער־שטאנען, וואס זיא האט צו איהם גע־רעדט. צווישען איהם און אלעס, וואס נץ געדאנקען, מיט אלעמען . . . מען מוז שנעלער . . . אז ניט דארף מען האט איהם ארומגערינגעלט. האט גע־נומען זיך רייסען און פארלארען ווערען דער צוזאמענהאנג . . . און מיט יעדען אויגענבליק איז ער אלץ ווייטער און ווייטער אוועק פון דיעזער וועלט אין דער טונקעלער טיעפקייט פון זיין איינ־זאמען גייסט.

— אך, יא, גוט . . . . — האט ער אויף'ן סוף געזאגט, זיך כאפענדיג, אז דיא דיענסט־מיידעל רופט איהם עסען מיטאג.

— מיטאג עסען ? — האט ער זיך געפרעגט מיט שרעק : געהען עסען מיטאג ! . . . הייסט עס, אלעס בלייבט ווידער ביים אלטען, און ווידער לעבען, ליידען, ווידער זיך בעשליסען, וויא צו האנדלען מיט קארסאווינא'ן, מיט מייר געהען עסען און איך וועל ניט פערטיג ווערען ! . . .

א מאדנע היילעניש האט איהם ארומגעכאפט. און א ציטערן איז דורכגעגאנגען זיין גאנצען קערפער, אריינדרינגענדיג אין אלע זיינע אדערן, אין די הענד, די פיס און אין ברוסט. ער האט געוואוסט, אז עס וועט קיין זאך דערפון ניט ארויסקומען; אז דאס איז נור אזוי . . . א פראבע . . . אבער אין דערזעלבער צייט האט ער שארף געפיהלט דעם אנקומען פון עפּעס מורא'דיגעס, שרעקליכעס אין אין די אויערן האט איהם געקלונגען.

די דיענסט, פארליינענדיג די הענד אונטער'ן ווייסען פארטוך, איז געשטאנען אויף'ן באלקאן און איז ניט אוועקגעגאנגען. וויא עס האט געשיינט, האט זיא זיך געוואלט אנאטהעמען מיט דער פרישער אסיענדיגער לופט פון דעם גארטען.

יוריע האט פער'גנב'עט זיך געשטעלט הינטער'ן דעמב. אזוי אז מען זאל איהם ניט זעהען פון באלקאן און ארויסקוקענדיג אויף דער דיענסט, צי זיא האט ניט באמערקט — האט ער עפּעס זעהר פלינק און אונערווארטעט אויסגעשאכען זיך אין ברוסט.

— ניט געטראפען! — האט מיט פרייד א שוועב געטהאן ביי איהם אין קאפ צוזאמען מיט דעם מאמענטאנעם פערלאנג צו לעבען און דעם שרעק פאר'ן שטארבען. נור דא האט ער דערזעהען פאר זיך דעם שפּיץ פון דעמב, דעם בלויען הימעל און ארום שפרינגענדיג די צושראקענע, געלע קאץ.

די דיענסט האט מיט א געשריי זיך א ווארף געטהאן אין הויז און, וויא יוריע'ן האט זיך אויסגעוויעזען, זיינען נעבען איהם גלייך ערשיענען א גאנצע מאסע מענשען. אימיצער האט איהם געגאסען קאלטע וואסער אויף'ן קאפ, און צום שטערן האט זיך איהם צוגעקלעבט א געלע בלאט. וועלכע האט איהם שטארק געמיטשט. אויפגערעגטע שטימען האבען זיך געהערט ארום, אימעצער האט געוויינט און געשריען.

— יוריע, יוריע . . . וואס האסטו געטהאן? פארוואס? . . .

— דאס וויינט ליאליא — האט א טראכט געטהאן יוריע און אין דערזעלבער מינוט געעפענט די אויגען און מיט א ווילדער טהירישער פערצווייפלונג זיך גענומען רייסען און שרייען.

— א דאקטאר . . . שנעל, א דאקטאר רופט! . . .

נור מיט אן אונגעהויערן שרעק האט ער פערשטאנען, אז אלעס איז געענדיגט און קיין זאך וועט שוין ניט העלפען. די בלעכלאך, וואס זיינען געלעגען ביי איהם אויף'ן שטערן זיינען פלוצים שווער געווארען און האבען איהם געדריקט דעם קאפ. יוריע האט אויסגעצויגען די האלז, אום צו זעהן כאטש נאך א ווייל, אבער די בלעטער האבען זיך פונאנדער געוואקסען און האבען אלעס מיט זיך צוגעדעקט.

און יוריע האט שוין מעהר ניט געוואוסט, וואס מיט איהם קומט פאר.

## 40טער קאפיטעל.

אי דיא, וואס האבען געקענט, אי דיא, וואס האבען ניט געקענט, אי דיא, וואס האבען איהם געליעבט, אי דיא, וואס האבען איהם פעראכטעט, אלע, אלע האבען בעדויערט יוריע סווארישיץ'ען, ווען ער איז געשטארבען.

קיינער האט ניט געקענט פארשטעהען, פארוואס ער האט עס געטהאן און זיין טהאט האט ארויסגערופען טרערען און גוטע ווערטער.

צו זיין לויה איז קיינער פון זיינע קרובים ניט געקומען. יוריע'ס פאטער האט געכאפט א הארץ־שלאג און ליאליא איז ניט אבגעטראטען פון זיין בעט. עס איז געווען נור אייז ריאזאנצעוו, וועלכער האט אויף אלעס אכטונג געגעבען. און נאך טרויעריגער איז געווארען אויף'ן הארצען ביי דיא, וואס האבען איהם בעגלייט, ווען זיי האבען

דערזעהען דיא עלענדקייט און איינזאמקייט פון דעם טויטען און נאך העכער און טרויערינגער און וויכטיגער איז אויסגעוואקסען זיין געשטאלט.

מען האט איהם געבראכט א כך שעהנע, אסיען'דיגע בלומען און צווישען זייערע רויטע, ווייסע און גרינע פארבען האט יוריע'ס פנים, וועלכער האט ניט געטראגען קיין שפורען פון זיינע לעצטע איבערלעבענישען, אויסגעזעהען רוהיג און פערקלעהרט . . .

ווען דיא לויה איז פארבייגעגאנגען דיא וואוינונג פון דובאווא מיט קארסאווינא'ן, זיינען זיי ביידע ארויס און זיינען צוגעשטאנען צו דיא איבעריגע בעגלייטער. קארסאווינא האט אויסגעזעהען הילפלאז, דערשטיקט, אזוי וויא מען וואלט איהר געפיהרט צום שאנדקלאץ און צו א שענדליכען טוידט. הגם זיא האט געוואוסט, אז יוריע האט קיין בעגריף ניט געהאט דערפון, וואס מיט איהר האט פאסירט, דאך האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז צווישען זיין טוידט און איהר „אומגליק" איז דא עפעס א צוזאמענהאנג, וועלכער וועט אויף אימער בלייבען א געהיימניס. דיא גרויסע, שווערע משא פון שולדיגקייט, האט זיא ארויפגעווארפען צו זיך אויף'ן האלז און האט זיך געפיהלט דיא אונגליקליכסטע און דיא שולדיגסטע אין דער גאנצער וועלט. א גאנצע נאכט האט זיא געוויינט, ארומנעהמענדיג און לאשטשענדיג אין געדאנקען דיא געשטאלט פון דעם געליעבטען, וואס איז אויף אימער אוועק. און אין דער פריה איז זיא געווען פול מיט ליעבע צו יוריע'ן און האס צו סאנין'ען. עס האט איהר אויסגעוויזען דער צופעליגער צוזאמענקומען זיך מיט סאנין'ען און נאך העסליכער און מיאוס'ער דער נעכסטער טאג. אלעס, וואס סאנין האט צו איהר געזאגט, איז איהר יעצט אויסגעקומען [illegible] לומפיש און זיך אליין האט זיא יעצט דערזעהען א געפאלענע אין אזא טיעפען זומפ, פון וואנען עס איז שוין קיין מאל ניטא קיין צוריק. ווען סאנין איז צו איהר צוגעגאנגען, האט זיא אויף איהם א קוק געטהאן מיט אויגען פול עקעל און שרעק, און האט זיך פון איהם אבגעקעהרט . . .

דיעזער בליק האט סאנין'ען איבערגעגעבען אלעס, וואס זיא האט יעצט געטראכט און געפיהלט, און ער אליין האט גלייך דערפיהלט, אז ער איז איהר א פרעמדער און וועט איהר אימער, אימער בלייבען פרעמד. ער האט פארקריטם דיא ליפען, האט א ווײלע געטראכט און איז אבגעגאנגען צו איוואנאוו'ן, וועלכער האט זיך פארטראכט געשלעפט הינטער אלע אנדערע, מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ, אויף וועלכען עס האבען געסטארטשעט דיא גלייכע, געלע האאר.

און דערזעהען סאנין'ען לעבען זיך, האט איוואנאוו גענומען רודען: —

— א מאדנע זאך, אזא שמאטע פון א מענשען געווען, און דאך . . . זעהכט אויף וואס ביי איהם האט געכאפט מוטה ! . . .

— הער אוים פריינד, איך דיינק — האט געענטפערט סאנין — אז ער האט נאך דריי סעקונדען פאר'ן שיסען ניט געוואוסט, אז ער וועט זיך שיסען... וויא ער האט געלעבט, אזוי איז ער געשטארבען.

— דאס איז מאדנע ! הייסט עס, אז דער מענש האט פארט געפונען דעם פינטעלע, וועלכען ער האט געזוכט ! — האט עפעס אונפערשטענדליך ארויסגערעדט איוואנאוו און האט פליצים א טרייסעל געטהאן מיט זיינע געלע האאר און איז פרעהליך געווארען, אזוי וויא ער וואלט געכאפט עפעס א צוזאמענהאנג, וועלכען נור ער קען פערשטעהן און איהם אליין קען עס בערוהיגען.

אויף'ן בית־עולם איז שוין געווען

אין גאנצען אסיען און דיא בוימער האבען אויסגעזעהען פארשאטענע פון א גאלדענעם און רויטען רעגען. נור דיא גראז איז נאך ערטערווייז געווען גרין בארעקט פון מאכען אבגעפאלענע בלעטער. און אויף דיא כטעזשקעס האט זיי דער ווינד צוזאמענגעטריעבען אין גערינכטע קופקעלאך, און עס האט אויסגעזעהען, וויא איבער'ן גאנצען בית עולם שווימען ארום קליינע, געלע פייגעלאך . . . עס האבען זיך געווארפען אין דיא אויגען צלמים, שווארצע און גרויע מארמארנע מצבות און דיא בעוונדערע אבגעצאהמטע קברים.

דיא שווארצע ערד האט זיך געעפענט פאר יורי'ען, האט איהם אריינגענומען און זיך ווידער פארמאכט אין איבער דער פרישער גרוב האבען זיך נאך לאנג ארומגעדרעהט מענשען, מיט א מוראדיגער נייגיעריגקייט האבען זיי אריינגעקוקט אין דער שווארצער גרוב פון זייער אייגענער צוקונפט און האבען געזונגען בעטענדיגע, טרויעריגע ליעדער פאר דער נשמה פון דעם מת.

אין דעם מאמענט, ווען מען האט שוין מעהר ניט געקענט אריסזעהען דעם דעכעל פון דער טרונע, און צווישען דיא לעבעדיגע און דעם טויטען האט זיך אויף אימער אוועקגעלעגט די אייביגע ערד, האט קארסאווינא הויך, אויפ'ן קול, זיך צו-וויינט. און איהר הערצרייסענדער געוויין האט זיך אויפגעהויבען הויך אי בער'ן שטילען בית עולם און איבער די שווייגעדיגע און אין הארצען דערשראקענע מענשען.

זיא האט שוין יעצט ניט געטראכט, אז מענשען קענען דערגעהען איהר געהיימנים און אין דער אמת'ן האבען זיך אלע אנגעשטויסען, אז צווישען דער יונגער בליהענדער און שעהנער מיידעל און דעם טויטען, וואס מען האט איצט בעגראבען, איז געווען עפעס א בונד, וועלכען דער שרעקליכער טויט האט אויף אייביג צוריסען. און אלע ארום האבען נאך ניעדריגער איינגעבויגען זייערע קעפ, און זייערע הערצער זיינען אנגעפילט געווארן מיט נאך מעהר מיטגעפיהל, מיט מעהר רחמנות...

קארסאווינא'ן האט מען אוועק געפיהרט און איהר קלאגען, איבערגעהענדיג אין א שטילען, הילפלאזען געוויין איז פארקלונגען געווארען ערגעץ ווייט... איבער'ן גרוב איז פלינק אויסגעוואקסען א קליין, גרין בערגעלע, וועלכער האט דערמאהנט אז דא ליעגט בעגראבען א מענשליכער קערפער.

דאן האט שאפראוו זיך גענומען היצען.

—מיינע הערען, מען דארף עפיס זאגען... מיינע הערען, מען דארף עפיס אזוי... גאר אהן אלעמען? — האט ער געשעפטסמעסיג און אין דערזעלבער צייט רחמנות'דיג גערעדט דא צו איינעם און דא צום אנדערן.

— בעט סאנינען — האט געזאגט איוואנאוו בייסענד.

שאפראוו האט פערוואינדערט אויף איהם א קוק געטהאן נור איוואנאוו'ס פנים איז געווען ערנסט און ער האט געגלויבט.

— סאנין, סאנין... וואו איז סאנין, מיינע הערען? — האט ער זיך גענומען איילען, זוכענדיג מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען. און אידם דערזעהען, האט ער זיך צו איהם א ווארף געטהאן — אט זייט איהר דא! וולאדימיר פעטראוויטש... זאגט איהר עטליכע ווערטער... וואס הייסט עפעס גאר אזוי!

— זאגט איהר אליין — האט פינסטער געענטפערט סאנין, זיך צוהערענדיג צו קארסאווינא'ס קול, וואס האט זיך נאך געהערט פון ווייטענס.

דיזע הויכע, רייכע אפילו אין געוויין שטימע האט זיך נאך אלץ געטראגען אין לופטען.

— ווען איך זאל קענען ריידען, וואלט איך געוויס גערעדט... ווייל אין אמת'ן איז ער דאך טאקי געווען א זעל־

טענער א מערק־וויר־די־גער מענש ! . .. נג, איך בעט איין... צוויי ווערטער !

סאנין האט איהם אנגעקוקט גלייך און שארף און האט מיט כעס ארויסגערעדט :

— וואס זאל מען דא ריידען ?... מיט איין עזעל איז ווייניגער געווארען אויף דער וועלט, און גאר...

זיין הארטער, הויכער קול האט מיט א מאדנער קראפט אבגעקלונגען אין דעם ארים. פון אנהויב זיינען אלע אזוי ווי א פע־גליוערט געווארען און האבען נית געוואוסט וואס צו טהאן ניר דובאווא האט זיך די ערשטע א כאפ געטהאן און מיט א הויכען, אויפגערעגטען קול, האט זיא א געשריי געטהאן :

— דאס איז געמיין, נידערטרעכטיג !

— פארוואס? האט א דריק טהאנדיג מיט דיא פלייצעס געפרעגט סאנין.

דובאווא האט איהם געסטראשעט מיט'ן האנד, האט געוואלט עפעס זאגען, אבער דא האבען איהר ארומגערינגעלט עטליכע מיידלעך. אלע האבען זיך א ריהר געטהון, גענומען בעוועגען זיך. עס האבען זיך דערהערט נית קיין דרייסטע, אבער ענטריסטעטע שטימען, עס האבען זיך דערזעהן רויטע אויפגערעגטע פנים'ער, און אזוי וויא א ווינד וואלט א בלאז געטהאן א קופקע טרוקענע בלעטער, אזוי האט זיך דער גאנצער עולם א לאז געטהאן פון דאנען. שאפראוו איז וואו־עס־איז אנטלאפען, און זיך באלד צוריק אומגעקעהרט. אין א בעזונדערער קופקע מענשען איז געשטאנען ריאזאנצעוו און האט אויפגערעגט און ענטריסטעט געמאכט מיט דיא הענד.

סאנין האט נית אויפמערקזאם א קוק געטהאן אויף עפעס א אויפגערעגטען פנים אין ברילען, וואס האט זיך צוליעב עפעס בעוויזען אונטער זיין סאמע נאז, און האט זיך אומגעקעהרט צו איוואנאוו'ן.

איוואנאוו האט געקוקט אונבעשטימט. ווען ער האט אנגערייצט שאפראוו'ן אויף סאנין'ען, האט ער ערווארטעט עפעס א צוזאמענשטויס. אבער נית אזא, וויא עס איז ארויסגעקומען.

פון איין זייט איז איהם דיא גאנצע געשיכטע געפעלען געווארען, פון דער אנדערער זייט איז איהם געווארען מורא'דיג און נית אנגענעהם. ער האט נית געוואוסט, וואס צו זאגען און האט אונבעשטימט געקוקט איבער דיא צלמים, אין ווייטען פעלד.

פאר איהם האט זיך שוין לאנג ארומגעדרעהט עפעס א גימנאזיסט און איוואנאוו האט איהם לאנג נית באמערקט, נור פלוצים איז ער אין כעס געווארען. א ווײלע האט ער מיט קאלטע אויגען געקוקט גלייך אין פנים דעם גימנאזיסט.

— וואס דרעהט איהר זיך דא ארום, פון שעהנקייט וועגען ? — האט ער גע־פרעגט.

דער גימנאזיסט איז רויט געווארען.

— דאס איז נית אזא חכמה ! — האט ער געענטפערט.

— דיא פראגע איז נית, צו עס איז א חכמה, צו נית, נור... טראגט זיך בעסער אב צום טייפעל !

אין איוואנאוו'ס אויגען האט א בלישץ געטהאן אזא ווילדער כעס, אז דער גימנאזיסט איז בלאס געווארען און האט זיך אונענטשלאסען אבגערוקט.

סאנין האט געקוקט אויף זיי מיט א שוואכען שמייכעל אויף דיא ליפען. דערנאך האט ער א מאך געטהאן מיט'ן האנד.

— פערדישע קעפ — האט ער געזאגט מיט אמת'ער בענקעניש, נאכקוקענדיג דעם עולם, וואס איז זיך יעצט צוגאנגען.

דאן האט איוואנאוו זיך גלייך פארשעהמט, וואס ער האט געקענט אין עפעס צווייפלען, זיך פון עפעס אויפרעגען, און אננעהמענדיג א קאלטע, רוהיגע מינע, האט ער אוועקגעשטעלט הינטער זיך דעם שטעקעל, און האט זיך אויף איהם אנגעשפארט, האט ער געזאגט :

— זאל זיי דער טייפעל נעהמען. קום, לאמיר געהן פון דאנען !

— געפועל'ט. געהען מיר...

זיי זיינען פארביייגעגאנגען ריאזאנצעוו'ן, וועלכער איז געשטאנען מיט

א קופּקע מענשען און האָט בייז און פיינדליך אויף זיי געקוקט, און זיינען אוועק צום ארויסגאַנג. יור נאָך פון ווייטען האָט סאַנין באַמערקט אַ גרופּע אונבעקאַנטע יונגע מענשען, וואָס האָבען זיך צוזאַמענגעקוועטשט, וויא דיא באַראַנעס, מיט אויסגעצויגענע העלזער. אין רעכטען מיטען איז געשטאַנען שאַפּראָוו, האָט געמאַכט מיט דיא הענד און זעהען סאַנין'ען, איז ער אַנשוויגען געוואָרען. אַלע פּנים'ער האָבען זיך אומגעקעהרט צו איהם און אויף אַלעמען איז עפּעס געלעגען אַ מאָדנער אויסדרוק: אַ געמיש פון ענטריסטונג, אויפגערעגטקייט; מורא און נייגעריגקייט.

— דאָרטען טראַכט מען עפּעס געגען דיר! — האָט געזאָגט איוואַנאָוו.

סאַנין האָט זיך פּלוצלונג אָנגעבלאָזען און איוואַנאָוו אפילו האָט זיך פאַרוואונדערט, דערזעהענדיג דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט. און ווען פון דער גרופּע סטודענטען און מיידלאָך, האָט זיך אָבגעטהיילט שאַפּראָוו. און אין גאַנצען אַ רויטער, ווי אַ בוראַק, זשמורענדיג דיא קורצזיכטיגע אויגען, האָט ער זיך גענומען בעוועגען צו סאַנין'ען, האָט זיך דער לעצטער אָבגעשטעלט אין אַזאַ פּאָזע, אַזוי וויא ער וואָלט זיך וועלען ארויפוואַרפען אויף דעם ערשטען בעסטען פאַרבייגעהער און איהם גוט אָנברעכען דיא ביינער.

שאַפּראָוו האָט עס הפּנים פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט זיך אָבגעשטעלט ווייטער, וויא עס איז נייטיג געווען, און איז בלאַס געוואָרען. דיא סטודענטען מיט דיא מיידלעך, וויא אַ קליינע סטאַדע נאָכ'ן פּאַסטוך, האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען הינטער איהם.

— וואָס נאָך ווילט איהר? — האָט ניט הויך געפרעגט סאַנין.

— אונז אַרט גאָר ניט... — האָט, צומישט ווערענדיג, געענטפערט שאַפּראָוו: — נור מיר האָבען געוואָלט פון דער גאַנצער גרופּע חברים אייך אויסדריקען אונזער פּראָטעסט און....

— איך דאַרף זעהר נויטיג האָבען אייער פּראָטעסט! — האָט צווישען די ציינער און מיט אַ בייזען אויסדרוק ערווידערט סאַנין: — איהר האָט מיך געבעטען, איך זאָל עפּעס זאָגען וועגען דעם פערשטאָרבענעם יוריע'ן און ווען איך האָב געזאָגט דאָס, וואָס איך דענק און פיהל, זייט איהר אויפגערעגט?... אָבער ניט!... ווען איהר וואָלט ניט געווען אַזוינע דומע, סענטימענטאַלע אינגלאָך, וואָלט איך זיך בעמיהט אייך אויפצרווייזען, אַז איך בין גערעכט; אַז יוריע האָט געלעבט וויא אַ נאַר און געשטאָרבען, וויא אַ פּרא אדם... אָבער אַזוי ווי איהר זייט אינגלאָך און האָט מיר שוין דערעכען מיט אייער דומהייט און טעמפּקייט, טאָ געהט מיר צו אַלל דיא רוהות! איך וויל אייך ניט אָנקוקען, מאַרש צום טייפעל!....

און געזאָגט עס, האָט סאַנין אָבגעשטופּט פון זיך דיא יונגע לייט, וואָס האָבען איהם דעם וועג פאַרשטעלט, און איז אַוועק ווייטער.

— איהר שטופּט זיך ניט, זייט אַזוי גוט! — האָט זיך וויא אַ האָהן צוקרייהט שאַפּראָוו אויף אַ דינינקען קול, רוט ווערענדיג ביז טרעהרען.

— דאָס איז העסליך, געמיין, — האָט אַנאַנדערער אָנגעהויבען, האָט אָבער ניט געענדיגט.

סאַנין און איוואַנאָוו זיינען ארויס אויפ'ן גאַס און האָבען אַ לאַנגע צייט געשוויגען.

— וואָס שרעקסטו אַזוי מענשען? — האָט איוואַנאָוו זיך דאַן אָבגערופען — נאָך אַלעמען, ביזטו אַ שלעכטער און שעדליכער מענש!...

— אויב ביי דיר אונטער דיא פיס וואָלטען דעם גאַנצען לעבען לאַנג זיך אַזוי געפּלאָנטערט דיא פערשיעדענע פרייהייטס-ליעבענדע יונגע לייטלאָך, ווי ביי מיר, וואָלכטו נאָך ניט אַזוי זיי אָנגעשראָקען! — האָט סאַנין געענטפערט ערנסט — אָבער... זאָל זיי דער טייפעל נעהמען!

— נו, ווין ניט, פריינד! — האָט האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט זיך אָבגערופען איוואַנאָוו: — ווייכטו גאָר וואָס? לאָמיר גאָר אויכטרינקען

פאַר דער נשמה פון גאָט'ס קנעכט יוריע'ן! הא?...

— פון מיינטוועגן — האָט גלייכגילטיג געענטפערט סאַנין.

— ביז וואַנען מיר וועלען קויפען דעם געבענשטען טראָפען, וועלען אַלע שוין האָבען פערלאָזען דעם בית עולם— האָט איוואַנאָוו געזאָגט — דאַן וועלען מיר קומען צו איהם אויפ'ן קבר און מאַכען לחיים... אי פאַר יוריע'ן וועט עס זיין אַן עהרע, אי פאַר אונז א פערגניגען...

— יאָ.

ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אויפ'ן בית עולם, איז שוין דאָרט קיינער ניט געווען. די צלמים און די מאָנומענטען זיינען געשטאַנען אַזוי ווי זיי וואָלטען אויף עפּעס געוואַרט. ניט קיין איין לעבעדיגען נפש האָט מען דאָרט געזעהן און געהערט, א גליציגע שוואַרצע שלאַנג נור איז דורכגעלאָפען איבער'ן וועג, שאַרשענדיג איבער די טרוקענע, ארונטערגעפאַלענע בלעטער.

— זעה נור, וואָס פאַר א שרץ!— האָט איוואַנאָוו בעמערקט און א ציטער געטהאָן.

אויף דעם פרישען קבר פון יוריע'ן, פון וועלכען עס האָט געשמעקט מיט פריש־אויסגעגראָבענעם קאַלטען ערד, מיט דעם שימעל פון אַלטע קברים און מיט גרינע יעל־ביימער, האָבען זיי אָנגעוואָרפען א גאַנצע קופּע שווערע פלעשער פון ביער....

— ווייסטו וואָס — האָט סאַנין געזאָגט אין א צוויי שטונדען ארום, ווען זיי זיינען ארויס אויף דער דונקעלער נאַם.

— וואָס?

— בעגלייט מיך צום וואָקזאַל און איך וועל אוועקפאָהרען פון דאַנען.

איוואַנאָוו איז געבליעבען שטעהן.

— פאַרוואָס?

— מיר איז דאָ לאַנגווייליג. — האָט סאַנין געענטפערט.

— דו האָסט זיך דערשראָקען, וואָס?

— פאַר וועמען? מיר ווילט זיך אוועקפאַהרען פון דאַנען און דאָס אַלעס.

— צוליעב וועלכען צוועק?

— פריינד, פרעג ניט אַזוינע נארישע שאלות! אַזוי ווילט זיך מיר און דאָס אַלעס! — האָט סאַנין געענטפערט.— כל־זמן דו קענסט ניט די מענשען, ווייזט זיך דיר אַלץ אויס, אַז דו וועסט ביי זיי עפּעס געפינען נייעס, אינטערעסאַנטעס... און עס זיינען דאָ געווען אינטערעסאַנטע מענשען... קאַרסאַווינע, צום ביישפּיעל, האָט געשיינט צו זיין א נייער מענש... לידא איז כלומר'שט אימשטאַנד געווען אוועקצוגעהן מיט דעם ניט־געוועהנליכען וועג... און איצט איז לאַנגווייליג. זיי האָבען מיר אַלע דערעסען. פאַרשטעהסט, איך האָב געדולדעט די מענשען וויא לאַנג איך האָב געקענט, לענגער קען איך ניט...

איוואַנאָוו האָט אויסגעשטעלט אויף איהם א פּאָאר אויגען און געקוקט און געקוקט.

— נו, קום — האָט ער זיך דאַן אָבגערופען — און מיט דיינע אייגענע וועסטו זיך זעגענען?

— זאָלען זיי געהן צום קאַדיש! — האָט סאַנין געענטפערט — זיי האָבען מיר דערעסען מעהר פון אַלעמען...

— נו, און דיינע זאַכען וועסטו דאָך מסתמא נעהמען?..

— איך האָב זעהר ווייניג זאַכען. די געה אריין אין סאָד און איך וועל דיר דערלאַנגען דורכ'ן פענסטער דעם טשעמאָדאַן. א ניט וועלען זיי דערזעהן און דאַן צושטעהען מיט שאלות, מיט פראַגען... און וואָס קען איך זיי אַזוינס זאַגען, וואָס זאָל זיי בערוהיגען?

— אַזוי! — האָט איוואַנאָוו ארויסגערעדט, און א טראַכט געטהאַן עפּעס, האָט ער א מאַך געטהאָן מיט א האַנד: — עס טהוט מיר זעהר לייד, פריינד... נו, יאָ וואָס איז דאָרט!...

— פאָהר מיט מיר.

— וואוהין?

— וואָס איז דער אונטערשייד, וואָ-

הין... פאהר, מיר וועלען שוין דארט זעהן.

— איך האב דאך קיין געלד ניט.

— און איך האב אויך ניט — האט זיך סאנין צולאכט.

— ניין, פאהר שוין דו אליין... פון דעם פונפצעהנטען קריעג איך בעשעפטיגונג... אזוי איז זיכערער און רוהיגערן — האט איוואנאו געענטפערט.

סאנין האט א קוק געטהאן איהם אין דיא אויגען, איוואנאוו האט איהם אויך אזוי אנגעקוקט. און מיט אמאל איז איהם עפעס געווארען ניט אנגענעהם און ער האט זיך צונויפגעקארטשעט, אקוראט וויא ער וואלט אין א שפיגעל דערזעהען זיין פנים זעהר א העסליכען. סאנין האט זיך אבגעקעהרט.

זיי זיינען ארויף אויפ'ן הויף. כאנין איז אריין אין שטיב און איוואנאוו אין דעם דונקעלען סאד, וואו דיא שאטענס פון דעם הערבסט־אבענד און דער גערוך פון א שטילען פוילען האבען איהם אומעטיג אויפגענומען.

איבער דיא גראז און קוסטען, טרעמענדיג איבער דיא טרוקענע בלעטער און פערדארטע צווייגלאך, איז איוואנאוו אוועק צום פענסטער פון סאנין'ס צימער. דאס פענסטער איז געווען אפען און פינסטער.

סאנין איז דערווייליגע פער'גנב'עט דורכגעגאנגען דעם זאאל און האט זיך אבגעשטעלט נעגען טיר פון באלקאן. דערהערענדיג בעקאנטע שטימען.

— נו, וואס ווילסטו פון מיר? — האט ער דערהערט פון באלקאן, לידא'ס שטימע, וואס האט געקלונגען אזוי אויסגעלאשען און מיט אזוי פיעל וועהטאג....

— איך וויל גאר נישט — האט געענטפערט נאוויקאוו'ס שטימע — כיך וואונדערט נור, וואס דו קוקסט עפעס אזוי, אקוראט וויא דו ברענגסט פאר מיר אן אפפער... איך האב דאך...

— נו, גוט, גוט — האט זיך א ריס געטאן לידא'ס שטימע און קריסטאלענע טענער פון איינגעהאלטענע טרערען דאבען אונטערווארטעט אבגעהילכט אין דער דונקעלער שטילקייט פון דעם אבענד: — ניט איך... נור דו ברענגסט אן אפפער... די!... איך וויים!... וואס נאך פערלאנגסטו פון מיר?...

סאנין האט געהערט, וויא נאוויקאוו האט דארט צומישט א ווארטשע געטהאן.

— וויא דו פערשטעהסט מיך ניט, לידא! — האט ער ארויסגערעדט — איך האב דיך ליעב און דערפאר איז עס ניט קיין אפפער... נור אויב דו קוקסט אויף אונזער צונויפקומען זיך וויא אויף א אפפער צי פון מיין זייט, צי פון דיינעם, טא וואס פאר א לעבען קען ביי אונז דאן זיין?...

נאוויקאוו'ס קול איז פעסטער געווארען, און האט גענומען קלינגען איבערצייגענד און זאגאר דערפרייהט, אזוי וויא ער וואלט פלוצים געפונען דאס ריכטיגע, און איז געוועזן צופריעדען, וואס יעצט וועט ער שוין אויך זיכער איבערצייגען לידא'ן.

— דוא פארשטעה דאך . . . מיר קענען לעבען צוזאמען נור דאן, ווען ניט פון דיין זייט און ניט פון מיין זייט זאל נויטהיג זיין אן אפפער . . . איינס פון דיא ביידע: אדער מיר ליעבען איינער דעם אנדער'ן און דאן איז אונזער צוזאמענקומען זיך נאטירליך און האט א זינן, אדער מיר ליעבען זיך ניט און דאן . . .

לידא האט זיך פלוצים צר וויינט.

— נו, וואס איז מיט דיר? — האט פארוואונדערט און צורייצט גענומען ריידען נאוויקאוו: — איך פארשטעה ניט . . . איך האב, דאכט זיך, ניט געזאגט קיין זאך, וואס זאל דיך בעליידיגען . . . און דוא וויינסט גאר . . . הער אויף! איך דאב געהאט אין זינען אי דיך אי מיך . . . דער טייפעל וויים, וואס דא טהוט זיך אזוינס! . . . אבער וואס וויינסטו! א ווארט קען מען ניט זאגען! . . .

— איך ווייס נים . . . איך ווייס גארנים . . .

א פארשטיקטער, רחמנות׳דיגער פרויען קול האט מיט א שוואכען פאר־וואורף, אהן קרעפטען און אהן ווער־טער, אבגעקלונגען אין לופטען.

סאנין האט זיך צוגויפגעקארמשעט און איז אריין אין זיין צימער.

— נו, צו לידא׳ן איז געקומען א סוף — האט ער א טראכט געטהאן:

— אפשר וואלט זיא דאן טאקע בעסער געמאכט, ווען זיא וואלט זיך אויף אן אמת דערטרונקען ! . . . און אפשר וועט זיך נאך אלעם איבערדרעהען . . . ווער קען טרעפען ! . . .

איוואנאוו האט הינטער׳ן פענס־טער געהערט, וויא ער האט אויף גיך עפעס געטאפט, עס האט זיך געהערט א גערויש פון פאפיער און עפעס איז ארונטערגעפאלען.

—ביזטו באלד פארטיג ? — האט ער אונגעדולדיג געפרעגט.

איהם איז געווארען אומעטיג און מורא׳דיג צו שטעהען אונטער׳ן פינס־טערען פענסטער, פון דעם דונקעלען, פארטראכטען גארטען.

— גלייך — האט געענטפערט סאנין, אזוי נאהענט פון פענסטער, אז איוואנאוו האט זיך א טרייסעל גע־טהאן.

דערנאך איז סאנין אראבגעשפרונ־גען אויף דער ערד און גענומען דעם

ביי דעם דונקעלען פענסטער איז געשטאנען סאנין מיט א קופערט אין האנד.

— האלט ! — האט ער געזאגט.

קופערט.

— נו, קום !

און זיי זיינען שנעל ארויס דורך׳ן גארטען.

זיי זיינען צוגעקומען צום וואקזאל. דארט זיינען ארומגעלאפען מענשען, האבען געקלאפט מיט דיא טהירען, הא־בען געריפען איינער דעם אנדערען און האבען זיך געזידעלט מיט גראבע און שלעכטע ווערטער. א קופקע פינסטע־רע און צוטראגענע פויערים מיט פעק־לאך אין דיא הענד, האבען זיך צוזאמ־מענגעדריקט אויף דער פלאטפארמע.

ביים בופעט האבען סאנין מיט איוואנאוו׳ן אויסגעטרונקען.

— נו, א גליקליכע וועג ! — האט אומעטיג געזאגט איוואנאוו.

— ביי מיר, ברודער, איז דער וועג אלע מאל דער איינענער — האט א שמייכעל געטהאן סאנין : — איך בעט פון לעבען קיין זאך נים און ערווארט קיין זאך נים. און דער סוף איז פאר אלעמען דער איינער : דער עלטער, דער טויט און דאס אלעס !

זיי זיינען ארויס אויף׳ן פלאט־פארמע און זיך געשטעלט אויף א פרייען פלאץ.

— נו, פאהר געזונד !

— זיי געזונד !

און גאנץ אונערווארטעט פאר ביי־דע האבען זיי זיך צוקושט.

דער אייזענבאהן, קלאפענדיג און פייפענדיג האט זיך א ריהר געטהאן.

— עך, ברודער! וויא איך האב דיך ליעב געקראגען, וויא שטארק ליעב די ביזט מיר געווארען! — האט אונער־ווארטעט א געשריי געטהאן איוואנאוו:

— אין איינציגען ריכטיגען מענשען האב איך אין דיר געפונען !

— דו ביזט דער איינציגער וואס האסט מיך ליעב געקריגען ! — האט א לאך געטהאן סאנין.

ער איז ארויפגעשפרונגען אויף די טרעפלעך פון דעם פארבייגעהענדען פאיעזד.

— מיר פאהרען ! — האט ער פרייליך אויסגעשריען : — זיי געזונד!

— פאהר געזונד !

עס האבען פלינק גענומען יאגען זיך דיא וואגאנעס פארביי איוואנאוו׳ן, אזוי וויא זיי וואלטען זיך צוזאמענגע־רעדט וואו עס איז צו אנטלויפען. עס האט א שיין געטהאן אין דער פינסטער א רויטע לאנטערנע און האט זיך א לאנגע, לאנגע צייט געזעהען פון ווייטענס אין דער שווארצער פינסטערניש.

איוואנאוו האט נאכגעקוקט דעם באהן־צוג און איהם איז געווארען טרויע־

ריג און אומעטיג. א איינזאמער האט ער זיך ארויסגעשלעפט איבער דיא גאסען פון שטאדט און האט געקוקט אויף דיא שיטערע און קליינע פייערלעך.

— זיך נעהמען צום טרונק, וואס?

— האט ער זיך געפרעגט און דערזעהן פאר זיך א בלאסען שאטען פון א לאנגען פארבלאזען לעבען איז ער אוועק אין טראקטיר . . .

## 42-טער קאפיטעל.

אין דער ענגשאפט און שטיקעניש האבען זיך געטוקעט דיא לאמטערנעס אין דיא וואגאנעס און פון צווישען זייער פארדרויכערטען שיין האבען ארויס־געטרעטען צוקנייטשטע, צודריקטע מענשען.

סאנין איז געזעסען לעבען דריי פויערים. ווען ער איז אריין, האבען זיי ווענען עפעס גערעדט און איינער, וועמען מען האט שוואך געזעהען אין דער פינסטער, האט געזאגט:

— איז, זאגסטו, שלעכט.

— וואס קען נאך ערגער זיין — האט מיט א הויכען קול געענטפערט אן אלטער בעוואקסענער פויער. וואס איז געזעסען לעבען סאנין'ען — זיי ליידען נור אבער ליידען צוליעב אונז ווילען זיי ניט. ליידען קען מען, וואס מען וויל, אבער ווען עס דערגעהט צום פעל, איז ווער עס איז שטארקער, דער רייכער עס ארויס און טרינקט זיך אן מיט'ן בלוט!

— נו, מא צו וואס שווייגט איהר?

— האט געפרעגט סאנין, פארשטעהענ־דיג פון וואס עס רעדט זיך דא.

דער אלטער האט זיך צו איהם א קעהר געטהאן און א מאך געטהאן מיט דיא הענד, האט ער געענטפערט:

— וואס זאלען מיר טהאן?

סאנין האט זיך אויפגעהויבען און איז אוועק אויף אן אנדער פלאץ. ער האט געקעקט דיעזע מענשען, וואס זייער גאנץ לעבען האבען זיי געלעבט וויא בהמות, וויא פערד, ווארטענדיג אויף עפעס א נס, א וואונדער, וואס זאל זיי בעפרייען און געבען א בעסער לעבען.

עס איז געווען נאכט. אלע ארום האבען געשלאפען און נור איינער, א שטאדטישער בעל־הבית, וואס איז גע־זעסען אנטקעגען סאנין'ען האט זיך גע־קריגט מיט דער ווייב. וועלכע האט געקוקט ארום זיך מיט צושראקענע אוי־גען און געשוויגען.

— ווארט אויס, עס וועט קומען דיין צייט, איך'ל דיר, אלטע פאסקודנ־טווע, שוין ווייזען! — האט געשימפט דער מאן.

סאנין איז שוין געווען אנדריכעלט געווארען, ווען דיא פרוי הויך א קרעכץ טהאענדיג, האט איהם אויפגעוועקט. דער מאן האט שנעל א כאפ געטהאן דיא האנד און סאנין האט נאך בע־מערקט, וויא ער האט מיט זיינע פינגער איהר געדרייהט פאר'ן ברוסט.

— דוא ביזט דאך טאקי אן אמת'ע חיה! — האט ביי ארויסגערעדט סאנין.

דער מאן, א דערשראקענער, האט געשוויגען, קוקענדיג אויף איהם מיט קליינע אויגען, און שצירענדיג מיט דיא צייהן.

סאנין האט מיט עקעל אויף איהם א קוק געטהאן, און איז אוועק אויפ'ן פלאטפארמע. דורכגעהענדיג דעם וואגאן האט ער געזעהען א סך מענשען, וואס זיינען כמעט געלעגען איינער אויפ'ן אנדער'ן. עס האט שוין געטאגט און אין בענסטער פון וואגאן איז געפאלען א בלאס־בלוליכער שיין.

אויף דער פלאטפארמע האט סאנין מיט'ן גאנצען ברוסט איינגעאטהעמט אין זיך דיא פרישע לופט.

— וואס פאר א העסליכע באשעפעניש דער מענש איז! — האט ניט געטראכט נור געפיהלט סאנין און איהם האט זיך פערוואלט אויעקגעהען כאטש אויף א צייט פון אלע מענשען, פון בא־צוג, פון דער פארשטיקטער לופט, דעם הויך און דעם טומעל.

דער הימעל איז שוין יעצט געווען גאנץ ליכטיג, די לעצטע שאטענס פון דער נאכט, בלאסע און קראנקע, זיינען אנטלאפען צוריק אין דער בלויער פינסטערניש, וואס איז פארלארען געווארען אין דער וויסטעניש.

ניט לאנג טראכטענדיג איז סאנין אראב אויף דיא טרעפלאך פון באהן־צוג און א מאך געטהאן מיט'ן האנד אויף זיין ליידיגען קופערט, איז ער אראבגעשפרונגען אויף דער ערד.

מיט א קלאפען און פייפען איז פארביינגעפלויגען דער צוג; דיא ערד איז ארויסגעשפרונגען פון אונטער סאנינס פיס און ער איז געפאלען אויפ'ן נאסען זאמד. דיא רויטע הינטערשטע לאמטערנע איז שוין געגוג העט וייט. ווען ער האט זיך אויפגעהויבען לאכענדיג צו זיך אליין.

— דאס איז אויך גוט! — האט ער געזאגט אין דער הויך, זיך צודרע־ענדיג מיט פערגעניגען צו זיין אייגענעם הויכען, פרייען קול.

עס איז געווען ווייט און ברייט. דאס גרינע גראז האט זיך געצויגען אין אלע זייטען און האט נאך באדעקט דעם ענדלאזען, גלאטען פעלד, וויא מיט א גרינעם קאוויאר.

סאנין האט געאטהעמט לייכט און מיט פרייליכע אויגען געקוקט אויף די ענדלאזע ווייטקייט פון דער ערד, אוועק געהענדיג מיט ברייטע, פעסטע טריט אלץ ווייטער און ווייטער אנטקעגען דער העלער און פייערליכער שיין פון דעם אויפגעהענדען מארגען־שטערען.

און דיא ערוואכטע סטעפע אונטער דער שעהנער ענדלאזער הימעל'ס־דעקע האט זיך אנגעצונדען מיט גרינע און בלויע ווייטקייטען און גלייך געגען סאנין'ען איז שטראהלענדיג און פינקלענדיג אויפגעגאנגען דיא זונן און עס האט אויסגעזעהן, וויא סאנין וואלט געגאנגען זיא מקבל פנים זיין...

ע נ ד ע.

א זשורנאל פאר הומאָר, וויטץ און סאטירע
פרייז 3 סענט. אויסער נויאָרק 4 סענט.

---

איז ארויסגעגעבען פון דיא דזשואיש פּאָבלישינג און אדווערטייזמענט קאָמפּאניע.

## יעקב מארינאוו, מענעדזשער

געדרוקט אין 16 זייטען אויף פיינעם פּאפּיער, מיט פּראכטפּאָלע בילדער און קאַרטונס, אין שארפען, זויבערען, גוט-געפּעפּערטען וויטץ, סאטירע און הומאָר פון דיא גרעסטע אידישע טאלאנטען.

—— ערשיינט אללע צוויי וואָכען. ——

סובסקריפּשאָן פּרייז : יעהרליך, $1.00, 6 מאָנאט 50ס. 3 מאָנאט 25 סענט שיקט אריין פיער סענט אין סטעמפּס און איהר קריעגט צוגעשיקט א סעמפּעל קאָפּיע. אדרעס :

**J. MARINOFF, 234 East Broadway, NEW YORK**

פערליערט ניט אייער צייט
לעזענדיג נאוועלס, זארגט
בעסער פאר אייער צוקונפט
און געהט אין:

# איראן פריפעראטארי סקוהל

## 185-187 איסט בראדוויי

קאללעדזש, רידזשענטס, סיוויל סירוויס
ענגליש, ביזנעס.

---

**1000** סטודענטען האבען בעזוכט דיעזע סקוהל דיעזען יאהר

**200** סטודענטען זיינען אויפגענומען געווארען אין קאללעדזש דיעזען יאהר

---

איראן סקוהל האַרלעם בראנטש

1692 לעקסינגטאן עוועניו, ניער 106טע סטריט.

# נייע ביכער

צו בעקומען אין בוכהאנדלונג פון

# ש. דרוקערמאן, 50 קאנעל סטריט, ניו יארק

## שלום עליכם׳ס נייעסטע ווערק (יובילעאום אויסגאבע)

אין 2 גרויסע בענדער פראכטפאל געדרוקט. אין דיזע 2 בענדער קומען אריין דיא בעסטע און נייעסטע ערצעהלונגען, פעליטאנען, הומארעסקעס און דראמען, וואס ער האט פאר דיא לעצטע צייט געשריבען, און וועלכע זיינען נאך אין ביכער און בראשורען ביז יעצט ניט געדרוקט געווארען.

פרייז פאר ביידע בענדער $1.50

געבונדען אין 2 פראכטפאלע בענדער $2.00

## „שעקספיערס אויסגעוועהלטע ווערק"

זיין פאלשטענדיגע ביאגראפיע און בילד מיט 12 ארטיסטישע בילדער בעארבייט אין אידיש פון דעם בעוואוסטען אידישען שריפטשטעלער ד. מ. הערמאלין.

דאס בוך „שעקספיער׳ס אויסגעוועהלטע ווערק" ענטהאלט פאלגענדע דיא בעסטע פון שעקספיער׳ס שאפונג:

1) ראמעא און יוליא; 2) קעניג ליער; 3) דער קויפמאן פון ווענעדיג, (שיילאק); 4) אטהעללא; 5) דער חלום פון א מיטען זומער נאכט; 6) דער שטורם; 7) א ווינטערדיגע געשיכטע; 8) פיעל רעש איבער גארניט; 9) וויא ס׳געפעלט דיר; 10) דיא צוויי העררען פון וועראנא; 11) סימבעלין; 12) מאקבעטה; 13) האמלעט; 14) דיא צעהמונג פון דער ארורה; 15) דיא קאמעדיע פון טעות׳ן; 16) דיא צוועלפטע נאכט, אדער וואס דוא ווילסט; 17) טימאן פון אטהען; 18) דיא פערגוואלטיגונג פון לוקרעציא׳ן; 19) אלעס איז גוט וואס ענדיגט זיך גוט.

אויסער דעם האט דער בעארבייטער געגעבען זעהר ניטצליכע פאררעדען צו פיעלע פון דיא אויבענדערמאהנטע ווערק, פיעלע זעהר ניטצליכע בעמערקונגען און נאטיצען פון די קריטיק.

פרייז פון בוך 90 סענט. פראכטפאל געבונדען $1.35.

## מאררים ראזענפעלד׳ס נייעסטע ווערק

קאמפליט אין 3 בענדער.

אין דיא לעצטע 2 בענדער קומען אריין דיא בעסטע און נייעסטע פאעזיע און פראזא וואס ער האט דיא לעצטע צייט געשריבען, און וועלכע זיינען נאך אין ביכער און בראשורען ביז יעצט נישט געדרוקט געווארען. אלע 3 בענדער זיינען געדרוקט אין איין פארמאט אויף גוטע פאפיער און פראכטפאל געבונדען. פרייז פאר יעדען באנד $1.00.

## יעקב גארדין׳ס ערצעהלונגען

צום ערסטען מאל אין ביכפארם פרייז 50 סענט.

דער סאציאליזם און די נאציאנאלע פראגע, פון דר. ח. זשיטלאווסקי, פרייז 40 סענט

אינטערוויוס, פון מאקסים גארקי, פרייז 15 סענט.

שלום אש׳ס מאמענטען, א טאגעס־בוך פון דיא פרייהייטס־טעג, פרייז 18 סענט.

אברהם רייזען׳ס קונכט און לעבען, א זאמלונג פאר ליטעראטור, וויסענשאפט און קונסט, 3טער העפט, פרייז 20 סענט.

מאגען קראנקהייטען, א וויסענשאפטליכער בוך וויא אויסצומיידען מאגען־קראנקהייטען פון פראפעסאר איינהארן, פרייז 15 סענט.

א שטעדטיל, א פאעמא פון דעם יודישען לעבען אין פוילען, פון שלום אש, פרייז 38 סענט

## דיא טרוימער פון דער געטא

פון ישראל זאנגוויל, איבערזעצט אין יודיש פון א. פרומקין אין 4 בענדער.

1טער באנד א קינד פון דער געטא און יוסף דער טרוימער פרייז 20 סענט.

2טער באנד אוריאל אקאסטא. פרייז 15 סענט.

3טער באנד „דער איינזאמער פילאזאף" אדער ברוך שפינאזא, פרייז 12 סענט.

4טער באנד דער טירקישער משיח, אדער שבתי צבי. פרייז 20 סענט

## בערנשטיין׳ס נאטור וויסענשאפט

אין אידיש פון א. פרומקין, אין 3 בענדער.

פרייז פאר דעם 1טען און 3טען באנד צו 20 סענט

פרייז פאר דעם 2טען באנד 15 סענט

דיא אלע אויבענדערמאהנטע ביכער ווערען געשיקט פארטא פריא.

אדרעסירען:

**S. DRUCKERMAN, 50 Canal St., N. Y.**

איסט סייד העד קווארטערס
פאר
וויקטאר און עדיסאן פאנאגראפס

BIRNS BROS 77 Second Ave., New York
Bet. 4th & 5th Sts. Tel. 587 Orchard
שרייבט א פאסטאל קארד פאר איינצעלהייטען.

לעזט און אדווערטייזט

אין דיא

# „פֿאָרווערטס"

דיא גרעסטע אידישע

טעגליכע צייטונג

---

**153 איסט בראדוויי, נויארק**

# יעדער דארף וויסען

דאס ש ר י י ב ע ר  האט פערגרעסערט זיין דרוקעריי, און איז יעצט איינע פון
די גרעסטע אויף דער איסט סייד; האט איינגעפיקסט גרויסע  דרוק־מאשינען
און די שענסטע לייטעסט טייפ און מאטעריאל.

פון די קלענסטע ביז די גרעסטע דרוק־ארבייט ווערט יעצט  געמאכט, ווי:
פאוסטערס צייטונגען, זשורנאלען, פאמפלעטס,  ביכער א. ז. וו.
סאסייעטי און קלאב ארבייט א ספעשעלטי.
די בעסטע מעגליכקייט צו מאכען ארבייט גוט, שנעל און צו מעסיגע פרייזען.

# ס. שרייבער

# יוניאן פאוער פרינטער

## 161-163 ברום סטריט, ניו יארק.

נאטארי פאבליק אימער אין פלאץ.

טעלעפאן 2069 ארטשארד.

דיעזער בוך איז געדרוקט אין ס. שרייבער'ס פרינטינג.

# װעמען זוכט איהר?

---

װילט איהר אויפזוכען אייער שװעסטער אָדער ברודער?

װילט איהר אויפזוכען אייערע קרובים?

װילט איהר אויפזוכען אייערע לאנדסלייטע אָדער בעקאנטע אָדער שכנים, מיט װעמען איהר האָט אמאָל געװאָהנט, װעמעס אדרעסען איהר האָט פערלוירען?

אדװערטייזט אין דער „װארהייט.“

אויב איינער פון אייערע קרובים, פריינד אָדער בעקאנטע איז אװעק פון אייך, זוכט איהם דורך דער „װארהייט“. און איהר װעט איהם געפינען... די „װארהייט“ װערט געלעזען איבעראַל.

איהר קענט שיקען דאָס געלד אין סטעמפּס אָדער מאָני אָרדערס

פרייזען פיר 18 װערטער:

איין טאָג 25 סענט.<br>
3 טאָג, 60 סענט.<br>
א װאָך, 1 דאָללאר.

**WARHEIT, 153 EAST BROADWAY, NEW YORK**

---

## טרינקט װהייט לילי טהעע

געפּאַקט אין פּראַכטפאָלע בלויע מעטאלענע באַקסעס

---

## טרינקט קאלאמביא טהעע

קיין בעסערע איז ניט דאָ.

הױפּט װער־הױז

**193 דיװיזשאן סט., ניו יארק סיטי**